STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06563

DENKER UN DIKHTER

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

דענקער און דיכטער

(עסייען)

איקוף פארלאג

דאָס בוך דערשיינט
מיט דער מיטהילף פון
לואי שאַפּירא
ניו־יאָרק

Copyright, 1949
By ABBA GORDIN
New York, N. Y.

209

PRINTED IN THE U.S.A.

געזעצט פון י. בוראַקאָוו אין פּראָמפּט פּרעס, ניו־יאָרק

דענקער און דיכטער

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

	זייט
רש״י	7
אחד־העם	12
1. ביאָגראַפישער נאָטיץ	12
2. אחד־העמיזם	15
א. דער „איך״	16
ב. אויבער־פאָלק	18
ג. גייסטיקער צענטער	19
הלל צייטלין	25
דר. אברהם קאַראַלניק	35
לייענענדיק א. ד. גאָרדאָן	47
אַרבעט	50
נאַטור	52
נאַציאָנאַליזם־סאָציאַליזם	53
עסטעטיק	55
ברוך ריווקין	58
שלמה גאָלדמאַן	68
א. ייד און וועלט	68
ב. קריזיס און אַנטשיידונג	80
דוד איגנאַטאָוו	85
1. זיין שאַפן	85
2. קריטיק איבער קריטיק	99
י. י. טרונק — „פוילן״	107
ז. שניאור — „קיסר און רבי״	112
ח. נ. ביאַליק	134

זייט

אברהם ליעסין 141

אַ ביסל ביאָגראַפיע 141

1. יידישע מאָטיוון 145

א. יידישקייט 145

ב. אייביקער בונד 156

2. קאָסמישע מאָטיוון 162

א. כאַאָס און אָרדענונג 163

ב. אידעאַל און רעאַל 172

ג. דיאַלעקטיק 178

ד. אַנטי־טעזיס און סינטעז 186

ה. איך־באַוואוסטזיין 190

ו. מענטש און וועלט 203

ז. שלום 213

א. לוצקי 215

ה. לייוויק 222

1. אונטערן צייכן פון נצח 222

2. בראַך און ניט־געבראָכענער בטחון 248

א. שולדיקייט־געפיל 248

ב. יידישער אָפּטימיזם 258

יעקב גלאַטשטיין — „ווען יאָש איז געקומען" 270

ז. ווינפּער 283

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי 301

רש״י

(צו זיין 900סטן געבורטסטאָג)

רבנו שלמה יצחקי — רש״י איז געבוירן געוואָרן ד׳ ת״ת און איצט האָבן מיר אַ קיימא־לן פון ה׳ ת״ש, לכן — ניין הונדערט יאָר צוריק. דאָס איז לויטן יידישן לוח. לויטן אַלגעמיינעם קאַלענדאַר האָט ער דערזען דאָס שיין פון דער וועלט אין 1040 און באַלד, אין אַ חודש אַרום, קומט אָן 1940.

די יידישע וועלט גרייט זיך צו פייערן דעם געבוירנטאָג פון אָט־דעם גרויסן מאַן און פרשן פון חומש און דער גמרא.

רש״י איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט טרוא אין פראַנקרייך. זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער בן־תורה, אַ תלמיד פון רבנו גרשום מאור הגולה (אונדזער לערער גרשום דאָס ליכט פון דער גלות־יידנשאַפט). זיין מוטער איז געווען די שוועסטער פון רבנו שמעון הזקן.

וועגן רש״יס געבורט זיינען דאָ צוויי לעגענדעס. ביידע זייער כאַראַק־טעריסטיש. זיי באַשרייבן דורך אַ מעשה דעם עצם־מהות פון רש״ין.

איין לעגענדע דערציילט, אַז רש״יס פאָטער האָט פאַרמאָגט אַן איידל־שטיין. און פאָרשטייער פון דער קאַטוילישער קירכע זיינען געקומען צו אים און אים אָנגעבאָטן אַ גרויסע סומע געלט פאַר אָט דעם טייערן שטיין. זיי האָבן געהאַט בדעה איינצופלאַסטערן דעם דימענט אין אַן אויג פון דער מאַדאָנע, פון „גאָטס מוטער״, פון דער „הייליקער מאַריע״. זיין פאָטער האָט באַטראַכט די קאַטוילישע קירכע פאַר אַ געצנדינערישע אינסטיטוציע, און זייענדיק אַ פרומער ייד, האָט ער ניט געוואָלט האָבן אַ טייל אין דעם דינסט פון אַן עבודה־זרה. זיך אָנטזאָגן צו פאַרקויפן דעם שטיין איז ניט געווען גענוג, די קירכע־העלדן וואָלטן עס צונעמען מיט געוואַלד. איז ר׳ יצחק אַוועק צום טייך און אַריינגעוואָרפן דעם שטיין אין וואַסער אַריין.

אין דעם מאָמענט ווען דער שטיין האָט געהומען זינקען איז אַרויס אַ בת־קול פון הימל און האָט געזאָגט: „פאַר דעם וועסטו זוכה זיין צו האָבן אַ זון, וועלכער וועט לייכטן אין דער תורה ווי אַ דימענט.״

די לעגענדע באַשרייבט אונדז רש״ין, וועלכער אין זיין קאָמענטאַ־טאָרישער אַרבעט איז געגליכן צו אַ גוטגעשליפענעם דימענט. ער שיינט, ער שימערירט. ער איז דין און איידל. רש״יס ווערק באַשטייט פון דימענטן־דערקלערונגען, בריליאַנטענע אויסטייטשונגען. זיי זיינען אָבער

אַלע מאָל קורץ און שאַרף. ניטאָ קיין האַמעטנעקיים. רש״י אַלס שריפט־שטעלער איז אַ יוּאוועליר. ער איז דער מייסטער פון דער לאַפּידאַרי־קונסט אין וואָרט, אין זאַץ. ער איז קורץ, טייער און איידל.

די צווייטע לעגענדע איז נאָך אפשר מער כאַראַקטעריסטיש פאַר רש״ין.

זיין מוטער איז שוואַנגער. זי איז אין די לעצטע חדשים. זי גייט דורך אַ שמאָל, ענג און זיגזאַגיש געסל אין דער שטאָט טרוא. איר אַנטקעגן פאָרט אָן אַ קאַרעטע מיט עטלעכע פערד איינגעשפּאַנט. די פערד לויפן גאַלאָפּ. רש״יס מוטער ווייס ניט ווי זיך צו ראַטעווען און ראַטעווען דאָס קינד. זי טוליעט זיך צו מיטן בויך צו דער וואַנט פון אַ שטיינערנעם מויער. די קאַרעטע פאָרט פאַרביי, איר בויך ווערט ווי אַריינגעפּאַסט אין וואַנט, אין אַ נישע. סיי די מוטער סיי דאָס קינד ווערן ניצול דורך אַ נס.

רש״י איז דאָס גאַנצע לעבן אַלס שריפטשטעלער געגאַנגען דורך די שמאָלע, ענגע, פאַרדרייטע געסלעך פון האַרבע טעקסטן. אָבער ווי נאָר ער פלעגט זיך צורירן צו זיי, צוטוליען, פלעגן זיי ווערן ווייך, נאָכגעביק און זיך געלאָזט בויגן, געוועלבן...

דאָס פייערן פון אַ ניין־הונדערט־יאָריקן געבורטסטאָג איז ניט קיין נאָווינע אין דער ליטעראַטן־וועלט. עס זיינען דאָ גרויסע גייסטער, וואָס פאַרמאָגן עלטערע געבויר־דאַטן, וועלכע די היינטיקע וועלט געדענקט און האַלט ערלעך. די נאָווינע אין דעם דאָזיקן פאַל פון רש״ין איז אָט־וואָס:

עס איז ניין הונדערט יאָר זינט רש״י ווערט געלייענט פון יונג און אַלט, קליין און גרויס. און רש״י ווערט געלייענט און שטודירט אין אָריגינאַל, ניט אין איבערזעצונגען. דאָס איז שוין אַ פענאָמען. ניין הונ־דערט יאָר נאָכאַנאַנד צו שטיין אויף דער ליסטע פון אַ „בעסט סעלער״ . . . דאָס איז אַ דערשיינונג אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט ניט איר גלייכן. נאָך מער, אין אָריגינאַל ווערט רש״י געלייענט ניט פון יחידים ערגעץ אין אַקאַדעמיעס, נאָר טאַקע פון אַ היפּשער צאָל לייענער, סתם יידן, פשוטע יידן. דאָס איז אָן אויסנאַם צום געזעץ פון פאַרגעסן ווערן, פאַררוקט ווערן און פאַרשטויבט ווערן ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ ספרים־שראַנק אין אַ ביבליאָטעק, וואו אויב ניט די פשוטע ווערים, איז „ביכער־ווערים״ פרעסן אייך...

ניין הונדערט יאָר צו זיין דער פּאָפּולערסטער מחבר, דער באַליבטסטער און פאַרשפּרייטסטער — דאָס איז אַ וואונדער, אַ נס, אין אַ ליטעראַטור.

עס זיינען דאָ שרייבער, וועלכער שרייבן פאַר שרייבער, ניט פאַרן ברייטן עולם. זיי זיינען צו טיף אָדער צו הויך פאַר דעם דורכשניטלעכן

מענטשן. ער קען זיי ניט באַגרייפן. זיי פאַרקערן בלויז מיט געלערנטע, מיט „גדולים״, מיט חכמים.

עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס פונקט פאַרקערט, שרייבן פאַרן ברייטן עולם, פאַר די „מאַסן״. זיי זיינען פלאַך, איינפאַך, זאָגן ווייניק. און ווען זיי זאָגן עפּעס, צעקייען זיי עס, „לייגן עס אין מויל אַריין״.

אָבער ווייניק שרייבער, אָדער אפשר כמעט קיינער ניט, האָבן באַוויזן דעם „קונץ״, אַז זיי זאָלן קענען שרייבן הן פאַרן געלערנטן און הן פאַרן אומגעלערנטן, הן פאַרן למדן און הן פאַרן עם־הארץ, אי פאַר אַלט אי פאַר יונג, סיי פאַרן געבילדעטן און סיי פאַרן אָנהויבער.

רש״י האָט אָט־דעם „קונץ״ באַוויזן — אויף דעם קונציקסטן אופן.

ער איז טיף, אָבער ער איז אַזוי קלאָר, אַז זיין טיפקייט, אַדאַנק דער דורכזיכטיקייט, זעט אויס צו זיין פלאַך.

אַן רש״ין האָט זיך קיינער פון אַרט ניט גערירט אין אונדזערע צוויי תורות, אין דער שריפטלעכער און מינדלעכער תורה. רש״י האָט זוכה געווען צו צוויי טישן: ער זיצט ביים טיש פון מלמד דרדקי, פון ייִנגל וואָס קוים ער פויזשעט דורך אַ טעקסט אין חומש אָדער אין גמרא, און ער זיצט אויבן־אָן ביים טיש פון גאון, פון גדול. אָן רש״ין האָט זיך קיינער ניט באַגאַנגען. אין תנ״ך איז ער געווען דער וועגווייזער דורך די לאַבי־רינטן־פּסוקים און אין ים פון תלמוד איז דאָך שוין גאָר אָפּגערעדט. דאָ איז ער געווען קאָמפּאַס, זעגל און זעגלמייסטער. אָן רש״ין האָט זיך דער בראַווסטער קאַפּיטאַן ניט אַנטוואָגט זיך אַוועקצולאָזן אויף אַ רייזע איבער אָט דעם ברויזנדיקן, טיפן אָקעאַן...

עס איז דאָ אַ ווערטל: ווען מ'וואָלט געהאַט גענומען אַ דאָלער און אים אַוועקגעלייגט אויף פּראָצענטן־פּראָצענט אין אַ באַנק אין די צייטן פון פאַרן חורבן, וואָלט אָט יענער דאָלער איצט אויסגעוואַקסן צו אַ קאָלאָ־סאַלער סומע.

ווען איז עס גערעדט געוואָרן? ווען יענע באַנק וואָלט עקזיסטירט, ווען די ווירטשאַפט און די פינאַנסן וואָלטן זיך פאַרגעזעצט אָן אַן איבער־בראָך און אַ צונויפבראָך אונטער דער זעלביקער פירמע.

גייסטיק־פינאַנציעל האָט עס געטאָן דאָס יידישע פאָלק.

אונדזער ערשטער דעפּאָזיט, ווען ער וואָלט אַפילו ניט געווען אַזוי גרויס, ווען ער וואָלט באַשטאַנען בלויז פון אַ קליינער סומע פון גייסטיקע ווערטן, וואָלט ביי היינטיקן טאָג אויסגעוואַקסן צו אַ סומע, וועלכע וואָלט קענען אויסגעדריקט ווערן אין אַסטראָנאָמישע ציפערן. פאַרוואָס? ווייל

אונדזערע ווערטן ליגן אויף פּראַצעדענטן־פּראַצעדענט אין דעם זעלביקן באַנק, אין דער זעלביקער פירמע, אַן הפסק. מיר זיינען אַ גרויסער, קאָלאָסאַל־חשובער המשך, אַן אָפּשטעל, אַן איבעררייס.

און דאָס זעען מיר אין רש״ין. אין רש״יס געבורטסטאָג פּייערן מיר די גייסטיקע גבורה פון ידישן פאָלק אין זיין עקשנות אויפצובאַוואָרן זיינע אוצרות, זיינע טייערקייטן אין זייער אָריגינעלער פאָרם. און ווען מיר טוען עס, ווערט יעדער סענט אונדזערער פאַרוואַנדלט מיט דער צייט אין הונדערט־טויזנטער דאָלערס.

רש״י דינט אויך אַלס אַן אַנדייטער פון דער גדולה פון ידישן שעפער, פון ידישן מחבר, אַ גדולה צו וועלכער שריפטשטעלער ביי אַנדערע פעלקער קענען ניט זוכה זיין.

דער זכות, די פּריווילעגיע פון ידישן דענקער באַשטייט אין דעם, וואָס ער לעבט דורך די דורות, ניט בלויז אין איין־צוויי דורות.

דער ניט־ידישער באַרימטער שריפטשטעלער קריגט מער לייענער־פּאַרערער אין איין־צוויי דורות, אָבער דורך די דורות, ווערטיקאַל גענומען, יאָגט אים דער ידישער שריפטשטעלער אַריבער. ווייל צייט האָט איבער דעם ידן קיין שליטה ניט. דאָ, אין דעם קיניגרייך פון צייט, ניט פון אָרט, איז דער ייד דער חשובסטער באַלעבאָס.

רש״י האָט זיך אַזוי צונויפגעוואַקסן מיטן טעקסט, וועלכן ער האָט קאָמענטירט, אַז ער אַליין אַלס פּערזאָן און נאָמען און זיין אַרבעט און דער טעקסט, וועלכן ער באַלייכט, זיינען געוואָרן איין זאַך — זיי שיידן זיך ניט. זיי ווערן אַפילו געדרוקט צוזאַמען. אַ גמרא אָן רש״ין (מ׳זאָגט ניט אָן רש״יס פּירוש, רש״י אַליין איז אי פּערזאָן און אי ווערק) קען מען זיך גאָרניט פאָרשטעלן. און אַפילו דער תנ״ך, ווען מיר האָבן אים געזען גע־דרוקט אָן רש״י ביי דער זייט פון תורה־טעקסט, האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דאָס איז ניט קיין ידישע אויסגאַבע, עס איז געווען אַ „מיסיאָנערסקער חומש״...

צו אַזאַ מדרגה פון צונויפשמעלצן זיך אינגאַנצן מיטן גרויסן ווערק, וועלכן רש״י קאָמענטירט, האָט רש״י זוכה געווען אַדאַנק זיין גייסטיקער עניוות. רש״י איז איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צום טעקסט, וועלכן ער דאַרף דערקלערן, — דערקלערן אָבער ניט פאַרבייטן, דערקלערן דעם הייליקן מחבר, דעם פאַרצייטיקן תנא אָדער אמורא, אָבער ניט ווערן זיין במקום, זיין פאַרטרעטער, זיך אַרויסשטעלן פאַר אַזוי קלוג און אפשר נאָך קליגער פון אים — דאָס קיינמאָל ניט. און מער, ווי נאָר דער טעקסט

נעמט אויסזען קלאָר און ער לאָזט זיך לייענען אָן רש״יס הילף, דוקט זיך רש״י גלייך אָפּ אָן אַ זייט, און לאָזט דעם פאַרצייטיקן מחבר אַליין רעדן צום לייענער. רש״י — ניט ווי די בעלי־התוספות זיינע אייניקלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט מאַכן לייכטע פלעצער שווער, — מאַכט שווערע שטעלן לייכט, און לייכטע שטעלן לאָזט ער אַדורך. דאָרטן וואו מען קען זיך באַגיין אָן אים, שטופּט ער זיך ניט אַריין איבערגוואַלד בכדי צו באַווייזן זיין חריפות, זיין שאַרפן קאָפּ, בכדי צו וואַקסן אויף יענעמס חשבון. און פאַר אָט דער ענוות זיינער האָט רש״י זוכה געווען צו ווערן דער גרויסער „פּרשנדתא״.

דער צופאַל האָט פאַרלאַנגט, אַז רש״יס פּירוש זאָל זיך איבעררייסן אין מיטן אַ ווערק, אין מיטן נדרים, בבא בתרא. קיין זאַך ווערט ניט אָפּגעשאַצט, סיידן זי נעמט אויספעלן.

און ווען מיר בלייבן אינמיטן אָן רש״ין און אָן אַנדער טאַלמאַטש באַוויזט זיך, צי דאָס איז דער ר״ן צי דער רשב״ם (רש״יס אייניקל), ערשט דעמאָלט נעמען מיר פילן און באַגרייפן וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן. און מיר בלייבן שטיין פאַרווירטע, פאַרלאָרענע. וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן רש״יס קורצקייט און קלאָרקייט און דעם רשב״מס צעשויבערטקייט און דעם ר״נס גרויסע האַמעטנע און שווערע פּירושים, וועלכע זיינען פיל פאַרפּלאָנטערטער פון טעקסט.

רש״י האָט ניט געהאַט קיין זין, בלויז טעכטער. אַ זון איז אַלעמאָל אַ ריזיקע פאַר אַ גרויסן טאַטן. ווער ווייס וואָס ער וועט אויסוואַקסן. אַן אידעם איז אַ ראַיעלע זאַך. איר זעט וואָס איר קריגט, וואָס איר קלייבט אויס. און רש״י האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע אידעמס זיינע תלמידים. און דער גרויסער זיידע האָט געהאַט גרויסע אייניקלעך, די בעלי־התוספות, רשב״ם, רבנו ת״ם. אָבער צו דער שטאַטור פון זיידן זיינען זיי קיינמאָל ניט דערוואַקסן.

רש״י האָט אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען פון די דורות — און די אייביקייט, דער נצח ישראל, וועט אים נעמען צו זיך אויף אייביקער שמירה אין דעם גרויסן שאַצקאַמער פון אונדזערע גרויסע ווערטן.

רש״י האָט זיך אויף אייביק פאַרקניפּט מיט אונדזערע צוויי תורות און ער וועט לעבן אין יידישן זכרון און באַוואוסטזיין אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע פאָלק און זיין לערע וועט לעבן — און דאָס מיינט באַזיגן צייט און אָרט, אַריינגיין אין לעולם־ועד . . . פון יידישן האַרץ און מוח.

„דאָס אידישע פאָלק״, 24טן נאָוועמבער, 1939.

אחד־העם

1. אחד־העם, אַ ביאָגראַפישער נאָטיץ

עס איז ניט קיין „יידישער" מנהג זיך אָפצוגעבן מיט אַן אויספירלעכער אויספאָרשונג און פאַרנאָטירונג פון לעבנס־געשיכטלעכע דאַטן פון יידישע גרויסע פערזענלעכקייטן. בנוגע זיינע לערער און פירער איז דער ייד אַלע מאָל געווען פאַראינטערעסירט הויפטזאַכלעך אין זייערע אויפטואונגען אויפן געביט פון גייסט, און האָט זיך ווייניק־וואָס פאַרנומען מיט דעם שטודיום פון זייערע פערזענלעכע איבערלעבונגען, אָדער פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. דאָס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מיר האָבן אַפילו די פריוואַטע נעמען פון אונדזערע גדולים גאַנץ אָפט ניט געוואוסט. מיר האָבן זיי גערופן נאָך די נעמען פון זייערע ווערק. מיר האָבן גערעדט פון „קצות", „נתיבות", „שב־שמעתתא", „ש"ך", „ט"ז" און אפילו „חפץ־חיים" ווי פון פערזאָנען, ניט ווי פון חיבורים. לויט דעם מוסטער נאָך האָט „אחד־העם" גאָר געדאַרפט הייסן „על פרשת דרכים", אָדער פאַרקירצט: „עפ"ד".

וועגן יידישער נאַכלעסיקייט בנוגע ביאָגראַפישע נאָטיצן האָט אחד־העם גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן:

„און עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די אינדיווידועלע געשטאַלטונג פון די פראָפעטן איז ניט פאַרבונדן מיטן וועזן פון יידנטום. די גדולים צווישן די נביאים — הושע, עמוס, ישעיה א. אַז. וו. — מיר וויסן גאָרניט ווער און וואָס זיי זיינען געווען. זייער אינדיווידועלע פיזיאָנאָמיע גייט פאַרביי ווי אַ שאָטן, בלויז זייערע ווערטער ווערן אויפגעהיט און איבער־געגעבן פון דור צו דור." *)

און אויך מיר וועלן זיך אָפשטעלן בעיקר אויף אחד־העמס קאַרדינאַלע געדאַנקען. בנוגע זיין ביאָגראַפיע וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אַ קורצן אַנטוואורף.**)

---

*) אחד-העם, על פרשת דרכים, חלק ד', עמוד מ"ב. ברלין, תרפ"א (די איבערזעצונג פון אַלע געבראַכטע ציטאַטן איז געמאַכט פון מיר — א. ג.).

**) די ביאָגראַפישע קוועלן, וועלכע מיר האָבן געברויכט: דר. יוסף קלויזנער, אשר בן-ישעיהו גינזברג, לוח אחיאסף, ורשה, תרס"ד; מ. גליקסון, אחד-העם, חייו ופעלו, ירושלים, תרפ"ו; פ. לחבר, בני הדור, א', אחד-העם, ורשה, תרע"א; אחד-העם, פרקי-זכרונות, בשלמות, כרך ה.

אשר בן־ישעיה גינזבערג איז געבוירן געוואָרן י״ז אָב אין יאָר תרט״ז, אין דעם שטעטל סקווירע, קיעווער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען היפש פאַרמעגלעך און גאָר אַ היפשער פרומאַק. זיין זיידע איז געווען אַ פאַר־ברענטער חסיד. צו דריי יאָר איז אשר אוועק אין חדר. צו צען יאָר האָט ער געלערנט ש״ס ופוסקים. זיין זיידע האָט געהאַלטן, אַז די בוכשטאַבן פון דער רוסישער „אַזבוקע״ זיינען מטמא די אויגן. און ער האָט אָנגעזאָגט שטרענג, אַז מען זאָל זיי, חס־וחלילה, ניט ווייזן זיין טייערן אייניקל. און אַז אשר איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן און אים האָט זיך פאַרוואָלט זיך אויס־צולערנען לייענען אָט־די פאַרבאָטענע, און דעריבער צוציענדיקע, אותיות, האָט ער זיך אַן עצה געגעבן: ער האָט גענומען לייענען די שילדן פון די קראָמען אויף די גאַסן.

אשרס לעבן אַלס קינד און יינגל איז געווען צופיל רעגלאַמענטירט, און זיין יונגע נשמה, וואָס האָט געגאַרט נאָך פריהייט, האָט רעוואָלירט. צו עלף יאָר נעמט ער זיך לײדנשאַפטלעך צום רויכערן. מען ברענגט אים צו פּיראָגאָוון, דעם באַוואוסטן דאָקטאָר און באַרימטן רוסישן פּעדאַגאָג. דר. פּיראָגאָוו אונטערזוכט אים און זאָגט אים גאַנץ שטרענג אָן, אַז אויב ער וועט ניט אָפּוואַרפן דאָס רויכערן, וועט ער שטאַרבן. בכדי בייצוקומען דעם יצר־הרע פון רויכערן, וואַרפט זיך אשר אַריין מיט זיין גאַנצן אימפּעט און פיבער אין דעם שטודיום פון מאַטעמאַטיק. אַלס לערן־ביכל דינט אים דער ספר „מלאכת מחשבת״. קומענדיק צוריק פון חדר פלעגט אשר פאַר־שרייבן די ווענט און די טירן מיט געאָמעטרישע פאָרמולעס און געמעלעכצן. זיין זיידע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט געמיינט, אַז זיין אייניקל פאַרנעמט זיך מיט כישוף־סימבאָלן.

אגב, דאָס שטודיום פון געאָמעטריע האָט אויסגעאיבט אויף אשרן אַ שטאַרקע ווירקונג, ווי עס איז צו זען פון דעם, וואָס זיין גאַנצע לערע האָט אחד־העם אויסגעדריקט אין אַ געאָמעטרישער פיגור פון אַ קרייז, אַ צענטער און אַ פּעריפעריע.

צו צוועלף יאָר נעמט אשר לערנען העברייאיש, דקדוק, די ליטעראַטור פון די יידישע פילאָסאָפן פון מיטלאַלטער. צו זיבעצן יאָר נעמט ער לערנען פרעמדע שפּראַכן און אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע געגנשטאַנדן. ער באַקענט זיך מיט די רוסישע קריטיקער און סאָציאַלע דענקער, איבערהויפּט מיט פּיסאַרעווס אַרבעטן. צו צוואַנציק יאָר — ער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהייראַט — פאָרט ער אָפּ קיין אויסלאַנד. אין בערלין, ברעסלוי און ווין. אין יאָר תרמ״ד באַזעצט ער זיך אין אָדעס, וואו ער געפינט אַ חובבי־

ציון באַוועגונג מיט דר. פינסקער, דעם אויטאָר פון „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן",
אין איר שפּיץ. ער ווערט אַריינגעצויגן אין שטראָם, און אַ ביסל שפּעטער
ווערט ער אַ מיטגליד פון „ועד". ער זעט אָבער באַלד איין, אַז די טעטיקייט
פון „קאָמיטעט" טראָגט אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, און ער זעצט אויס
קעגן דעם. אין פינף יאָר אַרום, אין תרמ"ט (אַכט און פופציק יאָר צוריק)
דרוקט ער אין „המליץ" זיין ערשטע פעןֿ־אַרבעט אונטערן נאָמען „דאָס איז
ניט דער וועג" (לא זו הדרך). ער שרייבט אונטער זיין קורצן אַרטיקל מיטן
פּסעוודאָנים „אחד־העם" — איינער פון פאָלק.

„. . . מיר איז גאָרניט איינגעפאַלן זיך צו דערוועגן די שריפט־שטעלער־קרוין, וועלכע איז געפלאָכטן פון דערנער, און אויב עמעצער וואָלט מיר געהאַט פאָראויסגעזאָגט, אַז איך וועל קומען דערצו, וואָלט איך אים געהאַלטן פאַר אַ פאַלשן נביא." *)

אין זעלבן יאָר גרינדעט ער אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „בני־משה" (משהס קינדער), אָדער ריכטיקער, ער באַגרינדעט טעאָרעטיש אַט די געזעלשאַפט, פון וועלכער די פּאַקטישע גרינדער זיינען געווען יהושע אייזנשטאַדט (ברזלי) און א. א. לובאַרסקי.**) זיינע געדאַנקען וועגן דער אויפגאַבע פון אַט דער אָרגאַניזאַציע דריקט ער אויס אין זיין אַרטיקל „דער וועג פון לעבן" (דרך החיים):

„בכדי מיר זאָלן קענען אויפטאָן גרויסע זאַכן אין לאַנד (אין ארץ־ישראל), דאַרף דער דור ראוי זיין צו דעם; דעריבער דאַרף מען זיך פאַרנעמען ניט בלויז מיטן לאַנד, נאָר אויך מיטן פאָלק... דאָס הייסט, פאַרברייטערן דעם באַדייט פון „נאַציאָנאַליזם" און אים מאַכן פאַר אַ דערהויבענעם און סובלימען באַגריף פון אַן עטישן אידעאַל, וואָס אין זיין צענטער געפינט זיך ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, און אין זיין פּעריפעריע — יעדע גוטע מידה און יעדע ערלעכע אייגנשאַפט." ***)

מיר געפינען שוין דאָ אחד־העמס באַליבטע געאָמעטרישע טערמינען, צענטער און פּעריפעריע. און אַט די געאָמעטרישע השגה האָט אָפּגעשטעמפּלט זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אויפפאַסונג. ער איז אַ פּולבלוטיקער צענטראַליסט, ווי עס איז צו זען פון דער קאָנסטיטוציע פון די „בני־משה", וואָס אחד־העם האָט פאַרגעלייגט:

---

*) אחד־העם, על פרשת דרכים, חלק א', הקדמה למהדורה ראשונה, אָדעסע, י"א ניסן, תרנ"ח

**) מ. גליקסון, אחד־העם, חייו ופעלו, עמוד 37.

***) אחד־העם, על פרשת דרכים, חלק ד', עמודים ק"צח—רכ"ז.

„ווי די פאַרהעלטעניש פון פירער צו זיין סעקציע, אַזוי וועט זיין די פאַרהעלטעניש פון הויפּט־פירער צו דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע; ער איז אויטאָקראַטיש אין אַלע אָנגעלעגנהייטן („הוא השליט לבדו בכל דבריה"), ער באַפעלט די פירער — און זיי טוען, ער באַשליסט — און זיי פירן דורך, און זיינע ראַטגעבער, וועלכע געפינען זיך אונטערן האַנט, היטן אים אָפּ פון פעלערן." *)

אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע מיט „ספּעציעלע נאַציאָנאַליסטן", להבדיל ווי די „פּראָפעסיאָנעלע" רעוואָלוציאָנערן.

אַכט יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט און דערנאָך איז זי פאַנאַנדערגעפאַלן.

אין יאָר תרנ"ה האָט אחד־העם אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די העברייאישע חודש־שריפט „השלח". דער נאָמען איז סימבאָליש: „ווי די וואַסערן פון השלח, וואָס פליסן פּאַמעלעך", אַזוי דאַרף אָנגיין די אַרבעט פון נאַציאָנאַלער אויפריכטונג. מען קען זיך ניט איילן, ווייל עס פאָדערט זיך אַ גרינטלעכע פאַרבאַרייטונג פון פאָלק. אין יאָר תרס"א האָט אחד־העם אויפגעגעבן זיין רעדאַקטאָר־טעטיקייט. פון אָדעס קלייבט זיך אחד־העם אַריבער קיין לאָנדאָן. פון לאָנדאָן קומט ער אין יאָר תרפ"ב קיין ארץ־ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן. ער וואוינט אין תל־אביב. אין תרפ"ז, אַ בן־שבעים, איז ער געשטאָרבן.

2. אחד־העמיזם אין זיינע גרונט־ליניעס

אחד־העם, ווי שוין אויבן באַמערקט, ווייזט אַרויס אַ באַזונדער נויגונג צו דעם געברויך פון די געאָמעטרישע טערמינען צענטער און פּעריפעריע, און אויף דעם האָט ער, אייגנטלעך, אויפגעבויט זיין גאַנצע סיסטעם. אָבער עפּעס ווי פון אַ צו־להכעיס, אָפּגעשפּילט פון אַ פּסיכאָלאָגישער דיאַלעקטיק, זיינען אחד־העמס שריפטן אָן אַ צענטער און אָן אַ פּעריפעריע. זיינע געדאַנקען זיינען צעזייט איבער די פיר בענד פון זיין ווערק „אויף דעם שיידוועג", אַ ווערק וואָס איז בלויז אַ געזאַמל פון אַרטיקלען, פאַרפאַסט אין אַ משך פון קאַרגע פערציק יאָר, פּאָלעמיקעס געפירט מיט איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן און אָנגעזעענע שריפטשטעלער, עסייען געשריבן אַלס רעאַגירונגען אויף פאַרשיידענע מער אָדער ווייניקער וויכטיקע פּאַסירונגען.

*) דאָרטן.

אחד־העמס בעסטע אַרבעטן זיינען מיניאַטורן, וועלכע ער אַליין האָט אַ נאָמען געגעבן „ברעקלעך“ (פּירורים). אחד־העם איז ניט געווען קיין קאַבינעט־מענטש. ער האָט זיך ניט אָנגעזעצט אויף אַ באַשטימטער צאָל יאָרן, אָדער אויף דעם גאַנצן לעבן, מיט דער כוונה צו שאַפן אַ גוט־באַגרינדעטע וועלט־, מענטש־ און ייד־אויפפאַסונג; אחד־העם האָט זיך געלאָזט גיין פון געשעעניש צו געשעעניש אין יידישן, ווי אין אַרומיקן, לעבן; אַזוי, אַז אַ פאַראויס־דורכגעטראַכטן פּלאַן, האָט ער אויפגעבויט זיין טעאָרעטיש־פּראַקטישן בנין, וועלכער קען זיך ניט באַרימען מיט אויסגעהאַלטענעם בוי־סטיל; אָבער דערפאַר, אָטעמט זיך דאָרט מיט פרישער לופט פון ווינט־צוגן, וועלכע בלאָזן אומגעשטערט דורך די אָפענע טיר און פענצטער.

אחד־העמס גרונט־פּרינציפּ איז די לערע וועגן „איך“, וועגן עגאָ:

א.

דער „איך“ פון יחיד און פון כּלל

„אַ גרויסער פילאָסאָף, אַן זיין וויסן, איז געווען „אדם הראשון“. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „איך“. וויפיל האָבן זיך עס געמאַטערט און אַנגעמאַרדעוועט די פילאָסאָפן וועלכע זיינען געקומען נאָך אים, וויפיל פּלפּולים און פּשטלעך זיי האָבן עס באַשאַפן, און דאָס אַלץ בכדי צו דערקלערן דאָס קליין ווערטעלע, און עד־היום האָט זיי זיך ניט איינגעגעבן עס צו פאַרשטיין און קלאָר צו מאַכן. ווער איז דער „איך“? אָט די פראַגע האָט מען געפרעגט און איבערגעפרעגט אין יעדן דור, און אין יעדן דור האָט מען עס פאַרענטפערט לויט דעם צושטאַנד פון דער פילאָ־סאָפיע און קלוגשאַפט פון דער צייט... אָבער ניט אַראָפּלאָזנדיק זיך צו דער טיפעניש פון מעטאַפיזיק, קען מען זאָגן, אויף דער שפּראַך פון איינפאַכן מענטשן, אַז דער „איך“ פון יעדן אינדיווידו איז דער סך־הכל, וועלכער באַקומט זיך פון חיבור פון געדעכעניש מיטן ווילן, פון דער פאַראייניקונג פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט. און, באמת, ווען איינער זאָגט „איך“, מיינט ער דאָך ניט צו באַצייכענען מיט דעם וואָרט זיינע האָר פון קאָפּ, אָדער זיינע נעגל, וואָס הייבט זיינען זיי דאָ און מאָרגן וואַלגערן זיי זיך שוין אויפן סמעטניק; אויך ניט זיינע הענט און פיס און די איבעריקע טיילן פון זיין קערפּער, וועלכע נעמען אָן פאַרשיידענע פאָרמען, נאָר ער מיינט זיין גייסט, אָדער די אינעווייניקסטע קראַפט, וועלכע פאַראייניקט אויף אַ מיסטעריעזן אופן אַלע איינדרוקן און דערינערונגען פון דער פאַר־

גאַנגעַנהייט מיט אַלע פאַרלאַנגען און האָפענונגען פון דער צוקונפט און מאַכט פון זיי אַלעמען עפּעס גאַנצעס...

„אויך דער נאַציאָנאַלער „איך" פון פאָלק איז געוואָרן אַ געגנשטאַנד פאַר פיל אויספאָרשונגען און טיפע סברות. אָבער אויך דאָ זיינען געקומען עטלעכע פילאָסאָפן (דזשאָן סטואַרט מיל און רענאַן) צו דער איבערצייגונג, אַז פונדאַמענטאַל און וועזנטלעך גענומען איז אָט דער באַגריף אַן אַמאַלגאַם פון פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט: דערינערונגען און איינדרוקן פון איין זייט און האָפענונגען און באַגערן פון דער צווייטער זייט, וועלכע זיינען אויס־געבונדן איינע מיט די אַנדערע און וועלכע זיינען אייגן צו אַלע אינדיווידן פון דעם פאָלק.

„און אין דעם צושטאַנד איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אַ פּערזאָן און אַ פאָלק. דער יחיד, ווען עס קומט זיין צייט צום שטאַרבן — ווערט ער שטאַרבן, און אַלע זיינע צוקונפט־האָפענונגען וועלן אים ניט אויס־לייזן פון דער גרוב; אָבער אַ פאָלק, וועמענס פאַדעם פון לעבן איז עפּעס גייסטיקעס, און די געזעצן פון פּסיכאָלאָגיע האָבן ניט באַשטימט קיין גרענעץ פאַר זיינע יאָרן און קיין סוף פון זיינע קרעפטן, דאָס פאָלק, אויב אים געלינגט אַריינצוברענגען אין זיין „איך" דעם עלעמענט פון צוקונפט, אַפילו בלויז אין דער פאָרם פון אַן אילוזאָרישער האָפענונג, האָט ער געפונען דער־ביי דעם עליקסיר פון לעבן, אַ גייסטיקע נערונג, וואָס פּאַסט פאַר זיין נאַטור און וואָס וועט אים שפּייזן און אויפהאַלטן לאַנגע יאָרן..." *)

פון דער פאַראַלגעמיינערונג, אַז דער „איך" פון פאָלק איז דאָס אייגענע וואָס דער עגאָ פון דעם אינדיווידו, מיט דעם חילוק, וואָס דער ערשטער קען לעבן אַזוי לאַנג ווי ער וויל, אויב ער איז בכוח צו לעבן מיט האָפענונג און בטחון אויף דער צוקונפט צו וועלכער ער האָט זיך באַהעפט, גייט אחד־העם אַריבער צו דעם פרט פון יידישן פאָלק:

„. . . אין דער צייט פון גלות בבל... דאָס יידישע פאָלק איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן... און דעריבער האָבן זיינע געלערטע פּרובירט צו ראַטעווען דעם נאַציאָנאַלן „איך" דורך דער פאַרשטאַרקונג פון זיין פאַר־גאַנגענהייט. צי זיי וואָלטן דערגרייכן זייער ציל דורך דעם דאָזיקן מיטל אַליין — איז זייער פּראָבלעמאַטיש; אָבער צום גליק, האָט דאָס פאָלק, אין דער לייזונג פון דער עקזיסטענץ־פראַגע, זיך ניט פאַרלאָזן אויף געלערנטקייט, נאָר אויף פּראָפעטיזם. און זי, די נבואה, האָט געפונען די ריכטיקע

*) דאָרטן, חלק א', עמודים קנ"ו—קס"א.

לייזונג: זי האָט אויפגעלעבט די צוקונפט און אויף אַזאַ שטייגער האָט זי גאַנץ געמאַכט דעם פאָלקס „איך“... און דאָס איז בייגעשטאַנען אונדזערע עלטערן און האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן און עקזיסטירן, כאָטש זיי זיינען געווען אַזוי שוואַך און זייער יאָך איז געווען אַזוי שווער, בשעת אַנדערע פעלקער מיט אַ מער גלענצנדיקער פאַרגאַנגענהייט זיינען אומגעקומען און זיינען שוין מער אויף דער וועלט ניטאָ... דער נאַציאָנאַלער אייביקער „איך“ פון פאָלק ישראל... זיין וועג איז אויסגעטראָטן און באַשטימט פון זיין סאַמע וועזנטלעכקייט, און זיין וועזנטלעכקייט איז באַזירט אויף אַ פאַרגאַנגענהייט און דערגרייכט אין דער צוקונפט אַריין („יסודה מעבר וסופה לעתיד“).*)

די דורות, — זיי שטאַרבן און שווינדן, זיי זיינען ניט דער עיקר. דער עצם מהות פון יידישן פאָלק, דער סוד פון זיין קיום און אייביקייט איז דער בונד, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט דעם „איך“ פון דער צוקונפט, דעם אייביקן „אהיה אשר אהיה“, מיט די ליכטיקע האָפענונגען, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל ניט אויסלעשן, קיינמאָל ניט טונקל ווערן.

אחד־העם איז אַ גרויסער אַנהענגער פון יידישער נבואה, וועלכע אַליין האָט געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון דעם מאַנסטער־אונטערגאַנג, וועלכער האָט פאַרשלונגען פעלקער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ גרעסערע און רייכערע פאַרגאַנגענהייט ווי די יידישע. וואָס האַלט אויף דאָס יידישע פאָלק, איז זיין אַנגעשטרענגטע דערוואַרטונג פון דעם אחרית־הימים. אחד־העם, לויט זיין יידישקייט־אויפפאַסונג, איז ניט קיין קאָנסערוואַטאָר, איז ניט קיין פאַרערער פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַן איבערצייגטער פאַרערלעכער פון דער צוקונפט, פון דער „דערוואַרטונג“.

ב.

די יידישע נאַציע אַלס אַן איבער־פאָלק

אחד־העם נעמט אַן ניטשעס לערע מכוח דעם איבערמענטש, נאָר ער „יידישט“ זי. ער ציט פון אַט דעם טעזיס זייער וויכטיקע קאָנסעקווענצן. אחד־העם טענהט, אַז צום געדאַנק פון איבער־מענטש דאַרף מען צוגעבן דעם רעיון פון איבער־פאָלק, דעם באַגריף פון דעם „עם־סגולה“. און אַט דער „אתה־בחרתנו“ דאַרף זיך האַלטן ניט אויפן פויסט, אויף נאַציאָנאַלער

*) אחד-העם, על פרשת דרכים.

רייכקייט און מיליטערישער שטאַרקייט, אויף לענדער־פאַרכאַפּעריי, אויף גנבה, גזלה און רציחה, — נאָר אויף מאָראַל, אויף דעם פאַרלאַנג און אָנ־שטרענג צו זיין בעסער, שענער, הומאַניטאַרער פון די איבעריקע פעלקער.

„אויב מיר זאָלן צוגעבן, אַז דער צוועק פון אַלץ איז דער איבער־מענטש, דאַרפן מיר דאָך אויך צוגעבן, אַז אַ וועזנטלעכער טייל פון אָט דעם צוועק איז דער איבער־פאָלק; אַז עס זאָל זיך געפינען אין דער וועלט איין פאָלק, וואָס די אייגנשאַפטן פון זיין גייסט זאָלן אים מאַכן פייאיק צו עטישער אַנטוויקלונג מער פון אַנדערע פעלקער און וועלכער זאָל איינ־אָרדענען זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער לויט אַן עטישער לערע, וועלכע זאָל שטיין העכער פון דעם געוויינלעכן דורכשניטלעכן טיפּ.

„כמעט אַז אַלע אַנדערע אַנערקענען די עטישע געניאַליטעט פון יידישן פאָלק. זיי גיבן צו, אַז אויף אָט דעם געביט איז עס העכער פון אַלע איבעריקע פעלקער... אָט דעם באַוואוסטזיין פון זיין מאָראַלישער „אויס־דערוויילטקייט" האָט דאָס יידישע פאָלק געטראָגן אין זיין האַרצן דורך אַלע דורות און אין דעם האָט עס געפונען טרייסט פאַר אַלע זיינע צרות." *)

דער ייד האָט אָנגעהויבן אַלס פאַסטוך, ער האָט פאַרשטוביקט חיות, און דעריבער טאַמעוועט ער די חיה וואָס אין מענטשן, אין דער מענטשלעכער נשמה...

ג.

דער גייסטיקער צענטער

בכלל האָט אחד־העם קיין צופיל מזל ניט געהאַט צום ציוניזם. אים איז אויסגעקומען זיך צונויפצושטויסן מיט אַזאַ גרויסער און קאָנצענטריר־טער פערזענלעכקייט ווי הערצל און פּאָלעמיזירן מיט אַזאַ שאַרפער פּען, ווי מאַקס נאָרדאַו האָט באַזעסן. און די לעצטע זיינען אַרויס די זיגער פון אָט דעם טורניר. און אחד־העם האָט עס טיף אין האַרצן געפילט, מיט וויטיק. ער האָט עס אָבער ניט געוואָלט צוגעבן.

„איך ווייס, אָבער, אַז פיל צווישן אונדז, און אפשר די גרויסע מערהייט, גלויבן מיט זייער גאַנצן האַרצן, אַז צום סוף האָט געזיגט יענע שטרעמונג, וועלכע איך האָב באַקעמפט, און זיי ווייזן אַן אויף באַוואוסטע אויסערלעכע

---

*) דאַרטון, חלק ב', עמודים ע"א—ע"ב.

פאַסירונגען, וועלכע זיינען געשען אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן און וועלכע זעען אויס ווי זיי וואָלטן באַשטעטיקן זייער גלויבן.״ *)

זיין ניט־זיג, הגם ניט פולער דורכפאַל, דערקלערט זיך, לויט מיין פאַרשטייך, מיט דעם, וואָס אחד־העמס לערע וועגן יידישקייט איז ניט פאַר־בונדן אָרגאַניש מיטן ציוניזם. דער ציוניזם באַמיט זיך, הויפּטזאַכלעך, צו ענטפערן אויף די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, אויך קולטורעלע, — די לעצטע פאַרשטאַנענ אין אַ ריין־אַלגעמיינער אויפפאַסונג — פּראָבלעמען פון די יידן; די יידישקייט־פּראָבלעם גייט ניט אומבאַדינגטערהייט אַריין אין היקף פון ציוניסטישן אָנשטרענג.

„מיר גלויבן . . . אַז פון ציון וועט קומען די גייסטיקע יידישע ישועה, מחמת דאָרטן, אויפן פּלאַץ וואו דער נאַציאָנאַלער אידעאַל איז געשאַפן גע־וואָרן פאַרצייטנס, דאַרפן מיר אים זוכן אַ צווייטן מאָל, נאָך דעם ווי מיר האָבן אים פאַרלאָרן אין די לענדער פון גלות, און אַן אים זיינען מיר ניט בכוח צו טראָגן דעם יאָך פון גלות... אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אידעאַל קען ניט געבוירן ווערן אין גלות... עס פאָדערט זיך פרייהייט פאַרן פאָלקס־גייסט, אַ פרייע באַוועגונג אין דער היסטאָרישער אַטמאָספערע, בכדי ער זאָל זיך אויפכאַפּן פון זיין לאַנגער לעטאַרגיע און ער זאָל ווערן פיאיק אויפצולעבן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל און אים געבן די פאָרמע, וועלכע וואָלט שטימען מיט אונדזערע באַדערפענישן פון איצט.״**)

אָט דער געדאַנק פון אחד־העמען גייט אינגאַנצן כנגד דער יידישער טראַדיציע און יידישער לעגענדע, וועלכע שילדערט, אַז דער אידעאַל, די תורה, איז געגעבן געוואָרן פאַר דעם לאַנד, איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, אויפן וועג פון מצרים קיין ארץ־ישראל. און אַלץ וואָס די נביאים האָבן נאָכדעם געלערנט און פאָראויסגעזאָגט איז שוין געזאָגט געוואָרן פאַר דעם, ביים באַרג סיני, און איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם זאַץ: „אנכי יהוה״... אויסער דעם איז דער צוזאָג פון אַן אידעאַל, וועלכן מען האָט פאַרלאָרן און מען דאַרף אים גיין זוכן, און צוליב דעם צוועק דאַרף מען זיך אָנשטרענגען און שאַפן דעם „שיבת־ציון״, צו־אויסטערליש. יידישקייט, לויט דער מסורה, האָט געהאַנדלט אינגאַנצן אַנדערש. זי האָט צוגעזאָגט דאָס לאַנד, וואָס איז געוואָרן אַ „פאַרשפּראָכן לאַנד״; אָבער די תורה האָט זי ניט צוגעזאָגט, נאָר געגעבן גלייך אויף אַן אָרט. אחד־העם דרייט

*) אחד־העם, אגרות, כרך 6, ז. 200. תל־אביב, תרפ״ה.

**) על פרשת דרכים, חלק א׳, הקדמה למהדורה ראשונה.

איבער דעם מוקדם־ומאוחר. ער זאָגט־צו דעם אידעאַל און דאָס „פּאַר־שפּראָכענע לאַנד" ווערט ביי אים אַ תּנאי פאַר דאָס דערווערבן זיך פון אַ „פאַרשפּראָכענעם אידעאַל". אחד־העם זאָגט־צו דעם אידעאַל דערפאַר, ווייל ער קען אים ניט געבן. אחד־העם איז ניט בכוח געווען צו קאָנקרעטיזירן דעם יידישן אידעאַל פון יושר, מחמת אום צו טאָן עס, וואָלט ער געדאַרפן אָנקומען צום יידישן ראַדיקאַליזם, און דאָס האָט ער ניט געקענט טאָן צוליב זיין פּאָזיציע אַלס „בירגערלעכער ליבעראַל". בכדי יידישקייט זאָל ווערן אָנגעפילט מיט אַ מאָדערנעם אינהאַלט, דאַרף זי צופאַלן צום אייגענעם קוואַל, זי דאַרף גיין — אידעאָלאָגיש, ניט געאָגראַפיש — צו איר ריינעם אָנהויב און אויסגוס, ווען זי איז פאָרמולירט געוואָרן אין איר צייט אַלס אַ „ראַדיקאַליזם" פון פּאַרצייטיקע באַפרייטע שקלאַפן. מיט אַנדערע ווערטער: אַ סינטעז מוז געשאַפן ווערן פון יידישקייט און ראַדיקאַליזם. מען פרעגט, ווי קען „יידישקייט" זיך איינלעבן מיטן ראַדיקאַליזם? ווי קען אַרכאַאיזם הויזן מיט דעם שפּיץ פון מאָדערניזם? אָבער אָט דער ווידערשפּרוך איז בלויז אַן אויסדוכטעניש, וועלכע נעמט זיך פון דעם ניט־אויפּפּאַסן יידישקייט אין איר גאַנצער היסטאָרישער טיף און הויך. יידישקייט, אין תורת־משה, האָט אָנגעהויבן אַלס אַ ראַדיקאַלע לערע איבער דער גאַנצער לענג פון פראָנט, סיי בנוגע די פאַרהעלטענישן וועלכע פלעכטן זיך צווישן מענטש און וועלט, סיי בנוגע די באַציאונגען וועלכע וועבן זיך צווישן מענטש און מענטש און די שייכותן, וואָס קניפּן זיך צווישן פאָלק און פאָלק.

דוד פרישמאַן, אין זיין פּאָעמע „משה", האָט דעם „פאָטער פון די נביאים" גוט אויסגעזידלט דערפאַר וואָס ער האָט די בני־ישראל אַרויס־גענומען פון מצרים, ער האָט זיי אָבער ניט אַריינגעבראַכט קיין ארץ־ישראל. דער חומש האָט אין דעם פּרט, ווי אין אַ סך אַנדערע, אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן טאַקט. עס איז גענוג געווען פאַר משהן צו באַפרייען די שקלאַפן און שאַפן פאַר זיי אַן אידעאָלאָגיע. די דעראָבערונג פון לאַנד איז אַן אויפ־גאַבע פאַר אַן אַנדער פערזאָן, וועלכע איז אויסגעשטאַט מיט גאַנץ אַנדערע פייאיקייטן. די צוויי עובֿדות זיינען ניט פאַרבונדן צווישן זיך אָרגאַניש און איין פערזאָן האָט זיי ניט געדאַרפט דורכפירן. מען קען קריגן אַ לאַנד אָן אַ תורה, מען קען האָבן אַ תורה אָן אַ לאַנד, מען קען אויך האָבןביידע זאַכן, סיי אַ תורה און סיי אַ לאַנד, הגם דאָס איז גאַנץ שווערלעך צו באַווייזן... אָבער די תורה וואַקסט ניט אויס אויף דעם באָדן פון לאַנד; פאַרקערט, לויט דער יידישער טראַדיציע, איז דאָס לאַנד כמעט ווי אַ צוגאָב צו דער תורה, יעדנפאַלס ווערט עס געגעבן אויף דעם באַדינג פון אָפּהיטן די תורה.

אחד־העם טוט דאָס פאַרקערטע: ער מאַכט דאָס לאַנד פאַר דעם פאַרבאַדינג, פאַר דעם תנאי קודם למעשה, צו דער דערוואַרבונג פון דער תורה.

אחד־העם האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון באָקלען און זיין אויפפאַסונג איז צו־געאָגראַפיש־מאַטעריאַליסטיש צו קענען זיך אריינ־פאַסן אין דער יידישער קאָנצעפּציע.

„און אַזוי איז דער ענין קלאָר, אַז די „יידישקייט־נויט", דאָס הייסט, דער פאַרלוסט פון נאַציאָנאַלן אידעאַל, איז ניט קיין באַזונדער זאַך, נאָר אַ וועזנטלעכער טייל פון דער „יידן־נויט", און דער וואָס זאָגט: צו וואָס זאָלן מיר זיך עוסקן מיט דער יידישקייט־פראַגע, בשעת די יידן־פראַגע פאָדערט אַ לייזונג? — ווייסט אַליין ניט וואָס ער רעדט. אַ ריכטיקער ענט־פער אויף דער פראַגע, — די הילף, וועלכע מיר דאַרפן זוכן און קענען געפינען אין ציון, בשעת די צווייטע הילף איז ניט אין אונדזער רשות און אויך אין ציון איז זי ניטאָ." *)

אחד־העם מיינט צו זאָגן אַז די יידן־פראַגע קען בלויז געענטפערט ווערן מיט דעם, וואָס מיר וועלן שאַפן אַן אידעאַל פאַר די יידן, מיר וועלן געפינען אַ טעם און אַ זינען פאַר אונדזערע ליידן. און מער פון דאָס קען מען ניט אויפטאָן. און דאָס קען געטאָן ווערן אין ציון. ארץ־ישראל און דער יידישער ישוב קענען בלויז דינען אַלס אַ היים, — ניט פאַר יידן, — פאַר דעם יידישן אידעאַל. דאָרטן וועט ער געבוירן ווערן און דאָרטן וועט ער זיך אויפהאָדעווען. אונטער דעם וועט זיך קיין ציוניסט זיכער ניט אונטערשרייבן, און אַ גלותיסט — אַוודאי ניט. עס איז גאָר ניטאָ בנמצא אַזאַ מין זאַך ווי אַ „יידישקייט־נויט". עס איז דאָ אַ „יידן־נויט". יידן ליידן, יידן ווערן פאַרפאָלגט. יידישקייט איז אַ פּסיכאָלאָגיש־פילאָסאָפישע קאָנ־צעפּציע, אַ וועלט־ און מענטש־אַנשויאונג — און זי ליידט ניט.

„עס איז שוין צוואַנציק יאָר זינט עס געפינט זיך ביי אונדז אַ „ציוניס־טישע" פּראַקציע, וועלכע ענטפערט אויף דער פראַגע און זאָגט: „דעם נייעם מויער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות דאַרף מען אויסבויען אויסערן גלות — אין דעם לאַנד פון אונדזערע פאַרעלטערן." און אָט די פּראַקציע אונטערשיידט זיך פון די „אמתע" ציוניסטן דורך דעם, וואָס זי אַנערקענט ניט דעם קיבוץ־גליות און זי „פאַרניינט" ניט די עקזיסטענץ אין גלות; אדרבא, ווייל זי רעכנט דעם גלות פאַר אַ פּערמאַנענטער דער־

*) דאָרטן, הקדמה למהדורה שניה.

שיינונג, וועלכע מיר קענען ניט באַזייטיקן, דעריבער פאָדערט זי, אַז מיר זאָלן פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות; אָבער זי זעט דעם איינציקן וועג צו דעם אין דאָס שאַפן פון אַ באַשטימטן פּלאַץ... מען דאַרף עטאַבלירן אַ שטענדיקן צענטער, וואָס זאָל ווירקן ווי אַ „צוציאונגס־קראַפט" אויף אַלע פּונקטן..." *)

דאָ ווייזט זיך אחד־העם אַרויס ווי אַ גלותיסט. נאָר ער, ווי אַרכימעד, וויל געפינען אַן אָנשפּאַר־פּונקט אויסערן גלות בכדי צו זיין אימשטאַנד צו באַוועגן און אויפהאַלטן דאָס לעבן פון די יידן אין גלות. דער געדאַנק איז ניט שטראַק אין איינקלאַנג מיט דעם פאַקט, וואָס דווקא די גלות־שאַפונגען, ווי דער תלמוד בבלי און די פּוסקים, דער יידישער קאָדעקס, האָבן אויפגעהאַלטן דאָס לעבן פון די יידן אין די גלות־לענדער און האָבן אויסגעאיבט אויף זיי אַ גרעסערע השפּעה ווי דער תלמוד ירושלמי. ארץ־ישראל, ווען עס ווערט בלויז אַ „גייסטיקער צענטער", דאָס וואָס אחד־העם האָט געוואָלט, אַן אַ „קיבוץ־גליות", אַן אַ וויכטיקער, גרויסער איינוואַנדערונג און באַזעצונג פון יידן אין לאַנד, וואָלט דאָך סיי־ווי־סיי בלייבן אַ שטיק גלות. מער ניט. „גלות" איז דאָך ניט בלויז אַ געאָגראַפישע השגה, עס איז דאָך אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער, און ממילא אויך קולטורעלער, באַגריף. מען קען דאָך זיין אין „גלות" אין ארץ־ישראל גופא...

„דער ציוניזם אַלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג איז ניט צופרידנשטעלנדיק. ער איז ניט אימשטאַנד אויפצוזאַמלען אַלע אונדזערע פאַרוואָגלטע און מאַכן אַ סוף צו אונדזערע צרות." **)

אחד־העם איז אַן אַפּיקורס אין ציוניזם אַלס אַן ענטפער אויף די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן פון די יידן. ער גלויבט בלויז אין ציוניזם אַלס אַ מיטל אויפצולעבן דעם יידישן אידעאַל, אויפצוריכטן די פראַפעטישע פאָרמען פון יידישקייט. און עס איז אַ קליינער חידוש, וואָס דער הויפּט־שטראָם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ניט באַצוואונגען געוואָרן פון אחד־העמיזם. אמת, ער האָט יאָ באַאיינפלוסט אַ היפּשע צאָל ציוניסטן, אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אַדאַנק דעם, וואָס דער אחד־העמיזם איז אַ פאַרזוך צוצוגרייטן די מוחות, און אפשר די הערצער, אויפצופאַסן „יידישקייט" אין אַ נייעם ליכט. און אין דער הינזיכט האָט אחד־העם אויסגעאיבט אַ השפּעה אויף אַלעמען, וועלכע האָבן אַן אינטערעס פאַר די פּראָבלעמען

*) דאַרטן, חלק ד', עמוד קט"ז.

**) דאָרטן, חלק א', הקדמה למהדורה ראשונה.

פון „יידישער אידעאָלאָגיע״, צי זיי זיינען יאָ ציוניסטן, צי זיי זיינען ניט קיין ציוניסטן.

אחד־העם האָט שטאַרק באַטאָנט די עטישע עלעמענטן פון יידנטום, אָפּ־וואַרפנדיק די ריטועלע רעליגיאָזיטעט פון די אָרטאָדאָקסן, און אָפּשליידערנ־דיק, מיט פאַראַכטונג, די פסוועדאָ־רעליגיאָזיטעט פון די „רעפאָרמער״ מיט זייער פוסטער פּרעדיקערייַ מכוח דער „יידישער מיסיאָן״.

אחד־העם האָט געהאַט דעם דרייסט צו רעדן פון „יידישקייט״, יידישער עטיק צו אַ דור פון אויסגעלאַסנקייט, פון העלעניסטישער פּאַפּוגייערײַ און „ביטשעיאַניסטישער״ פלאַפּלערײַ... און דאָס מיינט זייער פיל.

„צוקונפט", סעפּטעמבער 1937.

הלל צייטלין

.1

הלל צייטלין איז געבוירן געוואָרן אין 1871 אין אַ קליין שטעטעלע פון יידישן תחום, אין מאָהילעווער גובערניע, אין אַ סביבה פון חסידים, פון חב״דניקעס. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן ווען ער איז שוין געווען גאַנץ רייף. ער איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס־און־צוואַנציק יאָר. זיין פאָטער איז געווען אַ מלמד, דערנאָך אַ פאַרמעגלעכער סוחר, דערנאָך ווידער אַן אָרעמאַן. זיין מוטער איז געווען אי פרום, אי גוט, אי קלוג. אַ דער־ציאונג האָט ער געקראָגן אַ רעליגיעז־חסידישע. ווי אַלע פון זיין דור, וועלכע זיינען ניט געווען גייסטיק־אינערטיש, האָט ער זיך אָנגעלייענט מיט י. ל. גאָרדאָנס פּאָעמען און מאַפּוס ראָמאַנען — און איז געוואָרן אַן „אויפ־געקלערטער״, „געכאַפּט אין דער מעשה״. צו פופצן יאָר איז ער געוואָרן אַ העברייאישער לערער אין די דערפער ביי די ישובניקעס. דאָרטן האָט ער געזען די פאַרגרעבטקייט פון יידן און מענטשן און די איידלקייט פון דער נאַטור. די ישובניקעס האָבן אים אָפּגעשטויסן, און דיביימער האָבן אים צוגעצויגן.

ער פאַרלירט זיין גלויבן אין טראַדיציאָנעלן יידנטום. ער שטודירט יידישע מיטלאַלטערלעכע פילאָסאָפיע, שפּינאָזאַן אַריינגערעכנט.

ער האָט חתונה. באַזעצט זיך אין האָמעל. פאַרדינט זיין האַרט שטיקל ברויט דורך געבן פּריוואַטע לעקציעס. ער ווערט אַ הייסער „פּאָליטישער ציוניסט״. ער פאָרט צום פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אַלס דעלעגאַט פון האָמעל. ער ווערט ניט אַנטוישט, קומענדיק אין באַרירונג מיט דער באַ־וועגונג. ער ווערט אָבער אַביסל אָפּגעקילט. אין יענע יאָרן האַלט זיך צייטלין פאַר אַ יונגן און ער שרייבט אַן נייַן בריוו אונטערן קעפּל „בריוו פון איינעם פון די יונגע״ („הדור״, תרס״א). ער שרייבט אויך „פון־דער־זייט״ („מן הצד״, „הדור״, תרס״ה). די בריוו געפינען זיך אין זייבע כתבים נבחרים (אויסדערוויילטע שריפטן, צווייטער באַנד, ערשטער טייל, ז״ז 29־82, וואַרשע, תרע״א). „פון־דער־זייט״ געפינט זיך אין זעלביקן באַנד (זיבן קאַפּיטלעך מעמואַרן און שטריכן). נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם ווערט צייטלין אַן אוגאַנדיסט, אַ טעריטאָריאַליסט — אַביסל

שפּעטער. ער ווערט איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דער העברייאישער טעגלעכער צייטונג „הזמן“, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע אין יאָר תרס״ה. ער שרייבט פּייערדיקע אַרטיקלען קעגן די „ציוני־ציון“ (די ציוניסטישע ציוניסטן). ער פאַרעפנטלעכט זיינע „ניט־צייט־געדאַנקען“ („מחשבות שלא בעת“), „קניני הרוח“ (דרייצן קאַפּיטלען, וועלכע מ׳קען געפינען אין זיינע אויסדערוויילטע שריפטן, צווייטער באַנד, צווייטער טייל, ז״ז 5־87, וואַרשע, 1912).

דער „הזמן“ הערט אויף אַרויסצוגיין, און צייטלין קומט קיין וואַרשע אין יאָר תרס״ו, און פון אַ העברייאישן שרייבער ווערט ער אַ יידישער שריפטשטעלער. דער בייט פון אָרט און אומגעבונג איבט אויף אים אויס אַ שטאַרקן איינפלוס. ער דערנעענטערט זיך מער צום פאָלק, צום פשוטן עולם, צום קרייז פון זיינע לייענער. צייטלין לעבט איבער קריזיסן פון אַ גייסטיקן כאַראַקטער, וועלכע זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון די קאַטאַסטראָפעס פון אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון זיין אומגעבונג. די וועלט־מלחמה ברעכט אויס. די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, דער דלות און דער־נידערונג פון די יידן אין פּוילן. דערנאָך דער משונהדיקער דורכפאַל פון דער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד — אַלץ געפינט אַן אָפּקלאַנג אין זיין פּילנדיק האַרץ. און ער ווייטיקט מיט די וויטיקן פון די יידן און מענטשן.

2.

„עס איז דאָך באַוואוסט צו ווייסער דער פּשט פון פּסוק „זיבן מאָל פאַלט דער צדיק — און שטייט אויף“, און בפרט נאָך וואָס דער מענטש הייסט דאָך אַ גייער און ניט קיין שטייער, און ער דאַרף גיין פון שטופע צו שטופן און ניט בלייבן שטיין אויף איין שטופע אויף שטענדיק.“ *)

צייטלין איז זיכער אַ גייער. אמת, ווי יעדער גייער בלאָנדזשעט ער, צייטנווייז, זוכט, פאַלט, שטייט אויף און פאַלט נאָך אַמאָל. אָבער גיין איז אַ שווערער ענין. און ווער ווייס עס אַזוי גוט ווי דער וואָס צעברעכט אַ פוס און דאַרף זיך נעמען לערנען גיין פונדאַסניי... שטיינער בלאָנדזשען קיינ־מאָל ניט, ווייל זיי ליגן אַלע מאָל אויף דעם זעלביקן פּלאַץ.

צייטלין איז ניט נאָר אַ גייער, ער איז אויך אַ רײדער, אַ „מדבר“. אַז עס טוט אים וויי, אַז אים אַרט עפּעס, רופעט, זאָגט ער עס בפה־מלא. און ניט נאָר רעדט ער, נאָר ער שרייט טאַקע אויך, און גאַנץ אָפט בקולי־

*) שניאור זלמן, „ליקוטי אמרים“, ז. 151, ווילנע, 1930.

קולות. און שרייען בכלל איז ניט האַרמאָניש, ניט „סטאַטעטשנע״, ניט עטיקעטיש, ניט ליטעראַריש. אָבער אַפּילו שרייען איז בעסער ווי שטומען, ווי גאָר שוויגן און זיך ניט־וויסנדיק מאַכן פון די גייסטיקע יסורים, וועלכע יידן לעבן איבער. צייטלין ליידט ניט נאָר מיט די יידן, נאָר ער ליידט, יסורימט פאַר דער יידישער אידעאָלאָגיע. און פון צייטלינען רעדט אַרויס, אָדער שרייט אַרויס מיט באַנומענע גוואַלדן דער עלבון־התורה. און ווען אַ מענטש געפינט זיך אין צער און צאַרן, קען ער ניט זיין אַלע מאָל געוואויגן און געמאָסטן.

ווען אַ קערפּער איז קראַנק, הויבט ער די טעמפּעראַטור, און דאָס העלפט אים גובר צו זיין די קראַנקהייט; און ווען אַ גרופּע, אַ סאָציאַלע קערפּערשאַפט איז שטאַרק מסוכנדיק, טוט זי דאָס אייגענע — זי הויבט איר פּסיכאָלאָגישע טעמפּעראַטור. און הלל צייטלין רעגיסטרירט אָט די גייסטיקע היץ, און ער רעדט טאַקע פון פּסיכאָלאָגישער היץ. דעם מיטל פון טעמפּעראַטור־הויבונג ווענדן אָן אַלע סאָציאַלע קיבוצים, ניט נאָר נאַציאָנאַלע; אויך קלאַסן־פאַרמאַציעס טוען עס. ווען אַ קלאַס איז זייער דערנידעריקט, אַרונטערגעדריקט, פאַרפאָלגט, אַנטוויקלט ער שטאַרקע עמאָציעס, איבערטריבענע „אוטאָפּיסטישע״, צו־ראַדיקאַלע דערוואַרטונגען, צופיל פאַנאַנדערגעגליטע האָפענונגען. ווען זיין לאַגע ווערט פאַרבעסערט, נעמט די טעמפּעראַטור פאַלן, ער ווערט אָפּאָרטוניסטיש, פּאָסיבאַליסטיש, רעאַל־פּאָליטיש געשטימט. „וואָס ערגער איז בעסער״, האָט מען אַמאָל געזאָגט. דער פּשט פון דעם איז, אַז וואָס ערגער עס לעבט זיך אַ באַ־שטימטער גרופּע, אַלץ בעסער איז עס פאַר דער אויסאַרבעטונג פון איר עמאָציאָנעל־ראַדיקאַלער שטימונג און טרוימעריש־פּראָפעטישע אויס־לייזונג־לערעס.

צייטלין אין דעם פּרט איז אָן אויסדרוק פון דער צרהדיקער, דער צען־מאָל צרהדיקער יידישער לאַגע בכלל און אין פּוילן בפרט.

צייטלין האָט דורכגעמאַכט אַ היפּשן עטאַפּ פון עוואָלוציע איידער ער איז דערגאַנגען צו די געדאַנקען, וועלכע ער דריקט אויס אין זיינע העפטן: „די רייד פון ישעיהו בן אמוץ״ (וואַרשע, 1929); „געבאָטן פאַר יעדן עכטן אָנהענגער פון יבנה״ (וואַרשע, 1929); „דבר לעמים (אַ וואָרט צו די פּעל־קער, וואַרשע, 1928); „געזאַנגען צום אין־סוף״ (וואַרשע, 1931); „וואָס דאַרף ישראל טאָן אין איצטיקער צייט פון חבלי־משיח?״ (וואַרשע, 1934).

אָבער דורך אַלע זיינע שריפטן גייט דורך דער זעלביקער געדאַנק פון האָס צו פּאָליטישע פּאַרטייען, צו מאַסן־באַוועגונגען, וועלכע, לויט אים,

דערנידערן דעם מענטשן, דעם איינצלנעם. צייטלין האָט אָנגעהויבן פון איין עקסטרעם און איז אַריבער צו אַ צווייטן, צו אַ קעגנגעזעצטן.

„דער מענטש אַליין באַשאַפט זיינע געטער; פון זיינע באַדערפענישן, אמתע און נאַטירלעכע, פליסן זיי אַרויס; פון זיינע שטרעבונגען צו גליקלעכקייט, צו דאָס גוטע און פערפעקטע ווערן זיי געבוירן. דער מענטש טרינקט זיי אָן מיט זיין בלוט, און איריגירט זיי מיט זיינע טרערן. ער באַחנט און באַשיינט זיי מיט זיינע טרוימען און פאַנטאַזיעס. ער בלאָזט אין זיי אַריין גייסט און זעל מיט זיין שטאַרקער בענקעניש און מעכטיקן באַגער... די געטער ווערן פאַרוואַנדלט אין אידייען. אָבער די ווייטע און אַבסטראַקטע אידייען, זיי זיינען עס די ווייטע און אַבסטראַקטע געטער. ווי די אַזוי יענע זיינען ניט אונטערגעוואָרפן אונטער דעם מענטשן, נאָר זיי וואַרפן דעם מענטשן אונטער... אַנשטאָט צו זיין דער האַר פון דער אידייע, אַנשטאָט צו פאַרשטיין און פילן, אַז ער, ער טאַקע, דער מענטש איז איר באַשעפער און איר געבוירער, און זי, די אידייע, דאַרף זיין בלויז אַ מיטל פאַר זיין גליק און דערהויבונג, ווערט ער גאָר אַ שקלאַף־פון־שקלאַפן ביי איר און ער גייט און לאָזט זיך הרגענען פאַר איר.

„דעריבער ווערט אַלץ מער פאַרטעמפּט דער דירעקטער, נאַטירלעכער מענטשלעכער געפיל, וואָס גרעסער עס ווערט די הערשאַפט פון דער אידייע. וואָס גרעסער עס ווערט איר גרויזאַמקייט און אומבויגזאַמקייט, אַלץ מער מוז זיך דער מענטש בויגן פאַר איר און אַלץ מער ווערט ער פאַרשקלאַפט פון איר... דעריבער איז דער מענטש געוואָרן אין אַלגעמיין אַ גאָרנישט אַפילו אין זיין אייגענער אָפּשאַצונג, ווי אויך אין דער אָפּשאַצונג פון זיינע מיטמענטשן... אַזוי איז אויך געווען ווען פאַנאַטיזם האָט זיך פאַרשטאַרקט אין ירושלים, אַזוי האָט אויך פּאַסירט ווען פאַנאַטיזם איז געווען שטאַרק אין יעדער צייט, און דאָס אייגענע קומט איצטער פאָר." *)

די איבערזעצונג איז אונדזערע, מיר האָבן זיך אָבער באַמיט צו האַלטן נאָענט צום טעקסט כמעט וואָרט פאַר וואָרט, און די ציטאַטע לייענט זיך ווי אַ שטיק שטירנער...

„אַלע כחות, וועלכע באַהערשן מיך, רעדוציר איך צו דעם צושטאַנד פון באַדינער. די געצן עקזיסטירן דורך מיר; אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן

*) הלל צייטלין, „מחשבות שלא בעת", געדרוקט אין „הזמן" אין 1905, און איבערגעדרוקט אין „כתבים נבחרים", צווייטער באַנד, צווייטער טייל, וואַרשע, 1912.

איז אויפהערן זיי צו באַשאַפן איבעראַנייס, און זיי וועלן מער ניט עקזיס־טירן. „העכערע כחות" עקזיסטירן בלויז דורך מיין אַקציע פון דערהויבן זיי און דערנידערן זיך אַליין." *)

פון דעם איז אַ היפשער מהלך צו —

„געדענק דעם גרויסן פּירכטערלעכן טאָג, ווען עליונים ותחתונים וועלן זיך מוזן שטעלן צום משפּט... געדענק אָן דעם טאָג, ווען דיין נשמה איז פון די העכסטע הויכקייטן אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין פינצטערער הייל פון חומריות." **)

„עס שטייט אין דער תורה: און אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט, אין געשטאַלט פון אלהים האָט ער אים באַשאַפן...

„זיינען געקומען אַנדערע און האָבן איבערגעקערט דעם פסוק: און דער מענטש האָט באַשאַפן זיין אלהים אין זיין געשטאַלט, אין געשטאַלט פון מענטשן האָט ער אים באַשאַפן.

„און וואָס זאָלן מיר זאָגן? ביידע מיינונגען זיינען ריכטיקע. די צוויי קאָנצעפּציעס טרעפן זיך אין איין פונקט, אָט די צוויי אָפּגרונטן פּאַראייניקן זיך ווען מ'קוקט אַריין אין תוך —

„דער אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן.

„דער מענטש האָט באַשאַפן דעם אלהים." ***)

און פון דעם איז אַ היפשער שפּרונג אַראָפּ צו —

„איך בין דיין שאַפונג און רוף דיך מיט דעם אמת פון אַ באַשאַפענעם. זאָל איך דיך רופן מיטן אמת, וואָס עס פאַרמאָגט נאָר דער באַ־שעפער?" ****)

„גאָט, מיין גאָט, גיב מיר אַן עצה, שיק מיר אַ ישועה, שענק מיר רחמים. האָב רחמנות אויף מיין שטאַרק אומגליקלעכער נשמה..." *****)

דער געדאַנק פון אידענטיפיקאַציע פון מענטש און גאָט איז געווען גאַנץ נאָענט דער יידישער מיסטיק.

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט באַשאַפן אין מענטשן דעם

---

*) מאַקס שטירנער, „דער איינציקער און זיין אייגנטום", טאָקערס ענגלישע אויסגאַבע, ז"ז 424-425, ניו־יאָרק, 1915.

**) הלל צייטלין, „געזאַנגען צום אין־סוף", ז. 69, וואַרשע, 1931.

***) הלל צייטלין, „כתבים נבחרים", צווייטער באַנד, צווייטער טייל, ז. 100 — אונדזער איבערזעצונג.

****) הלל צייטלין, „די תיבה, וידעת היום"... ז. 16, וואַרשע, 1924.

*****) דאָרטן, ז. 73.

י״ה—ו״ה, וועלכער איז דער הייליקער שם זיינער און דאָס הייסט מענטש (אדם)... יו״ד, ה״א, וא״ו, ה״א הייסט מענטש (אדם) און פון אים קומען אַרויס פינף־און־פערציק ליכטער, און דאָס איז די רעכענונג פון אדם (אדם איז בגימטריא פינף־און־פערציק, מ׳—פערציק, ד׳—פיר, א׳—איינס) און דער שם (יהוה) יו״ד, ה״א, וא״ו, ה״א איז דאָס אייגענע (יו״ד איז צוואַנציק, ה״א איז זעקס, וא״ו איז דרייצן, ה״א איז זעקס. צוזאַמען באַטרעפט עס פינף־און־פערציק, פונקט ווי אדם, לכן יהוה איז אדם).״ *)

„אַט איז ער אין מיין וואוינונג, אַט איז ער אין מיר, אַט איז ער אין מיין געצעלט, אַט איז ער אין מיין האַרצן, — דער וואָס איז אין אַלע וועלטן. איך זיץ מיר אויף מיין בעטל, און אַז ער איז אין מיר, בין איך אויך אויסער אַלע וועלטן.״ **)

„און אין מדרש פון רבי שמעון בן יוחאי עליו־השלום שטייט אַזוי: „דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט געזאָגט: ׳און איך וועל אַריינטאָן מיין משכן אין אייך׳, זיין בעטל איז אין אייער הויז, און וויבאַלד זיין בעטל איז מיט אייך, ווייסט איר, אַז ער וועט פון אייך ניט אַוועק.״ ***)

עס איז לייכט צו זען, אַז צייטלין ווידערהאָלט די יידישע מקובלים. און ער מאַכט פון דעם קיין סוד ניט. ער זאָגט, אַז ער פאָלגט נאָך דעם בעל־שם און זיינע תלמידים. אָבער צייטלין איז טראַגיש דערפאַר, וואָס ער איז אַ דענקער, אַ פילער, אַ יידישער מקובל, וועלכער באַטייליקט זיך אין אַ טעגלעכער פּרעסע, וועלכע האָט צו טאָן מיט טאָג־טעגלעכע פראַגן, און דאָס לאָזט אים זיך ניט פאַרטיפן אין זיין אייגענעם געדאַנק און זיך גרונטעוועןֿ אין זיין אייגן האַרץ. און איידער ער פלעגט אויס אַן אידייע — איז עס שוין ביים עולם... ער גיט זי אויס פאַר דער צייט.

משה איז דאָך זיכער געווען אַ פאָלקס־פירער, איז ער אויך אַוועק אויף גאַנצע פערציק טעג און האָט זיך מתבודד געווען ערגעץ אויף אַ באַרג. צייטלין קען ניט אַוועק אַפילו אויף פערציק שעה. איז וואָס איז די צרה? די צרה איז, וואָס ער מוז, נעבעך, זיך צעפּיצלען, צעברעקלען, זיך צופּאַסן צום צייטונג־לייענער.

און אין דעם אייגנטלעך טוט צייטלין נאָך די חסידים. וואָס איז די

---

*) מדרש רות החדש הנקרא מדרש הנעלם, פרשה א׳, דף ח׳ עמוד ב, וואַרשע, תרכ״ח.

**) הלל צייטלין, „געזאַנגען צום אין־סוף״, ז. 70, וואַרשע, 1931.

***) מאיר בן גבאי, „עבודת הקודש״, פרק ס״ב, צום סוף קאַפּיטל, לעמבערג, 1848.

גאַנצע חסידות? עס איז אַ פּאָפּולאַריזאַציע פון יידישער קבלה. יידישע מיסטיק איז ניט געשאַפן געוואָרן ניט פון בעל־שם־טוב און ניט פון זיינע תלמידים. זיי האָבן עס מער ניט ווי פּאָפּולאַריזירט, געבראַכט צום ברייטן עולם און, נאַטירלעך, האָבן זיי די יידישע קבלה אַ היפּש ביסל פּאַרוואָסערט. דאָס איז געווען אַן אַדאַפּטאַציע צום ניט־ראַפינירטן געשמאַק און צו דער ניט־געשליפענער השגה פון המון עם.

מעגלעך, אַז אַט די שאַרפע אָנמערקונג וועגן חסידות, וואָס איך האָב געמאַכט פאַרבייגייענדיק, איז דיקטירט פון דעם מתנגד און ליטוואַק וואָס אין מיר. מיר דוכט אָבער פאַרט, אַז דאָס איז דער אָביעקטיווער היס־טאָרישער אמת.

3.

צייטלין איז אַן אינדיווידואַליסט, וועלכער איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ סאָציאַלן קעסלגרוב. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען מיט די מאַסן, ער האָט זיך ניט אידענטיפיצירט מיט די ראַדיקאַלע באַוועגונגען פון זיין צייט. אָבער בלייבן איינער אַליין, אין איינזאַמער שטאָלצקייט און אָפּגעזונדערטקייט — האָט ער ניט געקענט. און ער האָט זיך געריסן צום פאָלק, אים צו דערנענען, אים צו פירן. און דאָס — זיין צעריסן זיין אויף צווייען צווישן זיך און דעם המון, וועלכן ער האָט אגב ניט שטאַרק האָלט — שאַפט אין אים אַן אומגעווײנלעכע אומרואיקייט, אַ צערודערטקייט, אַ שטענדיקע אומצופרידנקייט. ער קען זיך אָבער ניט העלפן: ער מוז זיין אי דאָ, אי דאָרטן...

„ווען איך זינק אין טיפע אָפּגרונטן, און ווען איך פלי אין הויכע הימלען; ווען איך זע די פינצטערע לײדנדיקע ערד, און ווען איך זע די ליכטיקע צוקונפטס־וועלט; ווען איך בין אַריינגעטאָן אין דער איינפאַכערווירקלעכקייט, און ווען איך שוועב אין די הויכע, הויכע פאָעטישע טרוימען. ווען איך האָב פאַר זיך נאָר איינצלנע דערשיינונגען, איינצלנע פאַקטן, און ווען איך בין פאַרזונקען אין אַבסטראַקטע אַלגעמיינע זאַכן; ווען איך זע די שטערבלעכקייט, און ווען איך זע די אומשטערבלעכקייט — קיינמאָל, קיינמאָל קען איך ניט פאַרגעסן דעם קאָנקרעטן מענטשן מיט זיינע קאָנ־קרעטע ליידן. איך קען עס נאָר אויף אַ ווײלע פאַרגעסן. די ווײלע דויערט אָבער ניט לאַנג. איך וויל מיר פאַרגעסן, ער, דער מענטש, קומט אָבער און דערמאָנט מיך...״ *)

*) הלל צייטלין, שריפטן, „צווייערליי וועלט־שמערצן״, ז. 102, וואַרשע, 1912.

אין דעם ליגט דער שליסל צום פאַרשטיין פון צייטלינס פיל־סטרוניק, אָבער צאַפּלדיק, האַרץ. ער איז אַ פאָלקס־מענטש, ער איז אָבער פאָרט ניט קיין גאַנצער פאָלקס־מענטש. דערפאַר מוז ער אַזויפיל מאָל אונטער־שטרייכן דעם „אהבת ישראל", ווייל טיף אין האַרצן האָט ער ניט ליב דעם מגושמדיקן וואָכעדיקן יידן. ער טאָר אים אָבער ניט פיינט האָבן — און ער בלוטיקט. און די בלוט־צייכנס נעמט ער אָן פאַר ליבשאַפט־סימנים.

צייטלין האָט ניט קיין צייט צו פאַרטיפן זיינע געדאַנקען. ער איז צופיל פּובליציסט דערפאַר. ער איז אָבער צופיל קאָפּ־מענטש זיך ניט צו אינטערעסירן מיט פּראָבלעמען, וועלכע שטייען העכער פון טאָג. ער איז צופיל למדן ניט צו פּרובירן אויסקריסטאַליזירן אַ סיסטעם וועגן יידישקייט, ער איז צופיל געפיל־מענטש ניט צו פאַרזוכן אויסצוטרוימען אויסלייזונגס־וויזיעס. ער איז אָבער צופיל פאַרעוסקט מיט טאָג־ענינים, ער זאָל קענען זען קלאָר די צוקונפט. ער איז צופיל אַבזאָרבירט אין די פלאַכקייטן פון די עניני־דיומא, ער זאָל קענען אויפריכטן אַ גראַנדיעזן יידיש־טעאָרעטישן בנין. און ער מוז זיך לאָזן אויף די ליניעס פון קלענערן ווידערשטאַנד. ער קלאַפּט־אויף סוכות, סיי אינטעלעקטועלע און סיי עמאָציאָנעלע.

4.

„הייליק דיין שבת.

„שבת איז ניט סתם אַ מצווה, נאָר אַ יסוד־היסודות. ווער עס פאַר־שוועכט דעם שבת פאַרשוועכט חלילה דעם אלקי ישראל. ווער עס האָט ניט קיין שבת, איז גלייך ווי ער דינט עבודה־זרה. פאַראייניקט זיך מיט דער קדושה פון שבת און דורך איר — מיט הקדוש ברוך הוא..." *)

צייטלין נעמט דעם שאָלעכץ פון שבת, ניט דעם תוך. צייטלין מיסטי־פיצירט דעם שבת, בשעת ער דאַרף סאָציאַליזירט ווערן. מיט אַנדערע ווערטער, וואָס איז די כוונה פון שבת לויטן חומש, לויט די צען געבאָטן פון משהן, ניט די פערצן געבאָטן פון הלל צייטלין? אָט איז דער טעקסט, וועלכער איז געווען דייטלעך.

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן דיין גאַנצע אַרבעט, דער זיבעטער טאָג איז שבת... דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט, ניט דו, ניט דיין זון און דיין טאָכטער און דיין שקלאַף און דיין דינסט און דיין אָקס און דיין אייזל

*) הלל צייטלין, די תבה, געבאָטן פאַר יעדן עכטן אָנהענגער פון „יבנה", ז. 12, וואַרשע, 1924.

און דיין פּי און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן, כדי עס זאָל רוען דיין שקלאַף און דיין דינסט ווי דו. און דו זאָלסט געדענקען, אַז דו ביסט געווען אַ שקלאַף אין לאַנד מצרים.״ *)

דער טעקסט איז קלאָר, ווי קרישטאָל. עס האַנדלט זיך וועגן רו פאַר די וואָס פּראַצעווען. און פון דעם שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון חומש, ווער האָט אויפגעטאָן מער פאַר שבת, פאַרן אמתן שבת, צי די וואָס האָבן געקעמפט פאַר קירצן די שעהן פון אַרבעט, און קירצן די טעג פון אַרבעט, אָדער די וואָס רעדן וועגן שבת אָדער זינגען זמירות און זיינען מקבל די כלה, די פּרינצעסין שבת?! און ווער קעמפט פאַרן יום שכולו שבת, פאַר קירצן די טעג פון אַרבעט אין דער וואָך און רעדוצירן זיי צום מינימום, אויב ניט די ראַדיקאַלע וועלט. וואָס איז וויכטיקער — די פאָרמע פון שבת אָדער דער תוך פון שבת?!

אָבער שבת איז דאָך געוואָרן אַ טראַדיציע! יאָ, אָבער ווען שבת איז איינגעפירט געוואָרן איז דאָך עס דעמאָלט נאָך קיין טראַדיציע ניט געווען, נאָר מ׳האָט געקעמפט דערפאַר. ווי זאָגט לאַמב? „אַלטערטום איז דאָך ניט אייביק אַלט געווען, אַמאָל איז דאָך עס געווען בלויז מאָדערן.״ **)

און פון דעם זעלביקן חסרון, פון אַנהאַלטן אַ פאָרם און אויפגעבן דעם אינהאַלט, ליידט אויך ציימלינס אויסלייזונגס־קאָנצעפּציע.

„משיח בן דוד! צערייס מיט געוואַלד די קייטן, מיט וועלכע דיינע הענט זיינען געבונדן, גורט אָן דיינע לענדן, שטיי אויף מיטן אַלמעכטיקסטן כוח און — העלף אונדז!״ ***)

„שטיי אויף, דו מלך המשיח, און בעט דיין האַר... געדענק־זשע, אַ דוד מיין פאָטער, צי אַרויס ישראל דיין זון...״ ****)

דער דינאַסטיע־געדאַנק איז אַפילו מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געווען שעדלעך. דאָס איז געווען די גרוב, אין וועלכער דער קריסטנטום איז אַריינגעפאַלן און געהאַט זיין מפּלה... דער געדאַנק פון אַ „געזאַלבטן קעניג״ האָט זיך מיט אַ לייכטן געוויסן געלאָזט פירן צו אַ פאַראייניקונג מיט דער רוימישער אימפּעריע, און דערנאָך איז פון דעם אַרויסגעוואַקסן דער שוידערלעכער אַנשטאַלט פון פּויפּסטום.

מיר געפעלט אַ סך בעסער די מימרא פון ר׳ הללן (וועלכע געפינט זיך

---

*) דברים ה׳, י״ב—י״ד.

**) Lamb, "Essays of Elia," "Oxford in Vacation," p. 14.

***) הלל ציימלין, „געזאַנגען צום אין־סוף״, ז. 83, וואַרשע, 1931.

****) דאָרטן, ז. 62.

אין גמרא סנהדרין, צ״ט): „אין להם משיח לישראל, שכבר אכלוהו בימי חזקיה״ (יידן האָבן ניט קיין משיח, ווייל מ׳האָט אים שוין לאַנג אויפגעגעסן אין די טעג פון חזקיה מלך יהודה). דאָס מיינט, אַז די דינאַסטיע־אידייע איז שוין לאַנג אויסגעשפּילט...

ווייטער, אַ משיח וואָלט פאָדערן אַ משיחטע...

„מיר דערוואַרטן דאָס קומען פון אַ פרוי, אַ משיחטע פון איר געשלעכט, וועלכע וועט דאַרפן ראַטעווען די וועלט פון פּראָסטיטוציע . . . פון דער משיחטע בין איך דער פאַראויסלויפער...״ *)

אָט־די באַגריפן זיינען צו פאַרווירט אַז אַ מאָדערנער ייד זאָל זיי קענען באמת אויסנוצן, סיידן מ׳נעמט עס אינגאַנצן אַבסטראַקט ווי אַן אידייע פון דער אויסלייזונג פון דער מענטשהייט און פון די יידן, פון דער לייזונג פון דער סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און אינדיווידועלער פראַגע.

* * *

מיט די עטלעכע באַמערקונגען האָב איך ניט בדעה צו פאַרקלענערן צייטלינס באַדייטונג אַלס גלענצנדיקן שריפטשטעלער און דענקער.

ניט יעדער איז אַ גוטער מאַטראָס וואָס האָט מורא פאַרן ים און האַלט זיך אין איין פּליושקען אין קאַלוזשעס, נאָר יענער וואָס לאָזט זיך איבער די גרויסע ימען און שרעקט זיך ניט פאַר די שטורעמס און אַפילו ניט פאַר אַ שיפסברוך.

צייטלין האָט אונטערגענומען די ריזיקאַלע נסיעה אָן אַ קאָמפּאַס... ער האָט פאַרזוכט צו פאָרמולירן איבערדאָסניי דאָס וואָס מ׳רופט געווייינטלעך „יידישקייט״. און דער עקספּערימענט אַליין איז אַ גרויסער אויפטו.

„נעם מיך אַריין, פאָטער מיינער, אין דיינע פּאַלאַצן, דען איך בין דאָך דיין פאַרבלאָנדזשעט קינד.״ **)

דער יידישער געדאַנק וועט צייטלינען, זיכער, אַריינעמען אין זיין ליכטיקן פּאַלאַץ און אים געבן אַן אָרט טאָקע אויבנאָן, ביי דער מזרח־וואַנט.

„צוקונפט״, יאַנואַר, 1937.

---

*) ווערק פון סען סימאָן און פון ענפאַנטין, באַנד 8, ז. 54, אין פראַנצויזיש.

**) הלל צייטלין, „געזאַנגען צום אין־סוף״, ז. 68.

דר. אברהם קאַראַלניק

א

דער טויט איז איינע פון די ווייניקע דערשיינונגען, וועלכע — הגם זיי האַלטן כסדר אין ווידערהאַלן זיך, פּאַסירן אַזוי אָפט, יעדע שעה, יעדע רגע — איבערראַשן אונדז, רודערן אונדז אויף ביז צו די סאַמע טיפסטע טיפעניש פון דער נשמה, זיינען אַלע מאָל אַן אומדערוואַרטעניש. כאָטש מיר אַלע ווייסן און פילן, מיט אַלע פיבערן פון קערפּער און נשמה, אַז מיר גייען דאָ אַרום אויף דעם הויף פון דער געפענגעניש — וועלכע טראָגט דעם מילדן נאָמען „וועלט" — פאַרמשפּטע, מיט אַ פסק־דין, וואָס איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן, אונטערגעחתמעט געוואָרן, און ניט היינט מאָרגן, אָדער גלייך אין דער אותו־רגע אָדער אפשר גאָר איבערמאָרגן, וועט דער הענקער, דער מלאך־המות, אויספירן דעם ווערדיקט איבער דעם אָדער יענעם; כאָטש מיר ווייסן עס אַזוי גוט, פונדעסטוועגן מאַכן מיר זיך פּסיכאָלאָגיש פון דעם ניט־וויסנדיק. און ווען מיר דערזעען ווי איינעם פון אונדז גיט דער קאָסמישער „זשאַנדאַר" אַ כאַפּ אָן און אַ טראָג אַוועק פון דער אַלגעמיינער קאַמערע אַהין פון וואַנעט ער קערט זיך נישט אום — בלייבן מיר שטיין ווי געפּלעפטע, דונער־דערשלאָגענע, דערשיטערטע. און אַ ווייטיק־געשריי, אַ יללה און אַן אַנטריסטונג רייסט זיך אַרויס פון אונדזער אינערלעכן מהות: סטייטש! ווי קען גאָר אַזעלכעס, אַזאַ נידערטרעכטיקייט, אַזאַ אָפּשיילעכקייט פּאַסירן אין מיטן געלאָף און גערויש פון טאָג־טעגלעכן לעבן! מיר רעוואָלטירן קעגן דער אָנרחמנותדיקער טיראַניי. און בשעת־מעשה ווייסן מיר גאַנץ גוט, אַז מיר זיינען אַזעלכע נעבעכן, אַזוי הילפלאָז און שוצלאָז, אַז נישט נאָר פּראָטעסטירן, געוואַלדעווען, אַפילו מורמלען, מתרעם זיין זיך ווי געהעריק זיינען מיר נישט בכוח.

דער מענטש, ווי קולטורעל און ווי פּרימיטיוו ער זאָל נישט זיין, וועט קיינמאָל שלום נישט מאַכן מיט דעם געדאַנק און אַקציע פון טויט. דער מענטש וועט, פּסיכאָלאָגיש־אינטואיטיוו, קיינמאָל נישט באַטראַכטן דאָס נפטר־ווערן, אַלס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. און דער ייד, אין זיין האַרצן, אין זיין געפיל, וועט אַלע מאָל טענהן, אַז אָט די פינאַלע קאַטאַסטראָפע איז

אַ שטראָף פֿאַר אַ זינד. דער ייד וועט בשום אופֿן נישט אָננעמען דעם טויט פֿאַר אַ מוז־זאַך, וועלכע פֿליסט אַרויס פֿון סאַמען מהות פֿון דעם סך־הכּל פֿון פֿענאָמענען, וועלכער הייסט לעבן. דער ייד, אין די במסתּרים פֿון זיין באַוואוסטזיין, וועט ניט אָנדערקענען דעם יום־המוות פֿאַר אַ מיאוסן סוף פֿון אַ מיאוסער קאָמעדיע, נאָר פֿאַר אַן עונש, אַן עקזעקוציע, אַ היגריכטונג, וועלכע וועט מיט דער צייט אָפּגעשאַפֿט ווערן...

ב

אברהם קאַראַלניק איז געבוירן געוואָרן אין אומאַן, קיעווער גובערניע, אין יאָר 1883, אָקטאָבער דעם 16טן. זיין פֿאָטער, דוד קאַראַלניק, איז געווען און איז (ער וואוינט אין ארץ־ישראל) אַ ייד, אַ בן־תּורה, דערצו אַ משׂכּיל. ער איז געווען אַ סוחר, וועלכער האָט אָבער געהאַנדלט ניט מיט תּורה, וועלכע איז די בעסטע, אָבער ניט די גאַנגבאַרסטע, סחורה, נאָר מיט קרעלן. און דערפֿאַר האָט די משפּחה, איך בין משער, געטראָגן דעם נאָמען קאַ־ראַלניק. ד. ה. איינער וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט קאַראַלן.

קאַראַלן, אָדער קרעלן, ווי אַלע פֿאַרשטייען, איז נישט קיין זאַך פֿון נוץ, נאָר פֿון פּוץ. דאָס איז אַ צירונג. און אָט די באַשעפֿטיקונג, איך שטעל מיר פֿאָר, פֿון אַ פּאָר דורות אין דער פֿאַמיליע, האָט זיך אַריינגעשריבן אין דער נשמה־קאָנסטיטוציע, אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פֿון אברהמען. ער האָט געשפּירט בחוש, אַז צירונג, באַפּוצונג, דעקאָראַציע — שנירלעך פֿון פּערל אָדער פֿון קרעלן געמאַכט פֿון ווערטער, געדאַנקען אָדער פֿון אַ מער חומר־דיקן שטאָף — איז אַזוי טייער און נוצלעך פֿאַר דער ווייבערשער נשמה — און יעדע נשמה איז די אייביקע ווייבלעכקייט — אַז אַפֿילו נוצלעך דאַרף עס אויך ניט זיין...

אברהם האָט געקראָגן אַ גרינטלעך־יידישע דערציאונג ביי זיך אין דער היים, אין פֿאָטערס הויז. און ער האָט זיך טאַקע אויסגעצייכנט מיט זיין פֿלינקער תּפֿיסה, שאַרפֿן קאָפּ און שטאַרקן זכּרון אַזוי, אַז ער האָט באַלד געשמט פֿאַר אַן עילוי.

ווי געזאָגט, איז זיין פֿאָטער געווען אַן אויפֿגעקלערטער, און ער האָט געשיקט זיין זון אין די גימנאַזיעס פֿון בראָד און זשיטאָמיר. דערנאָך איז אברהם אַוועק שטודירן אין קיעוו אין אוניווערסיטעט. שפּעטער־צו האָט ער געלערנט אין פֿלאָרענץ, בערלין, באַזן און ווין, וואו ער האָט אין 1908

געקראָגן זיין דאָקטאָראַט. עס איז ווערט צו באַצייכענען, אַז זיין דיסערטאַציע איז געווען וועגן דער סקעפּטישער שולע אין פילאָסאָפיע.

אברהם קאָראַלניק האָט געקראָגן זיין בילדונג אָן אַ האַרטן, פאַרביטערטן, אינערלעכן און אויסערלעכן קאַמף. דער גורל האָט אים געשאַנעוועט, און זיין טאַטע איז ניט געווען, ווי ס׳רוב טאַטעס פון יענעם דור, קיין פאַנאַטיק. און אברהמען איז ניט אויסגעקומען אָנצופאַנגען פירן אַ „הייליקן קריג״ קעגן אָבסקוראַנטיזם גלייך פון דער צאַרטער יוגנט אָן, ווי דער פאַל איז געווען מיט דער מערהייט פון יידישע געלערנטע און שריפטשטעלער אין רוסלאַנד. אברהם האָט כמעט קיין חלק נישט געהאַט אין געראַנגל פון די „טאַטעס און זין״. ער איז געשטאַנען ווי מחוץ פון דעם גענעראַציע־געפעכט. עקאָנאָמיש איז ער אויך געווען אויסערהאַלב דעם תחום פון קלאַסן־קאַמף, פון דחקות און נויט. ער האָט נישט געהערט צו די „בני־עניים״. און זיין מערכה, זייענדיק צו גוט צו אים, איז געווען, אין אַ געוויסן פרט, שלעכט. זי האָט אים נישט־ווילנדיק באַרויבט פון דער גאָלדענער געלעגנהייט מקיים צו זיין דעם גרויסן שפּרוך פון אונדזערע גרויסע טאַטעס: „ברויט מיט זאַלץ וועסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס וועסטו טרינקען, און אין דער תורה וועסטו פראַצעווען.״ ער איז געווען ווייט פון דער הונגער־ליניע, און ער האָט נישט געהאָרעוועט לערנענדיק די תורה פשוט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אומגעווייינלעך־גוטע פייאיקייטן. און מחמת דעם האָט ער אויך נאָכדעם נישט געקענט פילן דעם זיסן טעם פון סוף זאַץ — „אשריך וטוב לך״ — די סאַטיספאַקציע, וועלכע קומט מיטן געפיל פון מאַטערניש, אָנשטרענג און זיג איז אים געווען פרעמד. זיינע קענטעניש, זיין ברייט וויסן סיי אין יידישע לימודים, און סיי אין ניט־יידישע, איז ביי אים נישט געווען אָנגעלייגט. ער האָט עס נישט געקענט טייער האַלטן, ווי אַ קאָסטבאַרקייט. מחמת ער האָט עס דערוואָרבן צו גרינג, הן אידעאָלאָגיש, הן עקאָנאָמיש און הן אינטעלעקטועל. ער איז געווען צו־מזלדיק, און דאָס איז אַמאָל ערגער פון אַ שלים־מזל. זיין גייסטיקער קערפּער איז אַרויס אָן פאַרהיילטע וואונדן, זיין גייסטיקער פנים איז געווען אָן פאַרצויגענע פאַרוואָקסענע שראַמען. אים האָט געפעלט דער „ריס אין האַרצן״, דער „קרע שבלב״, וועלכער האָט געשאָנקען אימפּעט און איינספּיראַציע צו אַזוי פיל יידישע דענקער און קעמפער, געדאַנקען־שמידער און וואָרט־שלייפער. קיינע שטורעמס האָבן זיך ניט אַריבערגעטראָגן איבער זיין קאָפּ. דערפאַר האָט זיין עץ־הדעת נישט געקענט פאַרמאָגן טיפע וואָרצלען, זיינע איבערצייגונגען זיינען נישט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, נישט

געליטערט געוואָרן אין פייער פון נסיונות. און ביימער, וועלכע ראַנגלען זיך נישט מיט שווערע כמאַרעס, מיט ווילדע געוויטערס, קענען נישט האָבן קיין טיפע וואָרצלען, קיין פעסטן אָנהאַלט און אַריינוואַקס אין באָדן און אונטערבאָדן. און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דער יונגער דר. קאָראַלניק איז געפאַנגען געוואָרן פון דער שיינקייט, וועלכע הייסט צווייפל. ער האָט זיך, ווילּיק און מיט גוסט, פאַרפּלאָנטערט אין די קרייזלעך פון דער יפה־פיה, מיס סקעפּסיס. און די ערשטע ליידנשאַפט און ליבע האָט ער נישט געקענט גובר־זיין דורך זיין גאַנצן קורצן לעבן. ער איז געווען אין דער בחינה פון „מלך אסור ברהטים", לויט דעם אויסטייטש פון „תניא", אַ קעניג געפאַנגען אין די לאָקן פון מחשבה, פון סקעפּטיציזם...

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין דייטש אין יאָר 1903, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „די וועלט", אַ שריפט געגרינדעט פון דר. הערצל. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער „צייט", „אָסט און וועסט". אַ ביסל שפּעטער איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער וויכטיקער ליבעראַלער רוסישער צייטונג „ריעטש", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון רוים, בערלין און קאָפּענהאַגען.

דר. אברהם קאָראַלניק איז געווען אַ פּאָליגלאָט. ער האָט געקענט אַ גאַנצן מנין, און אפשר טאָקע אַ גאַנצן טוץ, שפּראַכן.

אין 1915, בשעת דעם וועלט־קריג, איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „טאָג". און ער האָט ערשט דעמאָלט, אין אַן עלטער פון איבער דרייסיק יאָר, אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש. קענענדיק גרינטלעך דייטש, העברייאיש און רוסיש און נאָך אַנדערע לשונות און, איבערהויפּט, זייענדיק אויפגעהאָדעוועט אין אַ יידיש הויז, אין תחום וואו יידיש איז געווען די אומגאַנגס־שפּראַך — איז אים דאָס יידיש־שרייבן אָנגעקומען נישט גאָר גרינג, נאָר ער האָט אין איר אַרויסגעוויזן אַ מייסטער־שאַפט פון אויסדרוק גלייך פון די ערשטע טריט פון זיין פען. אין יידיש האָבן געקראָגן אַ תיקון אַלע נשמות פון די פרעמדע שפּראַכן, וועלכע ער האָט שטודירט און באַהערשט. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917 איז ער געפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ער איז נישט געווען איינגעוואָרצלט אין יידיש־אַמעריקאַנעם לעבן און די באַפרייטע רוסלאַנד האָט אים אַ רוף געטאָן, אַ צופּ געטאָן פאַרן הארצן, און ער איז אַוועק אַהין, וואו פליגלדיקע האָפע־נונגען און רייכע דערוואַרטונגען האָבן צו אים געוואונקען און געמאַניעט.

ער האָט זיך באַטייליקט אין די רוסישע צייטשריפטן אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע און קיעוו. אָבער די אומגעהויער־גרויסע קאַטאַקליזם־געשעענישן, וועלכע האָבן פּאַסירט אין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן געמאַכט פאַר אים דאָס פאַרבלייבן דאָרטן אוממעגלעך. זינט 1920 געפינט מען אים ווידער אין אַמעריקע, אַלס שטענדיקן מיטאַרבעטער און מיט־רעדאַקטאָר פון „טאָג". ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער „צוקונפט". אַ טייל פון זיינע עסייען זיינען אַרויס אין אַ בוך־פאָרם, אין וואַרשע, אין יאָר 1928. בסך־הכל פינף ביכער. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ פּאָר מאמרים אין העברייאיש. אַלס באַוועגונגס־מענטש האָט ער זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער אַרבעט, צו וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן ביז גאָר. ער האָט אָנגעהויבן אַלס ציוניסט און ער האָט פאַרענדיקט זיין איבער־געריסענע קאַריערע אַלס אַזעלכער. אין דער הינזיכט איז ער געווען אויס־געהאַלטן אויף דעם שטרענגסטן אופן. ער איז אַלע מאָל געבליבן געטריי זיין עצם־מהות פון אַ נאַציאָנאַלן יידן פון דער ציוניסטישער געזינונג. דער לעצטער אַרטיקל, וועלכער איז אַרויס פון זיין פּען, איז געווען געווידמעט דער דעבאַטע מכוח דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל. געברויכנדיק די אַלטע פאָרמולע אין אַן איבערפראַזירונג, האָט מען געקענט זאָגן, אַז זיין נשמה האָט זיך אויסגעהויכט מיטן וואָרט „ציון" (יצאה נשמתו „בציון"), אַנשטאָט דעם אַלטערטימלעכן „אחד".

ג

קאַראַלניקס סטיל. „דער סטיל איז דער מענטש" — דאָס איז אַן אָנ־געגומענער שפּרוך. קאַראַלניקס יידיש פאַרמאָגט רייץ און גראַציע, כמעט צויבער; יעדנפאַלס, אַן אייגנאַרטיקן חן. אַנאַליזירן עס און אָנדייטן מיטן פינגער אויף די אייגנשאַפטן, וועלכע זיין יידיש־לשון האָט אַנטהאַלטן און וועלכע האָבן גורם געווען דערצו, אַז ער זאָל ווערן אַזוי באַליבט ביי דעם אינטעליגענטערן לייענער פון דער יידישער פּעריאָדישער ליטעראַטור — איז גאַנץ שווערלעך. עס איז זייער מעגלעך, אַז זיינע חסרונות זיינען געוואָרן זיינע מעלות. ער האָט אַזוי געשיקט מאַניפּולירט זיינע נעגאַטיוון, אַז זיי זיינען געוואָרן פּאָזיטיוון. און וואָס איז דער חידוש! לויט דער יידישער אַלכעמיע ווערן דאָך עבירות פאַרוואַנדלט אין מצוות. מיר דוכט, אַז דעם גלאַנץ און שימערירונג פון זיין לשון דאַרף מען זוכן און מ׳קען געפינען אין דעם אומשטאַנד, וואָס ער איז נישט געווען אַ דורכאויס־יידישער שרייבער.

דערפאַר איז ער נישט בכשל געוואָרן אין דער זינד פון דעם פילאָלאָגישן פאַכמאַן, וועלכער, צוליב דער איינגעגלויבטקייט אין זיינע שפּראַך־קענטענישן, גראָבט צופיל אין דער טיף און רייסט זיך צופיל אין דער הויך, פאַרנעמט זיך מיט אידיאָמאַטישע אויסגראָבונגען און ווערטער־אויספורעמונגען, אויפטואונגען, וועלכע בלייבן אַלע מאָל פרעמד און אומאָפּגעשאַצט פון לייענער, ווען די שפּראַך אַלס אַזעלכע אינטערעסירט גאַנץ ווייניק, און ווערן בלויז טייער־געהאַלטן פון די גרויסע מבינים אויף לשון, פון פוריסטן, שפּראַך־שאַפער און רעפאָרמער. קאָראַלניק איז געווען אינגאַנצן פריי פון אָט־די חסרונות. דערצו דאַרף מען צוגעבן נאָך אַן אומשטאַנד, וועלכער איז כמעט דאָס אייגענע, וואָס דער ערשטער. יידיש ביי קאָראַלניקן איז געווען אַ מין „יום־טוב“־מלבוש. אמת, דער „יום־טוב“ איז אפשר געווען אַ מין „תשעה־באב“, אַ חורבן־יום־טוב, אַ מין „קרא ה׳ מועד לשבור בחורי“... אָבער פאָרט נישט קיין „חול“, נאָר אַ „מועד“. יידיש איז ביי אים נישט געווען קיין זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך, און דעריבער האָט זי ביי אים נישט געקאָנט ווערן וואָכעדיק. מ׳קען כמעט ווי זאָגן, אַז יידיש איז ביי אים געווען אַ „פאַרהאַסטע געליבטע“ — אויב מ׳מעג זיך דערלויבן אַזאַ פאַראַדאָקסאַלע צונויפפאָרונג פון ווערטער — אָבער פאָרט נישט קיין געזעצלעכע ווייב, פון וועלכער מ׳נעמט וואָס עס קומט על־פּי־דין, אָן קיינע צערעמעאָניעס און הכנות, אויף דעם תלמודישן לשון: מ׳בינדט זי און מ׳לייגט זי אַוועק פאַרן לייב... ביי קאָראַלניקן איז די יידישע שפּראַך געווען אַ פרויענצימער, פון וועלכער ער האָט געדאַרפט בעטן אַלס אַ לאַסקע, אַלס אַ טובה, אַ באַפרידיקונג, ווען עס האָט אים אָנגעשפּאַרט די געלוסטונג פון אויסדריקן־זיך. דערפאַר האָט ער יידיש געגלעט, געלאַסטשעט מער ווי דער געוויינלעכער יידישער שרייבער טוט. ער האָט מיט יידיש נישט געלעבט אין חופּה וקידושין, דערפאַר האָט ער זיך אויך נישט פאַרשאַפט מיט אַ פולער שטוב פון קינדער, זרע של קיימא. ער האָט אָפט געטראַכט, אַז ער וואָלט אפשר וועלן פּטור ווערן פון דער „פאַרבינדונג“. אָבער כל־זמן זיי זיינעןביידע געווען אונטער איין דאַך פון געדאַנק, אין יחוד, האָט ער נישט געהאַט די פרעכע באַנאַלע באַציאונג פון אַ מאַן... און דאָס האָט געשאַפן דעם ווייניקן טעם, וואָס דער זאַפט פון זיין יידיש האָט פאַרמאָגט. יידיש איז געבליבן פאַר אים אַלע מאָל ניי, ער האָט די „פאַרבינדונג“ קולטיווירט, הגם, אפשר, אַ ביסל נישט־ווילנדיק און קוקנדיק מיט רחמנות אויף זיך, וואָס ער דאַרף נעבעך מיט איר האָבן צו טאָן, ער, וועלכער האָט געקענט טאָן אַ געהויבענערן שפּראַך־שידוך...

קאַראַלניקס רחבות. זיין היקף האָט אויפגעגעסן זיין צענטער. די ברייטקייט האָט פאַרשלונגען די טיף. מיט זיין בליק און פען האָט ער אַרומ־געררייזט איבער אַלע זיבן ימים און יבשות. ער האָט אויך, אגב, דורכגעשפּאַ־צירט דאָס יידישע וועלטל. ס'איז גענוג אָנצוצייגן די רשימה פון די טעמעס, וועלכע ער האָט באַהאַנדלט. און די דאָזיקע רשימה אַנטהאַלט בלויז אַ קליינעם טייל פון זיינע עסייען, וועלכע זיינען אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין זיינע פינף ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1928. און וואו זיינען זיינע אַרטיקלען געשריבענע נאָך 1928?

אָט איז דער צעטל. סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, קאַנט, פרידריך ניטשע, הערבערט ספּענסער, ווילהעלם וואונדט, פּאולוס, מאַקיאַוועלי, דזשאַרדאַנאָ ברונאָ, מאָליער, דאַנטע, לעאָנאַרדאָ דעווינטשי, בעטהאָווען, וואָלטער, רענאַן, אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָלאַן, אָקטאַוו מירבאָ, ריש, אַרטור מייער, מעטערלינק, ווערהאַרן, מאַנע, דזשאָזעף קאָנראַד, ברוך שפּינאָזאַ, אחד־העם, איינשטיין און מאַרקס, שלום־עליכם, אַנסקי, בעל־מחשבות, דוד פרישמאַן, פרוג, א. רייזען, יהואש, נאָמבערג, טעאָדאָר הערצל, חיים ווייצמאַן, ישראל זאַנגוויל, מ. א. גערשענזאָן און נאָך און נאָך און נאָך. דאָ האָט איר „ספּעציאַ־ליסטן"־פילאָסאָפן, סתם־דענקער, רייכע גייסטער, מוזיקער, נאָוועליסטן, דיכטער, דראַמאַטורגן, מאָלער, פירער פון באַוועגונגען און וועמען ניט. און נאַטירלעך, אַז ער האָט זיך ניט געקענט צופיל פאַרטיפן אין די געדאַנקען און חידושים פון יעדן איינעם פון זיי, ער איז ניט געווען אימשטאַנד זיך אָפּצוגעבן אויף אַ גרינטלעכן אופן מיט יעדן געביט, וועלכן אָט די גרויסע גייסטער פון דער מענטשהייט האָבן באַאַרבעט. יעדן איינעם האָט ער גע־צאָלט שטייער פון אויפמערקזאַמקייט, פון באַזוכונג, זוכונג און אַ קאַפּיטשקע אונטערזוכונג. ער האָט דורכגערייזט דורך זייער מדינה, באַוויזן זיין וויזע און זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין, צו אַ נייער גרענעץ פון פאָרשונג, צו אַ נייעם לאַנד פון קענטעניש. מיט צופיל באַגאַזש קען מען אַזויפיל ניט אַרומ'נסיעה'עווען.

קאַראַלניקס אַנשויאונג. זיין האַרץ איז געווען אין מזרח און זיין פאַר־שטאַנד אין מערב. ער איז געווען עמאָציאָנעל געטאָנט יידיש, אינטעלעקט־טועל איז ער געווען אָנגעשטעלט אייראָפּייאיש, וואָס מיינט, אייגנטלעך, העלעניסטיש. ווייל אייראָפּע, אויסגעטייטשט אַלס אַ קולטור־טערמין, איז אַ ציינזן־צאָלעריך, אַ מס־עובד, צו אַטהען. דאָס האַרץ און קאָפּ האָבן נישט געהויזט. אָבער זיך אויך נישט אַרומגעריסן. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ האַרץ — אַ האַרץ און אַ קאָפּ — אַ קאָפּ. אַ סינטעז פון זיין יידישן געפיל און

גריכישן באַנעם האָט ער נישט געשאַפן. דאָס איז נישט קיין לייכטע אויפֿ־גאַבע. זייער ווייניקע האָבן עס פאַרזוכט צו טאָן. און בלויז איינציקע יחידים האָט אַמאָל אָפּגעגאָלטן דעם סינטעז צו שאַפן. בכלל, איז קאַראַלניק נישט געווען געקנאָטן פון דעם טייג פון וועלכן קעמפער, קריגער — נישט בלויז סאַרקאַסטן, אַריינזאָגער און בייסער — ווערן געמאַכט. ער איז געווען אַ פּאַציפיסט אינערלעך אפשר מער ווי אויסערלעך. ער האָט אויפגענומען זיינע „אינעוויניקסטע שטירדעס", די דעבאַטן אין זיין גייסטיקן פּאַרלאַמענט צווישן דעם העברייער און העלענער, גוטמוטיק, מיט אַ שמייכל. ער האָט זיך צוגעהערט צוביידנס טענות, און קיינעם פון זיי געהרעכט נישט געגעבן.

דר. קאַראַלניק איז געווען אַן איראָפּייער, אָבער בלויז מיטן טרוקענעם פאַרשטאַנד. זיין יידיש געפיל האָט זיך בשום אופן נישט אונטערגעגעבן, עס האָט זיך געבאַרעט. און צווי תהומים זיינען אין אים אַנטשטאַנען, און מחיצות זיינען אויפגעריכט געוואָרן. און די צוויי אייביקע אַנטאַגאַניסטן, דער ייד און דער העלענער, האָבן זיך געוואוינט אין דעם צעטיילטן ארץ־ישראל פון דר. קאַראַלניקס פסיכישער געאָגראַפיע. איבער די וועגטלעך פלעגן זיי אַריבערשרייען איינער צום אַנדערן נישט קיין זלזולים, חס־ושלום, נאָר גאַנץ אָפט האַרבע דיבורים. זיי האָבן אַנגעהאַלטן זייער ווערטער־געפעכט. ער האָט געגלויבט טיף האַרציק. דער העלענער אין אים האָט אים אָבער געשטערט זיך צו פאַרטיפן אין דער אַבסאָלוטער אמונה שלימה פון יידישן יידן, אין דעם אומגעטיילטן, פולמאַסיקן גלויבן, אָן צווייפלעניש און אָן קווענקלעניש, אין דעם ענדגילטיקן און אַנטשיידענעם נצחון פון יושר און צדק — דאָס הייסט פון יידישקייט. ער האָט געצווייפלט, ער האָט גייסטיק געכאַפּט אונטער־ניהיליזירן מיט זיין העלעניזירטן פאַרשטאַנד. אָבער דער ייד אין זיין לפני ולפנים פלעגט אים אַנעמען ביי דער האַנט און שלעפּן צו זיך, וועלן אים מצרף זיין צו אַ מנין אין מיטן אַ קאַלטן דיאַלאָג מכח סקעפּטיציזם. און אַט די יעקב־און־עשוס ויתרוצצוס אין זיין מוטער־טראַכט פון טראַכטן האָבן געשאַפן די אויסטערלישקייט פון זיין שרייבן. דער מילדער צוזאַמענשטויס האָט צוגעצויגן דעם לייענער, וועלכער, ווי אַ צוהערער, האָט האַלט אַ דעבאַטע, אַ מחלוקת. ער האָט אים אָבער נישט געקענט האַלטן צוגעבונדן, ער האָט נישט געוואוסט וואו זיך צו האַלטן און צו וואָס זיך צוצובינדן. און פון די טיפעניש פון קאַראַלניקס נשמה איז אַרויסגעשוואומען, ווי אַ בת־קולשער אַנזאָג, דער נאָמען פאַר זיינע צוויי בענדער „ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן", כמעט אַז אַלע זיינע עסייען, סיי די וואָס גייען אַריין אין „ווידערקלאַנגען" און סיי די, וועלכע גייען

אַריין אין די איבעריקע דריי ביכער, אָדער זיינען געבליבן נאָך נישט קיין אויפגעקליבענע, צעשפרייט איבער די פלאַכן פון די צייטונגען, זיינען פאַר־נאָטירונגען פון אַט די אינערלעכע דיספּוטאַציעס, פון וועלכע עס האָבן זיך דערטראָגן צו אים בלויז ווידערקלאַנגען, עכאָס, אָפּרופענישן פון דעם אייביקן ויכוח, וועלכער ווערט געפירט צווישן דעם ייד און גריך. פון דעם נעמט זיך קאַראַלניקס אומרואיקייט און הוידענען־זיך, וויגן זיך אויף די וואָגשאָלן. און אָט די אומרואיקייט און וואַקלונג, אָט די אינערלעכע יסורים, וועלכע זיינען געווען אָנגענעם און באַליבט, האָבן געוועקט אַ רחמנות־געפיל, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַכטונג, צו דעם דערהויבענעם און ראַפי־נירטן בעל־יסורים ביי אַלע זיינע לייענער, וועלכע זיינען כמעט אַלע געוואָרן זיינע שעצער.

אין זיין גלענצנדיקן עסיי מכח גערשענזאָנען, דעם יידישן דענקער וועגן רוסישע דיכטער, וועלכער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים מקבר זיין איינ־געוויקלט אין אַ טלית, שרייבט דר. קאַראַלניק בזה הלשון:

„דאָס איז דער גורל און דער זין פון דער יידישער געשיכטע: געפינען זיך נאָכדעם, ווי זי האָט זיך פאַרלוירן, צוגיין ביז צום לעצטן אָפּגרונט, דורך אַלע נסיונות — און געלייטערט אויפסניי — צוריקקומען צו זיך. די פייער־פּראָבע! מיר האָבן זי און מיר מוזן געלייטערט ווערן צו גאָלד, אָדער אויסברענען אין אַש.“ *)

אין זיין אַ סך שוואַכערן עסיי וועגן אחד־העמען שרייבט ער:

„ביז דער צייט ווען דאָס יידנטום וועט געפינען זיין ניי וואָרט — אָדער פאַרלוירן ווערן מיט דעם אַלטן.“ **)

דער גייסטיקער קולטורעלער טריאומף פון יידישקייט שטייט ביי אים כלומרשט אונטער דעם דאָפּלטן צייכן פון אַן „ענטוועדער אָדער“. אָבער די פראַגע איז בלויז אַ זשעסט, אָדער בלויז פאַרשטאַנד־דיבורים, אין האַרצן האָט ער געפילט, אַז מיר זיינען פונקט ווי אונדזער עמבלעם, דער ברענענ־דיקער סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרצערט, ווערט קיינמאָל נישט קיין אַש. מחמת אַן יידנטום איז נישט נאָר די יידן קענען קיין תקומה נישט האָבן, נאָר אַפילו די ניט־יידן קענען זיך אָן אונדזער קולטור נישט באַגיין, ווייל מיר האָבן באַשאַפן דעם סם־החיים. און ווען אונדזער גייסט וואָלט זיך אָפּגעטאָן פון דער אייראָפּייאישער וועלט, וואָלט די גאַנצע אייראָפּיי־

*) געזאַמלטע ווערק, ערשטער באַנד, ערשטער טייל, ז"ז 153-156.
**) דאָרטן, ז. 35.

אישע ציוויליזאַציע פאַרשלונגען געוואָרן אין חלל פון אייביקן „ניט".

„דאָס יידנטום האָט פאַרזאָרגט די וועלט מיט סימבאָלן און — גוט אָדער שלעכט — מען קען זיי ניט אויסוואָרצלען, סיידען מען רייסט אויס דעם וואָרצל אַליין — דעם גאָט־באַגריף. און דערנאָך וואָס בלייבט? „נאַטור", אָבער דאָס איז וואָרט פאַר וואָרט, אָדער „מענטש"?" *)

ער ענדיקט ווידער מיט אַ פראַגע־צייכן און דערזאָגט ניט, אָבער ער מיינט, און באַהויפּט, אַז דער יידישער גאָט־באַגריף איז קיין גענץ־גאָט באַגריף, נאָר די השגה פון השלמה, פון פערפעקטירונג, פון פאַרגאַנצונג פון דער פיזישער און פסיכישער וועלט. און אַן יידנטום קען די מענטשלעכע וועלט זיך נישט באַגיין. ווייל דער ייד האָט פאַרזאָרגט די וועלט מיט אַזעלכע וויכטיקע סימבאָלן, וועלכע זיינען רעאַלער פון דער רעאַליטעט און אַן וועלכע די רעאַליטעט קען זיך נישט באַהויפּטן אַלס אַזעלכע, אַלס עפּעס האַרמאָנישעס, סיסטעמאַטישעס און דאָך דינאַמישעס.

קאָראַלניקס שאַפן איז ווי יענע פייגעלע, צוליב וועלכן מ'האָט אַמאָל אַרויסגעטריבן אַ יידישן געלערנטן פון אַ תלמוד־אַקאַדעמיע. עס געפינט זיך אויף דער גרענעץ־ליניע פון דיכטונג און דענקונג. אין די לענדער גייט ער נישט אַריין. ער איז געבליבן שטיין מיט איין פוס אויפן גרענעץ פון פּאָעטישן אויסדרוק און מיטן אַנדערן שטייט ער אויפן גבול פון פילאָסאָפישן אינהאַלט. אָבער ער איז נישט צופרידן מיט זיין פּאָזיציע און ער טרוימט, אַז ער וועט אַריין אין לאַנד און שאַפן אַ קאָמבינאַציע פון די צוויי תחומים. און מעגלעך, אַז ווען ער וואָלט געלעבט ביז צו רייפן עלטער, וואָלט ער פאַר־ווירקלעכט זיין טרוים־אידעאַל. ער זאָגט אויס זיין טיף־איינגעבאַקענעם סוד אין עטלעכע ווערטער, רעדנדיק וועגן ניטשען:

„אָבער ניטשע איז נישט געווען קיין געלערנטער מעלה־גרה, און איז געשטרויכלט געוואָרן, אָוועקגעוואָרפן מיטאַמאָל דעם גאַנצן דייטשן פראָ־פעסאָרן־אַפּאַראַט. נישטאָ קיין ציטאַטן, קיין אַנמערקונגען, קיין פלפול — עס איז אַפילו נישטאָ קיין היסטאָרישער און פילאָלאָגישער אַנאַליז; אַ פּאָעט שטייט פאַר אונדז — אַ פּאָעט, וואָס דענקט, אָדער אַ דענקער, וואָס פאַנטאַזירט." **)

דאָס האָט ער געוואָלט זיין. און אפשר איז ער עס אויך געווען

*) „ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן", ז. 165.

**) געזאַמלטע ווערק, ערשטער באַנד, ערשטער טייל, ז. 41.

פּאָטענציעל. און ער האָט געחלומט וועגן פאַרוואַנדלען דעם בכוח אין אַ ליטעראַרישן בפועל.

אַז קאַראַלניק האָט פאַרמאָגט דרייסט צו האָבן זיין אייגענע מיינונג און זי טאָקע אַרויסזאָגן גאַנץ קלאָר, הגם ער האָט זיך עס דערלויבט אין אויס־נאַמספאַלן, זעט מען פון זיין שטעלונג צו חסידיזם. חסידות איז געוואָרן אַ געטשקע, נאָך וועלכער זייער פילע אין אונדזער דור, פון די פּאָעטישע, פּובליציסטישע און אַפילו היסטאָרישע וואָרט־זאָגער זיינען נאָכגעלאָפן מיט פאַרקאָשערטע פּאָלעס און פאַרגלאָצטע אויגן. און אַ היפּש ביסל פּסעוודאָ־שיינע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן, וועלכע האָט געהאַט אַ פּנים פון „האַגיאָגראַפיע", ספּורי־נפלאות פון צדיקים און בעלי־מופת. חסידות האָט באמת קיין ניי וואָרט נישט געזאָגט, זי האָט בלויז וואולגאַריזירט יידישע קבלה. זי האָט אַראָפּגעשליידערט די קעניגין פון יידישן פילאָסאָפיש־רעליגיעזן דענקען פון איר הויכן טראָן און זי געפירט מיט טאַץ און פויקן איבער די גאַסן און זי געצוואונגען זיך צו קוליענען, דרייען זיך, מאַכן קאָמעדיאַנטישע שטיק און העוויות, און דאָס בלויז צו קיצלען דעם וואַלוועלן געשמאַק און רייצן די פּאַגאַניסטישע נייגונגען פון די ברייטע מאַסן.

„זיי (די צדיקים) האָבן נישט באַרייכערט דעם יידישן געדאַנק, זיי האָבן פאַרהאַלטן — וויל פאַרפלאָכט — די יידישע אַנטוויקלונג. מקווה, נאַסע פּיאות, טאַנצן מיט די זאָקן אויפן טיש, נאָכזאָגן ווילדע, זינלאָזע מאמרים, דערציילן מעשיות אין דער וועלט אַריין — דאָס איז געווען זייער קולטור־אַנטוויקלונג. און וואָס איז געבליבן? — אַ פּאָר לידער, אַ פּאָר מעשיות, אַן אומפאַרשטאַנענע לעגענדע און אַ ביסל אַש פון אַן אויסגעברענטן שטרוי־פייער." *)

„עס האָט געברויזט אַ שטורעם — און האָט איבערגעלאָזט אַ זיפץ. און דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם חסידיזם בכלל, דער עלטער האָט גובר געווען." **)

קאַראַלניק איז געווען צופיל יידיש־געבילדעט צו בויגן זיינע גייסטיקע קני פאַר דעם בעל, וועלכן עס האָבן געוואָלט ביי אונדז איינפירן פּסעוודאָ־ראָמאַנטיקער. פּרץ האָט זיך בלויז אויף אַ קורצער צייט געלאָזט גיין אויף דעם אומוועג. ער האָט אָבער באַצייטנס זיך געכאַפּט און פאַרקירעוועט

*) „ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן", ז. 188.

**) דאָרטן, ז. 191.

אויפֿן שליאַך פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט, וועלכע איז דורכגעקנאָטן מיטן עטישן מאָטיוו.

„הויבט אָן אַ ייד אַ תפילה: גוטמאָרגן דיר, רבונו של עולם! איך, לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, בין געקומען צו דיר מיט אַ דין־תורה: וואָס ווילסטו פֿון די יידן? וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו די יידן? — שטאַרק, מעכטיק, הינרייסנדיק — איאָ? און מיט וואָס ענדיקט ער? — „יתגדל ויתקדש שמיה רבה"; דער אָנהויב פּאַסט ניט צום סוף, האָט ניט קיין שום שייכות צו אים; די האַרבע קשיא איז ניט פֿאַרענטפֿערט געוואָרן, און אויב ניט ענטפֿערן — צו וואָס פֿרעגן? אויב מען האָט בישט קיין מוט צו קומען ביז צו דעם לעצטן שלוס — זיך אָנגאַרטלען מיט אַלע כחות, אָנשפּאַנען אַלע מוסקולן, און דערנאָך אויפֿהויבן אַ שטורעם? און אַזוי אומעטום — אַזוי אין יעדער פֿאָרם פֿון זיין רעליגיעזן עקסטאַז." *)

דאָ רעדט קאַראַלניק זיך אָראָפּ פֿון האַרצן. ער זאָגט דער שוויגער און מיינט די שנור פֿון זיין אייגענער פּסיכיק. אָבער ער זאָגט מוסר אַ גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט און באַשולדיקט אומבאַוואוסטזיניק זיך אַליין. אַ סך פֿון דאָס געזאָגטע פּאַסט זיך צו זאָגן קעגן קאַראַלניקן אַליין. אָבער ער אַסאָציִירט זיך מיט יענעם גדול, וועלכער האָט פֿאַרדינט זיין פּאָפּולאַריטעט אפֿשר טאַקע אַדאַנק אָט דעם דאָזיקן חסרון זיינעם. און קאַראַלניק, לייענענדיק זיין אייגענעם באַשולדיקונגס־אַקט, האָט ניט־געזאָגטערהייט, בלחישה אָדער במחשבה, פֿאַרענדיקט מיט דעם „תהי אחריתי כמוהו"...

זאָל קאַראַלניקס אָנדענק בליען צווישן דיביימער פֿון יידישן פּרדס אויף לאַנגע פֿרילינגס און זומערן, און זאָל עס אָנפּילן אונדזער לופֿט מיט דער דופֿט פֿון וואָרט, קלאַנג און געדאַנק. און אויב ער וועט ניט ווערן פֿרוכטבאַר — טאָר דען, דאַרף דען אַ בלום אַ פּרי ווערן? אַ בלום דאַרף שפּילן מיט דער האַרמאָניע פֿון קאָלירן. דאָס איז זיין עובדא און דאָס דאַרף ער דערפֿילן אין דער און יענער וועלט.

און דער וואָס האָט דערפֿילט זיין אויפֿגאַבע, וועט זוכה זיין צו עולם־הבא אין יידישן פֿאַנטאַזן, צי ער איז אין דער בחינה פֿון אַ בלום, צי ער איז אין דער בחינה פֿון אַ פֿרוכט...

„שיקאַגאָ", אויגוסט 1937.

---

*) דאָרטן, ז. 187.

לייענענדיק א. ד. גאָרדאָן *)

פושקין אין איינער פון זיינע פּאָעמען הויבט אויף די אַביסל־טשיקאַווע פראַגע מכוח דעם צי קען אַ גאון זיין אַ פאַרברעכער. איך וואָלט זאָגן, יעדער זשעני קען זיין אַ פאַרברעכער, אָבער ער וואָלט ניט געקענט זיין קיין געניאַלער פאַרברעכער, פשוט דערפאַר, ווייל די נאַטור איז ניט קיין פּזרנטע, זי וואַרפט זיך ניט מיט אירע גיטער. זי איז גאַנץ קאַרגלעך, און זי גיט ניט איינעם פילע טאַלאַנטן, אַ פשיטא שוין „געניאַליטעטן". און דאָס אייגענע וואָלט זיין ווען מיר וואָלטן נעמען, צום היפּוך פון פאַרברעכער, דעם הייליקן, דעם צדיק.

צידקות איז אַן און פאַר זיך אַ טאַלאַנט, אַמאָל דערגייט עס צו גאונות אין הייליקייט, אין גערעכטיקייט, — ניט אין אויפּפּאַס, נאָר אין אויפּפּיר. אָבער צידקות פאַרט זיך זעלטן מיט אַן אומגעווייגלעכן דענקונגס־אַפּאַראַט אָדער פילונגס־מעכאַניזם.

„ועמך כלם צדיקים", און דיין פאָלק וועט באַשטיין דורכאויס פון צדיקים — איז אַ דרייסטער טרוים פון אַ דרייסטן נביא. עס איז דאָס אייגענע ווי זאָגן אַז אַלע וועלן זינגען ווי קאַרוזאָ, שפּילן פידל ווי חפץ, זיין רעדנער ווי דעמאָסטען, זיין פילאָסאָפן ווי קאַנט און פיזיקער ווי איינשטיין.

עס קומט אויס גאַנץ אָפּט צו הערן ווי מ׳קלאָגט זיך אויף דעם, אויף יענעם, אַז ער איז ניט „אידעאַליסטיש", דאָס הייסט ניט „הייליק", ניט קיין צדיק. אַזאַ באַקלאָגן זיך האָט ניט מער יסוד ווי די טענה וועלכע מ׳קען האָבן צו איינעם פאַרוואָס ער באַזיצט ניט קיין טאַלאַנט — צום טאַנצן, צום זינגען א. אַז. וו.

צידקות איז אַ טאַלאַנט ווי אַלע אַנדערע טאַלאַנטן. עס איז אַ מתנה, אַ באַשאַנקנקייט. און, נאַטירלעך, אַז ניט אַלע באַזיצן עס. עס איז אַ יקר־המציאות.

א. ד. גאָרדאָן איז געווען אַ צדיק. ער האָט באַזעסן אַ טאַלאַנט און אפשר אַ זשעני פאַר עטיק, פאַרן עטישן אויפּפּיר.

---

*) קיצור כתבי א. ד. גורדון, בכרך אחד. תל-אביב, תרצ"ו.

דער שטאַרקסטער פּונקט פון אַ צדיק ליגט אין זיין ביאָגראַפיע, אין זיין לעבנס־געשיכטע.

צידקות איז אַ שריפט, אָבער דאָס איז אַ שריפט וועלכע ווערט ניט געשריבן מיטן פען, בליישטיפט אָדער פּענדזל, נאָר מיט אַלע רמ״ח איברים, מיט די הענט און פיס, מיטן גאַנצן גוף, מיט דער גאַנצער הנהגה. אַ צדיק נעמט פראַגמענטן, פּיצלעך, ברעקלעך פון זיין אויפפיר און מאַכט פון זיי עפּעס גאַנצעס, אויסגעהאַלטנס, סיסטעמאַטישעס, מאָנומענטאַלס, וואָס בלייבט שטיין לדורות אַלס אַ ביישפּיל, אַלס אַ מוסטער, פון וואָס מ׳דאַרף זיך אָפּלערנען, זיך אַ מוסר אַראָפּנעמען.

ווען מ׳וואַרפט אַ בליק אויף א. ד. גאָרדאָנס לעבנסגעשיכטע, באַמערקט מען גלייך אַז זי פאַרמאָגט דאָס וואָס מאַכט אַ לעבנס־באַשרייבונג שפּאַנענ־דיק, — און דאָס איז דער איבערבראָך. די שענסטע ביאָגראַפיע, ווען זי איז געשריבן אין גראַדע ליניעס, איז נודנע, ניט אינטערעסאַנט.

דאַנקאַן, די טענצערין, האָט אָנגעשריבן איר ביאָגראַפיע, זייער עסטעטיש און רייצנדיק אָנגעשריבן — עס איז אָבער פּאַרט פלאַך און טעמ־לאָז. פאַרוואָס? ווייל זי האָט דורכגעטאַנצט איר לעבן. זי האָט אָנגעהויבן מיט אַ טאַנץ און איז אַזוי אָוועק אין אַ ווירבלווינט, און כמעט פאַרענדיקט מיט אַ ריקודל...

אמת אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיעס זיינען יענע, וועלכע זיינען ניט עוואָלוציאָנער, נאָר רעוואָלוציאָנער, וועלכע פאַרמאָגן שאַרפע בויגן, טיפע בויגן; ווי, למשל, די באַרימטע לעבנס־מעמוארן פון קראָפּאָטקינען, פון הייליקן אויגוסטין, פון פראַנציסקאָ פון אַסיסי. קראָפּאָטקין — אָנגעהויבן אַלס פּאַזש אין קעניגלעכן הויף, דערנאָך געוואָרן אַן אַנאַרכיסט... בודהאַ, אָנגעהויבן אַלס בן־מלך, דערנאָך געוואָרן אַ בעטלער, געגרינדעט אַן אָרדן פון מענדיקאַנטן... פּאול — געברענט און געבראָטן די ערשטע ישו־נאָכ־פאָלגער, דערנאָך געוואָרן אַ מאַרטירער פון דער זעלביקער אידייע, גלויבערייַ. איך האָב געקענט פאַרלענגערן דעם צעטל. אָבער דאָס איז ניט נויטיק. דער געדאַנק איז סיי ווי קלאָר, עס פאָדערט זיך אַן איבערבראָך, אַ קעגנגעזעצטקייט, אַן עלעמענט פון תשובה.

א. ד. גאָרדאָן — זיך אויפגעהאָדעוועט ווי אַ „לייטישער״ יונגערמאַן, מיט אַביסל היינטיקער בילדונג, חתונה־געהאַט, זיך פאַרפירט מיט אַ געזינדל, געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַן אימעניע, מיט לייטן צו גלייך. דערנאָך, צו 48 יאָר, ווען ס׳רוב מענטשן נעמען זיך שוין צוריקציען, נעמען לעבן אויפן חשבון פון פראָצענט אויף זייער קאַפּיטאַל פון אויפפיר, פון גע־

וואוינהייטן, פון שטייגערס — איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל און האָט זיך געשטעלט אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער אָן חכמות, ניט קיין פירער ביי אַרבעטער, אַ „אידעאָלאָג" וואָס לייגט איין די וועלט און שאַנע־וועט ניט זיינע „וואָקאַלע שטריקלעך" פאַר דער הייליקער אַרבעט, און טונקט אַליין אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אַריין. א. ד. גאָרדאָן איז געוואָרן אַן אַרבעטער ניט אויף־צו־פּלייסן, נאָר אויף אַן אמתן. ער האָט געאַרבעט, געלעבט אַלס אַן איינפאַכער האָרעפּאַשניק און געפאַלן אין שפּאַן, געשטאַרבן אַלס אַ „בהנה מיגיע כפיו". דאָ זעען מיר גבורה פון כאַראַקטער, דאָ באַאָבאַכטן מיר אויסגעהאַלטנקייט, איבערלעכע אחדות. א. ד. גאָרדאָן האָט ניט געהערט צו דעם „פּאָליטישן" סאָרט מענטש, וואָס זאָגט איין זאַך, מיינט אַ צווייטע זאַך און טאָן טוט ער גאָר אַ דריטע זאַך. ער האָט קודם־כל געטאָן, דערנאָך ערשט גערעדט און באמת געמיינט.

א. ד. גאָרדאָן איז אַן אויסגעגאָסענע מאָנומענטאַלע עטישע פּערזענ־לעכקייט, און ווען ער וואָלט קיין דענקער ניט געווען, וואָלט ער אויך „באַשטאַנען זיין שטעטל" און כשר פאַרדינט זיין חלק־לעולם־הבא אין פאָלקס־געדעכעניש.

א. ד. גאָרדאָן איז אָבער געווען אויך אַ דענקער, און אפשר אַ דענקער און אויך אַ הייליקער. נאָר מיר דוכט, אַז די הייליקייט אין אים האָט אַריבערגעוואויגן.

און זיין בחינה אַלס דענקער איז אי אַ חסרון און אי אַ גרויסע מעלה.

די יידישע פאָלקסטימלעכע לעגענדע וועגן למד־וואָווניק, דעם אמתן צדיק יסוד עולם, וועגן וועלכן קיינער וויס גאָרניט, איז נאָך ניט אָפּ־געשאַצט געוואָרן אין איר גאַנצער פּסיכאָלאָגישער און מאָראַלישער חשיבות. אַמאָל האָבן פּסיכאָלאָגן שטאַרק געהאַלטן פון באַוואוסטזיין, דער־נאָך האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער אונטערבאַוואוסטזיין אין דער מענטש־לעכער פּסיכישער קאָנסטיטוציע איז באַין־ערך וויכטיקער. און דער באַ־וואוסטזיין איז מער ניט ווי אַ טראָפּן אין ים פון אומ־ און אונטערבאַוואוסט־זיין וועלכע באַשטימען די גייסטיקע מערכה פון מענטשן און מאַלן אויס זיין פיזיאָנאָמיע. דאָס אייגענע איז אמת בנוגע דער פּסיכישער איינאָרדענונג פון אַ פאָלק. זי ווערט ניט דעטערמינירט פון די באַוואוסטהייטן, פון די באַרימטהייטן, נאָר דווקא פון די מיליאָנען אומבאַוואוסטהייטן, פון די פּשוטע מענטשן וועלכע זיינען גאָרניט אַזוי פּשוט, וועלכע האָבן הערצער און געפילן, סימפּאַטיעס און ברידערלעכקייט, און זיי זיינען עס די אמתע וועבער פון דער נשמה פון אַ פאָלק.

און אויסזאָגנדיק דעם אמת, האָט מיר אַביסל געקלעמט דאָס האַרץ לייענענדיק די כתבים פון א. ד. גאָרדאָן: למאי האָט ער געשריבן?!! עס וואָלט זיך געפּאַסט שענער ווען אַ תלמיד וואָלט עס געשריבן, ווי ר׳ חיים וויטאַל פון אר״י, ווי פּלאַטאָן פון סאָקראַטעסן.

אָבער לייענענדיק ווייטער און ווייטער האָב איך אַלץ מער און מער געוואונען איינזען, אַז אין א. ד. גאָרדאָן האָבן מיר אַ דרייסטן דענקער מיט אַ טיפער אינטואיציע, מיט אַ שאַרפן אַריינבליק און אַ קלאָרן פּאַראויסבליק, און דעמאָלט, אַז איך האָב דאָס אויפגעפּאַסט, האָט מיר צוריק פּאַרדראָסן: למאי איז ער געווען אַזאַ צדיק? ווען ער וואָלט ניט פּטרן זיין צייט אויף פּראָסטער אַרבעט, ווי גראָבן גריבער, האַקן שטיינער, פּרעסן ווינטרויבן — וואָלט ער באמת געקענט לאָזן נאָך זיך גרויסע טיפזיניקע סיסטעמאַטישע ווערק. איך האָב כמעט געפילט דעם אייגענעם פּאַרדרוס ווי ווען לייענענ־דיק באַקונינען. אַ טייערער קאָפּ, אַ שאַרפער מוח, געניאַלע געדאַנקען בליצן, עס פעלט באַאַרבעטונג, ביבליאָטעק־זיצונג און דער „בזיעת־אַפּיך תאכל לחם״, דאָס גייסטיקע ברויט, וואָס דאַרף געקנאַטן ווערן מיט מי, אָנשטרענגונג, און עס דאַרף געבאַקן ווערן ווי געהעריק, און ערשט נאָכדעם קען מען עס עסן.

נאָר אַזוי איז עס. מיר פאַרמאָגן אין א. ד. גאָרדאָן אַ צוויי־זייטיקייט, אַ הייליקן און אַ דענקער. ווען איך האָב אים געלייענט, האָט זיך מיר גע־וואָלט ער זאָל זיין דורכאויס צדיק, און מער גאָרניט. און, פאַרקערט, ווען איך האָב זיך פאַרטיפט אין דענקער, האָב איך געהאַט יסורים פון דעם וואָס ער איז ניט געווען דורכאויס דענקער און האָט ניט פאַרבויגן אַביסל זיין צידקות, און האָט ניט געגראָבן די גאַנצע צייט מיטן רידל־פון־שכל און ניט מיטן שכל וואָס שטעקט אין רידל.

אַ ר ב ע ט

די בריק, וועלכע פאַראייניקט אין גאָרדאָנען זיין „פרומקייט״ און זיין „לומדות״, זיין אויפפיר און זיין סיסטעם, איז דער פּרינציפּ, ריכטיקער, אַפּאָטעאָזיס, פון אַרבעט. ער אידעאַליזירט אַרבעט. ער פילט אָבער, אַז אַרבעט אַליין איז ניט גענוג און ער פאַראייניקט עס גאַנץ אָפט מיט שאַפונג, „עבודה״ מיט „יצירה״... אָבער די צוויי השגות זיינען ווייט ניט אויסטויש־באַר. „אַרבעט״ מיינט באַשטימטע מאַניפּולאַציעס, וועלכע ווערן דורכ־געזעצט אין אַ פאַראויס־באַשטימטער אָרדענונג און וועלכע ווערן כסדר

ווידערהאַלט מאַנאָטאָניש. „שאַפונג“, ווידער, איז פונקט פאַרקערט, עס איז אויפטועריש, אומדערוואַרטעריש און אומבאַשטימט. אָבער גאָרדאָנס אידעאַליזאַציע פון אַרבעט ווערט באַדינגט פון צוויי אומשטאַנדן, איינער אַ פערזענלעכער און דער צווייטער אַ נאַציאָנאַלער. סיי ער, אַלס עטיקער, און סיי דער ייד האָבן היינט געמוזט נעמען באַטאָנען אַן עלעמענט אין ציוויליזאַציע, וועלכן מיר האָבן צופיל פאַרנאַכלעסיקט און, ממילא, כאַפּן מיר איצטער אַריבער אַביסל די מאָס. אונדזער עפּאָכע איז אַ מאַשינען־עפּאָכע, און ניט קיין ערא פון פשוטער אַרבעט.

און בנוגע דעם פלאָץ, וועלכן אַרבעט פאַרנעמט אין דער יידישער אידעאָלאָגיע, איז ניט שווער קלאָר צו ווערן מכוח דעם ענין.

באַאָבאַכט דעם גאָט פון אַ פאָלקסטום און איר וועט גלייך זען וואוהין ציען זיינע שטרעבונגען, וואָס זיינען זיינע אמתע אידעאַלן, וועלכע זיינען טיף איינגעבאַקן אין זיין געמיט, חושים און אונטערבאַוואוסטזיין.

גיט אַ קוק אויף די קאָסמאָגאָניעס ביי פאַרשיידענע פעלקער און איר וועט גלייך וויסן מיט וועמען איר האָט צו טאָן. דער באַשאַף ווערט צו־געשריבן צו סעקסועלן פאַרקער אין קאָסמאָגאָניעס, וועלכע זיינען אַזוי פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע, ווי די באַשרייבונגען פון די וועלט־געבורטן ביי די הינדוסן, מאָאַריער און טאָאַאיסטן. די קאָסמאָגאָניעס זאָגן עדות, אַז די יעניקע פאָלקשאַפטן זיינען געווען פאַרטונקט איבערן קאָפּ אין געשלעכט, און די סעקסועלע ליידנשאַפטן האָבן דאָמינירט אין זייער וועלט־באַנעם, ווי אין זייער פריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

„ווען אויבן, אַן נאָמען, איז געווען דער הימל, די ערד אונטן האָט מען ביי קיין נאָמען ניט גערופן, אַפּסו (די טיפעניש). אין אָנהויב איז געווען זייער געבוירער און די פאַרפלייצונג פון טיאַמוט די מוטער פון זיי אַלעמען.“

אין עגיפּטן דער הימל (נאָט) איז געווען אַ נקבה און לאַנד (טאָ) איז געווען אַ זכר. אין באַבילאָניען עאָ (די טיפעניש) און אַנו (הימל) זיינען געווען זכרים און דאַמקינאַ (לאַנד) איז אַ נקבה.

„עס איז נאָך ניט געווען קיין הימל, נאָך ניט געווען קיין ערד, מענטשן זיינען ניט געווען, די געטער זיינען נאָך ניט געווען געבאָרן.“ *)

„פון כאַאָס איז אַרויסגעקומען ערעבאָס (זכר) און די שוואַרצע נאַכט (נקבה), און פון נאַכט איז ווייטער אַרויסגעקומען עטער און טאָג, וועמען זי האָט געבוירן ווערנדיק שוואַנגער פון אַן אומאַרמונג פון ערעבאָס...“

*) פּיראַמיד פון פּעפּ, 1, 6631.

אין האָמערן איז אָקעאַנוס דער פאָטער און טעטיס די מוטער. טעטיס סימבאָליזירט די זויגנדיקע מוטער, די ערד, די מוטער־ערד. אָבער הינטער אָקעאַנוס און טעטיס שטייט די נאַכט, וועלכע האָט געבוירן אַלע געטער.

פּלאַטאָן ציטירט אַ קופּלעט פון אָרפיי, וועלכער באַשרייבט אָקעאַנוס און טעטיס אַלס די ערשטע פּאָר־פּאָלק.

מ׳זעט פון דעם באַשיינפּערלעך, אַז זייערע קאָסמישע באַגריפן זיינען ביאָלאָגיש, אָפּשטאַמעריש דורך און דורך.

און ווי האַלט עס מיטן חומש? אין אים ראַנגלען זיך צוויי השגות און עס איז גובר די „אַרבעטער־אידעאָלאָגיע״, וועלכע נעמט די אויבערהאַנט איבער דער פאָטער־מוטער־אידעאָלאָגיע.

„אלה תולדות השמים והארץ בהבראם, ביום עשות יהוה אלהים ארץ ושמים״ (בראשית, י״א, ד׳)... ער הויבט אָן דעם פּסוק מיט געבורט און ענדיקט מיט מאַכן.

אָבער גאָט ווערט ניט געמאָלט אין חומש ווי אַ „פּראָלעטאַריער״, נאָר ווי אַ דערפינדער, אַ שאַפער. אָבער דער עלעמענט פון אַרבעט, ניט פון געשלעכט, ווערט אַריינגעלייגט אין סאַמע יסוד פון באַשטאַנד און באַשאַף. אָבער די אַרבעט איז שעפעריש, אָריגינעל, ניט אימיטאַטיוו. און ווייטער־צו ווערט פּראָסטע אַרבעט געשילדערט כמעט ווי אַ קללה, אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד.

אין א. ד. גאָרדאָן האַלטן אויך די צוויי באַגריפן, די אידעאַליזאַציע פון אַרבעט און שאַפונג, אין ראַנגלען זיך. און עס איז שווער צו זאָגן וואָס באַטאָנט ער מער.

זיין טאָכטער שרייבט: „זיין אַרבעט איז געווען פאַר אים ווי אַ תפילה זכה... ער האָט געאַרבעט מיט אַ ברען און ציטער...״ (ז. כ״ט).

„מיר פאַרמאָגן שוין יונגע בחורים און יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן באַגריפן די גאַנצע טיפקייט פון דעם אַרבעטס־געדאַנק, די גאַנצע טיפקייט פון לעבן און שאַפן וואָס ליגט אין אַרבעט.״ *)

נ אַ ט ו ר

א. ד. גאָרדאָן, אין זיין פאַרגעטערונג פון נאַטור, דערמאַנט טאָלסטאָיען, וועלכער האָט שטאַרק דערמאַנט רוסאָן, וועלכער האָט דערמאַנט סענעקאַן. איך ווייז אָן דאָ די ליניע, וועלכע ציט זיך אַרויף צו ווירגילן און עזיאָדן,

*) ז. 18.

בכדי מ׳זאָל ניט מיינען אַז גאָרדאָן האָט עס גענומען ביי טאָלסטאָיען און טאָלסטאָי האָט עס ביי קיינעם ניט גענומען. בנוגע דעם סאָרט אידייען איז עס ווי מיט פּאָבלען. אַלע זיינען „פּלאַגיאַטאָרס“, מ׳נעמט זיי איינער ביים אַנדערן, ווייל זיי זיינען אַלט ווי די וועלט. עס איז בלויז אַ פראַגע פון דער אַקצענטירונג, וויפיל טראָפּ עס ווערט אויף דעם געלייגט.

„דאָס פליען פון אַן עראָפּלאַן, פון אַ צעפּעלין, מיטן גאַנצן טומל און גערויש, איז אָבער ניט דער פלי פון אַדלער, אַפילו ניט פון אַ קליין פריי פייגעלע; דאָס געזאַנג פון אַ גראַמאָפאָן, פון אַ מאַשין פאַר זינגעריי, אָבער ניט דער געזאַנג פון דער לעבעדיקער מענטשלעכער נשמה.“ *)

„דאָס... וועט דערנענטערן דעם מענטשן צו דער נאַטור און עס וועט אים לערנען צו נעמען פון איר וואָס ער קען, ניט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיק.“ **)

„זיי (די פויערים) האָבן ניט געהאַט קיין געשניצטע דעכער איבער זייערע קעפּ. זיי זיינען גאַנץ אָפט געשלאָפן אויף דער פרייער לופט און געווען באַחופּהט פון די שטערן, און זיי האָבן געזען די הימלען (וואָס פאַר אַ גלאָררייכע פּאַנאָראַמע ביי דערנאַכט!) ווי זיי רוקן זיך אַוועק און טוען זייער גרויסע אַרבעט אין דער שטיל.“ ***)

נאַציאָנאַליזם-סאָציאַליזם

גאָרדאָן איז געווען נאַציאָנאַל-געשטימט, אָבער צו דער זעלביקער צייט איז ער געווען אַ אוניווערסאַליסט. זיין נאַציאָנאַליזם איז אַ פאָלקס-אינ־דיווידואַליזם. ער נעמט אַלס ביישפּיל די פאַרצייטיקע נביאים, וועלכע זיינען געווען אייגנטימלעך יידיש און אַזוי אַלמענטשלעך. אין אַנדערע ווערטער קען מען זאָגן, אַז ער באַגרינדעט זיין נאַציאָנאַליזם אויף אַ לאָיאַליטעט צו דער אייגענער נאַציע, אַ לאָיאַליטעט וועלכע איז בלויז אַ באַשטאַנד-טייל פון אַ גרעסערער לאָיאַליטעט, וועלכע ער פילט צו דער מענטשהייט. די מענטשהייט איז דאָס גאַנצע, די נאַציאָנאַלע גרופּע דער טייל. עפּעס גאַנצעס מוז זיך דאָך צוזאַמענשטעלן פון טיילן. און ער גלויבט ניט, אַז דער יחיד קען גיין דירעקט אין זיין צוגעבונדנקייט צו דער מענטשהייט, וועלכע איז צו אַבסטראַקט און צו ווייט; ער דאַרף צוקומען צו דער מענטשהייט דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן קיבוץ.

---

*) ז. 30.
**) ז. 31.
***) סענעקאַ, עפּיסטל XC.

די נאַציאָנאַלע גרופּע אַלס אַ גאַנצע דאַרף, לויט זיין פּאַרשטייַן, קאָנ־טראָלירן די עקאָנאָמיק. און אים וואָלטן זיכער זיין מער צום האַרצן די עטישע און סאָציאַל־אינדשעניערישע אויפפאַסונגען פון סאָציאַליזם ווי די זיינען אויסגעדריקט געוואָרן פון די טאַטעס פון סאָציאַליזם, וועלכע מיט באַנאַלער פּאַרריסנקייט און קורצן שכל האָט מען געפּסלט און באַטיילט מיטן ניט שטאַרק־שמייכלענדיקן עפּיטעט „אוטאָפּיסטן". אים בלוטיקט דער געמיט, וואָס אין אונדזער ראַדיקאַלן לעבן, ארץ־ישראל אַריינגערעכנט, הערשט אַזאַ מאַלפּעניש, אַזאַ פּוסט־און־פּאַסנדיקע נאָכפּלאַפּלעריי. אונדזערע מוחות זיינען פול מיט וועלט־אַנשויאונגען (ס'רוב ביכלדיקע) פון כל המינים שהוא... אין אונדזער זעל איז אַ תוהו־ובהו פון איבערגעבנקייט, שטרעבונ־גען און מיינונגען לויט אַ באַוואוסטן שאַבלאָן, און אַ תוהו־בהו פון אַ פאַר־ניינונג פון יעדער איבערגעבנקייט, אַ פאַרניינונג פון אַלע שטרעבונגען, פון אַלע מאַנונגען לויט אַן אַנדער שאַבלאָן..." *)

אין די שטעלן זעט איר אים זיצנדיק אויף די חורבות פון יידישן גייסט, קלאָגנדיק זיין „איכה" און מוסר־זאָגנדיק מיטן אויטאָר פון „הוי גוי חוטא"... אין ארץ־ישראל, וואו דער יידישער גייסט איז אַמאָל געווען אַ לייב, זעט ער קלערער, און מיט גרעסערע יסורים, ווי אַט דער גייסט איז איצט אַ מאַלפּע געוואָרן, אַ נאָכשלעפּער, אַ נאָכזאָגער, אַ נאָכבאַמקער —

„רעגונגען, בענקענישן, שטורעמס, גייסט־אויפברויזונגען, וועלכע זיינען קרענקלעך לשם־מצווה, און אַלץ פון פרעמדע וועלטן, פון די באַ־וועגונגען און שטרעמונגען וואָס אין דעם לעבן פון אַנדערע..." **)

* * *

מיין אַרטיקל, זע איך, נעמט זיך פאַרציען, און איך וואָלט ניט וועלן, אַז דער לייענער פון דער שטיקל־אַרבעט זאָל מיינען, אַז איך האָב אויס־געשעפּט די טעמע. געברויכנדיק אַ תלמודישן שפּרוך, איך האָב גענומען פון דעם בלויז אַזוי פיל ווי איינער וואָס גיט אַ שמעק פון אַן אתרוג.

גאָרדאָן שווימלט מיט יידיש־אָריגינעלע געדאַנקען. און איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט — צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ — זיך אויף זיי אָפּצושטעלן. איך קען זיך אָבער ניט איינהאַלטן, איך מוז אַמווייניקסטן אָנצייגן אויף גאָרדאָנס באַציאונג צו עסטעטיק.

---

*) גאָרדאָן, ז. 35.

**) דאָרט.

עסטעטיק

„לא תעשה לך פסל" — האָט אָראָפּגעדונערט פון דער הייך פון דער יידישער השגה. און אין דעם פאַרבאָט איז געלעגן און ליגט ביז היינטיקן טאָג אַן אָרויסרוף צו דער העלעניסטישער, ווי אויך אייראָפּייאישער וועלט. אין דעם פאַרבאָט ליגט אַן אַ שיעור יידישע עקשנות און העזה און אייגנ־טימלעכקייט. אַ ייד איז צופיל דינאַמיש, צופיל לעבעדיק און ענערגיש ער זאָל זיך בוקן צו אַ שטיין, צו עפּעס פּלאַסטישעס. אַ ייד האָט בשום־אופן ניט געקענט זען שיינקייט אין פאַרגליווערטקייט, אין טויט, אין אומ־באַוועגלעכקייט, אין אַ פאָרמע וועלכע ענדערט זיך ניט, וועלכע גייט ניט איבער פון צושטאַנד צו צושטאַנד, וועלכע איז ניט איינציייטיק פאַרשיידנ־אַרטיק. אַ ייד האָט געזען די גאַנצע מיאוסקייט און חלשותקייט וואָס האַלט זיך אויף אין אַזאַ כלומרשטער פּראַכט, וועלכע איז דער טויט אַליין, דער פאַראַכטער, פאַרהאַסטער מוות.

„די עגיפּטישע געטער האָבן געלעבט און געשטאָרבן. עס זיינען דאָ פּרעסקאָ־געמאָלעכצן אין פילאַע און אין אַבידאָס, וועלכע ווייזן די באַ־גרעבעניש פון אָזירים. און הגם אין גריכישן פאַנטעזאָן איז דער טויט פון די געטער באַוויזן בלויז אויף דעם ביישפּיל פון פּאַן, איז אָבער זייער שטערבלעכקייט אָנגעדייטעט אין די לעגענדעס." *)

זייערע געטער זיינען געווען שטערבלעך און טאָקע טויטע אויך און זיי האָבן פאַרגעטערט טויטע שיינקייט.

„דער נפטר איז אַלעמאָל אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן גאָט אָזירים, און ער ווערט אָפט אָנגערופן ביי גאָטס נאָמען... די עגיפּטישע פאַרפאַסער האָבן אַלעמאָל אָנגענומען, אַז די געבענטשטע טויטע און גאָט זיינען אידענטיש." **)

אָבער יהוה איז געווען אַ לעבעדיקער און אומשטערבלעך, און אַ ייד האָט ניט פאַרגעטערט קיין סטאַטיק, קיין אינערטקייט.

„איך לעב אויף אייביק" — די באַהויפּטונג גייט אַדורך דורכן חומש ווי אַן עלעקטרישער שטראָם.

דער יידישער השם איז אומשטערבלעך, ד. ה., אַז דער יידישער ציבור,

*) הערבערט ספּענסער, „פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע", ערשטער באַנד, ז"ז 419-420, ענגלישע אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1914.

**) „דאָס בוך פון די טויטע", ענגלישע איבערזעצונג פון ע. א. וואַלס, ז. 79.

דאָס יידישע פאָלק אָנערקענט ניט דעם טויט און איז אומשטערבלעך, און קען ניט זען קיין עסטעטיק אין טויטע גולמס אָדער טויטע געמעלעכץ. יידישע קונסט איז אידענטיש מיטן לעבן, מיט דינאַמיק, מיט אויפפיר, מיט הנהגה — דאָס הייסט מיט עטיק, אַ דיסציפלין וועלכע האָט צו טאָן מיט אַקטיוויטעט, ניט מיט אָנשויאונג, מיט שטאָרונג און גלאָצונג.

„. . . זייער שיינקייט איז דאָס ליכט פון לעבן און דאָס ליכט פון עקזיסטענץ וואָס אין זיי. דער בוים, די בלום, די חיה, די פויגל — די שיינקייט פון זייער געשטאַלט קומט פון דעם לעבן וואָס אין זיי, און די מאָס פון זייער שיינקייט איז פּראָפּאָרציאָנעל צום לעבנס־שטראָם וואָס איז אין זיי אין דער ברייט און טיף... דעריבער, ווען דער בעל־חי אָדער פלאַנצונג שטאַרבט, אַפילו ווען זיין פאָרמע בלייבט גאַנץ, אָן אַן ענדערונג, פאַרמאָגן זיי מער ניט יענע שיינקייט וואָס זיי האָבן געהאַט בשעת זיי האָבן געלעבט." *)

„אָט־די שיינקייט קען אַ מענטש בלויז איבערלעבן, דורך דער דער־הויבונג פון זיין לעבן צו דער מדרגה פון פולן אויסדרוק פון דער דער־הויבענער אידייע. און אויב מ'זאָל גיין זוכן אַזאַ שיינקייט, דאַרף מען אָנהויבן מיטן זוכן דאָס לעבן, ריכטיקער, אַזאַ שיינקייט איז ניטאָ וואָס צו זוכן — וואָס מ'דאַרף יאָ זוכן איז דאָס לעבן, און די שיינקייט וועט שוין ממילא קומען, ווייל דאָס לעבן וועט זיין פול." **)

דער עטיקער אין א. ד. גאָרדאָן, דער עטיקער און ייד האָט דערפילט די גאַנצע פגירהשאָפט וואָס ליגט אין דעם פאַרפוצטן בר־מינן, וואָס הייסט מאָל־קונסט.

די עטישע פערזענלעכקייט לעבט, האַנדלט, פירט זיך אויף, אָבער שפּילט זיך ניט מיט ליאַלקעס פון בילדלעך און סטאַטועס און סטאַטועטקעס. די עטישע פערזענלעכקייט פאַרקערפערט ניט — זי קערפערט בפועל־ממש. מיט דעם דערקלערט זיך דער טרויעריקער פאַקט, וואָס גרויסע קינסטלער זיינען זייער זעלטן גרויסע מענטשן. קונסט און פערזענלעכקייט, ווי דוכטע־ניש און וואָרהייט, זיינען ניט אַלעמאָל אויסגעבונדן. צווישן די עסטעטיקער דאַרף מען זוכן אַן עטיקער מיט ליכט, דער כלל איז: דער עטישער מענטש אין דער מענטשלעכער פערזאָן הויזט ניט, ס'רוב, מיטן קינסטלער.

„מענטשלעכע שיינקייט קען מען געפינען בלויז אין רעאַלן לעבן, אין

*) גאָרדאָן, ז. 194.
**) ז. 179.

די רעאלע אנטפלעקונגען פון די כוחות פון גוף און נשמה אין זייער גאנצן ארומנעם און טיף. מענטשלעכע שיינקייט קען מען דערגרייכן בלויז דורך אן ארויפהויבונג פון לעבן צו דער שטופע פון אן אידייע־אויסדרוק. און די פעלערן פון לעבן קען מען ניט אויספילן מיט א פארם־שיינקייט, מיט אן אויסדוכט־שיינקייט, נאר מיט דעם ליכט וואס טויכט ארויף פון דער אינער־לעכקייט, און ווען אט דאס ליכט איז ניטא אין רעאלן לעבן, איז די גאנצע פראזעאלאגיע מכוח מענטשלעכער שיינקייט א גאלער ליגן און זעלבסט־אפנארעריי." *)

דער "איך" שרייבט, שאפט, דעם גרויסן ספר־החיים, דעם בוך פון לעבן, די גראנדיעזע קונסט־ווערק פון שפירן, פילן און טראכטן און האנדלונג. דער איך שרייבט מיט זיין הויך אויף דעם פארמעט פון לופט. די אטמאס־פערע איז דער בעסטער טאפל און דער אטעם איז דער בעסטער קרייד און גריפל. דער איך איז אין דער בחינה פון "כל עצמותי תאמרנה", ער שרייבט מיט די פיס, אויגן, אויערן, פארן פון זיין הויט, שטריכן פון געזיכט, מיטן געשמאק, געשמעק און אגריר. מיט זיינע ארעמס פארפאסט ער די שענסטע הימנס. אין יחידות און בדידות געזעלט ער און זינגט... ער דערהויבט זיך, פארפייגערט זיך בפועל־ממש אין אמתערווירקלעכקייט, ניט אין אפ־דוכט, אויפן פאפיר, אויפן געוואנט אדער אין מירמלשטיין. די עטישע פערזענלעכקייט קריצט זיינע אנגאלן אויף דעם פעלדזן־שטיין וואס הייסט צייט און איבערלעבונג, אייביקייט און מאמענט — דאס איז זיין טינטער און טינט. ער טונקט איין זיין פען אין לעבן און צייכנט, ווארפט־אן די גרויסע פאעמע, דעם גרויסן אז־ישיר, די נצחון־דראמע.

אין די עטלעכע ציטירטע און א סך מער ניט־ציטירטע שטעלן וועגן עסטעטיק און לעבן זעט מען א. ד. גארדאן אין זיין גאנצער טאפלטער גבורה פון עטיקער און דענקער, דאס הייסט, פון יידן אין פולן זינען פון ווארט. בכדי ארויסצוזאגן אזעלכע געדאנקען, וועלכע ברעכן די געטשקעס פון די היינטיקע תרחס, מוז מען באזיצן גייסטיקע מאכט און אינערלעכע פראכט, און א. ד. גארדאן האט עס פארמאגט. בכדי צו זיין אזוי "אנטי־איראפייאיש" מוז מען באזיצן יידישן שטאלץ — און ער האט עס פארמאגט, ער האט עס גענומען אין זיין עניוות...

"יידישער קעמפער", 27טן נאוועמבער, 1936.

---

*) ז. 200.

ברוך ריווקין

ברוך אברהם וויינריב

(1945—1883)

ב. ריווקין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1883 אין דער קורלענדער שטאָט יאַקאָבשטאָט, וואָס איז געווען אין איר יידיש־גייסטיקער פיזיאָ־נאָמיע חצי־קורלענדיש און חצי־ליטוויש. ער גיט אונדז אַ גענויע באַ־שרייבונג פון זיין היימשטאָט, פון דער געאָגראַפישער און עטנאָגראַפישער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען ביז ער ווערט פיזיש און גייסטיק רייף און „מחוייב־במצוות", און נעמט, דעריבער, מקיים־זיין דעם יידישן, ווי אויך דעם אַלגעמיין ראַדיקאַל־פּאָליטישן אָנזאָג: „לך לך מארצך"... אַנטלויף פון דיין לאַנד, וואו דו ווערסט פאַרפאָלגט, וואו דו ביסט ניט זיכער מיט דיין לעבן און דיין פרייהייט.

ב. ריווקין כאַראַקטעריזירט די יידן פון זיין געבוירן־פּלאַץ ווי „קור־לענדער ליטוואַקעס".

„די געגנט האָט זיך געקלאַמערט פון מערב־זייט אָן ריגע און פון דרום־מזרח־זייט אָן דווינסק... איך אַליין בין אַ יאַקאָבשטאָטער. איז יאַקאָב־שטאָט פאַר מיר דער צענטער פון דער גאַנצער געגנט." *)

די געגנט האָט זיך גענערט יידיש־גייסטיק פון צוויי קוואַלן, אַ קור־לענדישן און אַ ליטווישן, און עס האָט זיך געשאַפן אַ מין סינטעז, אַ באַזונדער טיפּ ייד פון אַ ליטווישער קאָלאָראַציע.

אין מרחק פון אַ וויאָרסט אָדער צוויי פון יאַקאָבשטאָט פליסט די דווינע, אָבער ניט רואיק, ניט אָן שטערונישן.

אָט ווי ער באַשרייבט דעם טייך:

„זי (די דווינע) איז געווען פאַרהויקערט און אויסגעבויגן, ווי אַ קני, דורך די „פּאָראָגן" — אַ שמאָלער שטיינערנער באַרג־אַראָפּ, איבער וועלכן דאָס וואַסער האָט אייביק געריעשט, געקוישט און געברויזט." **)

---

*) ב. ריווקין, „טאָג", ערשטער אויגוסט, 1944.

**) דאָרטן.

מיר האָבן זיך בכיוון אָפּגעשטעלט אויף אָט־דעם טאָפּאָגראַפישן מאָמענט, ווייל „ווער ווייס דעם שטעג פון גייסט ?" אפשר ווירקט טאַקע דער געאָגראַפישער אַרום אויף דאָס שעפערישע פון מענטשן. אין ב. ריוּוקינס שאַפונגען, מעגלעך, הילכן אָפּ די עכאָס פון יענעם רעשן, רוישן און ברויזן פון דער דווינע, ווען זי איז געפלאָסן איבער די „שוועלן" און טרעפּ, וואָס זיינען איר געשטאַנען אין וועג.

זיין פאָטער האָט געהייסן אַבא שעפטל ווײַנרעבע. ער איז געווען אַ זון פון אַ ברויז־אַרבעטער. געשטאַנען אויף דעם גאָר־נידעריקן שטאַפּל אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער: אַ באַלעגאָלע. מיט אַ טרעפּל שפּלדיקער פון דעם געוויינלעכן באַלמעלאָכע, וואָס אין יענע צייטן אין אונדזערע קליינע שטעטלעך האָט ווייט ניט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דעם געמיינדע־לעבן. זיין פאָטער איז געווען אַן ערלעכער ייד און פאַר זיין ערלעכקייט איז ער געשאַצט געוואָרן פון זיינע בני־עיר, און זיי האָבן כמעט ווי פאַרזען זיין נעבעכדיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב אַלס אַ פורמאַן. אויף זיינע „יאַזדעס" פלעגט מען אים אָנפאַרטרויען היפּשע סומעס געלט איבער־צוגעבן. אַפילו צווישן דעם ניט־יידישן טייל פון שטאָט האָט ער געהאָט אַ באָמען פאַר זיין אָרנטלעכקייט און ערלעכקייט און אויך זיי, די ניט־יידן, פלעגן זיך מיט אים שאַפן, ניט־זעלטן, ווי מיט אַ באַצאָלטן געלט־שליח.

אבא שעפטל האָט געהאָט אַ שטאַרק־אַנטוויקלטן און פיין־סענסיטיוון געפיל פאַר יושר. ער האָט ניט געקענט צוזען קיין עוולות. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם געקריוודעטן. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם שוואַכן און באַליידיקטן.

איינער פון די באַלעגאָלעס איז ביי זיי אין שטעטל געשטאָרבן. דער זון, ווי דער שטייגער איז געווען, האָט געירשנט זיין פאָטערס באַשעפטיקונג צוזאַמען מיט דער דראָזשקע און דער חזקה אויפן שטיי־פּלאַץ אין מאַרק און אויך לעבן וואָקזאַל. דער יורש איז בסך־הכל אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, און ער האָט עס געדאַרפט מפרנס־זיין די מוטער, די אלמנה, און די יתומים־לעך, ייִנגערע ברידער און שוועסטער. די עלטערע דיק־הויטיקע און שטיינהאַרציקע באַלעגאָלעס האָבן אים גוט אָנגעשלאָגן און אַראָפּגעטריבן פון זיין פּלאַץ, געוואָלט פּטור ווערן פון אַ קאָנקורענט און „אויפגעבויט ווערן פון יענעמס חורבן". קיין צופיל פאַסאַזשירן זיינען ניט געווען. די פאַר־דינסטן — מיקראָסקאָפּיש. האָבן זיך די אומיושרדיקע פורמאַנעס גע־קוואָפּעט אויף דעם חלק ירושה, וואָס וואָלט זיי צופאַלן פון דעם, וואָס עס איז ווינציקער געוואָרן, אַדאַנק דער אַרבעט פון מלאך־המוות, מיט איין

דראָזשקאַרזש. ב. ריווקינס טאַטע, אבא שעפטל, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יתומים און אלמנה. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ האַלאַבאַליע, פּורמאַניש כלי־זיין, און איז אַרויס איינער אַליין זיך שלאָגן קעגן זיינע שלעכטע „קאַלעגן". ער איז געווען אַ ייד אַ גבר און ער האָט גוט אָנגעלערנט די „רשעים" און האָט זיינס אויסגעפירט. דער יתום איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ רעכטפולן פּורמאַן.

ב. ריווקין האָט געירשנט פון זיין פאָטער אָט־דעם יושר־געפיל. און אויב ער פלעגט ניט געבן קיין קלעפּ מיט אַ האַלאַבאַליע, פלעגט ער דער־לאַנגען מיט זיין געווער, מיט דער פּען און מיטן מינדלעכן וואָרט.

ברוכקע אבא שעפטלס, ווי מען האָט דעם צוקונפטיקן ב. ריווקין גע־רופן יינגלווייז אין שטעטל, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בליץ־שנעלער תפיסה. ער האָט געהאַט אַן עילוישן קאָפּ. מיט לייכטקייט האָט ער גע־קלעטערט אויף דעם תורה־לייטער מיט די פילע שטאַפּלען. און דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט אים געקלונגען. צו זיין פריצייטיקן פירסום האָט אַ סך צוגעטראָגן דער אומשטאַנד פון זיין נחות־דרגאדיקן אָפּשטאַם. ביי אַ פּראָסטן באַלעגאָלע זאָל זיך געפינען אַזאַ „כלי־יקר", אַ יינגל מיט אַן „אָפּענעם מוח"! האָבן אַלע באַוואונדערט דעם „פּענאָמען".

ב. ריווקין האָט באַשריבן זיינע פריע קינדער־יאָרן. ער האָט, משמעות, אונדז געוואָלט געבן דעם שליסל צו זיין רעטענישדיקער פּערזענלעכקייט פון אַ רעאַליסטישן מיסטיקער. אין זיין אויטאָביאָגראַפישן פראַגמענט רעדט ער אין דער דריטער פּערזאָן און רופט זיך אָן ביי זיין אייגענעם נאָמען.

„ברוכקע איז אַ קליין יינגעלע, האָט, אָבער, אַ גרויסן נאָמען. ער שמט פאַר אַן עילוי, אַן אויסנאַם פון אַ קעפּל. דאָס גאַנצע שטעטל רעדט וועגן אים. זיין נאָמען שוועבט אויף אַלעמענס ליפּן. און מערקווירדיק, קיין ברעקל קנאה וועקט ער ניט ביי קיינעם. אדרבא, אַלע פאַרגינען. אַלע זיינען צופרידן, וואָס ביי אַ פּורמאַן אַ טאַטן האָט זיך איינגעגעבן אַזאַ געראָטענער זון... דאָס איז דערפאַר, וואָס ברוכקע איז ניט קיין באַרימער, קיין גרויס־האַלטער... ער איז געווען אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער... אַ שעמעוודיקער... און טיף אין זיין האַרצן האָט ברוכקע ניט געגלויבט, אַז די שבחים, וואָס מען זאָגט וועגן אים, קומען אים טאַקע אויף־אַן־אמתן. אים האָט זיך אָפּ־געדוכט, אַז עס איז אַן אָפּנאַרעניש, און דער ליגן וועט אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער...

„ברוכקע האָט געגלויבט, אַז אין אים לעבט אַן אַנדערער, וואָס איז אַנדערש פון אַלעמען, אַן אויסדערוויילטער... אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין פון

איינציקייט, פון הייליקייט, פון ניט גלייך זיין מיט אַלעמען פלעגט אים קיינ־מאָל ניט פאַרלאָזן. ער האָט זיך געפילט באַרופן צו אַ גרויסער זאַך." *)

אָט־דער געפיל פון האָבן אַ שליחות אויסצופירן האָט באַהערשט די יונגע נשמות פון פילע קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן גדולים אויף פאַרשיידענע געביטן פון מענטשלעכן אויפטו. ביי אייניקע האָט דאָס געפיל זיך אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט זייער עצם־מהות, אַז אַפילו דערוואַקסענער־הייט האָבן זיי זיך פון אים ניט געקענט אינגאַנצן באַפרייען.

וואָס איז געווען ברוכקעס זעלבסט־געשפיר, וואָס איז דער פּראַטאָטיפּ פון וועלט־געפיל, וועלכער געשטאַלטיקט, אין לעצטן סך־הכל, דעם כלומרשט־ראַציאָנאַלן וועלט־באַנעם פון ברוכן, דעם דערוואַקסענעם?

„. . . איז ברוכקע געווען אַ טאָפּלטער: אַ טאָפּל־געהער. אין דעם ברוכקען פלעגט אַרומגיין אַן אַנדערער, אַן אינערלעכער ברוכקע; אַ טאָפּל־קוקער. ער פלעגט זען די טאָפּלטע זייט פון די זאַכן, אַזוי צו זאָגן, די יענע זייט פון די זאַכן, ניט די, וואָס אַלע מענטשן זעען... אָט האָט איר אַ גרויסע שפּאַרונע אין דר׳ערד, ביי קלמן זעליקן אויפן הויף. אַלע וואָלטן זאָגן, אַז דאָס איז איינפאַך אַ שפּאַרונע, און אונטן געפינט זיך, פילייכט, אַ הייל, אַ קעלער. אָבער פרעגט ניט די אַלע, פרעגט ברוכקען און ער וועט אייך לאָזן וויסן, אַז דאָס איז דער וועג, וואָס פירט אין תהום אַריין.

„איינמאָל גייט ברוכקע פאַרביי אין אַ רעגנוועטער. דאָס וואַסער האָט געזונקען דורך אָט־דעם שפּאַלט אין אָפּגרונט אַריין. האָט ברוכקע פאַר־נומען אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, ברומענדיקע, קלאָגנדיקע: „געוואַלד, ראַטעווע אונדז אַרויס, באַפריי אונדז פון דער פינצטערניש!" די קולות האָבן אויפגעטויכט ווי פון אַן אונטערוועלט. דאָס זיינען געווען די פאַר־שטיקטע געשרייען פון די באַוואוינערס פון „שאול תחתיה". און ניט איינ־מאָל אין אַ טרוקן וועטער פלעגט מען ברוכקען כאַפּן צוגעבויגן צו דר׳ערד, מיטן אויער צוגעפאַלן צו דער שפּאַרונע: אַזוי פלעגט ער אויסהאָרכן די אונטערוועלטיקע סודות, און מיט זיי פלעגט ער זיך אַרומטראָגן גאַנצע טעג, און ביי דער נאַכט פלעגן זיי אים קומען צו חלום. אַ קלייניקייט! ברוכקע האָט געהאַט דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דער אומבאַקאַנטער

---

*) ב. ריווקין, „ברוכקע דער טאָפּלטער", כתב־יד. אַ דאַנק קומט מיני באַרדאַ־ריווקין פאַר באַקענען מיך מיט דעם מאַנוסקריפּט און דערלויבן מיר עס צו געברויכן.

וועלט... איר מעגט לאַכן, דורך אָט־דער שפּאָרונג איז ברוכקע געוואָרן אַ מכשף." *)

יאָ מכשף, ניט מכשף, דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין „קאַריערע" אַלס ספּיריטואַליסט, אָקולטיסט, חלומות־באַשיידער, דאָס אַלץ וואָס האָט צו־געצויגן ב. ריווקינען אין זיין צווייטן געשטאַלט פון „מאַרק טעלעראַז".

„אַזוי האָט ברוכקע פון אַ פּשוטן קעלער באַשאַפן אַן אונטערערדישע וועלט... און פון אַ בוידעם האָט ער באַשאַפן אַן אויבערשטע וועלט, ניט קיין ווייניקער שרעקלעכע... ביי לייטן איז אַ בוידעם — אַ בוידעם... אָבער ניט ביי ברוכקען, דעם טאָפּלטן!" **)

כל־זמן ער, ברוכקע, דער בכור, איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיינע על־טערן איז נאָך געווען אויף חיונה בדוחק, און מ'האָט אויך געקענט אָפּשפּאָרן אויף שכר־לימוד. אָבער וואָס אַ יאָר שפּעטער איז דאָס געזינטל געוואָרן גרעסער, און די פּרנסה אַלץ קלענער רעלאַטיוו־פּראָפּאָרציאָנעל. מיילער זיינען צוגעקומען, דער לאָבן ברויט איז געבליבן דער אייגענער, און מ'האָט זיך געמוזט טיילן מיט די ביסנס, מיט די סקאָרינקעס. ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן די מלמדים, איז ברוכקע אַוועק לערנען אין תּלמוד־תּורה, וואו אַלע אָרעמע יידישע קינדער האָבן געקראָגן זייערע עלעמענטאַרע יידישע בילדונג אַן אָפּצאָל.

צו דרייצן יאָר האָט מען געפּראַוועט זיין בר־מצווה ביים רב אין שטוב, אַזוי שטאַרק האָט מען געהאַלטן פון ברוכקען און געלייגט אויף אים האָפענונגען, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גדול־בישראל.

ער האָט אויך באַזוכט די רוסישע שטאָט־שול.

זיין פאָטער און אַלע פריינט, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער צוקונפט פון ברוכקען, האָבן געראַטן, אַז ער זאָל זיך צוגרייטן צום אַריינ־טרעטן אין דר. הילדעסהיימערס ראַבינער־סעמינאַר. אָבער ברוכקע, ווי פילע זיינסגלייכן אין יענע ערב־רעוואָלוציע צייטן אין רוסלאַנד, איז היינ־געריסן געוואָרן פון ראַדיקאַלן געדאַנק.

ווען ער איז געוואָרן אַ יאָר צוואַנציק האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין „בונד", ווייל ביי זיי אין שטעטל איז דעמאָלט ניט געווען קיין אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. אים האָט אַריינגעפירט אין די „געהיימ־נישן" פון קאָנספּיראַציע דער צוקונפטיקער שריפטשטעלער דוד דרוק. אין

---

*) דאָרטן.

**) דאָרטן.

ניינצן־פיר, בשעת זיין שטיין צום „פריזיוו", האָט ער געהאַט אַ „דורכפאַל". מ'האָט פאַרהאַלטן זייער גאַנצן רעוואָלוציאָנערן קרייז, בעת זיי האָבן אָפּ־געהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג מיט די רעקרוטן. ברוך האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד. מ'האָט אַלעמען באַפרייט, נאָר ער האָט געקראָגן אַ יאָר געפענגעניש.

ווי נאָר ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל אים אַ צווייטן מאָל אַרעסטירן. מ'האָט אים געוואָרנט, און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. ער איז אָפּגעפאָרן קיין אָדעס. פון אָדעס קיין בערלין, פון בערלין קיין זשענעווע, אין דער פרייער שווייץ, דער מקום־מקלט פון די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן. דאָ האָט ער זיך אָנ־געשלאָסן אָן דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, „די שוואַרצע פאָן". ב. ריווקין האָט זיך באַטייליקט אין די אַנאַרכיסטישע פעריאָדישע אויסגאַבן. ער האָט געשריבן נעקראָלאָגן, געמאַכט שריפטלעכע הספדים אויף די „הרוגי־מלכות" פון דעם צאַרישן רעזשים. ער האָט דעביוטירט מיט אַ בראָשור אין רוסיש מיטן נאָמען „קאָמונע", דערשינען אין זשענעווע. אין אָט־דער בראָשור געפינען זיך שוין די זוימען פון די אַלע געדאַנקען, וואָס ב. ריווקין האָט אַנטוויקלט אין משך פון זיינע פילע יאָרן פון ליטעראַרישער טעטיקייט.

אין לאָנדאָן איז ער אָנגעקומען אין 1911. דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש. דעם ערשטן אַרויסטריט האָט ער געמאַכט אין „אַרבעטער פריינט", האָט זיך אויך באַטייליקט אין „זשערמינאַל". זיין ערשטער עסיי אין יידיש האָט געטראָגן דעם קעפּל „גאָט־מענטשטום". ער באַמיט זיך צו באַגרינדן דעם טעזיס, אַז צווישן געטלעכקייט און מענטשלעכקייט איז ניט פאַראַן קיין תהום. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן עסיי מיטן נאָמען „די ראָלע פון דער פערזענלעכקייט", דערשינען אין רוסיש אונטערן קעפּל „קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם". אין זעלביקן יאָר האָט ער אויך גע־שטעלט זיינע דרייסטע טריט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער, אין די דריי אַרטיקלען וועגן דעם דיכטער יהואש. אברהם רייזען האָט באַזוכט צו יענער צייט לאָנדאָן, געלייענט ב. ריווקינס קריטישע אָפּהאַנדלונגען און איינגעלאַדן דעם מחבר זיך צו באַטייליקן אין „דאָס נייע לאַנד", וואָס ער האָט רעדאַקטירט.

דריי טעג פאַר 1912 איז ב. ריווקין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

ער האָט מיטגעאַרבעט אין „דאָס נייע לעבן", „צוקונפט", געווען פאַר אַ קנאַפּן יאָר סעקרעטאַר, בעת אַ. ליעסין איז געווען רעדאַקטאָר. ער האָט

זיך באַטייליקט אין די „שריפטן" פון די „יונגע"; מיטגעאַרבעט אין „ליטעראַטור און לעבן", „נייע פּאָסט", „גלייכהייט", „יידישער קעמפער", „נייע וועלט", „פעדער"; אין די טעגלעכע צייטונגען „טאָג", „היינט", „צייט", „יידישער טאַגעבלאַט", „פרייהייט". ער האָט רעדאַקטירט „נאַטור און וואונדער" פאַר פסיכישע פאָרשונגען און ניי־מעסיאַניזם. פון 1922 ביז 1932 געווען פאַרבונדן מיט דער טעגלעכער צייטונג „די יידישע וועלט", וואָס איז דערשינען אין פילאַדעלפיע. אין 1937 האָט ער רעדאַקטירט אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע „יידיש", אין שיקאַגאָ. ער האָט פּרובירט „אָרגאַני־זירן" און דערמוטיקן די שעפערישע כוחות פון „מיטל־מערב". אין 1936 געאַרבעט אויפן שרייבערס פּראָיעקט, פאַרפאַסט זיין גרעסערעס ווערק אונטערן נאָמען „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור". די אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די זאַמלביכער 2 און 3 אונטער דער רעדאַקציע פון ה. לייוויק און י. אָפּאַטאָשו. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין „שיקאַגאָ", „בריקן", „סביבה", „עפּאָכע" און „יידישע שריפטן".

ער האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען כמעט וועגן אַלע ווערק פון יידישע שרייבער, מיטציייטלער, וואָס האָבן זיך פאַרדינט געמאַכט, ווער מערער, ווער ווייניקער, פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיין אייגענער נאָמען „ב. ריווקין" איז געווען ניט מער ווי זיין פען־נאָמען, אָבער אים האָט ער און אַנדערע באַטראַכט ווי זיין אייגנטלעכן נאָמען. ער האָט אָבער אויך גע־ברויכט פּסעוודאָנימען, ווי אבא ליליען, סקוטעלסקי, מאַרק טעלעראַז, ווי אויך די איניציאַלן ב. ר. דערהויפּט האָט ער פיל געשריבן און מיט גרויסן פּאַטאָס און היצכן שוואונג וועגן די דיכטער אָדער פּראָזאַאיקער, וואָס האָבן אין זייערע שאַפונגען באַהאַנדלט, אָדער בלויז באַרירט זיין ליבלינג־צווילינג־אידייע: משיחיות און אמונה באַפעסטיקט אויף אַ ראַדיקאַלן יסוד.

ב. ריווקין איז ניט געווען קיין קריטיקער אין קאָנווענציאָנעלן טייטש פון וואָרט. ער איז געווען מער אַ מפרש, ער האָט פאַרטייטשט, אויס־געטייטשט אַ ווערק, אַפילו אַריינגעטייטשט, ווען דאָס ווערק האָט זיך גע־לאָזן. ער איז געווען שעפעריש. די ווערק פון די וויכטיקע מחברים האָט ער געברויכט ווי רויען שטאָף פאַר זיינע יצירה־בנינים. ער איז געווען באַ־הערשט פון אַ קרעאַטיוון אימפּעט, אַ ליטעראַריש־אידעאָלאָגישן הונגער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין זעט. ער האָט געווימלט מיט געדאַנקען, געיוירט מיט איינפאַלן, געפלאָכטן גראַטעסקע צירופים פון רעיונות און אויסדרוקן. יידישע ליטעראַטור פאַר אים איז געווען מער ווי איינפאַכע ליטעראַטור. זי האָט אַ שליחות. איר מיסיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי

דאַרף פירן דעם יידישן פאָלק אויף זיין לאַנגן וועג פון ליידן און פּיין, און אים ברענגען צום פולן זיג, צו גאולה וישועה פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס יידישע פאָלק איז אַ „גוי קדוש“ און זיין ליטעראַטור דאַרף זיין הייליק. זי דאַרף אויסקריסטאַליזירן און דערהויפּט פאַרגעשטאַלטיקן די יידישע אויסלייזונג־אַספּיראַציעס און אינספּיראַציעס. אום אַן אידייע זאָל ווערן ווירקזאַם, אַ טיכטיקער פאַקטאָר אין לעבן, מוז זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געשטאַלט, קריגן דעם „צלם־האדם“. דאָס הייסט, זי דאַרף צוגעקניפּט ווערן צו אַן אַבסטראַקטער, אויסגעטרוימטער, אויסגעפאַנטאַזירטער, אָבער קינסטלעריש־ליטעראַריש קאָנקרעטיזירטער, פּערזאָן. ערשט דעמאָלט קען די אידייע שאַפן וואונדער, ווייזן מופתים, באַצווינגען די מענטשהייט און די וועלט. דעריבער האָט אים אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט די פּערזאָן פון מלך־המשיח, וואָס איז בלויז אַ פּאַרלייבונג, אַ פאַר׳בשר־ודם׳ונג פון דער הויכער באַשטרעבונג פון אויסלייז.

ב. ריווקין האָט תמיד געגאַרט און געלעכצט נאָכן אין־סוף פון פּאָעטישער אויסדרוכטעניש. ער האָט זיך געפילט איינגעשטשעמעט אין דער באַגרענעצטער מעגלעכקייט פון דעם פּראָזאאישן זיין.

ווי דער ים האָט ער געברויזט און ווי דער ים האָט ער זיך נאָכאַנאַנד געריסן פון זיינע קערפּערלעכע ברעגעס. ער האָט געשטרעבט צו דער אייביקייט און האָט פיינט געהאַט די דאָאיקע רגעס. ער האָט געוואָלט פאַרפלייצן מיט זיין גייסט, מיט זיין אומגעצוימטער און אומצוימבאַרער ענערגיע, די טריקעניש פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור.

ב. ריווקין האָט פאַרמאָגט אַ פיין־סענסיטיווע מיסטישע נשמה, וואָס איר אידלקייט און ראַפינירטקייט איז דערגאַנגען כמעט צו דער מדרגה פון „לית ביה תפיסה כלל“. און זיין גוף? אַ מיספאַרשטענדעניש. און עס איז פאַרגעקומען אַן אייביקער קריג צווישן זיין ערדישן מגושמדיקן קערפּער און זיין זוניק־גליענדיקער זעערישער זעל.

אין ראַנגלעניש מיט זיין חומר, מיט דעם גאַנצן וואַכעדיקן אַרום, מיט דעם חולינדיקן שרייבערישן געזינדל, וואָס איז פאַרטונקט איבערן קאָפּ אין קליינלעכע אינטערעסן פון פּרנסה־זוכעניש און געפינעג ש — האָט ער פאַרשווענדט אַ היפּש ביסל פון זיינע כוחות. אָבער אין אָט־דעם קאַמף האָט ער זיך תמיד אָנגעלאָדן מיט נייע קרעפטן. זיין ליטעראַריש לעבן איז געווען איין „מלחמת־מצווה“.

ווי אַ פרומער ייד חזיר, האָט ער פיינט געהאַט די „שרייבאַרעס“, די דרייגראָשענע הענדלערס, די מרוויחערס, די קויפער־פאַרקויפערס פון

וואָרט, די לאָטכערס, די גנבימלעך פון שעפערישן אויפטוערישן געדאַנק. ווי ווערים וואָלט ער זיי צעטראָטן מיט די פיס. וואָלט . . . אָבער ווערים קריכן אַרום אַזויפיל אויף יעדן בלאָט און בלעטל . . . און וויפיל פיס פאַר־מאָגט אַ מענטש ?.... דער מענטש וואָס גייט בקומה זקופה איז אומ־

באַהאָלפן, איז אָנמעכטיק אין זיין געפעכט קעגן די „קריכערס", די שרצים ורמשים...

ב. ריווקין איז געווען אַ וואַכזאַמער וואולקאַן. ער האָט געשפּיגן מיט פלאַם־פייער. זיין פייער האָט געלייטערט פון פסולת די ווערק צו וועלכע ער האָט זיך צוגערירט. ער האָט קיין פּאַרפאָסער ניט פאַרברענט „מיט דעם הויך פון זיין מויל", בייערט אויסגעברענט דעם שלאַק פון זיין אומפּאָס און אויפפּאָס, און דער עכטער מעטאַל האָט זיך צעגליט און צעהעלט. ב. ריווקין ווי דער פייער־עלעמענט האָט אַלעמאָל געצויגן אַרויף, און מיט־גערופן און מיטגענומען אין די אויבערשטע געוועלבן אַלע די, מיט וועמען ער איז גקעומען אין קינסטלעריש־דיכטערישן מגע־ומשא. און די, וואָס האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט אויפהויבן פון זייער נידעריקער פלאַכ־קייט, האָט ער געשלעפּט ווי איבערגעוואָלד אין די הויכן, פּרובירט כאָטשבי אַרויפהויבן זיי ווי זיילן רויך...

ב. ריווקין אין זיינע קריטיק־אָפּהאַנדלונגען האָט געטאָן וואָס דער פסוק *) זאָגט: „ער האָט אויפגעהויבן פון דעם שטויב דעם אָרעמאַן און פון דעם מיסט האָט ער דערהויבן דעם אביון." אין די גייסט־קבצנים האָט ער אַריינגעהויכט זיין רוח־הקודש, זיין באַגייסטערונג, זיין באַפליגלטן עקסטאַז. די דלפנים פון געפיל, די שלעפּערס פון פאַנטאַזיע האָט ער באַ־שאָנקען מיט שעפערישן שפע, מיט זיין נשמה־עשירות. בעטלערס וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער פון יידישער מחשבה און הרגשה, געקליבן סקאַרינקעס און קוויטלעך, האַלבע און פערטל פּרוטות, און זיי געלייגט אין זייערע טאָרבעס, האָט ער אויפגעריכט, אָנגעטאָן בגדי־מלכות, געזאַלבט זייערע קעפּ מיט פּאַרפיומירטן בוימאויל פון זיין משיחיותדיקער העל־זעערישקייט, זיי געקרוינט מיט דעם כתר פון יידישער יצירה. און זיי האָבן געפּראַנטעוועט אין די קאָסטבאַרע בגדים, מיט וועלכע ער האָט זיי באַקליידט, שטאָלצירט מיט דער קרוין, מיט וועלכער ער האָט זייער קאָפּ באַצירט, און אים אַפילו קיין יישר־כוח ניט געגעבן, קיין דאַנק ניט געזאָגט. זיי האָבן אין זייער שנאָרערישער פאַרריסנקייט און שלעפּערישער

*) שמואל א', ב, ח; תהילים, קי"ג, ז.

גדלות געמיינט, אַז דאָס וואָס ער האָט זיי, אין זיין ביישפּיללאָזער פּזרנות, געשאָנקען, האָט זיי געקומט.

ב. ריווקין איז געווען אַ גרויסער ליטעראַרישער בעל־צדקה, און אומ־געהויער גרויסער פּזרן. ער איז געווען פרייגיביק ווי אַ שפּרודלדיקער אָפּענער קוואַל ביי דער זייט פון אַ שליאַך, וואָס טרינקט גערן און דאַרשטיקע פאַרבייגייערס.

.1946

שלמה גאָלדמאַן

א.

דער ייד און די וועלט*)

ווען מ׳גיט אַ קוק אויפן בוך, מ׳גיט אים בלויז אַ בלעטער, דערזעט מען גלייך די פּראָפּאָרציע פון טעקסט, 182 זייטן, צו די ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, 52 זייטלעך, געזעצט מיט פּעטיט, און וועלכע אַנטהאַלטן אַריבער אַ טויזנט רעפערענצן. דאָס זאָגט אונדז, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ווערק, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן און אָנגעפּאַקט מיט יידישער בקיאות און אַלגעמיינער ערודיציע.

צו דער גאָר אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון דעם ווערק, וואָלט איך זאָגן, אַז עס איז אַ חיבור, אין וועלכן דער היינטצייטיקער ייד, — דעם מחבר נעם איך ווי דעם שליח־ציבור פון אונדזער דור, — נעמט זיך אָן מיט אינטעלעקטועלער עזות און זאָגט אָן דער אייראָפּייאישער וועלט, אַז די צייט, ווען דער ייד האָט זיך געפילט בטל־ומבוטל, ווי פאַרבלענדט פון דעם גלאַנץ פון דער מאָדערנער מערב־ציוויליזאַציע און קולטור, איז שוין פאַריבער.

„די בלינדלינג־איגטואיציעס פון באַגאַבטע און אינספּירירטע מענער קענען צייטנווייז אויפקלערן און אַנטפּלעקן מער, איידער גאַנצע בענד פון סילאָגיזמען.

„אין אייראָפּע, אָבער, איז דער ריינער פאַרשטאַנד געווען אַן אל קנא ונוקם. און די יידן האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון זייער בייגונג צו דינען פרעמדע געטער. דער גלאַנץ פון דער אָקצידענטאַלער לאָגיק און די טונקל־קייט פון דער מעטאַפיזיק האָבן די יידן, מעשה קנעכט, אָנגענומען פאַר אמת ויציב. זיי האָבן זיך פאַרשעמט פאַר אָט־דער פראַכט און, אַלס אַ רעזולטאַט, האָבן זיי זיך געפילט ווי אין אַ פאַרלעגנהייט, וואָס זייער אייגענע ליטעראַ־טור פאַרמאָגט ניט אָט־די ראַציאָנאַליסטישע דקדוקים. מיט איילעניש און פאַראַכט האָבן זיי פאַרוואָרפן די פּראָפעטן, באַטראַכטנדיק די לעצטע פאַר

*THE JEW AND THE UNIVERSE, by Solomon Goldman, Harpers, New York, 257 pages.

קינדער, וואָס פאַרווילן זיך מיט די שפּילצייג פון פּאַבלען און אַלע־גאַריעס.„ *)

אין סאָלאָמאָן גאָלדמאַנס אַרבעט זעט מען, אַז דער מאָדערנער ייד האָט שוין געפונען זיין אָריענטאַציע, זיין אייגענעם קוק אויף זאַכן, אַז ער נעמט פאַרלירן זיין אָפּשיי, זיין ביטול־היש, זיין פלאַטערן פאַר די העלענישע דענקנס־אַרטן, פאַרטיפטער סיסטעמאַטישקייט און אויסגעאַרבעטער מע־טאָדאָלאָגיע.

דער יידישער וועלט־באַנעם, וועלכער איז הייך אַבסטראַקט און טיף פּסיכאָלאָגיש, האָט געקראָגן זיין אויסדרוק אין דעם גרויען אַלטערטום דורך אַ סעריע מיטאָסן. זיך אַרויסצואוויקלען פון די דאָזיקע ווינדעלעך, זיך צו באַפרייען פון דער כלומרשטער קאָנקרעטער פאָרם און אָננעמען אַ וואויל־דורכגעטראַכטע עקספּרעסיע, האָט זיך דעם יידישן וועלט־באַנעם עד־היום ניט איינגעגעבן. אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס דער יידישער געדאַנק איז נאַאיווער און פלאַכער פון דעם גריכישן, נאָר פונקט פאַרקערט. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די יידיש־פילאָסאָפישע מחשבה איז טיפער און חריפותדיקער איידער די געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג פאַרפּוצט אין שול־פילאָסאָפיע בגדים.

אַ פילאָסאָפישער געדאַנק קען זיך ניט רעאַליזירן אין אַ ממשותדיקער דערגרייכונג אויף אַ דירעקטן אופן. ער מוז אָנקומען צו דער פאַרמיטלונג פון דער וויסנשאַפט. און די וויסנשאַפט נעמט אים אויף און טראָגט אים אַריבער און פאַרווירקלעכט אים אין דער טעכניק. און בלויז ווען ער דער־גרייכט יענע שטופע פון רייפער באַפרוכטונג, ערשט דעמאָלט ווערט ער אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. אָט־דעם געדאַנק האָט, מיט אַנדערע ווערטער, אַרויסגעזאָגט וויליאַם וואונדט. איך וויל בלויז צוגעבן, אַז איידער אַ געדאַנק קען ווערן פילאָסאָפיש אויסגעדריקט און אויפגעפּאַסט, מוז ער אָנקומען צו די חסדים פון דעם מיטאָלאָגישן, מעטאַפאָרישן אויסדרוק, אים מוז אַרויסהעלפן פון זיין שטומקייט אַ כלומרשט־דערציילערישע פאָרם. און וואָס טיפער און שאַרפער דער געדאַנק איז, אַלץ מער צייט נעמט אים דורכ־צומאַכן די רייע גלגולים, וועלכע ווערט געשלאָסן מיט אַ טעכנאָלאָגישער פאַרקערפּערונג.

„איז עס אַ „מאַיעסטעט־באַליידיקונג" צו געבן אָנצוהערן, אַז דער מערבישער געדאַנק האָט ניט אַנטפּלעקט קיינע אולטימאַטיווע אמתן, וועלכע

---

*) פאָררעדע צו „ייד און אוניווערס", ז. 10.

זיינען בעפאָר אים געווען אומבאַוואוסט? מעג איינער זיך אָננעמען מיט חוצפּה און סוגעסטירן, אַז זיין רעפּוטאַציע איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אינפלאַציע, און באַגריסן דעם פּראָצעס פון דעפלאַציע, וועלכער האָט זיך לעצטנס אַרויסבאַוויזן? דאָס וואָלט געקענט פירן צו אַ מער טאָלעראַנטער באַציאונג בנוגע אַנשויאונגען וועגן דעם אוניווערס, וועלכע וואָרצלען אין אינטואיציע גיכער ווי אין לאָגיק, וועלכע ווערן אויסגעדריקט מעטאַ־פאָריש גיכער ווי דיאַלעקטיש." *)

"עס קען נאָך אפשר אַמאָל פּאַסירן, אַז דער סילאָגיסטיש־געשולטער ייד וועט נאָך אַנטדעקן וועלכע עס איז פאַרשטענדלעכע באַאָבאַכטונגען בנוגע גאָט, מענטש און דער וועלט אויך אין תלמוד און דער ביבל. מ׳וועט נאָך אפשר אונדז אַ טובה טאָן און צוגעבן, אַז דער יידישער פאַרשטאַנד איז ניט לחלוטין געדאַנקענלאָז. און מען וועט קוים דאַרפן צוקלעפּן צו יעדן דענקענדן יידן דעם צעטל אַריסטאָטעליאַנער." **)

דער מחבר איז סאַרקאַסטיש. אים פאַרדריסט, און מיט רעכט, די אונטערשעצונג פון די יידישע גייסטיקע פּראָדוקטן און די איבערשעצונג פון די ניט־יידישע, וועלכע זעען אויס צו זיין וויכטיקער בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען רייכער מעטאַדאָלאָגיש אויסגעקליידט. זייערע פּרייזן זיינען אַרויפגעשרויפט בלויז מחמת דעם, וואָס אויף זיי איז דאָ אַ גרעסערע נאָכ־פראַגע אויף דעם וואולגאַרן גייסט־מאַרק. בשעת, אין תוך גענומען, ווען מען באַטראַכט זיי נאָקעטערהייט, שטייען די ניט־יידישע גייסט־סחורות, אין זייער אמתן געברויך־ווערט, פיל נידעריקער פון די יידישע גייסט־שאַפונגען.

דער דורכשניטלעכער יידישער אינטעליגענט האָט געמיינט, און מיינט נאָך אַלץ, אַז די טעכנישע רעזולטאַטן, וועלכע ווערן דערגרייכט, זיינען אַ באַוויז, אַז די טעאָרעטיש־פילאָסאָפישע הנחות, — אַדאַנק וועלכע די רעזולטאַטן, ווי עס שיינט, האָבן זיך באַקומען, — זיינען ריכטיק. דאָס איז אַ פאַלשער טעזיס, וועלכן די גאַנצע קולטור־געשיכטע לייקנט אָפּ. אויפן סמך פון טאָטעמיזם, פאַרגעטערונג פון בהמות און פלאַנצונגען, האָט זיך דעם פּרימיטיוון מענטשן איינגעגעבן צו פאַרשטוביקן די בהמות און דאָמעסטי־צירן די פלאַנצונגען, שאַפן פיצוכט, אַגריקולטור און האָרטיקולטור. די פּראַקטישע רעזולטאַטן זיינען געווען פון אומגעהויערער חשיבות — די

*) דאָרט, ז. 51.

**) דאָרט, ז. 52.

טעאָרעטישע רעליגיעז־פילאָסאָפישע באַגרינדונג, אויף וועלכער די פּראַקטיק האָט זיך געהאַלטן, איז געווען דורכאויס פאַלש.

דאָס איז אַן אמת, וועלכער דאַרף אָנגעווענדט ווערן צו דער אָפּשאַצונג פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע.

דער יידישער אויפגעקלערטער האָט איינגעזען מיט ווייטיק, אַז דעם יידן האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן ניט נאָר קיין טעכנאָלאָגיע אויפן יסוד פון די עיקרים פון יידישקייט, נאָר אַפילו אַ וויסנשאַפט האָט ער אויך ניט באַוויזן אויסצובילדן. און ער האָט אַ שפרונג־געטאָן צו דער מסקנה, אַז די יידישע ווערטן זיינען באַדייטלאָז אין פאַרגלייך מיט די העלענישע, וועלכע אייראָפּע האָט איבערגענומען און באַאַרבעט מיט אַזאַ גרויסן דערפאָלג. ער איז ניט געווען גענוג באַהאַוונט אין דער וויסנשאַפט־מעטאָדאָלאָגיע, אַז ער זאָל קענען באַגרייפן, אַז דאָרט, וואו מ׳געפינט די שטאַרקייט פון דער וויסנשאַפטלעכער דיסציפלין, געפינט מען אויך איר שוואַכקייט.

ווען די וויסנשאַפט דאַרף ענטפערן פראַגעס בנוגע, פון איין זייט, דעם עצם־מהות פון אַ דערשיינונג, דאָס מיינט, וואָס אָנבאַטרעפט דאָס העכסט אַלגעמיינע, און, פון דער צווייטער זייט, בנוגע די איינצלהייטן פון אַ פענאָמען, בלייבט זי אָן אותיות, באַנוגנט זיך מיט שטאַמלען. אַזוי־אַרום קען מען זאָגן, אַז די וויסנשאַפטלעכע דיסציפלין באַוועגט זיך ערגעץ אינמיטן, צווישן דאָס אַלגעמיינע און איינצלנע. דאָרטן, אין דער צווישן־וועלט, האָט זי זיך אָפּגעצוימט אַ תחום, וואו זי אָפּערירט מיט גרויס פעולה. דער תחום איז אָבער ווילקירלעך אָפּגעגרענעצט. דער נאַאיווער מענטש, ייד, מיינט אָבער, אַז זי איז באמת אַ גאַנצער כל־יכול אויפן גרויסן געביט פון וועלט־פאַרשטיין און מענטש־אויספאָרשונג.

„דער קוואַנטיטאַטיווער חשבון, וואָס די וויסנשאַפט ליפערט, איז, אָן צווייפל, פונדאַמענטאַל און אינטערעסאַנט. אָבער אַ קוואַנטיטאַטיווע באַשרייבונג פון דעם אוניווערס איז אויפקלערנדיק בנוגע זיין עצם מהות ניט מער ווי אַ קוואַנטיטאַטיווע באַשרייבונג פון שעקספּירן און מיקעלאַנדזשעלאָ וואָלט אונדז געגעבן אַ השגה וועגן זייער ספּעציפישן זשעני. די וויסנשאַפט מאַכט גאַנץ אָפּט דעם איינדרוק פון אַ שווער־לייביקן ריז, וועלכער איז געבונדן הענט און פיס. זי פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלע פחד־אָנוואַרפנדיקע גבורה, אָבער לעת־עתה איז זי אַזוי נעבעכדיק אומבאַהאָלפן. ווי גראַנדיעז און באַדייטנדיק די וויסנשאַפט איז אין דער עקספּאָזיציע און מאַניפּולאַציע פון קוואַנטיטעט, אַזוי אומבאַהאָלפן איז זי, ווען זי טרעפט זיך פנים־אל־פנים מיט דער קוואַליטעט... דאָס אויפבויען פון אַ כינעזישער וואַנט צווישן

דער אינערלעכער דערפאַרונג און דער אויסערלעכער פּאַסירונג, און אַוועק־שטעלן שווער־באַוואַכטע וועכטער אַזוי, אַז קיינע קאָמוניקאַציעס און פאַר־בינדונגען זאָלן ניט דערלאָזן ווערן — דאָס קען אונדז פאַרשאַפן ניט קיין גליק און ניט קיין וויסן. און דאָס איז דער פּלאַץ וואו די וויסנשאַפט שטייט. זי האָט אויפגעריכט אַ מחיצה צווישן באַוועגונג און רעגונג . . . מעשה און מחשבה. זי פאַרביינט די מעגלעכקייט צו קענען זאָגן עפּעס מכוח זייערע פונקציאָנעלע אינטעררעלאַציעס." *)

אָט דער קריטישער צוגאַנג צו דער וויסנשאַפט, וועלכן דער מחבר אַנט־וויקלט מיט אַזוי פיל געשיקטקייט, איז אַ פּועל־יוצא פון דער רייפער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד און פון דער עוואָלוציע פון די כלים, די געצייג, ווי בעקאָן רופט עס, מיט וועלכע ער אַרבעט.

ביז גאָר לעצטנס האָט דעם יידישן משכיל באַהערשט אַן אינפעריאָרי־טעט־געפיל. אים האָט זיך, נעבעך, אויסגעדוכט, אַז ישראל סבא האָט פאַרשפּילט, פאַרלוירן ניט נאָר זיין „חלק עולם־הזה", זיין אימפּעריאַליס־טישע קאַריערע, נאָר אויך זיין „עולם־הבא", ער האָט ניט געשאַפן אויף דעם געביט פון גייסט אַ דבר של קיימא, אַז דער יידישער באַנעם פון דער וועלט־פּראָבלעם איז ניט פונדאַמענטאַל און האַפּטיק.

אָט די אונטערשעצונג פון די יידישע גייסטיקע ווערטן איז אויס־געדריקט געוואָרן אין אַ ריי גלייכווערטלעך, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער משכילים־עפּאָכע. מיר וועלן ברענגען בלויז אַ צוויי פון זיי, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די איבעריקע.

„אויב תהילים־זאָגן וואָלט זיין אַ רפואה, וואָלט מען עס פאַרקויפט אין אַן אַפּטייק..."

„דער עם הדומה לחמור (דאָס פאָלק וואָס איז געגליכן צו אַן אייזל) האָט געשאַפן אַן אייזנבאַן, אַ טעלעגראַף, און דער עם חכם ונבון (דאָס פאַרשטענדיקע און קלוגע פאָלק) גלאָצט מיט די אויגן און ווייסט ניט וואָס דאָס איז."

אין די דאָזיקע ווערטלעך איז פאַרקערפּערט געוואָרן דער יאוש פון דעם קריטיש־דענקענדיקן יידן, ווען ער האָט דערזען דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע האָט געמאַכט אַדאַנק דעם וואָס זי האָט אָנ־גענומען, אַן קווינקלעניש, די אַרבעטנדיקע היפּאָטעזן, וועלכע קומען, הויפּטזאַכלעך, פון די גריכן, פון העלעניזם.

---

*) דאָרט, ז. 46.

דער יודאַאיזם האָט ניט באַוויזן אַזעלכע אותות ומופתים. ער האָט עס ניט געקענט באַווייזן. זיין רייפונג־פּעריאָד, דווקא דערפאַר וואָס ער איז אַבסטראַקט, איז פון אַ פיל לענגערער דוראַציע. יודאַאיזם אַלס אַ וועלט־באַנעם וועט טריאומפירן, אָבער אין דער גאָר ווייטער צוקונפט. אין אונדזער צייט, אויף דעם געביט פון פאָרשונג, זעען מיר בלויז אַ מער אָדער ווייניקער נאָענטן צוגאַנג צום יידנטום, צו דער אַבסטראַקטער יידישער וועלט־אַנשויאונג. עדות זיינען די נעאָ־פיזיק מיט איר רעלאַטיוויטעט־סיסטעם, און די נעאָ־מאַטעמאַטיק מיט איר סימבאָליזם־לערע, און די „ען״־דימענסיעס.

מען קען כמעט ווי זאָגן, אַז דער געוואַלד־געשריי, וואָס די צעיושעטע אַנטיסעמיטן האָבן אויפגעהויבן מכוח דעם, אַז יידן גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן און באַהערשן די וועלט — איז ניט אינגאַנצן הוילער רשעותדיקער פאַנטאַזיע־בלבול, אויב אונטערן וואָרט „וועלט״ מיינט מען די „וועלט של מעלה״, די וועלט פון אַבסטראַקטן געדאַנק. און ניט די יידנשאַפט האָט בכוונה צו דאָמינירן, נאָר „יידישקייט״, אַלס דער העכסטער אויסדרוק פון אַבסטראַקטן וועלט־באַנעם, גייט עס טאָן. און די רדיפות אויף יידן און דער פאַרצווייפלטער ווידערשטאַנד, וועלכן די באַרבאַרישע שונאי־ישראל ווייזן אַרויס, וועט זיי ווייניק וואָס העלפן...

אויב די צעווילדעוועטע יידן־פיינט ווילן פטור ווערן פון יידנטום, וועט פאַר זיי ניט גענוג זיין זיך צו באַפרייען פון קריסטנטום, וועלכן זיי האָבן פאַלסיפיצירט און כלומרשט אַנערקענט. זיי וועלן דאַרפן גיין אַ סך ווייטער. זיי וועלן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון דער שריפט־שפּראַך, וועלכע, ווי דער יידישער אַלפאַבעט זאָגט עדות, איז אַ סעמיטישער אויפטו, אַ „יידישע״ דערפינדונג...

אין סאָלאָמאָן גאָלדמאַנס ווערק זע איך אַ צייכן פון אונדזער צייט. דער ייד גלייכט אויס זיין געבויגענעם רוקן, הויבט אויף מיט שטאָלץ זיין קאָפּ, קוקט גלייך אין די אויגן אַריין דער איראָפּייאישער וועלט און זאָגט בפה מלא, אַז ער האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען מיט זיינע ווערטן לגבי די איראָפּייאישע אויפטואונגען אויף דעם געביט פון גייסט־פאָרשונג.

נאָך עפּעס. אין סאָלאָמאָן גאָלדמאַנס ווערק איז צו זען אַ דרייסטן פאַרמעסטן זיך מיט דער שווערער אויפגאַבע פון איבערפאָרמולירן די אַלטע און אייביק־נייע יידישע אויפפאַסונגען, אַזוי אַז אַן איראָפּייאיש־דערצויגענער מענטש און ייד זאָל זיי קענען באַגרייפן און זיין בכוח זיי אָפּצושאַצן לויט זייער ערשט־ראַנגיקער חשיבות.

און איצט, בשעת דער מחבר פּרובירט עס טאָן, נעמען זיך אַרויסווייזן די שוועריקייטן, וועלכע ליגן אויפן וועג פון דורכזוכן אַט די קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג.

פאַרוואָס קומט אָן אַזוי שווער צו פאָרמולירן די פילאָסאָפישע הויפּט־יסודות פון יידישקייט? פאַרוואָס איז אַזוי שווער, כמעט ווי אוממעגלעך, צו זאָגן קלאָר און דייטלעך אין וואָס עס באַשטייט דער מהות פון יהדות? פאַרוואָס איז אַזוי שווער צו געבן אַן ענדגילטיקן ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דער יידישקייט־באַוואוסטזיניקער ייד צו דער וועלט, מענטשהייט, יידנשאַפט און צו זיך אַליין אַלס יחיד?

דער אויבנאויפיקער ענטפער איז אַט וואָס:

די יידיש־קלאַסישע ווערק, הויפּטזאַכלעך די מדרשים און תלמוד, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון פראַגמענטן. זיי שטעלן פאָר מיט זיך באַריכטן פון דיסקוסיעס. מיינונג־פאַרשיידנהייטן ווערן איבערגעגעבן מיט דער גרעסטער זאַרגפעלטיקייט. אַזוי אַז עס באַקומט זיך אַ מאָזאַאיק, אַ בינטל סתירות. די סיסטעמאַטישקייט און צוזאַמענפאַלנדיקייט ליגט ערגעץ אויפן סאַמע דעק, וואו אַלץ איז אָפּגעזעצט און רוט אין אייביקער שלווה. דער תלמוד באַצייכנט דעם צושטאַנד מיט די ווערטער „אלו ואלו דברי אלהים חיים", סיי די און סיי יענע זיינען ווערטער פון לעבעדיקן אלהים...

אויף דער לעבעדיקער אויבערפלאַך זעט מען די צוזאַמענשטויסן, די חילוקי־דעות, די רייסערייען, אַמפּערנישן. אַפילו אין הלכה איז די פּוסקים אָנגעקומען די אַרבעט פון סיסטעמאַטיזירן דאָס יידישע געזעץ און ריטואַליסטיק גאַנץ שווער. אַ פּשיטא שוין וואָס איז שייך אגדתא. די יידישע חוקרים וועלן מוזן אַרבעטן שווער און ביטער ביז זיי וועט זיך אייגעבן אַרויסצובריינגען פון עקזיסטירנדיקן תוהו־ובהו אַ האַרמאָניש־געפאַסטע יידישע וועלט־מענטש־אויפפאַסונג. די פרייהייט פון וואָרט און מיינונג אין די יידישע קלאַסיקער איז שיער ניט דערפירט צו כאַאָטישקייט. און אויב די קאַדיפיצירער זיינען סוף־כל־סוף אַרויס מיט נצחון פון דעם געראַנגל מיט דער אומאָרדענונג, וועלן עס אויך באַווייזן די יידישע פילאָסאָפישע דענקער, אָבער אָנקומען וועט עס זיי מיט מער אָנשטרענגונג און פּראַצע.

מיר דאַרפן באַגרייפן, אַז די ביבל אַלס אַזעלכע איז אַ מין „מדרש". דאָס מיינט, אַז די „תורה שבכתב" איז געווען פאַר כמה און כמה יאָרן אַ תורה שבעל פה, אַ מינדלעכע טראַדיציע. פון יענע מינדלעכע אוצרות זיינען דערגאַנגען צו אונדז בלויז פראַגמענטן. די אַראַלע טראַדיציע האָט

מען בלויז טיילווייז פאַרשריבן. און דאָס איז געטאָן געוואָרן אויס מורא די גאַנצע זאַך זאָל ניט גיין לאיבוד, זאָל ניט פאַרצערט ווערן פון די שאַרפע ציין פון שכחה. און בשעתן פאַרשרייבן האָט מען, נאַטירלעך, געקירצט, „קאָרעגירט". ביי דעם איבערגאַנג פון דער תורה שבעל פה צו דער תורה שבכתב זיינען פילע אוצרות, פילע געדאַנקען, פאַרלוירן געגאַנגען, און פילע „נייהייטן" זיינען צוגעשטאַנען מחמת די פאַרריכטונגען. ווען די ביבל אַנטהאַלט אַן אָנזאָג פון „לא תוסיפו ולא תגרעו", ווייזט עס, אַז די אַרבעט פון צוגעבן און אָפּנעמען האָט מען פּראַקטיצירט. קיינעם פאַלט ניט איין צו פאַרבאָטן עפּעס וואָס קיינער טוט ניט. ווי אַזוי אַ „תורה שבעל־פּה" ווערט אַ „תורה שבכתב" ווייסן מיר פון דעם רעקאָרד, וועלכן דער תלמוד גיט אונדז (תמורה, י״ד, ע״ב; גיטין, ס׳, ע״א). פון דעם פאַרשטייען מיר, אַז אויך דער ערשטער איבערגאַנג פון דאָס אָראַלע צו דאָס סקריפּטיווע איז אויך פאָרגעקומען אויף דעם זעלבן אופן און צוליב די זעלבע סיבות — דער פחד פאַרן פאַרגעסן ווערן. און די תורה זאָגט עס אין דעם פּסוק כ״א (דברים, ל״א); „און עס וועט זיין, ווען עס וועלן אים טרעפן פילע שלעכטסן און צרות, וועט אָט דאָס ליד זיין פאַר אים אַ צייגעניש, בכדי עס זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיינע קינדער."

ביי אַזאַ שטימונג פון אומווילקייט צו פאַרשרייבן דאָס געזאָגטע, ביי אַזאַ נעגאַטיווער באַציאונג צום קאָנסערוואַטיזם, וועלכער איז אַן אומפאַרמיידלעכער פועל־יוצא פון אַ פיקסירטער הייליקער שריפט, האָט מען ניט געקענט דערוואַרטן, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין זייערע מינדלעכע שאַצקאַמערן זאָלן זיי איבערליפערן אין דער כתב־פאָרם פאַר די צוקונפטיקע דורות. זיי האָבן יוצא געווען מיט דאָס מינדעסטע. און די יידישע טראַדיציע באַהויפּט טאַקע, אַז די ביבל איז בלויז אַ טייל פון דעם גרעסערן קולטור־אוצר.

„און ער האָט אָפּגעהיט . . . מיינע תורות" (בראשית כ״ו, ה׳). „מיינע תורות", צוויי תורות. ער (אברהם) האָט אָפּגעהיט אפילו יעדע לייכטע מצווה פון דער תורה שבעל־פּה" (בראשית רבה, פרשה ס״ד, אָנהויב פרשה; פרשה מ״ט).

נאַטירלעך, די תורה שבעל־פּה איז עלטער פון דער תורה שבכתב. מיט אַנדערע ווערטער, די יידישע פאַרצייטיקע קולטור־אוצרות זיינען ניט איינגאַנצן איבערגעגאָסן געוואָרן אין דעם שריפט־געפעס. אויך בנוגע נבואה זאָגט אונדז דער מדרש, אַז ניט אַלץ איז פאַרפיקסירט געוואָרן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַר די צוקינפטיקע דורות (מדרש שיר השירים, ד׳;

מדרש רות, ויהי בימי שפוט השופטים; מגילה, י״ד; ילקוט אסתר, רמז אלף, י״ד).

די מדרשים פאַרזיכערן אונדז, אַז מיר האָבן פאַרמאָגט זעקס הונדערט טויזנט נביאים און נביאות. די ציפער, פאַרשטייט זיך, איז בלויז אַן אָריענטאַלישע גוזמא. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז די נביאים האָבן פאַרמאָגט פאַרצייטיקע יידישע „אַקאַדעמיעס״, וואו זיי האָבן געפלעגט זייער וויסן, זייער פאַרשטייַן. און עס זייַנען געווען פיל מער נביאים ווי די פון וועמען מיר האָבן אויפבאַוואַרטע ווערק.

דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז די ביבל שעפּט ניט אויס די גאַנצע יידישע פאַרצייטיקע טראַדיציע, ווערט אויסגעדריקט אין תלמוד מיט דעם וואָס זיי שרייבן צו דעם ספר הישר צו דער פאַרפאַסערשאַפט פון אברהמען (עבודה זרה, כ״ה, ע״א). אויך אַ ספר פון אדם הראשונען ווערט אָנגעדייט (זהר בראשית, נ״ה, ע״ב). חנוך האָט אויך פאַרמאָגט אַ ספר (זהר בראשית, נ״ח, ע״ב).

דאָס אַלץ גיט אונדז אַ סוגעסטיע מכוח דעם, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ גאַנצע, אויסגעהאַלטענע — אויף וויפיל עס איז בכלל מעגלעך צו דער־גרייכן אויסגעהאַלטנקייט אין קולטור־שאַפונגען וואָס האָבן אריכות ימים — יידישע קולטור און אַ יידיש־אָריגינעלע פילאָסאָפיע, פון וועלכער די מדרשים, תלמוד און די ביבל אַנטהאַלטן בלויז אַ קיצור.

„משה האָט געקראָגן די תורה פון סיני און ער האָט זי איבערגעגעבן צו יהושען״ (אָבות, א׳). משה, אַליין אַ האַלב־מיטאָלאָגישע פיגור, הויבט אָן צו שאַפן, אַזוי צו זאָגן, „די היסטאָרישע טראַדיציע״, און „סיני״ איז די פּרעהיסטאָרישע מסורה. דערנאָך, מחמת דעם אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד און די שווערע רדיפות, גירושים, גלות־אָפּריכטונג, איז איבערגעריסן געוואָרן דער גאָלדענער פאָדעם פון דער יידיש־פילאָסאָפישער טראַדיציע.

און איצט, ווען מיר ווילן שאַפן אַ ריין יידיש־פילאָסאָפישע וועלט־אַנשויאונג, דאַרפן מיר אָנקומען צו אַ רעסטאַווירירונג־אַרבעט. פון איין־צוויי שטריכן דאַרפן מיר שאַפן אַ גאַנצע וועלט־געמעלעכץ, פון איין־צוויי געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַלגערט דאָ און דאָרט, דאַרף מען אויפ־ריכטן אַ גאַנצע סיסטעם.

און פאַר אַזאַ שטיק אַרבעט פון רעסטאַווראַציע, אָדער אפשר גאָר עקסקאַוואַציע, האָט זיך דער געלערנטער מחבר אָנטוואָגט אַ נעם צו טאָן.

דער נאָמען פון זיין ווערק „ייד און דער אוניווערס״, ווי אויך די ערשטע פינף קאַפּיטלען: „פערזענלעכקייט און דער אוניווערס״, „די חכמי־התלמוד

און זייערע פּראָבלעמען״, „געוואָר־זיין קעגן פאָרמולירונגען״, „דער אַקסי־דענטאַלער מיטאָס״, „די אימפּאָטענץ פון דער וויסנשאַפט״ — זאָגן אונדז ווי גרויס און וואַגזאַם איז זיין אונטערנעמונג. צום באַדויערן שרינקט דאָס ווערק היפּש איין, ווען עס איז זיך מצמצם און גיט זיך אָפּ אין די ווייטער־דיקע קאַפּיטלען מיט דער דיסהעלעניזירונג פון רמב״ם. דאָס פאַר זיך, די יודאַאיזירונג פון אַזאַ גיגאַנטישער פיגור אין יידישן געדאַנקען־טעמפּל — איז אַ לויבנסווערטע און זייער חשובע אַרבעט. אָבער צו די ערשטע פינף קאַפּיטלעך קומט עס ניט. דאָס ווערק האָט זיך לכתחילה פאַרמאָסטן אַ סך ברייטער און גרונטאָוונער.

דער הויפּט־טעזיס פון מחבר איז, אַז יידישקייט פאַרמאָגט איר מעטאָדאָלאָגיע, וועלכע באַשטייט פון אינטואיציע און אַז דער יסוד אירער איז די פּערזענלעכקייט.

מיר וועלן געבן דעם מחבר אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זיין רעיון מיט זיינע אייגענע ווערטער, הגם אין אונדזער איבערזעצונג.

„ביי יידן איז אָנגענומען דער אינטואיטיווער צוגאַנג. אין די גרויסע שריפטן פון ישראל סבא, וועלכע ווערן באַצייכנט מיט די נעמען תורה, תלמוד, מדרשים . . . און וועלכע אַנטהאַלטן דעם רוב מנין און רוב בנין פון דער יידישער ליטעראַרישער פּראָדוקטיוויטעט, איז שווער צו אַנט־דעקן אַ געוויסע צאָל פון לאָגישע סילאָגיזמען, אָדער מעטאַפיזישע היפּאָ־טעזן. דורך דער גאַנצער ליטעראַטור ווערן כמעט ווי ניט געמאַכט קיינע פאַרזוכן צו באַהויפּטן אָדער דעפינירן קאָנצעפּטן. באמת, דער גאַנצער אַפּאַראַט פון ראַציאָנאַליזם איז אָפּוועזנד. „פאַרשטאַנד״ טרעט אַלע מאָל אָפּ דעם וועג דער אינטואיציע, ספּעקולאַציע — צו מעדיטאַציע, פאָרמו־לירונג — צו געוואָר־ווערן... קאָנצעפּטן אָדער דערשיינונגען ווערן ניט אַנאַליזירט. זיי ווערן באַטראַכט אַלס עפּעס גאַנצעס אין זייער אוממיטל־באַרער פאַרהעלטעניש צום מענטשן. דער אוניווערס ווערט געזען דורך און אין טערמינען פון דער פּערזענלעכקייט... די גאַנצע סטרוקטור פון דער יידישער ציוויליזאַציע ווערט אויפגעבויט אויף אינטואיציעס...

„געשיכטע, הימל און ערד, גאָט האָט דער ייד באַנומען הויפּטזאַכלעך דורך דער פּערזענלעכקייט. פון גאָר ראשיתדיקן פאַרצייטנס האָבן טורעם־הויכע פּערזענלעכקייטן געדינט אי אַלס סימבאָלן און אי אַלס פאָקאַלער אויסדרוק פון אַלץ־עקזיסטענץ, און האָבן פאַרדרענגט אין הינטערגרונט אַלע פּראָבלעמען פון מעטאַפיזיק און גנאָסעאָלאָגיע. דער לעבעדיקער מענטש האָט געגרייצט די קוריאָזיטעט פון דעם יידן און אַרויסגעפאָדערט זיין

רעספּעקט. דער בינע־איינשטעל, דער עולם ומלואו איז אַ טפל, פון סעקאַנדאַרן באַדייט. דער עיקר איז די מענטשלעכע דראַמע.״ *)

די הויפּט־הנחות פון ייִדישקייט שטייען העכער און נידעריקער, פונ־דאַמענטאַלער פון ראַציאָנאַליזם, פון דעם איבערפלעכלעכן שכל, וועלכער הינקט גאַנץ היפּש אונטער, ווען אים קומט אויס זיך צו פאַרנעמען מיט דער פעסטשטעלונג פון ערשטע פּרינציפּן. דער יסוד פון ייִדישקייט, דער באַזיס פון ייִדישער קלוגשאַפט איז אמונה. אָבער דער בנין, וועלכער ווערט אויפגעריכט אויף דעם אמונה־פונדאַמענט, איז ראַציאָנאַליסטיש געבויט. דער תלמוד, דער הלכה־טייל איז שכלדיק שאַרף ווי אַ גוט־געשטעלטער חלף אָן אַ פּגימה.

אָט וואָס רבי נחמן ברעסלאַווער זאָגט וועגן ענין אמונה:

„הגם אמונה איז נידעריקער פון שכל, ווי עס איז באַוואוסט, ווייל עס איז דאָך ניט שייך קיין גלויבן סיידן בנוגע עפּעס וואָס דער שכל קען ניט באַגרייפן, פונדעסטוועגן ציט זיך דער שורש פון גלויבן פון אַ הייכן אָרט און זייער געהויבענעם פּלאַץ, וועלכער איז העכער פון אַלע שכלדיקייטן. מחמת אמונה איז אין דער בחינה פון „איך בין ערשט און איך בין לעצט.״ **)

דער ערשטער פּרינציפּ איז ניט קיין פּראָדוקט פון שכל. דער שכל איז בכלל אומבאַהאָלפן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן „ערשטקייטן״. לויט זיין עצם מהות נאָך איז דער פאַרשטאַנד אַ קאָרעקטאָר, ניט קיין אויטאָר, אַ פאַריכטער, אַ בעל־מגיה, אַן אויסגעפינער פון גרייזן, אַן אַנטדעקער פון טעותן, אָבער ניט קיין אָריגינעלער בעל־מחבר. ער איז ניט קיין שאַפער.

„די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון רעאַליטעט בלייבן פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער. די ליזונג פון איין פּראָבלעם אַנטפּלעקט בלויז אַ מער פאַרוויקלטע מיסטעריע אין דער לייזונג. ווען מיר וואָלטן זיך באַדאַרפט פאַרלאָזן אויף דעם אַבסאָלוטן וויסן, וואָלט אונדז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. דער אמת איז, אַז דער מענטש קען ניט לעבן מיטן שכל אַליין, הגם ער קען זיך ניט באַגיין אינגאַנצן אָן אים.״ ***)

די שאַפנדיקע אַרבעט, די „ברק־המבריק־אַקציע״ ווערט דורכגעפירט פון אינטואיציע. נאָך גענויער, דעם סאַמע ערשטן יסוד פון מענטשלעכער

---

*) „דער ייִד און דער אוניווערס״, ז״ז 2-1.

**) „ליקוטי עצות המשולש״, ז. 77, וואַרשע, תרפ״ב.

***) „ייִד און אוניווערס״, ז. 167.

דערקענטעניש לייגט אַוועק „דער ריינער גלויבן". יידישקייט איז ניט קיין קינד פון ריינעם פאַרשטאַנד, נאָר פון „ריינעם גלויבן".

„אָט דאָ האָט דער פאַרשטאַנד זייער גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט. ווען ער פּראָיעקטירט זיך אויף יענער זייט פון „לאָ פיזיקאַ", אַנטדעקט ער ניט קיינע נייע אמתן, נאָר בלויז ער שפּיאַנירט אויס אַלטע גרייזן... אין דער הילף פון פאַרשטאַנד וואָלט דער מענטשלעכער פּראָגרעס געווען אַזוי אומבאַגרייפלעך ווי דאָס פאָראויסבאַוועגן זיך פון אַ שיף אָן אַ רודער ווען עס שווימט אויף די גרויסע ימ'ען. אמת, די שיף שטייט ניט אויף איין אָרט. זי באַוועגט זיך כסדר. אָבער זי קומט ערגעץ ניט אָן. פּונקט אַזוי איז אָן פאַרשטאַנד... דער רודער איז ניט די שיף, און דער קירעווע־ראַד איז ניט דאָס זעגלען. פּונקט אַזוי אַבסטראַקטע ספּעקולאַציע, ווען זי איז אָפּגעריסן פון דעם גאַנצן קוואַליטאַטיוון תוך פון מענטשלעכער דערפאַרונג, איז ניט קיין דענקען... דער פאַרשטאַנד מעג, אויב ער קען נאָר, דענקען אין טערמינען פון יאָרהונדערטער, ער מעג זיך דערבליקן מסקנות, וועלכע עס וועט נעמען טויזנטער יאָרן צו פאַרווירקלעכן, אָבער דאָס לעבן, דער אינדיווידוּ, די געזעלשאַפט, מוזן זיין זיין ענדלעכער צוועק." *)

דער פאַרשטאַנד ווערט ניט פאַרוואָרפן. דער מחבר ווייזט בלויז אָן דעם ריכטיקן פּלאַץ זיינעם אין דער עקאָנאָמיע פון דענקען. ער האָט פונקציעס, וועלכע ער דאַרף אויספילן. דער מחבר איז ניט קורצזיכטיק. אים שרעקן ניט אָפּ די מרחקים פון טויזנטער יאָרן... דאָס יידישע דענקען איז געוואוינט צו אָפּערירן מיט לאַנגע צייט־שטרעקעס „ווי טויזנט דורות" (אלף דור), אָבער דער שטרעבונגס־ציל מוז זיין פעסט און שטיף אַוועק־געשטעלט, אַניט ווערט פאַרלאָרן דער גאַנצער זין און רייץ פון דער דענקענדיקער אַקטיוויטעט. דער שכל איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן בכדי אים זאָל גוט זיין און ער זאָל האָבן לאַנגע יאָר אויף דער ערד...

„איך האָב געמאַכט די ערד און דעם מענטשן האָב איך אויף איר באַ־שאַפן" (ישעיה, מ"ה)... „צוליב וואָס האָב איך געמאַכט די ערד? צוליב דעם מענטשן וואָס איך האָב אויף איר באַשאַפן" (זהר בראשית, ר"ה, ע"ב).

דער מענטש איז דער צוועק פון גאַנצן באַשאַף. דער מענטש איז דער ציל, די וועלט איז בלויז אַ מיטל פאַר אָט דעם ציל.

„דער לעצטער דענקונגס־קריטעריום פאַר די יידישע חכמים איז גע־

---

*) דאָרט, ז"ז 169-170.

ווען ניט די אינטעלעקטועלע געוויסהייט, נאָר דער עטישער לעבנס־פּיר. דאָס באַנעמען פון דער וועלט־רעטעניש איז געווען אַ טפל, די גוטסקייט פון דער וועלט — דאָס איז דער עיקר. דער פילאָסאָפישער אינהאַלט מעג זיך זיין מטושטש, די הנהגה אָבער מוז זיין פעסטגעשטעלט.״ *)

בכלל האָט דער פּאַרצייטיקער ייד געקוקט אויף דער וועלט פון ווינקל פון גוטס און שלעכטס, און ניט פון שטאַנדפּונקט פון ריכטיקייט אָדער ניט־ריכטיקייט. דער „כי טוב״ ווידערהאַלט זיך יעדעס מאָל ווען אלהים טוט עפּעס אויף און ער באַבאַכט עס און טראָגט אַרויס זיין אורטייל איבער דעם.

לויט דער קדמונישער יידישער השגה איז דאָס וועלט־סיסטעם אַן עטישעס סיסטעם, אַ גאַנצקייט וועלכע איז געבויט אויף פולער סאָלידאַריטעט און אידענטיטעט, אויף דער פאַרשמעלצונג פון סתירות און היפוכים אין איין־איינציקן, אַלץ־אומפאַסנדיקן אחד.

„צוקונפט״, אָקטאָבער, 1938.

ב.

קריזיס און אַנטשיידונג **)

אָט דאָס בוך „קריזיס און אַנטשיידונג״ פון שלמה גאָלדמאַן איז אַ ייִנגערער ברודער פון „דער ייד און דער אוניווערס״. דער עלטערער ברודער האָט זיך פאַרנומען מיט די אייביקע, און דעריבער אַבסטראַקט־ספּעקולאַטיווע, פּראָבלעמען פון יידנטום. דער ייִנגערער גיט זיך אָפּ מיט די קאָנקרעט־פּראַקטישע פראַגן פון יידנשאַפט. אָבער די דאָזיקע הלכה־למעשה שאלות ווערן באַהאַנדלט אַרויסגייענדיק פון הייך־טעאָרעטישע פאַראַלגעמיינערונגען און טיף־פאַרפונדעוועטע גרונטלאַגן. און, באמת, ווי האָט דער מחבר גאָר אַנדערש געקענט טאָן? אַ יידישע פּראָבלעם, ווי טאָג־טעגלעך, ווי חולינדיק זי זאָל ניט זיין, וועט זי אַלץ מוזן באַטראַכט ווערן פון די טורעם־שפּיצן פון יידישער דערוואַרטונג אין דער צוקונפט

*) „ייד און אוניווערס״, ז. 31.

** CRISIS AND DECISION by Solomon Goldman. 206 pp. Harpers, New York and London, 1938.

און פון דעם טיפן מעמקים פון ייִדישע דערפאַרונגען אין דער פאַר־גאַנגענהייט.

„וועלכע אַנטשיידונג דער ייִד זאָל ניט פאַסן אין דער סיטואַציע, דוכט מיר, וועט זי זיין פאַרבאַדינגט פון די פיר טויזנט יאָר געשיכטע." *)

דער ייִד קען קיין שלוס ניט אָננעמען, סיידן ער קוקט פאַר דעם אַריין אין זיין ספר הזכרונות, אין זיין היסטאָריע. דאָרטן זוכט ער דירעקטיוון פאַר דער קעגנוואַרט, אָנווייזונגען ווי אַזוי צו רעאַגירן. אויף די שטערן, וועלכע לייכטן אַרויס פון די נעכט פון זיינע איבערלעבונגען, פאַרלאָזט ער זיך. ער נעמט זיי אַלס וועגווייזער אין זיינע רייזעס אין ים פון זיינע צרות.

„איך קען בשום אופן ניט גלויבן, אַז די פינף זיגרייכע יאָרן פון נאַציזם וועלן באמת בייטן דעם קורס פון דער מענטשלעכער עוואָלוציע." **)

דער ייִד איז צופיל אַ מלומד־בנסיונות, אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין אַ פאַניק בשעת אַן עת־צרה, ווי גרויזאַם און גרוילעך די צרה זאָל ניט זיין.

„די קעגנווערטיקע פאַניק האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם מאַנגל אין וויזיע און כאַראַקטער." ***)

ישראל סבא פאַרמאָגט אָבער ביידע זאַכן: אי אַ שאַרפן בליק, וועלכער שניידט דורך די נעפּלען פון דער קעגנוואַרט און דערלאַנגט אַזש אין דער צוקונפט; אי אַ פאַרהאַרטעוועטן, שטאָל־געשמידטן ווילן און כאַראַקטער. און דעריבער פאַלט דער ייִד ניט אַריין אין יאוש, אין אימת־מוות, ווען ער דערזעט די צעבושעוועטע געוויטערן פון דער צייטווייליקייט וועלכע ווילן אים פאַרניכטן.

דאָס בוך טראָגט אין זיין קעפּל דאָס וואָרט „קריזיס" אָן דעם קוואַלי־פיצירנדיקן און באַגרענעצנדיקן אַדיעקט, ווי „ייִדישער". און דאָס איז ניט קיין פאַרזען, נאָר עס האָט אַ וואָגיקן מיין. דער שיקזאַל פון דעם ייִדישן ציבור איז שטייף פאַרקניפּט, מיט טויזנטער פעדים, מיט דער מערכה פון דער מענטשהייט. לכן איז דער ייִדישער קריזיס אַן אינטעגראַלער טייל פון אַלגעמיינעם קריזיס פון דער אייראָפּייִשער ציוויליזאַציע.

אָט וואָס דער מחבר זאָגט אונדז אין דער הקדמה צו זיין ווערק מכוח דער פאַרהעלטעניש:

„דער אַלטער הומאַניזם און די נייע וויסנשאַפט זיינען געווען אַ פּראָ־

---

*) פאָררעדע צו „קריזיס און אַנטשיידונג", ז. 13.

**) דאָרט.

***) דאָרט.

טעסט קעגן קלאַנישקייט, מאַנאַרכיע און פסעוודאָ־אוניווערסאַליזם. אָבער אין דער נייער וויסנשאַפט האָט געלויערט די געפאַר פון אַ צוריקקער צו דעם שלעכטס, וועלכן די וויסנשאַפט איז אויפגעקומען בכדי צו באַקעמפן — צו אוניפאָרמיטעט און קלאַנישקייט. דערפינדונג האָט אַריינגעלייגט אין די הענט פון איינעם אָדער פון וויניקע אַזאַ מאַכט, וועלכע קיין פאַר־צייטיקער פאַטריאַרך פון אַ קלאַן אָדער הויפּט פון שבט האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט. אין אונדזער צייט זיינען מיר עדות פון דער אויפדעקונג פון אַט־דער סכנה, וועלכע לויערט אין דער וויסנשאַפט. און אַט־דאָס שאַפט דעם קריזיס פון דער גאַנצער מענטשהייט.״ *)

דער קריזיס איז אַן אַלגעמיינער. די מענטשהייט לעבט אים אַדורך מיט יסורים און ווייטיקן. זיינע וואָרצלען ליגן אין סאַמע אונטערבאָדן פון אונדזער ציוויליזאַציע. די חלאת איז איינגעפרעסן אין סאַמע לייב פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און טעכניק.

„אויף דעם יידן דריקט אַט־דער אַלגעמיינער קריזיס פון ציוויליזאַציע מיט אַ טאָפּלטער קראַפט. דער ייד איז שוין אַזוי געמאַכט, אַז ער איז ניט ביכולת אויפצוגעבן זיין אינדיווידואַליטעט. דער מהות פון זיין געשיכטע, זיין רעליגיע, זיין פאַרצייטיקע ליטעראַטור זיינען אַ באַשטעטיקונג פון אַט־דעם טעזיס. שוין אין חומש, אַ קדמונימדיקער דאָקומענט, אַפילו לויט די ראַדיקאַלסטע ביבל־קריטיקער, באַצייכנט שוין דער ייד זיך אַלס אַן עם לבדד ישכון, אַ פאָלק וואָס לעבט זיך באַזונדער . . . דער יידישער זשעני אין אַלטערטום האָט געקוקט מיט פאַראַכט אויף די פילע מינדערהייטן, וועלכע זיינען געוועזן גרייט צו פאַרשאַכערן זייער אייגנאַרטיקייט, צונויפ־לייגן זייערע געצעלטן און זיך פאַרשמעלצן מיט דער הערשנדיקער מער־הייט. אין יעדן גרויסן קריזיס אין דער געשיכטע, ווען אַט־דער געפעכט גייט אָן, געפינט מען דעם יידן אין די סאַמע געדיכטע.״ **)

די דאָזיקע עטלעכע אויסצוגן פון דער הקדמה ציינן אונדז אָן קלאָר דעם מעטאָד, וועלכן דער מחבר ווענדט אָן בשעת ער באַהאַנדלט די פאַר־ווירטע, פאַרוויקלטע און פאַרפלאָנטערטע יידישע פראַגן פון אונדזער צעווילדעוועטער צייט.

זייער אינטריגירנדיק איז דער קאַפּיטל „די יידן און די קריסטן״ (ז״ז 26־41).

„דער ייד ווערט פאַרפאָלגט, ווייל ער איז דער תמידיקער פרעמדער.

*) דאָרט, ז. 9.

**) דאָרט, ז. 10.

ער איז די זעלבסט־פאַרשטענדלעכע מינאָריטעט אין אַלע לענדער.״ *)

„דעם יידן האָט מען פיינט, ווייל מ׳פאַרדעכטיקט אים און מ׳האָט מורא פאַר אים. און מ׳פאַרדעכטיקט אים און מ׳האָט מורא פאַר אים, ווייל ער איז אַנדערש פון די פעלקער צווישן וועלכע ער וואוינט.״ **)

„די ניט־יידישע דענקענדיקע וועלט האָט ניט באַגריפן דעם מיין און ניט אָפּגעשאַצט די אומגעהויערע חשיבות פון שבת־רו אַלס אַ סאָציאַלע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אינסטיטוציע. זיי האָבן געמיינט, אַז דער ייד איז, פּשוט, פויל, דעריבער האָט ער זיינע שבתים.״ ***)

די פאָטערס פון דער קירכע האָבן גערירשנט זייערע פאָראורטיילן מכוח יידן פון די געצנדינער.״ ****)

דער ייד איז עלטער און רייפער, פּסיכאָלאָגיש דערוואַקסענער, און אַט־די „גריינע״ פעלקער קענען אים ניט פאַרשטיין. און מענטשן האָבן אַלע מאָל מורא און האַסן דאָס וואָס זיי קענען ניט באַגרייפן.

„דאָס יידישע פאָלק שטעלט צוזאַמען דאָס העכסט־נאָענטע צו אַן „אידעאַלער״ דעמאָקראַטיע, וועלכע די מענטשהייט האָט אַמאָל פאַרמאָגט... יעדע פאָרם פון יידישער אָרגאַניזאַציע איז באַזירט אויף אַן אָפּמאַך . . . מיט אַ פאָר אויסנאַמען, שטעלט די יידנשאַפט פאַר די „פּערפעקטע״ דעמאָקראַטיע. נו, אַ פּערפעקטע דעמאָקראַטיע איז גלייכוויז אַן אידעאַלע אַנאַרכיע.״ *****)

אָבער צום באַדויערן געפינט זיך דאָס יידישע לעבן אין אַזאַ מצב, וועלכער ליגט אויף יענער זייט פון „אַנאַרכיע״. עס איז אינגאַנצן אין אַ צושטאַנד פון תוהו־ובהו, פון וועלכן פלאַנעטן דאַרפן ערשט אַרויסשטאַנצן. און דאָס איז שוין צופיל אַפילו פאַרן „יידישן אַנאַרכיזם״. און דער מחבר אַנטוויקלט דעם געדאַנק (ז״ז 65־73), אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אין אַמעריקע אַ יידיש געמיינדע־לעבן.

„אויב מיר ווילן אַנטוויקלען אין אַלע שטעט איבערן לאַנד אַ גע־מיינדע־באַוואוסטזיניקייט, וועט עס ברענגען צו אַ געמיינדע־אָרגאַניזאַציע. אַ פעדעראַציע פון געמיינדעס וועט שוין ממילא נאָכקומען.״ ******)

---

*) ז. 28.

**) ז. 30.

***) ז. 40.

****) ז״ז 40-41.

*****) ז״ז 65-66.

******) ז. 164.

רייך ביז צו גאָר איז דער קאַפּיטל „דער ציל פון יידנטום" (ז"ז 165־182).

„יידנטום איז געבליבן לעבן, ווייל די ישעיהס, ירמיהס און די הללס האָבן אויסגעבערענט זייערע הערצער אין זייער זאָרגן און דאגהן איבער די צרות פון דער מענטשהייט, די דיסהאַרמאָניעס פון דער געזעלשאַפט. פאַר זיי איז דער ציל פון לעבן געווען ניט דער זעלבסט־אויסדרוק פון עטלעכע „אַריסטאָקראַטן", נייערט די געזונט, לאַנג לעבן, פרייד און פרידן פון דעם פאָלק, פון דער מענטשהייט." *)

אָט דאָס באַהעפטן זיך אָן דאָס גאַנצע, אָן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט דער גאָרער מענטשהייט, איז בייגעשטאַנען און וועטביישטיין דעם יידנטום און דער יידנשאַפט און וועט ברענגען זיי ביידן צו זייער ענדגילטיקן טריאומף.

„זייער רעליגיע איז געווען אַ ברענענדיקער ענטוזיאַזם פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער מענטשהייט." **)

אָבער דעם וואוילשטאַנד פון דער מענטשהייט האָבן זיי ניט אויפ־געריכט אויף פוסטע אַבסטראַקציעס, אויף אויסגעלײדיקטע פיקציעס, נייערט אויף דעם געזונטן יסוד פון יחיד, פון פאָלק — און צום סוף פון דער מענטשהייט.

דער יחיד איז אַ גליד פון פאָלק, דאָס פאָלק איז אַ גליד, אַן אָרגאַן אין דעם אָרגאַניזם, וועלכער הייסט מענטשהייט.

ווי דער לעזער קען זיך איבערצייגן פון די עטלעכע ציטאַטן וועלכע מיר האָבן געבראַכט, באַהאַנדלט דער מחבר די יידישע חיי־שעה פון שטאַנדפונקט פון די חיי־עולם פון יידנטום.

איבער די זייטלעך פון וויכטיקן בוך זיינען פאַרזייט פילע פּערלען פון יידישן געדאַנק און דימענטן פון יידישן געפיל. דער וואָס זוכט ניט קיין מאַסיווע, וואָלוול־וואולגאַרע ברוקשטיינער, נאָר פאַרמאַגט אַן אויג פאַר די שימערירונגען און אַן אויער פאַר דעם צויבער־לשון פון די געשליפענע פּנימלעך פון איידלשטיינער, דער וועט זיך קוויקן מיט אָט־דעם ווערטפולן בוך „קריזיס און אַנטשיידונג".

„דאָס אידישע פאָלק", 3טן יוני, 1939.

---

*) ז. 182.

**) ז. 186.

דוד איגנאַטאָוו

1. זיין שאַפן

איגנאַטאָוו איז ניט נאָר אַ שריפטשטעלער, ער איז אויך אַ ליטעראַרי־שער טוער. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גאַנצער גרופּע „יונגוואַרג" און אַרויסגעגעבן זאַמלביכער אונטערן נאָמען „שריפטן". איך האָב געזאָגט „טוער", באמת איז ער געווען מער פון דעם. ער איז געווען אַ „סייפא", אַ קעמפּער אויפן געביט פון ליטעראַטור. ער האָט געשטריטן אַ מלחמת־מצווה פאַר דעם יידיש־קינסטלערישן וואָרט אין אַמעריקע.

מיר איז אָבער זייער שווער אָפּצושאַצן ווי געהעריק די זייט פון איגנאַטאָווס פּיאָנערישער עקשנות־עסקנות מחמת דעם, וואָס איך בין דאָ אין לאַנד קיינמאָל „יונג" ניט געווען, און איך האָב ניט געפּלאָנטערט מיט דער דערוואַרטונג פון אַרויסשפּראָץ, ניט געפיבערט מיטן אומגעדולד פון אויפקום. איך בין משער, אַז דער באָדן איז דאָ געווען גאַנץ היפּש האַרטלעך און עס איז אָנגעקומען שווער ווי קריעת־ים־סוף צו שפּאַלטן די צפון־אַמעריקאַנער פעלזנשטיינער און פלאַנצן אין זייערע שפּאַלטן יידיש־קינסט־לערישע געוויקסן און צווינגען די שטיינער זיי צו נערן. אַ זייטיקער קען דאָס ניט תופס־זיין. דאָס דאַרף מען דורכלעבן און דורכשטרעבן פּאָעטיש־תפילהדיק, בגילה וברעדה, מעשה־חסיד, און ניט שרייבן מכוח דעם אין קאַלטער מתנגדישער פּראָזע.

איגנאַטאָווס זיבן בענדער ליגן פאַר מיר. זאָלן זיי דורכגיין אונטערן „שבט הבקרת", ווי די מליצים אונדזערע פלעגן האַלט־האָבן זיך אויס־צודריקן.

אָט איז פּיבי. הייסן הייסט עס „פּיביס ראָמאַן". דער נאָמען איז בלויז אַ וואונטש און אַן אָנצוהערעניש, אַז אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין. דערווייל איז עס אַ דערציילונג, וואָס פאַרנעמט איבער זיבעציק זייטלעך. צו קורץ פאַר אַ ראָמאַן אין דעם טעכנישן פּשט פון וואָרט. אַ ראָמאַן מוז האָבן קוואַנטיטעט בכדי צו קריגן די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצוּעפענען די טירן פון זיין קוואַליטעט.

פּיביס פאַבולאַ איז העכסט אינטריגירנדיק, „שפּאַנענדיק". עס איז אַ קאַנראַדישער מאָטיוו. בלוט־פרעמדקייט און קולטור־קעגנערשאַפט. און אַ

טראַגעדיע נעמט זיך פלעכטן: אַ צוזאַמענשטויס פון דעם ניוועלירער גע־שלעכט און דיפערענצירער טראַדיציע.

פיבי איז עקזאָטיש. זי פאַרמאָגט פעסטקייט פון כאַראַקטער, בויגזאַמ־קייט פון געמיט און געבראָכנקייט פון שטריכן, קאַץ־גראַציע, טיגער־שפּרינגעוודיקייט, דורס־אינסטינקט און פלעקן־שפּילעוודיקייט.

איך קאָן אָבער ניט פאַרגעבן דעם פּאַרפאָסער וואָס ער האָט זי גע־צוואונגען צו באַגיין זעלבסטמאָרד פאַר דער צייט, איידער זי, אַלס העלדין, האָט געקראָגן די געלעגנהייט זיך צו אַנטפּלעקן אין איר גאַנצן שיין. דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זיינען ניט דערפירט צום פּסיכאָלאָגישן קלימאַקס־קאָנפליקט.

עס איז נאָך איצטער אויך ניט שפּעט זיך אומצוקערן צום סוזשעט און אים ריכטיק באַאַרבעטן, אויב דער אויטאָר פילט זיך פאַר אַ „בוחן ובודק לבבות", אַ פאָרשער פון פרויען־הערצער, אַ ווייסער פון פרויען־סטראַטעגיע אין אַזאַ מאָס, אַז ער זאָל קענען איבער אַ ברייטן פעלד פאַנאַנדערשפּילן די מאַנעוורעס, די תכסיסי־מלחמה פון אַזאַ קאָמפּליצירטן טיפּ ווי פיבי, וועלכע איז דער סימבאָל און פאַרקערפּערונג פון דעם „געשלעכט־קאַמף".

„דאָס פאַרבאָרגענע ליכט".

„לעזנדיק די מעשיות פון ר' נחמן ברעסלאַווער איז צו מיר געקומען דער געדאַנק פון דעם דאָזיקן בוך." *)

עס איז אַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט, וועלכע פּאַסט פאַר אַזאַ אכזר ווי פּיאָטער דעם גרויסן. דאָס הייסט נעמען אַ ששת־ימי־בראשיתדיקן ווילדן וואַלד, אַ באַוואַקסענעם מיט באָרד און פּיאות און אים אָרומשערן, אָרומ־ראַזירן, צופּוצן, צעקאַטעווען אים אויף שטיקלעך פאַרקלעך...

אין ברעסלאַווערס מעשיות ליגט איינגעשלאָסן אַן אוממיטלבאַרע מיסטישע דבקות, אַ בענקען און אַ באַהעפטונג מיט דעם כביכול. און דאָס קען ניט סובל־זיין קיין „רעפאָרמיזם". אַזעלכע ווערק האָבן האָלט רע־סטאַווירונג אָדער פּרעזערווירונג. מ'קען ניט נעמען קיין קדמון, קיין פאַרצייטיקן און מאַכן פון אים אַ „היינטיקן".

יידישע נשמות בלייבן פאַרקניפּט אין קנופּ פון לעבן, אָדער זיי גייען צוריק צו זייער מקור, דעם כסא־הכבוד, פון וואַנעט זיי זיינען לכתחילה אויסגעסקולפּטורט געוואָרן. זיי וועלן אָבער בשום אופן זיך ניט באַזעצן

*) „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט".

אין ליכט. זיי זיינען צופיל זעלן־מפונקים צו טאָן עס. ליכט איז צו־גראָב אַ חומר, צו־פיזיש פאַר דער יידישער געצערטלטער פּסיכאָלאָגיע... פאַר־באַרגענע ליכט — דאָס וואָרט איז יידיש, דאָס מיינט „אור הגנוז“. דער ייד האָט אויסגעדיכטעט אַ ריינעם סוביעקט, אַ דורכאויס פּסיכאָלאָגישן פענאָ־מען, וואָס ווערט געבאָרן פון זעלבסט־באַוואוסטזיין. ליכט איז אַ פיזיקאַלישע דערשיינונג, אַ וויברירונג, און עס איז צו־גראָב צו דינען אַלס סימבאָל פאַרן יידישן וועלט־באַנעם.

„אַ גרויסער מאָלער איז געווען אייער אלהים, אָבער ער האָט געפונען פאַרטיקע פאַרבן צוגעגרייט פאַר אים, ווי ליכט און פינצטערניש...“

„— ניין, ער האָט אַליין די פאַרבן פאַרמישט, ווי עס איז געזאָגט גע־וואָרן: „יוצר אור ובורא חושך“ — ער שאַפט דאָס ליכט און געבוירט די פינצטערניש.“ *)

ליכט קען ניט ווערן ביי יידן אַ „גאַנצער מאַכער“ און פאַרנעמען דעם טראָן פון דעם גרויסן אוניווערסאַליסט...

„דער דאָזיקער אחד, דאָס אוניווערסאַלע וועזן, איז באמת נאָך ניט אָנערקענט אַלס די פרייע אחדות פון געדאַנק... עס איז נאָך אַלץ אַנגעטאָן אין אַ פאָרם — און דאָס איז ליכט... ליכט איז אַ חושימדיקע אוניווער־סאַליטעט... ליכט איז דער קערפּער פון ארמוזד.“ **)

„בשעת ביי די פעניציאַנער איז דאָס גייסטיקע נאָך אַלץ געווען באַ־גרענעצט דורך נאַטור, געפינען מיר עס ביי די יידן אינגאַנצן געלייטערט, אַ ריינער פּראָדוקט פון געדאַנק... ביי די פּאַרסן זעען מיר ווי דאָס אַבסטראַקטע וועזן ווערט אַן אָביעקט פון באַוואוסטזיין, אָבער עס בלייבט אַ חושימדיקע אינטואיציע — ווי ליכט. אָבער די אידייע פון ליכט האָט אויף דער דאָזיקער שטופע געמאַכט אַ שריט פאָראויס און געוואָרן אַ „יהוה“ — דער ריינער אחד.“ ***)

ליכט איז צו פּאַגאַניסטיש. און אַזעלכע „יידישע“ ווערק מוזן זיין אָדער עכט־יידיש, אָדער זיי זיינען אינגאַנצן ניט־יידיש... פון ברעסלאָווער קען מען קיין ליכט־פאַרערער ניט מאַכן.

„וואונדער מעשיות פון אַלטן פּראָג“.

דאָס איז ווידער אַ פאַרזוך צו מאָדערניזירן. דאָס מאָל איז עס אַן איבערדיכטונג פון „מעשה מג' אחים, אייגע אַ זעהר שעהנע וואונדערליכע

*) מדרש רבה בראשית, פרשה א'.

**) Hegel, Philosophy of History, pp. 178-179, New York, 1920.

***) דאַרשן, ז. 95.

געשיכטע פון דריי ברידער גרויסע לייט הנקרא מעשה פּליאות אין דרייא טייל״.

דעם סאָרט ווייַן, אייגנאַרטיקער „יין המשומר״, טאָר מען ניט איבער־גיסן פון געפעס אין געפעס אַריין. ער מוז בלייבן אין זיין אַלטן לאָגל, אַניט — ווערט ער עסיק...

מיט איבערדיכטונגען מוז מען זייער און זייער פאָרזיכטיק זיין — ווייל ס׳רוב ווערן זיי איבערניצעוואונגען...

„אויף ווייטע וועגן״ — דאָס איז איגנאַטאָווס מאַגנום אָפּוס. וואָס אָנ־באַלאַנגט כמות — פאַרמאָגט דער ראָמאַן קאַרגע 800 זייטן, וועלכע זיינען איינגעטיילט אין דריי ביכער: „אַנטלאָפענע״, „דער וואָס קומט״, „אויפ־ברויז״. וואָס איז שייך שולע — זיינען די ערשטע צווי ביכער רעאַליסטיש, דער דריטער אָבער איז שוין כמעט דורכאויס סימבאָליסטיש. דער דער־ציילונג־שטראָם פליסט פּאַמעלעך אויס, ווערט אויסגעהויכט אין דער זוני־קער אַנטפלעקונג פון הויפּט־העלד. בערמאַן ווערט צום סוף פון ווערק אַ שטיק יידיש־סאָציאַליסטיש „לאָגאָס״. ער איז בלויז אַנגעטאָן אין פליש און בלוט פון האַנדלונגען. ער פירט זיך אויף ווי אַ העראָי פון אַ טראַגעדיע. ער גייט לייבלעך אונטער. אָבער זיין גופס אונטערגאַנג איז זיין נשמהס אויפגאַנג. ער שטייט אויף צו גייסטיקער תחית־המתים, ניט אויפן דריטן טאָג, צום שלוס פון דריטן בוך, נאָר נאָך איידער זיין גוף שטאַרבט. און דאָס איז, אייגנטלעך, וואָס דער מחבר איז אויסן: ער וויל אונדז געבן זיין השגה פון אייביקן יידנטום, וועלכער איז פאַרקערפּערט אין די געשטאַלטן פון די אומדערמידלעכע קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר.

דער איבערפלעכט פון צווי טראַגעדיעס, וועלכע רייסן זיך מיט כל־הכוחות צו ווערן זיג־דראַמעס, פון אַרבעטער און יידן, פאַרפאָלגטן קלאַס און פאַרפאָלגטן פאָלק — דאָס איז דער עצם געוועב פון ראָמאַן.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון ווערק זאָל גלייך פון אָנהויב געזאָגט ווערן: עס באַשרייבט אונדזער צייט און אונדזער אָרט. עס איז אַ ראָמאַן פון אַן איבערגאַנגס־צייט און אַריבערפאָר־אָרט. עס איז אַ לעבנס־באַשרייבונג פון וואַנדערער און וואָגלער איידער זיי האָט זיך איינגעגעבן צו ווערן אַביסל מיושב, געזעצט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און אידעאָלאָגיש.

די העלדן זיינען אַריבערגעקומענע... איך האָב זיך שיער ניט אויס־גערעדט, פון פאָטערלאַנד צום קינדערלאַנד... אָבער משטיינס געזאָגט, וואָסער „פאָטערלאַנד״ איז דאָס לאַנד פון די ראָמאַנאָוס געווען פאַר די פּאָגראָמירטע, אין געטאָ־פאַרשפּאַרטע, פאַרפאָלגטע יידן! צאַריש רוסלאַנד

איז געווען אַ שטיף־פּאַטערלאַנד און יענקי־לאַנד איז אַ שטיף־קינדער־לאַנד... צווישן די דורות עפּנט זיך אויף אַן אָפּגרונט, און ווער ווייס ווי אַזוי מיר וועלן אים פאַרשיטן, אָדער וואָס פאַר אַ בריק מיר וועלן איבער אים אויפהענגען...

דער ראָמאַן עפנט זיך מיטן געלונגענעם פּרואוו צו שאַפן שטימונג פון פאַרוואַרלאָזנקייט, קיילעכדיקער יתומדיקייט.

ניו־יאָרק וואַרפט אַן אויף די אַנטרונענע און אַריינגעקומענע אַ פחד. די מויערן שרעקן מיט זייער גדלות, פאַררישנקייט און עזות קעגן הימל. די אַנגעלאָפענע פון קליינע שטעטעלעך, מאַנטשיגקע ישובימלעך פילן זיך טאָפּלט פרעמד, אין אַ פרעמדער שטאָט און אין אַ פרעמד לאַנד.

דער סיפור־המעשה הויבט זיך אָן מיט אַ שילדערונג פון „פרייע ליבע" אין דעם הויזגעזינד פון די פיינמאַנס. דאָ ווערט „פרייע ליבע" פּראַקטי־צירט ווי אַ מצווה־זאַך. און מר. פיינמאַן פּאַסט־אויף אויף מרס. פיינמאַן און אירע ליבע־אַנגעלעגנהייטן, זי זאָל חס־ושלום קיין פאַרדרוסן ניט איבערלעבן דורך דעם פאַרראַט פון אירע „ליובאָווניקעס"... זי זאָל ניט נכשל ווערן מיט אַ געליבטן וואָס איז אונטער זיין און איר ווירדע.

„פיינמאַן אַליין פלעגט נאָך דווקא דעמאָלט, ווי אַן אמתער העלד און ריטער, אָפּהיטן, אַז זיין פאַניאַן זאָל חלילה קיין בייז ניט געשען." (10, 1.)

און אויב ער פלעגט זיך אַליין אויך אַמאָל פאַרליבן, איז דאָס געווען, לויט זיין ראַציאָנאַליזירונג, מער ניט ווי אַ מיטל אָפּצוראַמען פון וועג אַ קאָנקורענטקע און אָפּהיטן זיין ווייבס געליבטן, ער זאָל זיך ניט פאַרקוקן אויף יענער מיידל און זיך אָפּקילן צו פאַניאַן, וואָס וואָלט איר פאַרשאַפן שברת־לב.

טיפע סיבות האָבן דאָ געווירקט. די מענטשן זיינען געווען איבער־געלאָדן מיט מצוות־פּליכטן; זיי האָבן געדאַרפט קעמפן קעגן קאַפּיטאַל, קעגן שטאַט, קעגן אַלע שלעכטסן פון דער גאַרער וועלט, האָט מען זיי דאָך געמוזט פאַרגיטיקן מיט עפּעס, זיי שענקען וועלכע־ניט־איז קאָנצעסיעס ווי, להבדיל, מ'דערלויבט זעלנער צו ראַבירן, מאַראַדיאַרעווען אַ פּאָר טעג נאָך אַ בראַוון געשלעג און זיג. איינס אָוועק.

צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר. מיר האָבן צו טאָן מיט רעוואָ־לוציאָנערן, וועלכע טאָרן ניט האָבן קיינע לאָיאַליטעטן חוץ זייער איבער־געגעבנקייט און צוגעבונדנקייט צו דעם אידעאַל פון צעשטערן אַן אַלטן סדר און אויפבויען אַ נייעם. זיי טאָרן קיינעם ניט דינען, נאָר איין האַרין־געטין — דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. און אַ חתונה־געהאַטער רעוואָלו־

ציאָנער איז האַלב אַזוי אויפּטועריש און געפּערלעך פאַר די היטער פון אָרדענונג ווי אַ ביט־חתונה־געהאַטער — אַזוי האָט געזאָגט בפּירוש באַקונין וועגן זיך אַליין, בשעת ער איז געשטרויכלט געוואָרן.

מיר'ן זיך אומקערן צום ראָמאַן.

פאַר פאַניאַן דאַרף מען דאָך אַ געליבטן — און לעאָן גאַבריעל טרעט אַרויף אויפן שוועל פון ראָמאַן. איגנאַטאָוו אָבער האָט אים פיינט און „שנאה מקלקלת את השורה", האָס צעקרימט די ליניע, און איגנאַטאָוו פאַרגינט אים אַפילו ניט אַן אָנשטענדיקן אויסזען, ער וואַרפט אים צו אַ חומר־עכור אין בוכשטעבלעכן טייטש פון וואָרט.

„ער איז אַ קליין־געוויקסיקער, מיט שוין אַביסל אַ צו־גרויסער באַז פאַר זיין וואוקס, מיט אויפגעשטעלטע דרעטלעך־געקרויזטע האָר, מיט אַ שאַרפן גרויען וואָלפישן בליק."

איגנאַטאָוו פוילט זיך ניט צו איראָניזירן, חוזק־מאַכן פון דעם רוסאָ־פיליזם, די פאַרליבטקייט אין אַלץ וואָס איז רוסיש, פון די יידישע אימיגראַנטן.

„דער עלנט פון רוסישן עמיגראַנט איז דעמאָלט געווען אַזאַ, אַז בלויז אַ רוסישע סטענגע, אַ בענדל, אָדער בלויז דאָס וואָרט „רוסישער קאָסטיום" האָט געקאָנט צונויפּברענגען אַן עולם. . . . די „רוסישע נשמות" פלעגן זיך ביי זיי פאַנאַנדערשפּילן אויף אַן עכט־רוסישן שטייגער יעדעס מאָל, ווען זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען." (1,9.)

אָבער ווען ער פירט אַריין דעם רוס אין ראָמאַן, איז ער צו אים ניט גלייכגילטיק. איין רוס און איין קאָזאַק אין איין ראָמאַן. און ער באַהאַנדלט זיי, איבערהויפּט דעם געוועזענעם פריץ שליאַפּניקאָוו, ווי בנים יחידים.

שליאַפּניקאָוו באַשענקט ער מיט אַלע מעלות. באַקרוינט אים מיט מידות טובות. ער מאַכט פון אים אַ מין „נתן החכם" אויף דער רוסישער זייט אויסגעדרייט, אַ חסיד שבאומות העולם...

שליאַפּניקאָוו זעט כסדר מוזיק, הערט כסדר טענער.

ער איז געווען אַן אַרכיטעקט, אָבער ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די פּלאַטשיקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרכיטעקטור. די רוסישע כאַטקעס און כאַלופּקעס האָבן יאָ מוזיק און די אַמעריקאַנער הימלקראַצערס — ניט. עס איז אַ רעכט־ביסל איבערגעטריבן, אָבער עס איז נאַטירלעך, אַז אַ רוסישער עקס־פּאָמיעשטשיק זאָל אַזוי טראַכטן. נאָכמער וואָס שליאַפּניקאָוו האָט געפּריידיקט ווי רוסאָ און טאָלסטאָי, אַ „דעטור אַ לאַ נאַטור".

שליאַפּניקאָוו איז כולו זכאי, גאַבריעל איז דער כולו חייב. דער

לעצטער ראַט מ׳זאָל פּאַגראָמען אויף יידן מאַכן, אַבי מקרב צו זיין דעם קץ, דערנענטערן די שעה פון אויסברוך פון דער געזעלשאַפטלעכער ערד־ציטערניש. און אינמיטן פון די צוויי עקסטרעמען שטייט פרענקל, אין וועלכן גבורה און חולשה ראַנגלען זיך, ליכט און שאָטנס שפּילן זיך. ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַנטלאָפן פון סיביר. געקומען אַהער און מיטגעבראַכט זיין טרוים וועגן אַ פרייען רוסלאַנד און באַפרייטע חברים, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אין „סילקע״. זיי שמאַכטן און הונגערן בפועל־ממש, אָבער דאָס איז לאַוו־דווקא. פרענקלען אַרט מער דאָס וואָס זיי פעלט דאָרטן ביכער צום לייענען, זיי הונגערן נאָכן וואָרט.

פרענקל פירט אָן אַן אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן קאַמף, מיט זיך אַליין און מיט זיין אומגעבונג. ער וויל זיך אויפהאַלטן אין זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אינטעגריטעט. ער ווערט זיך קעגן דעם שלעכטן איינפלוס, וואָס אַמעריקאַנער לעבן מיט זיין אַרויפאַרבעטן־זיך־באַשטרעבונג וויל אויף אים אויסאיבן. ער ראַנגלט זיך מיט כל־הכוחות, ער פאַלט ניט אין שלאַכט, אָבער ער זיגט ניט. און ער שטייט איינגעבויגן, ווי יענע לעגענדאַרע וועגט, וואָס האָבן ניט געקענט זיך אויסגלייכן און ניט געקענט זיך אָוועקלייגן.

„. . . נאָכדעם האָט מען געפּראַוועט אַ באַנקעט, ביי וועלכן עטלעכע מענער און פרויען האָבן אָוועקגעגעבן פאַר דער רעוואָלוציע זייערע זייגערס און דאָס איבריקע ביסל צירונג, וואָס זיי האָבן געהאַט.״ (71, 1.)

„די רוסישע רעוואָלוציע האַלט אין קומען, און נאָך איר — די רעוואָלוציע איבער דער גאַנצער וועלט.״ (191, 3.)

אַלע גלויבן, אַלע דערוואַרטן די רעוואָלוציע. קיין איין קאָנטער־רעוואָלוציאָנער פאַרמאָגט ניט דער ראָמאַן. די רעוואָלוציע־דערוואַרטונג — דאָס איז אייגנטלעך דער פאָדעם, וואָס קניפּט זיי אַלעמען צוזאַמען.

די איבערגעגעבנקייט צו דער רעוואָלוציע איז ניט אָפּגעקילט אַפילו אויף איין גראַד. די טעמפּעראַטור האַלט אָן כסדר דורך דעם גאַנצן בוך ביזן סאַמע סוף.

פרענקל גרינדעט די ערשטע יידישע אַרבעטער־צייטונג. פרענקל פירט אָן אַ סטרייק, וועלכער פאַלט דורך און —

„קאַלמאַנאָוויטש און בערנשטיין האָבן זיך געמוזט מיט חרפּה אומקערן צוריק צו זייער פריערדיקן באַלעבאָס.״

אָבער ניט אַלע מאָל איז ס׳ווערטל, אַז „וואָס ערגער אַלץ בעסער״, ניט אמת. עס טרעפט ניט זעלטן, אַז עס דריקט אויס אַ גרויסע ווירקלעכע

וואָרהייט. קאַלמאַנאָוויטש און בערנשטיין זיינען געווען צו־רעוואָלוציאָנער, זיי זאָלן קענען גיין אין שפּאָן פון עקספּלואַטאַציע. די באַלעבאַטים האָבן זיי ניט געוואָלט האָבן, זיינען זיי געוואָרן אַליין... בלוטזויגער, פאַבריקאַנטן...

„כך אומנתו של יצר־הרע, דאָס איז דער וועג פון יצר־הרע, היינט הייסט ער טאָן דאָס, מאָרגן עפּעס אַנדערש, און צום סוף זאָגט ער: גיי דין עבודה־זרה, און מ׳פאָלגט אים.״ *)

דאָס איז אַ שטיקל אַמעריקאַנער, און ניט בלויז אַמעריקאַנער, ווירק־לעכקייט.

און דער סוף איז טאַקע געווען, אַז די צוויי זיינען געוואָרן פאַבריקאַנטן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט געדונגענע שלעגער וואָס ברעכן די ביינער, הרגענען די אַרבעטער וואָס סטרייקן ביי זיי אין שאָפּ, מיט פאַרלייגן כאַבאַר, וועלן אונטערקויפן די פירער פון סטרייק... אָבער דאָס איז אַלץ געווען שפּעטער, אַ סך שפּעטער. דערווייל —

„דער עולם האָט זיך געפילט שולדיק, ניט געקאָנט קוקן פרענקלען גלייך אין פּנים אַריין. שטילער און טיפער פון אַלעמען האָבן די שולדיקייט געפילט די צוויי פרויען בעלאַ און ריוואַ.״ (83, 1.)

„בעלאַ בערנשטיין . . . האָט צוזיפגעבראָכן און פּלוצלונג זיך היס־טעריש פאַנאַנדערגעשריען:

„— ניין, מען דאַרף ניט האָבן קיין שאָפּ! סאָציאַליסטן טאָרן ניט האָבן קיין שעפּער! ניין! ניין! פרענקל טייערער, ראַטעווע! לאָז זיי ניט . . . — און זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטערישן געוויין...״

עטיק און פּאָליטיק — דאָס זיינען צוויי דיסציפּלינען, וואָס לעבן ניט אינגאַנצן בשלום. דער עטיקער נעמט די געזעלשאַפט אַלס אַ סטאַטוס־קוואָ. אָבער דעם יחיד וויל ער איבערמאַכן, רעפאָרמירן אָדער רעוואָלוציאָניזירן גלייך אויפן אָרט, ניט אָפּלייגנדיק עס אין לאַנגן באַנק, ביז די אומשטענדן וועלן ווערן גינסטיק, און דורך דעם מענטשן וויל ער פאַרבעסערן די געזעל־שאַפט. דער פּאָליטיקער, פּונקט פאַרקערט, ער נעמט דעם יחיד אין זיין סטאַטוס־קוואָ, וואָס ער וויל ענדערן איז די אומשטענדן, די באַדינגונגען, די סביבה און דורך די געענדערטע, צום גוטן, אומשטענדן זאָלן ווירקן אויף דעם מענטשן און פאַרריכטן זיין אויפפיר בנוגע זיינע מיט־מענטשן. דער סאָציאַל־פּאָליטיקער שטויסט זיך אָן אויף גרויסע מניעות. ער וויל שאַפן

*) שבת, ק״ה; נידה, י״ג.

אַ „גאָלדענעם ציבור פון מעשענע יחידים״. דער עטיקער באַגעגנט ניט קיין קלענערע שווערקייטן. ער וויל אויפהויבן דעם מענטשן, בשעת די אומגעבונג האַלט אין איין דריקן אים אַראָפּ, שלעפּט אים אין זומפּ אַריין. עס איז אַ פאַרלאַנג און אָנשטרענג צו שווימען אַנטקעגן דעם שטראָם. און וויפיל בעלנים קען מען אויף דעם געפינען? דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען מ׳וואָלט געקענט פאַראייניקן אָט־די צוויי דיסציפּלינען און זיי לערנען שפּרייזן פוס־אין־פוס, שלעפּן דעם פּראָגרעס־וואָגן הן פון יחיד און הן פון רבים. איז אָבער די צרה, וואָס עס איז שווער איינצושפּאַנען אַן אָדלער מיט אַ הינד... ווען עטיק נעמט זיך צופיל כאַוועררבאַוועון מיט סאָציאַל־פּאָליטיק, באַקומט זיך ניט פון דעם בונד און פריינטשאַפט, ווי דער נאַאיווער דענקער דערוואַרט, אַ פאַראיידעלונג פון פּאָליטיק, נאָר אַ פאַר־גרעבונג פון עטיק. קאַליע מאַכן איז גרינגער. גיין אַראָפּ איז לייכטער ווי צו קלעטערן אַרויף... דער כוח־הטומאה ציט אַריבער. און דאָ ליגט די טראַגעדיע.

מען האָט אַמאָל געזידלט די קאַטוילישע קירכע און זי גערופן די „אָר־גאַניזירטע צביעות״. אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג דאָ אין לאַנד איז פאָרגעקומען דאָס אייגענע: אַ פאַנאַנדערגאַנג פון וואָרט און טאַט. און אַ היפּאָקריטסטוואָ האָט זיך געשאַפן. „עס איז דאָך אַמעריקע!״ דאָס איז דער פאַרענטפער און פאַרגלעט. „עס איז דאָך אַמעריקע... מיינט איר, אַז ס׳איז כדאי צו זיין זייער נאָר — אָסור!״ (34, 2.)

איגנאַטאָוו איז נאָך צו מילד אין זיינע שילדערונגען פון דעם אַראָפּ־זינקען. ער לאָזט פּרעגנקלען שטיין אין זיין אומבאַהאָלפענער ריינקייט. בשעת דיווירקלעכקייט האָט די פּרעגנקלס גאַנץ נישקשהדיק פאַר־פּאַטשקעט.

אַ סך נעענטער צו „אַמעריקאַנער״ ווירקלעכקייט איז איגנאַטאָוו צו־געקומען אין זיין פּאָרטרעט־מאָלונג פון „אַנאַרכיסטישן״ דאָקטער מינדלין, וואָס וויניקער פון דריי דאָלער פון אַן אַרבעטער־פּאַציענט נעמט ער ניט.

„— וואָס זיינען דאָס פאַר צוויי דאָלער? — האָט מינדלין געפרעגט און גלייך צוגעגעבן: — מיין פּרייז איז דריי דאָלער.״

מינדלינס אויפפיר איז דער אַנטוישנדיקער און אָפּשטויסנדיקער עלעמענט. איגנאַטאָוו באַלאַנסירט זיין ראָמאַן און גיט אונדז דערהויבנדיקע מאָמענטן און הערצאישע פּערזאָנען. און איינע פון זיי איז מינדלינס געליבטע און, דערנאָך, פרוי.

אַ ברוריה־לעגענדע, מאָדערניזירט, ווערט אַריינגעפלאָכטן. איינע פון

די אַרבעטאָרינס, עמי, בשעת אַ סטרייק ווערט צעהרגעט אויף דער פּיקעט־ליניע פון די ברוטאַלע פּאָליצײ־לייט. זי שטאַרבט אויפן וועג צום שפּיטאָל. מ׳טאָר עס אָבער ניט אויסזאָגן די סטרייקער און סטרייקערינס. דאָס וואָלט זיי אַנטמוטיקן און זיי וואָלטן פאַרלאָרן דעם סטרייק. און מינדלינס געליבטע, בעסי פּינק, פּועלט ביי די עלטערן פון דער געשטאָרבענער אַז מ׳זאָל מאַכן אַ שטילע לוויה, און אויף די מאַסמיטינגען פון די סטרייקערינס ברענגט זי גרוסן פון דער געשטאָרבענער און פאַרזיכערט די אַרבעטאָרינס, אַז זייער העלדין איז מיט זיי אין זייער קאַמף.

בכלל איז איגנאַטאָוו סימפּאַטישער צו די העלדינס פון זיין ראָמאַן איידער צו די העלדן. ווער פּראָטעסטירט קעגן ווערן „פאַרבורזשואַזירט״? ניט די מענער, נאָר די פרויען, בעלאַ און ריוואַ. ס׳רוב, דוכט מיר, איז פּונקט פאַרקערט. די ווייבער זיינען יענע, וועלכע זיינען פּראַגמאַטיש און זיי שטופּן זייערע מענער באַרג אַראָפּ, אין טיפן גרוב אַריין... עס איז כמעט אַלע מאָל „האשה אשר נתתה עמדי...״ זוך די פרוי און געפינען דעם שולדיקן, אָנהויבנדיק מיט דער ערשטער חוהן און גייענדיק אַזוי כסדר דורך די דורות פון ווייבער. זיי זיינען אין מערסטן טייל דער באַלאַסט. אָבער איגנאַטאָוו האָט זיין שטאַנדפּונקט, און זאָל איך זיך מיט אים קריגן דעריבער?!

די צווייטע העראָאין איז אַניוטקע, וועלכע איז זיך מקריב פאַר רוסלאַנד אויף אַן אייגנאַרטיקן ווייבערישן אופן.

„שליאַפּניקאָוו איז פאַר זיי געווען אַ שטיק פאַראייניזאַמטע היים, אַ שטיק פאַרוואָגלט רוסלאַנד, אַ שטיק געוויסן... עפּעס האָט מען געדאַרפט טאָן, מען האָט עפּעס געדאַרפט טאָן פאַר שליאַפּניקאָוון . . . האָט אַניוטקאַ ביי זיך איינמאָל אָפּגעמאַכט איבערצולאָזן קאַלמאַגאָוויטשן און איר אַנטאָן ניקיפאַראָוויטשן, און זי איז אַוועק און איז געוואָרן די געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי פון שליאַפּניקאָוון, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ סך עלטער פון איר. זי איז געוואָרן זיין ווייב ,כדי אים צו ברענגען פרייד, כדי צו פאַרגרינגערן זיין שווערע איינזאַמקייט.״ (125־126, 1.)

אין מיטן ערשטן בוך פירט איגנאַטאָוו אַריין זיין הויפּט־העלד, אָדער, ריכטיקער, זיך אַליין. און מיט זיין אַריינקומען נעמען זיך די איבעריקע פיגורן אַביסל אָפּרוקן אין הינטערגרונט בכדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אים. ווייל אייגנטלעך דאָס גאַנצע ווערק איז צוליב אים געשריבן געוואָרן.

ווער איז אָט־דער בערמאַן?

„— עפּעס איז ער ווי אַ בייזער פרענקל, אָט דער בערמאַן, — האָט

פרענקל וועגן בערמאַנען אָפּט געטראַכט. — גאָר אַ נייער דור איז אונטער־געוואַקסן, אַ נייער דור איז אונטערגעקומען."

"איינער פון די "עם־עולמניקעס", וואָס האָט זיך גלייך גענומען צו העלפן אָרגאַניזירן דעם פאַרוואָרלאָזטן לעבן פון די ניט־אָרגאַניזירטע אָר־בעטער, איז געווען דער יונגער בערמאַן, דער יונגער ענטוזיאַסט מיט די געזונטע, שטאַרקע ציין אין מויל, מיט וועלכע ער וואָלט, דאַכט זיך, געקאָנט שטיינער קייען. ער האָט אויך געהאַט אַן אויסגעהאַמערטן שטערן און אַ שווערן קאָפּ און אויגן פאַרעקשנטע, וואָס האָבן געקוקט פאַר זיך — גרייט דורכצוברעכן אַלע צאַמען." (137, 1.)

מיט בערמאַנען קומט אַריין געטרוד, פאַניאַ פיינמאַנס טאָכטער, דער צווייטער דור וואָס פאַרניינט דעם ערשטן, וואָס וויל זיך בוקן צו דאָס וואָס דער עלטערער דור האָט געברענט. און דווקא גערטרוד, די טאָכטער פון דער "פריי־ליבעניצע", איז אַ צנועה, אַ "כבודה בת־מלך פנימה", באַשיידן. וויל איר לייב אַפילו איר אייגענער שוועסטער ניט וויזן. קושט קיינעם ניט. האַלט אירע ליפּן פאַר אַ הייליקייט.

דעם איבערגאַנג און קאָנטראַסט פון אויסגעלאַסנקייט צו צניעות אין צווייטן דור האָט דזשאָן ערסקין געמאָלן אויף זיין שטיפערישן שטייגער אין זיינע שילדערונגען פון "העלען פון טראָי".

די טאַטעס און מאַמעס האָבן געזען די חסרונות פון דער מאָנאָגאַמישער פאַמיליע און זיי האָבן עס פאַרדאַמט און צעבראָכן. זייערע קינדער האָבן אָבער געזען די ניט־קלענערע חסרונות פון געשלעכטס־הפקרות — און זיי זיינען פאַר אַ "השיבנו נאָזאָד"... זיי, ניט אַלע פאַרשטייט זיך, געפעלט בעסער דער פאַרצוימטער גאָרטן, דער "גן־נעול", איידער דער אָפענער דרויסן, וואו חזירים־ליידנשאַפטן ריען מיט די שנוקעס די ערד און וויקן זיך אין זומפּן פון תאוות און כריוקען פון צעהיצטער און צעשוויצטער געלוסט.

"— אָט ווי דו זעסט, האָב איך מיר דערצויגן אַן אייגענעם שונא אין הויז.

"— און עס איז עפּעס אַזוי קאָמיש, מאַדאַם פיינמאַן! — האָט זיך זינאַ דערויף אָנגערופן — באַכדעם ווי מען האָט אַזאַ מוטער ווי איר און אַזאַ פרייגעזאָנענעם פאָטער ווי מיסטער פיינמאַן..." (145, 1.)

דער שפּיל אין סתירות איז אַ רעאַליסטישער שפּיל. דווקא ביי אַזאַ מאַמען און ביי אַזאַ טאַטן ווערט געבוירן אַ גערטרוד אַלס פּראָטעסט, אַלס

אַ פאַרקערפּערונג פון פאַרדריקטע און פאַרשטיקטע פאַרלאַנגען, אָדער אַלס עפּעס אַטאַוויסטישעס — אַ צוריקשפּרונג צו די זיידעס און באָבעס.

אָבער בערמאַן באַמערקט קוים זיין באַשערטע גערטרוד. ער איז פאַר־טאָן, ער איז פאַרעוסקט. ער איז אַ צוריקגעטריבענער צו זיך אַליין און צו זיין אייגן פאָלק, פון וועלכן ער האָט זיך דערווייטערט. און ער איז אויסגעהונגערט נאָך אַקציע.

„— וואָס הייסט? די קריסטלעכע, די האַרעפּאַשנע קריסטלעכע באַ־פעלקערונג, פאַר וועלכער ער, און אַ סך אַזוינע ווי ער, זיינען געווען גרייט זיך מקריב זיין, איז אַזוי חיהש־ווילד אויפגעשטאַנען אויף דער יידישער באַפעלקערונג.״ (185, 1.)

די „פּאָגראָמען״ האָבן געבראַכט צוריק און אָפּגעהאַלטן פון אַוועקגיין — וועגער ווייס וויפיל אַזוינע בערמאַנס. האָט די גמרא אַליין דאָך צו־געגעבן, אַז „גדולה הסרת הטבעת״... אַז דאָס אַראָפּנעמען פון רינג פון אחשורושן און אַרויפטאָן אים אויפן פינגער פון המנען האָט אויפגעטאָן מער פאַר יידישקייט ווי אַלע נביאים וואָס זיינען אויפגעשטאַנען ביי יידן...*) אַזוי מאָדנע שלענגלט זיך די יידישע געשיכטע, געשריבן פון די ביסן פון שלאַנגען...

„בערמאַן האָט זיך גענומען צו העלפן בויען יידישע יוניאָנס דאָ אין דעם נייעם און אַנגעלאָפענעם לאַנד. און גענומען האָט ער עס טאָן אויף אַזאַ אופן, אַז פרענקלען פלעגט פון דעם אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּן.״ (187, 1.)

דער איינציקער וועג איז אויפצוהייבן אַ קאַמף פאַר אינדוסטריעלע יוניאָנס. קיין איין צווייג אין דער אינדוסטריע טאָר ניט בלייבן ניט־אָרגאַני־זירט. — און אין זיין אויפרעגונג האָט בערמאַן פלוצלונג אַרויסגערעדט:

„די גאַנצע וועלט דאַרף פון דאָסניי איבעראָרגאַניזירט ווערן, ניט אויף שטעט און לענדער און פעלקער, נאָר אויף אינדוסטריעס דאַרף די וועלט איבעראָרגאַניזירט ווערן.״ (191, 1.)

בערמאַן איז ניט געווען קיין אַרבעטער פון דערהיים. ער איז אַ מגידס אַ זון. און זיין לאַגע אַלס פּראָלעטאַריער איז אים געווען אומ־דערטרעגלעך. נאַטירלעכערווייז האָט ער געפילט די ביטערקייט פון זיין מערכה אַ סך שאַרפער ווי דער אַרבעטער וואָס איז צוגעוואוינט צו די צרות. און בערמאַן האָט רעוואָלטירט — און געפלייסט זיך שלעפּן נאָך זיך די

*) מגילת, י״ד.

מאַסן. זיי האָבן אָבער ניט געקענט גיין אַזוי שנעל, מיט אַזאַ אייליקן טריט. זיי האָבן געקוקט רואיקער אויף די עוולות פון דעם עקאָנאָמישן איינשטעל. זיי זיינען געווען פאַרהאַרטעוועט און ווייניקער אָפּטימיסטיש. דער גע־זונטער אינסטינקט זייערער, וואָס איז געווען געשמידט אונטערן האַמער פון נויט און עלנט, האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז די זאַכן טוען זיך ניט אַזוי לייכט... אַז צו איבעראָרגאַניזירן די וועלט איז „פאָלג־מיר־אַ־גאַנג". זיי האָבן געזען די שוועריקייטן, די מכשולים וואָס ליגן אויף דעם וועג פון אַ גרויסער פאַראייניקונג, פאַרברידערונג. און זיי זיינען געבליבן גלייכגילטיק צו בערמאַנס פלאַם־און־פייער־שפּייענדיקע רעדעס.

בערמאַן, דערקענענדיק בעסער די אַרבעטער־מאַסע, ווערט אַנטוישט. זיינע אילוזיעס נעמען צערונען ווערן. און ער ווערט סאַרקאַסטיש, ביטער און בייסנדיק. ער פאַלט אַראָפּ פון הויכער האָפענונג און נעמט ווי זינקען אין טיפער פאַרצווייפלונג.

אין דער פיזישער וועלט איז אָנגענומען דער איינטייל־שניט אויף מאַסע און ענערגיע. מאַסע הייסן די עלעמענטן וועלכע זיינען פּאַסיוו. ענערגיע איז דער מהות וואָס איז אַקטיוו. ער באַוועגט און אַנדערשט די מאַסע. די מאַסע איז די פאַרקערפּערונג פון סטאַטיק, אינערציע, רו. ענערגיע איז דער טרייב־כוח, די פּרוזשינע אין זייגער פון וועלט־מעכאַניזם.

אין דער סאָציאַלער וועלט עקזיסטירט די זעלביקע פאַנאַנדערטיילונג, בלויז מיט אַן ענדערונג פון דער טערמינאָלאָגיע: מאַסע און אָרגאַניזאַציע. די מאַסן דאַרפן אָדער מוזן אָרגאַניזירט ווערן. זיי קענען זיך אָבער אַליין ניט אָרגאַניזירן.

אָט די צעשפּאַלטונג טיילט פאַנאַנדער די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע און יעדן טייל אירן אין צוויי חלקים: פּאַסיווע מאַסע, וועלכע שטעלט פאָר די איבערוועגנדיקע מערהייט, און די ענערגעטישע מינדערהייט, אַ סומע פערזאָנען, וועלכע אָרגאַניזירן די מאַסע, גיבן איר אַ באַשטימטע עקאָ־נאָמישע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פאָרמע.

מיט איין וואָרט, די מאַסן קענען זיך אַליין ניט אָרגאַניזירן. זיי ווערן אָרגאַניזירט. און די וואָס טוען עס הייסן אָרגאַניזאַטאָרן אָדער אָרגאַניזירער. „מאַסע" אין גריכיש הייסט „קנעטן". עס איז אַ טייג, וואָס פאָדערט אַ קנעטער און אַ בעקער...*

---

*) אבא גאָרדין, „סאָציאַלע פּראָגע", ז"ז 19-20.

בערמאַן האָט בשום אופן ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן דער אומ־ברחמנותדיקער ווירקלעכקייט. מיט זיין טעמפּעראַמענט און איינגלויביקייט אין יושר און צדק האָט ער געוואָלט „אָדער אַלץ אָדער גאָרניט", און ווי ס'רוב איינגעשפּאַרטע, וואָס ווילן עס, האָט ער געקראָגן „גאָרניט", האָט ניט דערגרייכט קיינע ממשותדיקע רעזולטאַטן.

בערמאַן מאַכט דורך אַ טראַגעדיע אַלס אַ מוח־סאָציאַליסט, און ער פּלייסט זיך צו דערגרייכן אַ טריאומף אַלס אַ האַרץ־סאָציאַליסט... ער וויל ניט גיין אויפן וועג פון רעפאָרמיזם, פון זיך צופּאַסן צו דער ווירקלעכקייט און ווערן אַ סאָציאַל־לאָטוטניק, אַ לאַטע־לייגער, דערפאַר גיט ער זיך אַ לאָז צו די הימלען פון יידישער גאולה־זעאונג. און אין דעם עלעמענט פילט ער זיך ווי אין דער היים... פון טרוים צו טרוים... דאָ ווערט אַלץ רעכט, דאָ וועלן אַלע פראַגן פאַרענטפערט ווערן... און „עס וועט זיין אין סוף פון די טעג" מיט זייערע פינצטערע נעכט...

ווי אַ פאַרחלשטער פאַלט ער צו צום אייביקן קוואַל פון דערלייזונג, פון גאולה וישועה, וואָס וויל פון קיינע לאָגיש־קאַלטע, וויסנשאַפטלעך־טרוקענע איינווענדונגען ניט וויסן.

אָבער וואָס איז מכוח דעם סיפור־המעשה? אַ מחנה עפּיזאָדן גייען פאַרביי, אַ מענגע פיגורן פילגרימען אויפן וועג פון לעבן. זיי לאָזן איבער קוים־באַמערקטע שפּורן נאָך זיך אין דעם מדבר־זאַמד פון זייער צייט־ווייליקייט.

בערמאַן איז מאָנומענטאַל, און ער פאַרשטעלט זיי אַלעמען, ער פאַר־שאָטנט זיי. מ'זעט זיי כמעט ווי ניט אַרויס. בערמאַן איז גרויס און שטאַרק, ער איז אָבער ניט גרעסער פון לעבן און ניט שטאַרקער פון טויט.

ער שטאַרבט... מ'האָט אים שיער ניט פאַרשטיינט פאַר זיינע אידייען. ער שטאַרבט אָבער ניט אַליין. זיין געליבטע גערטרוד שטאַרבט מיט אים, באַגלייט אים אויפן וועג צו דער אייביקייט פון אָנדענק. — — —

וואָס העכער דער בוים, אַלץ לענגער איז זיין שאָטן. איגנאַטאָווס ראָמאַן איז גרויס — און גרויס איז ער אין קינסטלעריש־אַרכיטעקטאָנישע עבירות. איין מעלה באַזיצט ער, און די מעלה־מצווה וועגט אַריבער אַלע זיינע זינד. און דאָס איז אַן עיקר־זאַך. עס איז אַ ווערק פון אונדזער פּליסיקער, קאָכיקער, וואולקאַנישער צייט. עס איז אַ ווערק געשאַפן פון אַן אונדזעריקן אין טאָפּלטן זינען פון וואָרט: דער שאַפער זוכט אויסדרוק סיי פאַר סאָציאַל־ראַדיקאַליזם און סיי פאַר ראַדיקאַל־יידישקייט. עס איז אַ ווערק פון אַ יידן פאַר יידן וואָס פילן און ווייסן, אַז אונדזער עפּאָכע איז אַ טיר,

אַ שוועל פון אַ נייעם טעמפּל, אַז אונדזער עראַ איז אַן אָנזאָג פון סאָציאַלער באַנייאונג און יידישן רענעסאַנס.

דאָס „פיר־טויזנט־יאָריקע האָרץ" (א. ליעסין) נעמט ווערן יונג און הויבט אָן צו שלאָגן פונדאַסניי פרילינגדיק, פרימאָרגנדיק...

די „ווייטע וועגן" פירן, ווי אַלע עכט־יידישע וועגן, קיין ירושלים־של־מעלה . . . צום אויפשיין פון יידישן גייסט, צום אויפקום פון יידישן ווערדע־געפיל, צום אויפלייכט פון ראַדיקאַל־יידישן „אתה־בחרתנו".

„יעדער ייד איז וויכטיק שוין דערמיט אַליין וואָס ער טראָגט מיט זיך דעם מין ייד אויף דער וועלט... אָט שוין מיט דעם וואָס אַלס פאָלק לייקענען זיי, מיט זייער זיין, די נויטיקייט פון גרענעצן אויף דער וועלט, — איז דער ייד גרויס און וויכטיק... אָט איז אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אויף אָפּ־צולייקענען די גרענעצן פון דער וועלט." (260, 3.)

אגב: אַ זאַמלבוך איז דערשינען. ער טראָגט דעם נאָמען: „דוד איג־נאַטאָוו, קריטיק־זאַמלונג". דאָרטן וועט דער לייענער געפינען פיר פּול־וואָגיקע עסייען געווידמעט דער אָפּשאַצונג און אינטערפּרעטאַציע פון דעם ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן". אָבער דער לייענער דאַרף זיך מיט די קריטיק־אַרטיקלען ניט באַגנוגענען. ער זאָל אַליין זיך לאָזן גיין אויף יענע „ווייטע וועגן" און אַליין טראָגן די אָנגענעמע משא פון איבערלעבונגען, איבער־טראַכטונגען און דורכפילונגען. ער זאָל שפּרייזן אויף יענע „ווייטע וועגן", וועלכע זיינען דער שליאַך פון זיין דור, דער שליאַך וואָס פירט דורך אַ קעגנוואָרט צו אַ צוקונפט פון ראַדיקאַל־יידישן און יידיש־ראַדיקאַלן אויפוואַך.

„צוקונפט", נאָוועמבער 1936.

2. קריטיק איבער קריטיק

דוד איגנאַטאָוו — קריטיק־זאַמלונג. פינף־און־צוואַנציק יאָר ליטע־ראַריש שאַפן. רעדאַקטירט פון: מאַני לייב, דר. ראָזנפעלד. פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ.

אין בוך זיינען דאָ לידער, עפּיזאָדן, נאָענט־צו־מעמואַרן, לירישע אָפּ־שאַצונגען מיט אַ חברשן־פריינטשאַפטלעכן טאָן. מיר קענען, נאַטירלעך, אויף אַלץ זיך ניט אָפּשטעלן. וואָס עס האָט אונדזער אויפמערקזאַמקייט

צוגעצויגן און באַצוואונגען זיינען די פיר הויפּט־אַרטיקלען: „די טראַגעדיע פון אַ רויטער בלום״ פון דר. ח. זשיטלאָווסקי; „דוד איגנאַטאָוס ווייסער פויגל״ פון א. שטיינבערג; „בערמאַן, דער נביא־סאָציאַליסט״ פון ב. ריווקין.

אַט די אַרטיקלען זיינען הויפּטזאַכלעך און כמעט אויסשליסלעך פאַרנומען מיט דעם אָפּשאַץ פון איגנאַטאָווס הויפּט־ווערק, זיין ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן״.

מיר׳ן זיי באַהאַנדלען אין דעם סדר, אין וועלכן זיי זיינען געדרוקט.

דר. זשיטלאָווסקיס גרונט־אויסזעץ איז: אַ בלום קען זיין רויט, אָבער זי קען אויך האָבן אַנדערע קאָלירן. און אַ בלום מוז ניט זיין תמיד רויט. נאָר לאָמיר ציטירן:

„ביי דעם אָפּשאַץ פון דעם ענין רויטע בלומען דאַרף מען אָבער האָבן צוויי וויכטיקע שטאַנדפּונקטן אין אויג: איינעם אַ ריין־לאָגישן און דעם אַנדערן אַ היסטאָרישן. לאָגיש זיינען די באַגריפן „רעליגיע״ און „סאָציאַליזם״ ניט אידענטיש. עס זיינען פאַראַן אַ סך „רויטע זאַכן״, וואָס זיינען ניט „בלום״. סאָציאַליזם איז אַ סך ברייטער, איידער רעליגיעזער סאָציאַליזם און קאָן שטיין אויף זיינע אייגענע פיס אָן אַ ברעקל רעליגיעזן גלויבן. וואָס האָט דען געפעלט קראָפּאָטקינען אָדער מאַרקסן צו זיין גוטע סאָציאַליסטן און אין דערזעלביקער צייט זיין אַטעאיסטישע מאַטעריאַליסטן?

„אין דער אַנדערער זייט מוז ניט יעדע „בלום״, וואָס מיר געברויכן דאָ פאַר אַ סימבאָל פון רעליגיע, זיין דווקא רויט.״ *)

ווי מיר זעט אויס, האָט דאָ דר. זשיטלאָווסקי פאַרגעסן דעם רעכטן עיקר, אַז אין בוך „אויף ווייטע וועגן״ האַנדלט זיך ניט וועגן סאָציאַליזם בכלל נאָר וועגן יידישן סאָציאַליזם בפרט. און נאָך מער בפרט, עס איז אַ שילדערונג, אין דריטן טייל הויפּטזאַכלעך, פון אַ העלד, וועלכער איז אַ ייד און אַ סאָציאַליסט. דעם העלד אינטערעסירט ניט סאָציאַליזם אַלס אַן אַבסטראַקציע סתם אין דער וועלט אַריין, אים אינטערעסירט דער סאָציאַליזם אין זיין אָנווענדבאַרקייט צו דער יידישערווירקלעכקייט, וואו ער מוז, ניט־ווילנדיק אַפילו, זיך צוזאַמענשטויסן אָדער צוזאַמענגיסן מיט דער יידישער פּראָבלעם, און פון דער יידישער פּראָבלעם קומען, לאָגישערווייז און פּסיכאָלאָגישערווייז, צו דער „יידישקייט״־פּראָבלעם. דער העלד איז אַ מענטש, וואָס, נאַטירלעך, שטרעבט צו אַ מין סאָרט מאָניזם, אַ גאַנצקייט

*) דר. ח. זשיטלאָווסקי, „דוד איגנאַטאָוו קריטיק־זאַמלונג״, ז. 51.

אין זיין נשמה. און דערפאַר נעמט ער און שמעלצט צוזאַמען די צוויי ענינים, ווי דר. זשיטלאָווסקי האָט עס אין זיין צייט געטאָן, זיך פאַרמאָסטן מיטן צוזאַמענשמעלצן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראַגע. מיט דעם אונטערשייד, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ „וועלטלעכן" נאַציאָנאַליזם, בשעת דער העלד פון ראָמאַן בלייבט ניט שטיין אין מיטן וועג, נאָר גייט ביזן דעסטינאַציע־פונקט — יידישקייט. „יידישער נאַציאָנאַליזם" אַלס אַ „וועלטלעכע" קאָנצעפּציע איז צופיל אויסגעטראַכט, דערפינדעריש, הייבטיק, עס זאָל קענען באַפרידיקן אַ יידן פון יידן־לאַנד, אַ יידן דערצויגן אויף יידישע ווערטן. און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַרוואָס בערמאַן מאַכט דעם צווייטן, ווייטערן שריט נאָך זשיטלאָווסקין. און די אויסזעצונג וואָס זשיטלאָווסקי מאַכט קעגן בערמאַנען, דעם העלד פון „אויף ווייטע וועגן", קען מען אַנווענדן קעגן זשיטלאָווסקין אַליין.

סאָציאַליזם מוז ניט זיין נאַציאָנאַל, ער מעג זיין קאָסמאָפּאָליטיש. און וואָס האָט מאַרקסן געפעלט צו זיין אַ גוטער סאָציאַליסט, כאָטש ער איז ניט געווען יידיש־נאַציאָנאַל? איך שטעל זיך פאָר, אַז דר. זשיטלאָווסקי וועט ענטפערן: מ'קען אָבער ניט זיין קיין גוטער יידישער סאָציאַליסט, ניט זייענדיק יידיש־נאַציאָנאַל, ניט אַרויסווייזנדיק קיין אינטערעס צום שיקזאַל פון דעם יידישן קיבוץ. דאָס איז אַ גילטיקער ענטפער. אָבער דער ענטפער וועט אויך גילטן פאַר זשיטלאָווסקיס פראַגע: מוז דען אַ סאָציאַליסט זיין רעליגיעז? ניין, אָבער ער קען ניט זיין קיין „יידישער" סאָציאַליסט, ניט אַנווענדנדיק די יידישע קולטור. און אַלץ וואָס יידן פאַרמאָגן אַלס קולטור איז זייער רעליגיע, זייער רעליגיעזע פילאָסאָפיע און עטיק, זייער „רעליגיעז"־קאָלירטן וועלט־באַנעם און געזעלשאַפט־אויפפאַס. און אָפּוואַרפנדיק יידישע אידעאָלאָגיע, קען מען קיין גוטער „יידישער" סאָציאַליסט ניט זיין. די יידישע רעליגיע פאַר אַ יידן איז ניט בלויז רעליגיע. אַ ייד איז ניט צעטיילט אויף צווייען ווי אַ קריסט, וואָס פאַרמאָגט אַ נאַציאָנאַלע קולטור און אַ צוטשעפּעניש פון העלעניזירטן יידנטום וואָס הייסט קריסטנטום, וועלכע האַלטן תמיד אין איין ויתרוצצו. ביי יידן פאַלט זיין נאַציאָנאַלע קולטור מיט זיין רעליגיע צוזאַמען. און דער צוזאַמענגוס איז געשילדערט פון דוד איגנאַטאָוון אין זיין העלד בערמאַן.

טעאיזם פאַלט לגמרי ניט צוזאַמען מיטן באַגריף רעליגיע. בודהיזם איז, לויט די מיינונגען פון פיל פאָרשער, שטרענג אַטעאיסטיש. איז עס דערפאַר ניט קיין רעליגיע? רעליגיע קען זיין גאַנץ אַטעאיסטיש. האָט דען יידנטום ניט אויסגעקוקט צו זיין אַטעאיסטיש צוליב דעם, וואָס ער

האָט באַקעמפט געצנדינעריי? טעאיזם איז בלויז אַ געצנדינערישע פאָרמע פון רעליגיע, אָבער ניט רעליגיע אַלס אַ גאַנצע, אַלס אַ מהות. ווייטער, פון דער אַנדער זייט: דזשיימס, אין זיין ווערק „פּלוראַליסטישער אוני־ווערסום״, באַגרינדעט זיין שטאַנדפּונקט, אַז אַפילו גאָטגלויבערײ קען זיין מאַטעריאַליסטיש. מ׳קען דאָך גלויבן, אַז גאָט איז אַ קערפּער באַשאַפן מיט חושים. מ׳מוז דען אָננעמען דעם רמב״מס ריכטיק־דרייצן עיקרים, אני־מאמינס?

נאָך מער קשיה איז מיר אויף דר. זשיטלאָווסקין, וואָס דער העלד פון ראָמאַן „אויף ווייטע וועגן״, בערמאַן, איז דאָך אויך אַן אַטעאיסט. ער טענהט דאָך, אַז גאָט איז געצנדינעריי און אַז מ׳דאַרף פאַרוואַרפן דעם באַגריף צוזאַמען מיטן וואָרט, און דאָך, דער אָפּזאָג פון טעאיזם און טעאיסטישער טערמינאָלאָגיע שטערט אים ניט צו זיין הויך־ און טיף־רעליגיעז, ד. ה. יידיש־אידעאָלאָגיש, יידיש־קולטורעל. און אַלס אַזעלכן מאָלט אים דוד איגנאַטאָוו.

דוד איגנאַטאָוו שילדערט זיין הויפּט־העלד בערמאַן אַלס „רעליגיעזן״ יידן, אַלס קולטורעלן־עטישן יידן — אָבער בשום אופן ניט אַלס גאָט־גלויביקן, אַלס טעאיסט אָדער אַפילו דעאיסט. וואָס ער פאַרלאַנגט איז אַ „מאָראַלן צענטער״.

איך האָב זיך שוין אַביסל צו לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דר. זשיט־לאָווסקיס אַרטיקל.

דאָ קומט א. שטיינבערגס אָפּשאַץ. מיר׳ן ציטירן דעם סאַמע סוף:

„טאָ פאַרוואָס לאָזט איגנאַטאָוו בערמאַנען שטאַרבן? פאַרוואָס האָט ער אים ניט פאַרגונען חופּה און קידושין? פאַרוואָס ניט אַ קידוש־בעכער אין האַנט אונטער גרינעם סכך? דער קינסטלער, וואָס זאָל קאָנען דער־ציילן און באַוויזן, ווי בערמאַן, אַ ייד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן היינט און מאָרגן פון גאָר דער וועלט, מאַכט קידוש, האָט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך ניט באַוויזן. ווער קען זאָגן, וואָס דאָס קומעדיק בוך פון איגנאַטאָוון וועט ברענגען? דערווייל פלאָנטערן מיר זיך נאָך, דערווייל בלאָנדזשען מיר, דערווייל „זוכן״ מיר און דווקא עפּעס נייעס, בשעת דער אמתער אמת קען גאָר קיין נייעס ניט זיין, ווייל ער איז ניט אַלט און ניט ניי, נאָר אייביק.

„די בערמאַן־לעגענדע האָט געדאַרפט עפענען אַ טויער צו אַ נייעם לעבן און האָט דערפירט בלויז צום בית־הקברות. דערפון איז געדרונגען, אַז ביי בערמאַנס וועג־ווייזער, ביי דוד איגנאַטאָווס ווייסן פויגל, זיינען די

פליגלען געפּענטעט, אפשר אונטערגעהאַקט. דאָס אייגענע ביים רוב פון אונדזערע ראָמאַנטישע „גאָט־זוכער". אין דעם ניט־פאַרריכטן ישעיה שטייט געשריבן: „דרשו יהוה בהמצאו, קראוהו בהיותו קרוב", זוכט גאָט, ווען ער איז דאָ; רופט צו אים, ווען ער איז נאָענט. אויף „ווייטע" וועגן קען מען אים זוכן, אָבער ניט געפינען." *)

פון דעם וואָס בערמאַן שטאַרבט, לערנט א. שטיינבערג אָפּ, אַז בער־מאַנס וועג איז אַ פאַלשער. דער ענטפער צו דער פראַגע פאַרוואָס דער העלד שטאַרבט, ליגט גאַנץ אויבנאויף. איגנאַטאָוו האָט דאָ געצאָלט שטייער דער גריכישער טראַדיציע פון שלעכטן סוף פון דער טראַגעדיע, און האָט, בזה־האופן, געזינדיקט קעגן יידישן כלל, אַז מ'דאַרף ענדיקן בכי־טוב, מיט „השיבנו יהוה אליך ונשובה" און ניט מיט „קצפת עלינו עד מאד". בערמאַנס שטאַרבן האָט מיט דער עצם בערמאַן־לעגענדע גאָר ניט וואָס צו טאָן. דאָס פליסט ניט אַרויס פון בערמאַנס וועלט־ און ייד־באַנעם. ער האָט געמעגט חתונה האָבן מיט זיין געליבטער גערטרוד און ער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט, ווען איגנאַטאָוו וואָלט זיך ניט זשענירן צו ענדיקן מיט אַ גוטן סוף, ווי אַ פלאַכע אַמעריקאַנער דערציילונג לאָזט זיך אויס.

אויף דעם טויט פון בערמאַנען, וואָס איז אייגנטלעך אַן ענדונג פון אַ יידיש ווערק אויף אַ ניט־יידישן שטייגער, — בויט א. שטיינבערג אַ גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט: „די פליגלען ביים ווייסן פויגל זיינען געפּענטעט", „מיר פלאָנטערן זיך נאָך". דאָס איז אינגאַנצן אָן יסוד. א. שטיינבערגן ווילט זיך אַלט־פרענקישע טראַדיציע, און ווען ער זעט עס ניט, געפינט עס ניט, איז ער זיך מתרעם... די צרה מיט „יידישער" כלומרשט מסורה־דיקער טראַדיציע איז דאָס, וואָס זי איז גאָרניט אַזוי טראַדיציאָנעל ווי ס'זעט לכתחילה אויס. א. שטיינבערג פאַרגעסט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ קיבוץ און אַן אידעאָלאָגיע, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ רעכט ביסל עוואָ־לוציאָנערן און רעוואָלוציאָנערן אַנטוויקל. ווען עס קומט צו יידישער „טראַדיציע", האָבן מיר אַ רעכט צו פרעגן: פון וועלכן יאָרהונדערט? אויב זיי האָבן געמעגט רעוואָלוציאָניזירן דעם יידנטום, אים שטעלן אויפן קאָפּ, פאַרוואָס טאָרן מיר עס ניט טאָן? פאַרוואָס ווען מיר ענדערן — זוכן מיר בלויז און „פלאָנטערן" זיך, און בשעת זיי האָבן געזוכט און גע־פלאָנטערט זיך, הייסט עס ביי א. שטיינבערגן אַז זיי זיינען געגאַנגען אויפן דרך־הישר, אויפן וועג צום אייביקן אמת?

---

*) דאָרטן, ז"ז 71-70.

אַ בעכער אין האַנט, מאַכן קידוש... איז עס טאַקע באמת אַזוי יידישלעך טראַדיציאָנעל?! משה רבנו האָט פון דעם, כ׳לעבן, ניט געוואוסט. און אַ סך „גרויסע״ יידן האָבן פון דער „גרויסער״ מצווה פון קידוש מיטן בעכער ניט געוואוסט, און זיי זיינען באַשטאַנען זייער שטעטל גאַנץ נישקשהדיק. און מיר קענען עס אויך טאָן. און אויב לויפן צוריק צו טראַדיציע און פאַרגאַנגענהייט, האָבן מיר עלטערע פאַרגאַנגענהייטן צו וועלכע מיר מעגן צופאַלן, און מוזן זיך ניט האַלטן אָן די „זאַבאַבאָנעס״ פון אונדזערע טאַטעס ווי אַ קינד וואָס האַלט זיך ביי דער מוטערס פאַרטוך און האָט מורא אַ טראָט צו טאָן.

דער אמת איז ניט ניי און ניט אַלט, נאָר אייביק, זאָגט אונדז א. שטיינבערג. און מיר זיינען מיט אים מסכים אָן קווענקלעניש. אָבער מיר זיינען זיכער, אַז מיט דעם אמת וואָס איז אייביק האָט דער קידוש און סכך אַ קנאַפּע מחותנותשאַפט, כמעט אַזאַ שייכות ווי אַ פּאַטש צו גוט־שבת. און פאַר וואָס איז א. שטיינבערג תובע־בפה אָט־די קלאָמפּערשטע „טראַדיציע״, וואָס איז גלאַט גאָרנישט, און ער מאַכט פון דעם אַזאַ ווערן? ער ציטירט אַ פּסוק פון ישעיה, פאַרטייטשט און פאַרדייטשט און פאַרגרייזט אים בשעת־מעשה און, אים דוכט זיך, אַז דאָ שעפּט ער פון סאַמע ריינעם קוואַל. „דרשו״ איז ניט זוכן, נאָר פאָרשן. יהוה איז זיכער ניט דער דייטשער גויאישקער וואָרט „גאָט״ מיט אַלע זיינע שעטנזדיקע איינהילונגען, ווי יענע וועלט, גיהנום און גן־עדן וכדומה באַגריפן, וועלכע זיינען געווען אינגאַנצן פרעמד דער נביאישער השגה מכוח אַזאַ אומאַרויסריידבאַרער קאָנצעפּציע. און איך קאָן דאָ גאָר ניט איינזען מיט וואָס האָט דאָ איגנאַטאָוו חוטא־בעגל געווען ווען ער האָט פאַרבראַקירט דעם דייטשן וואָרט און באַגריף „גאָט״, אַ באַגריף וועלכער, אין זיין דייטשן אויסדרוק און אינהאַלט, האָט אַ זייער ווייטע שייכות צום ביבלישן און נביאישן פאַרשטיין פון יהוה. א. שטיינבערגן וואָלט איך זאָגן אין בייקאָנס לשון: מיר זיינען עלטער פון אונדזערע טאַטעס, וואָס האָבן גערעדט דייטש און ממילא פאַרדייטשט אונדזערע יידישע השגות. און עס איז גאָר קיין עוולה ניט, וואָס איגנאַטאָוו באַמיט זיך אויף זיין שטייגער צו לייטערן און אָפּרייניקן אונדזער אידעאָלאָגיע פון די „אלהי הנכר״, פון די פרעמדע און פיינטלעכע באַגריפן ,וואָס האָבן זיך צו אונדז אַריינגעגנבעט... און בערמאַנס־איגנאַטאָווס „ווייסער פויגל״ ליידט גאַנץ ווינציק פון דעם, וואָס דער העלד גייט אויף „ווייטע״ וועגן און ניט אויף „נאָענטע״ וועגן, וועלכע זיינען אַ סך ווייטער פון ישעיהס וועגן איידער די „ווייטע״ וועגן... שטיינבערג וואָלט טאַקע באמת וועלן, אַז

בערמאַן זאָל מקדש־זיין גערטרודן כדת משה וישראל... פונקט ווי משה האָט, מסתמא, מקדש געווען זיין צפורה, יתרוס טאָכטער... יידישע טראַדיציע איז אַביסל עלטער פון אונדזערע „חכמים", די קלוגע און נאַרישע רבנים מיט זייער שולחן־ערוך און זייערע מנהגים, וועלכע א. שטיינבערג וואָלט וועלן פאַראייביקן מיטן אויסרייד, אַז אמת איז אייביק...

און די בערמאַן־לעגענדע עפּנט יאָ אַ טויער צו אַ נייעם גייסטיקן לעבן אויף צו־להכעיס דעם עפּיזאָד פון העלדס שטאַרבן: זיין גוף שטאַרבט... בערמאַן שטאַרבט, אָבער ניט בערמאַנס געדאַנקען, רעגונגען, שפּירונגען און אויסערונגען.

ווייטער, קען איך בשום אופן ניט זען די גערעכטיקייט פון דער טענה:

„אַלע אונדזערע גאָט־זוכער, וואָס וואַנדערן אויף ווייטע סאָציאַליסטישע דרכים, כדי צו מאַכן פון סאָציאַליזם אַ רעליגיע, קומען צו זייער ציל ניט נעענטער, נאָר דערווייטערן זיך פון אים." *)

בערמאַן, ווי ער ווערט געשילדערט פון איגנאַטאָוון אין זיין ווערק „אויף ווייטע וועגן", איז ניט קיין גאָט־זוכער נאָר אַ גאָט־פּאַרוואַרפער, אַ גאָט־לעסטערער. און די גאָט־דינער, די געצנדינער אויף דער יידישער גאַס, וועלכע גילטן, אַדאַנק אַ מיספאַרשטענדעניש, פאַר אָרטאָדאָקסישע טראַדיציאָנעלע יידן, האָבן אים טאַקע געוואָלט פאַרשטיינגען, פונקט ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט בנוגע זייערע אַנדערע פּראָפעטן. בערמאַן איז אַ וואַרהייט־געפינער. ווייטער, איך זע אים ניט מאַכן פון סאָציאַליזם אַ רעליגיע.

בערמאַן פּרובירט צו באַגרינדן דעם „אתה־בחרתנו", ער באַזירט אים אויף דעם פאַקט, וואָס דער ייד מיט זיין עקזיסטענץ אַלס פאָלק איז אַ לעבעדיקע פאַרניינונג פון דעם טעריטאָריעלן פּרינציפּ. דאָס איז, לויט מיין פאַרשטיין, „יידישקייט" סאָציאָלאָגיש אויפגעפאַסט.**)

דער בעסטער אַרטיקל אין זאַמלבוך, לעניות דעתי, געהערט צו דער פען פון ב. ריווקין. ער אינטערפּרעטירט דעם העלד, הגם אַביסל צו מיסטיש, אָבער פאַרט גאַנץ נאָענט צוקומענדיק צום עצם ווערק „אויף ווייטע וועגן", און צו די איבערלעבונגען און אַנטוויקלונגען פון בערמאַן. ער שטעלט אָבער דעם טראָפּ צו שטאַרק אויפן סאָציאַליזם, בשעת, באמת,

---

*) דאָרטן.

**) אבא גאָרדין, „אונדזער באַנעם", ז"ז 44-48.

ווי מיר זעט אויס, איז דער העלד אַ יונגער מאָדערנער ייד, פריער פון אַלץ און נאָכאַלעמען.

אין דער סוכה טייטשט ריווקין אַריין אַ סך מיסטישע כוונות. מיר האָט די זאַך אויסגעזען צו זיין אַ סך איינפאַכער, נעענטער צו דער ערד, סאָציאָלאָגישער. די יידן זיינען אַ וואַנדער־פאָלק און דערפאַר מעמאָריזירן זיי דאָס וואַנדערן אין מדבר און זיי פייערן ניט דעם לאַנד־פאַרנעם, דאָס באַזעצן־זיך אין ארץ־ישראל. יידן אַלס אַ קיבוץ זיינען איבערן לאַנד־טעריטאָריע באַזיץ, זיי זיינען פאַרניינער פון טעריטאָריעלן פרינציפּ אין זיין אָנווענדבאַרקייט צום פּאָליטישן לעבן.

„עס איז אַ ראָמאַן וואָס רופט צו אַ באַנייטן יידישן „העראָאיזם אין גלויבן".

„אַ ראָמאַן, וואָס זאָגט אָן אָן עפּאָכע וואָס האַלט ערשט ביים אָנהויב, ווען יידישער אַלט־גלויבן און ניי־גלויבן וועלן זיך באַגעגענען." *)

„שיקאַגאָ", סעפּטעמבער, 1936.

*) ב. ריווקין, „דוד איגנאַטאָוו קריטיק־זאַמלונג", ז. 125.

י. י. טרונק

אַ מזמור־שיר צום פּוילישן ידנטום

„פּוילן״ פון י. י. טרונק. ניו־יאָרק, 1944. 252 ז״ז.

א.

דער מחבר ענדיקט זיין בוך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער בין איך געבוירן געוואָרן אין אָס־מולסק אין פּריצישן הויף פון זיידע ברוך גזשיוואַטש״ (ז. 252).

דעריבער קאָן דאָס בוך „פּוילן״ ניט זיין קיין מעמואַרן־בוך אין געוויינטלעכן פּשט פון וואָרט. דער מחבר קאָן דאָך ניט פאַרצייכענען קיינע זכרונות פון די היפּש ביסל יאָרן, וואָס זיינען פאַרלאָפן פאַר זיין געבוירן־ווערן.

דער מחבר דערציילט אונדז כמעט אַלץ על־פּי־שמועה, ווי ער האָט זיך אַנגעהערט אין דער שטוביקער און קרובישער סביבה. בשעתן איבערגעבן, אמת, לייגט ער צו פאַרב און דעטאַל, פּוץ און ציר פון אַ קינסטלערישן כאַראַקטער. איז דאָס בוך הויפּטזאַכלעך אַ פאַמיליען־כראָניק. אין בוך פאַרנעמט דעם אויבנאָן די פאַרטרעטירונג פון מחברס עלטער־זיידעס און עלטער־באָבעס, זיידעס און באָבעס, עלטער־פעטערס און עלטער־מומעס. דאָך גאַנץ אָפט, בעת ער שילדערט געוויסע טיפּן, דערמאָנט ער דאָ און דאָרט אַ שטריך, וואָס האָט זיך אַריינגעקריצט אין זיין אייגענער געדעכעניש, אויב די פּערזאָנען וואָס ער באַשרייבט האָבן מאריך ימים געווען און ער האָט נאָך געהאַט די געלעגנהייט צו קומען מיט זיי אין פּערזענלעכן באַריר, און פרישע יוגנט האָט זיך באַגעגנט אויף דער לעבנס־ליניע, אין באַאַבאַכט־קרייז, מיט גרויען עלטער.

אָבער אָט־די אין־זיך־איינגעשלאָסענע „פאַמיליען־געשיכטע״ ווערט מייסטערהאַפט געמאָלן אויף אַ טיפּיש יידיש־פּוילישן הינטערגרונט. און דעריבער ווערט זי דערהויבן צו אַ שטייגער־פאַרצייכענונג. זי דערגרייכט כמעט צו דער מדרגה פון אַ שטיק „באַשרייבנדיקע סאָציאָלאָגיע״ פון אַ געוויסן פּעריאָד אין יידישן לעבן, איך האָב שיער ניט געזאָגט: פון דעם „גאָלדענעם צייט־אַלטער״ אין פּוילישער יידנשאַפט און יידישקייט.

אין דעם ליגט טאַקע די קראַפט און זאַפט פון ווערק.

די חשיבות פון בוך וואַקסט אַריבער זיין אימאַנענטן קינסטלערישן ווערט. אַט דער צוואַואוקס אין אַפשאַצונג נעמט זיך פון דעם טרויעריקן באַוואוסטזיין, אַז דאָס בוך איז, אין דער קלאָגעדיקער ווירקלעכקייט, אַן עפּיטאַף אויפגעקריצט אויף אַ געדענקשטיין. עס איז אַן אויפשריפט אויף אַ מצבה אַוועקגעשטעלט אויף דעם פרישן ברידער־קבר פון פוילישן יידנטום.

אין בוך ווערט באַשריבן אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז ניט נאַטירלעך גראַדועל פאַרגאַנגען, ווי יעדע עפּאָכע, וואָס פאַלט נאָרמאַל אַריין אין אייביקייט און ווערט פאַרביטן דורך יורשטעס־עפּאָכעס, — נאָר איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון אַן אכזריותדיקער האַנט מיט אַזאַ אומגעהויערער ברוטאַליטעט, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער יידישער היסטאָריע, וועלכע איז געוואוינט צו שחיטות, הריגות, בלוט־בעדער און בלוט־מבולס.

ב.

דאָס פויליש־יידישע לעבן איז איינער פון די נסים, וואָס די געשיכטע פון יידישקייט האָט ווען עס איז באַוויזן. און אַזוי ווי קיין נסים פּאַסירן ניט אַפילו אין דעם פּלאַי־פלאַימדיקן „יידנלאַנד", איז אַט דער נס באמת איינער פון די בוילעטסטע שטריכן, וואָס די נאַטירלעכע כאַראַקטעריסטיק פון יידישער גייסטיקער שאַפונג צייגט אונדז.

דער נס על־פּי־דרך הטבע איז אַט־דאָס:

אין איבערפלאַנץ און איבערטראַג אויף אַ פרעמדן באָדן ווערן די יידישע ווערטן ניט נאָר ניט אָפּגעשוואַכט, איינגעדאַרט, איינגעשרומפּן, נאָר, פונקט פאַרקערט, זיי צעבליען און צעוואַקסן זיך, נאָך אַ געוויסן קריזיס־פּעריאָד פון אַקלימאַטיזאַציע און צופּאַסונג, אַזוי פרעכטיק, פרוכטבאַר־רייך, אַז זיי שטייגן אַריבער אין קוואַליטעט זייערע פאַרעלטערן־געוויקסן, וואָס האָבן זיך גענערט פון אייגענעם אָריגינעלן באָדן און געצויגן זייער יניקה פון די אָנפאַנגלעכע קוואַלן.

איז עס ניט מערקווירדיק וואָס אַזאַ אינסטיטוציע ווי שבת, און אויך די אַנדערע יום־טובים, האָט מען קיינמאָל ניט אָפּגעהיט אין ארץ־ישראל, אין מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט, מיט אַזאַ פּעדאַנטישער שטרענגקייט און מיט אַזאַ געשטייגערטער פייערלעכקייט פון שמחה־של־מצוה, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן דווקא אין די לענדער פון צעשפּרייטונג, אונטער די אומ־

גינציקסטע אומשטענדן. מיט די שווערקייטן פון די נסיונות איז געשטאַרקט געוואָרן דער יידישער ווילן, איז פאַרפעסטיקט געוואָרן דער דראַנג צו אייגנאַרטיקן שטייגער. צום יידן, אַפּנים, אַפּעלירט דאָס שווערע, ניט דאָס לייכטע. דער ייד באַוועגט זיך אין זיין גייסטיקן לעבן לויט דער ליניע פון גרעסערן און, אפשר, גרעסטן ווידערשטאַנד. וואָס בייזער די ווינטן בלאָזן, וואָס אומהיימלעכער דער באָדן, אַלץ פאַרוואָרצלטער און געזינטער ווערט דער שטאַם, אַלץ געשמאַקער די פירות וואָס וואַקסן אויפן בוים פון יידישן גייסט, און אַלץ באַטעמטער קלינגט די ברכה, וואָס דער ייד מאַכט אויף אָט־די פרוכטן.

דער תלמוד, אין זיינע ביידע הויפּט־אָפּטיילונגען, הלכה און אגדה, איז געשאַפן געוואָרן אין בבל. וואו איז עס אָבער געוואָרן אַ פאָלקס־ווערק אין עכטן פשט פון וואָרט? וואו האָט זיך דער ייד געקוויקט מיט אַ שטיק „עין־יעקב״? אין גלות פוילן און ליטע. ניט אין לאַנד פון זיין אָפּשטאַם איז דער תלמוד און זיינע „נושאי־כלים״ גרויס געוואָרן, פאַרערט געוואָרן מער ווי דער תנ״ך, שטודירט געוואָרן מיט אַן אומבאַגרייפלעכער התמדה, באַאַרבעט געוואָרן מיט אומגעוויינטלעך שאַרפזין און פלפול, נאָר דווקא אין דער פרעמד, אין דעם לאַנד פון טראַנספּלאַנטאַציע. דווקא דעמאָלט איז דער תלמוד געוואָרן דער מאָדעלירער און פורעמער פון יידישן לעבן, ווען די שפּראַך אויף וועלכער ער איז פאַרפאַסט געוואָרן איז שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק ניט געווען מער די אומגאַנגס־שפּראַך פון די יידן, ניט פון די מאַסן און ניט פון דער אינטעליגענץ, ווען בכדי צו וויסן דעם פירוש־המילות, דעם פּראָסטן טייטש פון די ווערטער וואָס ער געברויכט, האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו רש״י.

דורך דעם גאַנצן לאַנגן עוואָלוציע־פּראָצעס פון יידישקייט דעמאָנסטרירט זיך די ווירקזאַמקייט פון דעם באַוואוסטן, דאָך אויסטערלישן, פּסוק „לך־לך״.

גיי אַרויס פון דיין לאַנד, פון דיין געבוירן־פּלאַץ... פון דיין פאָטערס הויז, און דאָרטן, אין דער פרעמד, וועל איך דיך מאַכן פאַר עפּעס גרויסעס, גראַנדיעזעס. דער פּסוק, אימפּעראַטיוו און צוזאָג, איז אָנגעווענדט צו אַלע יידישקייט־ווערטן.

דער מחבר פון „פוילן״, י. י. טרונק, ווייזט אונדז אין זיינע פאָרטרעטירונגען און שילדערונגען די אומגעוויינטלעכע אינטענסיווקייט פון דער יידישקייט־אַטמאָספערע, אין וועלכער אַלע געשעענישן אין דעם לעבן פון זיינע „טיפן״ זיינען פאַרגעקומען.

ג.

דער ברענפונקט פון דעם סיפור־המעשה איז די חתונה פון זיין צו־קונפטיקן פאָטער מיט זיין פּראָספּעקטיווער מוטער. זיין טאַטע — אַן אייניקל פון גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער, זיין מאַמע — די בת־יחידה פון דעם זייער רייכן אָבער גאָר פּראָסטן ישובניק, ברוך גזשיוואַטש.

דער שידוך איז אַ „קאָמערציעלע טראַנסאַקציע״, אַן ענין פון אויס־טויש. דער פּראָסטער אָבער רייכער ישובניק קויפט זיך איין אין יחוס, און דער אָרעמער אָבער גרויסער יחסן האַנדלט איין עשירות פאַר זיין אייניקל. ביידע צדדים, ווי אין יעדן איינצלנעם פאַל פון מסחר, זוכן דאָס, וואָס זיי האָבן ניט און ווילן זיך אָנאייגענען.

אָט איז אַ שטיקל דיאַלאָג:

„— פאַר וויפיקער ווי פופצן טויזנט רובל נדן וועט איר, ר׳ ברוך, נישט קריגן מיין אייניקל פאַר אַ חתן (פופצן טויזנט רובל איז דעמאָלט געווען אַ מטמון מיט געלט).

„— וויפיל איר ווילט, הייליקער רבי, — האָט דער זיידע ברוך גע־ענטפערט, — אַלץ גיב איך אַוועק אייך צו האָבן פאַר אַ מחותן. מיין טאָכטער איז אַ בת־יחידה. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר געהער סיי־ווי אַלצ־דינג צו איר. פאַר וועמען האָרעוועט דען אַזאַ ייד ווי איך בייטאָג און ביינאַכט? אייער אייניקל וועט גאָרנישט מער טאָן ביי מיר, נאָר זיצן אויף כל־טוב און לערנען די הייליקע תורה.״ (ז. 69.)

טאָן געשעפטס־שידוכים איז אַ געוויינטלעכע „אינטערנאַציאָנאַלע״ דערשיינונג. פירשטן, גראַפן, מאַרקיזן און אַלע אַנדערע גרעסערע און קלענערע „איידל־לייט״, ווען זיי זיינען פאַראָרעמט געוואָרן, האָבן פאַר־קויפט זייערע טיטולן, מחמת מער ווי טיטולן און הערבן האָבן זיי שוין ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן. און אויפגעקומענע גבירים, פאַרוועניוס פון מיטלקלאַס, סוחרים וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און דערוואָרבן רייכטימער, האָבן מיט דער הילף פון דער איינגעהאַנדלטער יחוס־סחורה זיך אַרויפגעקאַראַבקעט אויף די, הייכע טרעפּלעך אין סאָציאַל־גדולהדיקן לייטער. דאָס איז אַלץ ווי דער שטייגער פון דער וועלט פירט זיך.

די יידישע אייגנאַרטיקייט באַשטייט דאָ אין דעם כאַראַקטער און קוואַליטעט פון יחוס, און אין דעם מאָטיוו, וואָס באַוועגט דעם איינהאַנדלער פון עשירות.

פון וואַנעט שטאַמט ר׳ יהושיעלע קוטנער? פון גרויסער אָרעמקייט.

ניט אומזיסט האָט אונדז די גמרא אָנגעזאָגט: „גיט אַכטונג אויף אָרעמע קינדער, מחמת פון זיי וועט אַרויסוואַקסן די תורה״ (נדרים פ״א).

„אין אונדזער משפחה זייַנען אַרומגעגאַנגען . . . לעגענדעס וועגן זייַן (ר׳ יהושיעלע קוטנערס) אַפּשטאַם. . . . זייַן מוטער דבורה איז געווען אַ פּראָסטע אָרעמע יתומה אין פּלאָצק. זי איז געווען אַ מאַרק־שטייערקע, און דאָס איז געווען איר פּרנסה. ווען זי האָט פון איר שטיין גאַנצע טעג אין מאַרק אין היץ און אין קעלט אָנגעזאַמלט אַ נדן — איז זי שוין געווען אַ מיידל אין די יאָרן — איז זי אַוועקגעגאַנגען צום דעמאָלטיקן רב אין פּלאָצק, ר׳ לייבוש חריף. זי האָט אים געוויזן די שווער־פאַרהאָרעוועטע פּאָר רענדלעך און געבעטן, אַז ער, ר׳ לייבוש חריף, זאָל פאַר איר אויס־קלייבן אַ מאַן אַ תלמיד־חכם. ר׳ לייבוש חריף זאָל האָבן געענטפערט, אַז ער קען אין פּלאָצק אַ געוויסן עלטערן יידן, אַ גרויסן תלמיד־חכם, און דאָס נעמלעך ער איז איינער אַן אָרעמער מלמד, אַ ביטערער אביון, אָבער אַ גרויסער למדן. דערצו איז דער תלמיד־חכם, ר׳ דוד, אַן אלמן מיט עטלעכע קינדער, און ער פּלאָגט זיך און קאָן זיך קוים מפרנס־זייַן. דאָס מיידל דבורה האָט געפרעגט ר׳ לייבוש חריפן, צי איז טאַקע דער דאָזיקער אביונישער מלמד אַ גרויסער תלמיד־חכם. — יאָ, מייַן קינד, ער איז גאָר אַ גרויסער תלמיד־חכם, — האָט ר׳ לייבוש חריף געענטפערט... מיט דעם תלמיד־חכם האָט זי מער ניט געהאַט ווי איין־איינציק קינד, און דאָס איז געווען ר׳ יהושיעלע קוטנער.״ (ז. 24.)

דער גאַנצער יחוס איז דאָ בלויז לומדות, גאונות פון זיידן, און דערצו האָט דער חתן פאַרמאָגט יחוס־עצמו, ער האָט געשמט פאַר אַן עלוי.

און וויפיל ליכט, אויף דעם גייסטיקן מצב פון די יידן אין יענער צייט, וואַרפט דער ענטפער פון ברוך גזשיוואַטשן, דעם פּראָסטן, פאַרגרעבטן ישובניק: זייַן עשירות האָט אין זייַנע אויגן בלויז איין ווערט, איין אַטראַק־ציע, און צוליב דעם אַרבעט ער טאָג און נאַכט. וואָס איז עס? כדי ער זאָל קאָנען לעבן אין וואוילטאָג, הנאה האָבן פון דער וועלט? ניין!

אויך דעמאָלט, ווען אַט־דער ברוך איז שוין געווען אַן עושר אדיר האָט ער זיך נאָך אַלץ געפּוגען אין דער פּראָסטער דאָרפישער סביבה און געלעבט לויט זייַן אַלטן גאָר־באַשיידענעם לעבנס־סטאַנדאַרד.

„אפילו אין זייַן רייַכקייט האָט דער זיידע קיינמאָל נישט געביטן זייַן אַלטן שטייגער. ער איז געבליבן אַ פּראָסטער דאָרפישער ייד און האָט געהאַט אַ קנאַפּע השגה אין אַ בעסערן עולם־הזה, ווי אַ גוטער קנאָבל־באָרשטש מיט קאַרטאָפל. זייענדיק שוין דער פּריץ פון גוט אַסמולסק האָט

ער נאָך נישט געוואוסט ווי אַזוי מען ווערט עפּעס אַ פּריץ, און קוים האָט ער זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו פּריצישקייט — דער זיידע איז געווען פּרימיטיוו אויפריכטיק — האָט ער נישט געמאַכט די שטיק פון אַן אויפגעקומענעם נגיד. ער האָט זיך ניט געפירט מעשה גביר און איז געבליבן וואוינען צווישן זיינע אַלטע באַקאַנטע יידן פון דער יוגנט־צייט.״ (ז. 19.)

איז וואָס האָט ער געקאָנט טאָן מיט זיין עשירות? וואָס האָט ער געוואָלט טאָן מיט זיין רייכטום?

ער האָט געהאַט איין אַמביציע, איין גרויסעליידנשאַפט, און דאָס איז קריגן פאַר זיין בת־יחידה אַ חתן אַ בן־תורה און דערצו אַ גרויסן יחסן, אַן אייניקל פון אַ גאון, און געבן אַט דעם בן־טובים אַ מעגלעכקייט צו זיצן טאָג און נאַכט און לערנען, אַזוי אַז מיט זיין ליכט פון תורה זאָל ער באַלייכטן דאָס פינצטערע לעבן פון די פאַרחושכטע ברידער.

ד.

אַט־די מאָס פון מסירת־נפש, וואָס קינדער פון אַלע פעלקער ציִיגן אַרויס צו זייערע נאַציאָנאַלע גרויספאַרנעמערישע אַספּיראַציעס פון לענדער־פאַרכאַפּערייִ, אימפּעריעס־געבוי און אויפהאַלט, האָבן די יידן אַרויסגעוויזן, אין אַ פאַרצענפאַכטער מדרגה, צו דעם אויפריכט פון זייער גייסטיקער אימפּעריע. וואָס איז אַט־די גייסטיקע יידישע אימפּעריע? דאָס איז די תורה, קאָנקרעטער זאָגט, דער תלמוד, אַ ווערק וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין וואָגלעניש, אין פלאַגעניש. און דווקא דערפאַר איז ער, דער תלמוד, ביי יידן געווען אַזוי ליב און טייער, אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. מען קען כמעט ווי זאָגן, אַז אַזוי ווי ביימער רינגלען זיך אַרום פאַר זייער שוץ, מיט אַ דיקער קאָרע, אַזוי האָט זיך דער ייד אין גלות איינגעוויקלט, ווי אַ באַשירעמונג קעגן אַלע בייזע ווינטן פון שנאה, פון רדיפות, אין דער גמרא.

די איבערגעגעבנקייט פון די יידן פון יענעם דור, פון אַט דעם נאָענטן עבר, צו דער תורה איז ממש אומבאַגרייפלעך. און פון וועלכע יידן? ניט בלויז פון די שטאָטישע, וואָס האָבן געקענט וויפיל עס איז לערנען און האָבן צירקולירט אין אַ יידישן קרייז, נאָר אויך פון די ישובניקעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ פרעמדער, ניט קיין יידישער אומגעבונג, אַן אומגעבונג וואָס האָט ניט געהאַט קיין מינדסטע אַנונג וועגן אַט די פאַרבאָרגענע ברענענדיקע גלוסטעניש, ווי צו לערנען תורה, צו זיין לומדים, „קינדער

פון דער תורה", וואָס האָבן געברענט אין האַרצן פון די ישובניקעס. זיי האָבן אַליין ניט געקאָנט באַפרידיקן אָט דעם חשק צו לערנען תורה, האָבן זיי געוואָלט קריגן אָט די סאַטיספאַקציע דורך אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אַ למדן, אַן איידעם און אים געבן לעבנלאַנגע קעסט, און אָנקוועלן פון נחת צוקוקנדיק ווי ער לערנט, צוהערנדיק זיך צום קול פון תורה און טרוימענ־דיק פון דעם, אַז זייערע אייניקלעך וועלן אויסוואַקסן גרויסע בני־תורה.

אַזאַ פאַרערונג פון די ווערטן פון דער אייגענער קולטור ביי מענטשן, וואָס האָבן וועגן איר אַ קנאַפע פאַרשטעלונג, איז כמעט איבערנאַטירלעך. בלויז ביי ייִדן, ביי דעם עם־הספר, האָט מען געקאָנט זען אָט די דערהויבענע אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג.

יעדע ייִדישע מאַמע האָט פאַרזויגט איר קינד, אַ זכר, מיט דעם וואונטש ער זאָל אויסוואַקסן אַ בן־תורה; אַ נקבה, מיט דעם וואונטש, זי זאָל קריגן אַ מאַן אַ בן־תורה. יעדע ייִדישע מאַמע, ווען זי האָט געבענטשט ליכט, און אָט דער מאָמענט איז ביי איר געווען דער הייליקסטער און עקסטאַטישסטער, האָט געבעטן דעם אויבערשטן, אַז די אויגן פון אירע זין זאָלן לייכטן אין דער הייליקער תורה. דאָס איז ניט געווען אַ באַשטרעבונג פון איינצעלנע אויסגעצייכנטע משפחות פון לערנער, דאָס איז געווען דער ברענענדיקער פאַרלאַנג און דער הייסטער וואונטש פון כמעט אַלע ייִדן און ייִדענעס, אָן אויסנאַם.

ה.

פאַרבנרייך ווערט געשילדערט די חתונה פון מחברס פאָטער, אַ חתונה אויף וועלכער עס האָבן זיך באַגעגנט צוויי עקסטרעמען, צוויי פאָליוסן פון ייִדישן לעבן. פון איין צד — גאונים אין תורה, באַרימטע רביים, די זיילן פון פוילישן חסידות; פון דעם צווייטן צד — פּראָסטע דאָרפישע עם־האַרצישע ייִדן, פון וועמען עס האָט געשמעקט מיט וואַלד און פעלד, מיט מיסט און קי.

דער מחבר שטרייכט אונטער דעם דעמאָקראַטישן גייסט פון ייִדישקייט. דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ בילד, ווי דעם וואורקער רבינס אייניקל טאַנצט מיט אַ נחות־דרגא ייִדן, מרדכי בער.

„דער פעטער מרדכי בער האָט לייכט אָנגעהויבן צו טאַנצן אין דער זיידענער קאַפּאָטע. אָבער אים איז שווער געווען אויף די גלידער פון דער שוואַרצער און פרעמדער קאַפּאָטע" (ז. 252), אין וועלכער מען האָט אים איינגעפּאַנצערט לכבוד די געהויבענע מחותנים. „מיט אַמאָל האָט דער

פעטער מרדכי בער זיך אַ טו־אויס געטאָן דעם זיידענעם חסידישן מלבוש . . . ער איז געבליבן שטיין אין שפּאַנצער־און־הויזן און אין דער בלויזער סאַמעטענער יאַרמעלקע. די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט און דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן פון אַ ווילן זיך צו פרייען. ער האָט די וועלט ניט געזען פאַר די אויגן . . . ער האָט אָנגעהויבן הויך צו פּאַטשן אין די הענט. די פיס האָבן זיך אים צענומען און אַנטקעגנגעטאַנצט דעם פעטער בונמל, אויף דעם אופן ווי עס טאַנצן די פּויערים — אויף די אַסמאַלינער יאַר־מערק . . . און דער פעטער בונמל האָט אים אַנטקעגנגעטאַנצט. באַלד האָט איינער צום אַנדערן אויסגעשטרעקט די הענט ווי זיי וואָלטן זיך גערופן, און זיי האָבן זיך פעסט אַרומגענומען פאַר די אַקסלען און געטאַנצט צו־זאַמען. . . . די חשובע מחותנים . . . האָבן ליב געשמייכלט און צוגעקוקט ווי דער פּראָסטער ייִד, דער פעטער מרדכי בער אין שפּאַנצער־און־הויזן, טאַנצט מיט ר׳ יצחק וואורקערס אייניקל.״ (דאָרט.)

עס איז ניט געווען קיין תהום צווישן הויך און נידער און עס איז ניט געווען וואָס צו פאַרשיטן. ווייל ניט בלויז בשעת חדווה, ווען זיי זיינען געווען בגילופין, אויך אין ניכטערן לעבן זיינען זיי ניט געווען אָפּגעפרעמדט איינער פון אַנדערן און זיכער ניט געווען פאַרביטערט איינער קעגן אַנדערן. דער עיקר העיקרים פון וואורקערס חסידות איז געווען אהבת־ישראל, ליב־שאַפט צו יעדן יידן.

„דעם וואורקערס ליבשאַפט צו אַלע מענטשן איז נאָך היינט שפּריכ־ווערטלעך ביי די פּוילישע חסידים, אַ ליבשאַפט, וואָס איז געווען באַהויכט מיט וועלט־חכמה. דער קאָצקער האָט געזאָגט: „דער וואורקער קריכט אַרום מיט די שטיוול אין הימל״, ד. ה., אַז ער, ר׳ יצחק וואורקער, זעט דאָרט, אין די דערהויבנקייטן פון לעבן, אַן אָרט פאַר אַלע מענטשן.״ (ז. 38.)

דעם קלימאַקס דערגרייכט דאָס ווערק אין דער שילדערונג ווי אַזוי עס ווערן אויפגענומען די אָנגעפּאַרענע אָרעמעלייט, וואָס זיינען געקומען, ווי זיי וואָלטן געווען איינגעלאַדענע געסט אויף דער חתונה. זיי זיינען געווען אַ בויטיקער טייל פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. „מען האָט זיי געדאַרפט צום רומפּל״.

אָט די אייגנאַרטיקע באַציאונג צו אָרעמקייט און אָרעמעלייט, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט אַ געפיל פאַר קעגנזייטיקער הילף, האָט אָפּגעשטעמפּלט אויף אַן אייגענעם יידישלעכן אופן דעם שטייגער פון לעבן פון די עכט־פרומע יידן. ביי זיי האָט צדקה פאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן זייערע מעשים טובים.

„און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעעענישן און דער אויבערשטער האָט פּרובירט אברהמען" (בראשית, כ"ב, א'). נאָך וועלכע געשעעענישן? נאָך דעם ווי אברהם האָט געמאַכט אַ סעודה צוליב דעם אָנטוואוינען פון יצחקן (דאָרט כ"א, ח') און די אָרעמעלייט האָט מען אויף דעם מאָלצייט גאָרניט געגעבן, האָבן די מלאכים פאַרקלאָגט אברהמען פאַרן רבונו של עולם . . . דערפאַר האָט אים דער אויבערשטער געפּרואווט, און האָט אים געהייסן ברענגען זיין איינציקן זון פאַר אַ קרבן, אים פירן צו דער עקידה." *) בכדי אויסצומיידן אַזאַ שווערן נסיון, פאַר וועלכן אברהם איז געשטעלט געוואָרן, פלעגט מען אויף יעדער יידישער שמחה האָבן באַזונדערע טישן סערווירט פאַר אָרימעלייט.

די אָרעמעלייט אויף אַ יידישער סעודה, אויף אַ שמחה זיינען געווען איינע פון די אומבאַדינגט־נויטיקע אַקסעסואַרן. זיי זיינען געווען אייניקע פון די נויטיקסטע רעקוויזיטן, אָן וועלכע די סעודה איז ניט געווען פאַר־פול און די שמחה איז ניט איינגעגאַנגען.

אַ באַוואוסטער יוריספּרודענט, פּעטראַזשיצקי, גיט אַ זייער שאַרפזיניקע דעפיניציע פון „רעכט". ער דעפינירט רעכט אַלס אַ צווייזייטיק פאַרבינד־לעכע נאָרם. בכדי זיך צו מאַכן מער פאַרשטענדלעך, צייגט ער אָן אויף דעם אונטערשייד אין באַוואוסטזיין פון נותן, געבער, און מקבל, נעמער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שולד־באַצאָלונג און אַ נדבה־געבונג. די ערשטע געבעכץ איז אַ מוז־זאַך, אַ חוב, וואָס יענער וועמען מ'איז שולדיק קומט אויפמאָנען, פאָדערן. די צווייטע איז אַ פרייוויליקע גוטהאַרציקע נתינה, וואָס מען גיט, ווען אַ נויטבאַדערפטיקער קומט בעטן הילף, און וועמען מ'איז גאָרניט שולדיק. אַז מען וויל, גיט מען אים, אַז מען וויל ניט, גיט מען ניט. דער מקבל קען עס ניט אויפמאָנען.

דער אמת איז, אַז פאַר עכט־פרומע האָט דער דאָזיקער אונטערשייד כמעט ווי ניט עקזיסטירט. געבן צדקה איז געווען אַ חוב־זאַך, אַ מין שטייער־אָפּצאָל צו דער „אויבערשטער רעגירונג", צו דעם „מלכות פון הימל". צדקה־געבן איז געווען כמעט ווי אַ יורידישע אימפּעראַטיווע נאָרם. און אַזוי האָט עס פאַרשטאַנען אויך דער נעמער, דער קבצן. דאָס וואָרט „קבצן" האָט באַדייט בערך אַ „קאָלעקטאָר". ער מאָנט אויף אַ חוב, וואָס מ'איז שולדיק דעם אויבערשטן, פון וועמען אַלע מאַטעריעלע גיטער קומען, ווער עס גיט פרנסה און רייכטום.

---

*) בראשית רבה, פרשה נ"ה.

די גמרא (אין תמורה ט"ז) זאָגט:

אַז אַ רייכער מאַן שפּייזט ניט דעם אָרעמאַן, מאַכט דער אויבערשטער אַזוי, אַז דער רייכער מיט דעם אָרעמאַן זאָלן זיך בייטן מיט די ראָלעס: דעם עושר מאַכט ער פאַר אַן עני־ואביון, דעם עני־ואביון — פאַר אַן עושר.

גאָטספאָרכטיקע האָבן זיך גוט געשראָקן פאַר אָט־דער שטראָף, וואָס באַשטייט אין אַן איבערבייט פון מערכות.

אין תהילים, קאַפּיטל ק"ט, לייענען מיר:

„זיינע קינדער זאָלן ווערן יתומים און זיין ווייב — אַן אלמנה. און וואָגלען זאָלן זיינע קינדער און בעטלען און זוכן ברויט . . . קיינער זאָל ניט בייגן צו אים קיין גנאָד, און קיינער זאָל ניט לייטזעליקן זיינע יתומים... פאַרוואָס ער האָט אָפּגעזאָגט דעם אָרעמאַן און דעם אביון . . . ער האָט ליב געהאַט די קללה, זאָל זי קומען צו אים, ער האָט ניט געוואָלט קיין ברכה — זאָל זי זיין ווייט פון אים. זאָל ער אָנטאָן די שילטעניש ווי אַ מלבוש לויט זיין מאָס, און זי זאָל אַריין אין זיין אינעווייניקייט ווי וואַסער, און ווי בוימאויל — אין זיינע ביינער. זי זאָל זיין פאַר אים, ווי אַ בגד, אין וועלכן מ'וויקלט זיך איין און ווי אַ גאַרטל זאָל זי אים אַרומגאַרטלען." (ט, י"ט.)

פאַר אָט־דער תוכחה פון ספר־תהילים האָבן די פאַרמעגלעכע מער געציטערט, ווי פאַר די פּערזענלעכע שילטונגען פון די דערצערנטע קבצנים, וועמען מ'האָט אָפּגעזאָגט אין זייערע באַשיידענע תביעות און בקשות.

„ר' אבין האָט געזאָגט: דער אָרעמאַן שטייט ביי דיין טיר און דער קדוש־ברוך־הוא שטייט ביי זיין רעכטער זייט . . . אויב דו האָסט אים געגעבן, דאַרפסטו וויסן־זיין, אַז דער וואָס שטייט ביי זיין רעכטער זייט וועט דיך באַלוינען, און אויב דו האָסט אים ניט געגעבן, דאַרפסטו וויסן־זיין, אַז דער וואָס שטייט ביי זיין רעכטער זייט וועט זיך מיט דיר אָפּרעכענען דערפאַר." *)

„ר' יהושע האָט געלערנט: מער וויפיל דער באַלעבאָס טוט פאַרן אָרעמאַן, טוט דער אָרעמאַן פאַרן באַלעבאָס, ווייל אַזוי זאָגט דאָך רות צו נעמין: דער נאָמען פון מאַן, וואָס איך האָב פאַר אים היינט געטאָן, איז בועז. ניט ער האָט פאַר איר געטאָן, נאָר זי האָט פאַר אים געטאָן." **)

---

*) ויקרא רבה, פרשה ל"ד.

**) דאָרט.

וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט אין זיין פעלד געקליבן זאַנגען מיט אַלע אָרעמעלייט לויט דעם געבאָט פון „לקט". „דעם נאָכקלייב פון דיין שניט זאָלסטו ניט נאָכקלייבן . . . פאַרן אָרעמאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו עס איבערלאָזן." *)

אָט ווי י. י. טרונק מאָלט עס:

„די אָרעמעלייט אויך די בוידן האָבן זיך געוויגט . . . דערציילנדיק פון די פעטע עסנס, וואָס וועלן זיך דאָרטן קאָכן אין צענדליקער ריזיקע טעפ צוליב דעם ספּעציעלן אָרעם־מאָלצייט, וואָס דער מיליאָנערישער ייד גרייט פאַר די אָרעמעלייט. קאַפּעליעס וועלן שפּילן ספּעציעל לכבוד די בעטלערס; און דאָס בת־יחידקעלע אַליין, די כלה, וועט טאַנצן אַ כלה־טאַנץ מיט די בעטלערישע ווייבער און ביי זיי בעטן, אַז זיי זאָלן איר אָנ־ווינטשן אַלדאָס גוטס." (ז. 103.)

די אָרעמעלייט האָבן ביי איר גאָרניט וואָס צו בעטן. וואָס זיי קריגן קומט זיי, און עס קומט זיי מער וויפיל זיי קריגן. זי אָבער האָט יאָ וואָס צו בעטן ביי זיי. ווייל זייער אָנוואונטש און צוואַוואונטש איז גאָרניט אָפּצושאַצן.

„די דינסטן האָבן אויסגעגאָסן די טעפּ אין די . . . שיסלען אַריין. די אָרעמעלייט האָבן אָנגעהויבן הויך און גיריק צו זופּן פון די יויכן . . . טייל האָבן אַרויסגעשלעפּט די ביינער פון די יויכן און הויך אויפן קול . . . . אָנ־געהויבן צו קנאַקן מיט די ציינער. די ווייבער האָבן אַריינגעגאָסן אין די מיילכעלעך פון די קינדער פולע לעפל מיט יויך. . . . אויף די טרעפּ האָבן זיך באַוויזן דער זיידע ברוך, די באָבע היה, די כלה . . . זיי האָבן געטראָגן גרויסע קוישן מיט לעקעכער. דער זיידע האָט נאָך דערצו געטראָגן אַ פולן זאַק מיט קופּער־מטבעות . . . נאָכדעם האָט מען געטיילט שטיקער פלייש מיט צימעס און מען האָט געבראַכט פעסלעך מיט ביר.

„— טאַנצן! טאַנצן!... מיט דער כלהשי טאַנצן דעם כלה־טאַנץ." (ז"ז 107־110.)

אַליין באַדינט די אָרעמעלייט. זיך ניט געהאַלטן פון זיי פונדערווייטנס און זיי צוגעוואָרפן דאָס ביסל עסנס. עס איז ניטאָ קיין סאָציאַלע מויער־וואַנט וואָס טיילט אָפּ רייך פון אָרעם. די כלה טאַנצט מיט זיי און בעט ביי זיי אַ צוואַוואונטש, ווייל די ברכה פון אָרעמאַן איז כמעט אַזוי אָנגעלייגט און וואָגיק ווי די ברכה פון אַ „גוטן יידן".

---

*) ויקרא, י"ט, ט"ו.

ז.

דאָס בוך פאַרמאָגט אַ צו־גרויסע פּראָפּאָרציע פון גראָטעסק־פיגורן. די שילדערונגען ליידן פון איבערטרייבונגען. דער מחבר כאַפּט איבער די מאָס ווען ער מאָלט דאָס קאָמישע. אָבער דער אָפּשפּעט איז אַ גוטמוטיקער, אַ ליבהאַרציקער, אַזוי אַז אַפילו דער פאַרחוזקטער טיפּ פילט זיך ניט באַליידיקט. ער לאַכט מיט ברויטמויליק, פולברוסטיק מיטן מחבר, ווי איינער זאָגט: אַז ער האָט הנאה פון דער קאַריקאַטור, זאָל עס אים וואויל באַקומען. מעגלעך, אַז צו אַ געוויסן גראַד טוט עס דער מחבר צוליב דעם וואָס ער פילט זיך אַביסל אומהיימלעך אין דער סביבה פון אַזויפיל רביים און גאונים און גדולים, און ער זשעניִרט זיך צו וויקן זיך און טונקען אין צופיל יחוס, דערפאַר צעקאַריקאַטורעוועט ער, פאַרבורלעסקעוועט אַ היפּשע צאָל פאַרשוינען פון זיינע פעטערס און מומעס.

דער פעטער נתן־מאיר. „דער פעטער נתן־מאיר פלעגט תמיד פאַרשפּעטיקן די באַן, און די סיבה איז אויך געווען אַ קאָמישע, בעמלעך, ווען די אָנקומענדיקע באַן האָט אַ פייף געטאָן, האָט זיך דער פעטער נתן־מאיר אויסטערליש דערשראָקן פון דעם פייף און פון שרעק באַדאַרפט משתין־זיין. איידער ער האָט זיך צוגעקנעפּלט, געוואַשן די האַנט און אָפּגעזאָגט דעם אשר־יצר . . . איז דער צוג דערווייל אַוועקגעגאַנגען.“ (ז. 20.)

דער פעטער בונמל, דעם וואודקערס איניקל. „ער (דער שווער) האָט אים פאַרמיאוסט דאָס יונגע ווייבל, און אויסגעמאָלט דעם ווייבס בעט, ווי אַ . . . נעסט פון אשמדאי און לילית. אויב אַ ייִד מוז אַמאָל דערלאַנגען אַהין, מוז ער וויסן, אַז ער גייט אַריין אין אַ ברענענדיקער חורבה נאָר אויף צו טאָן אַ געפערלעכע מצווה און מוז זיין געהיט פאַר יעדן איבעריקן ריר, וואָרים ער שפּילט — אַ קליינִיקייט! — מיטן אייגענעם לעבן און מיט אַלע וועלטן.“ (ז. 242.)

ירחמיאל, דעם פעטער יעקלס איידעם. „ווען ירחמיאל (ער איז געוואָרן סוף כל סוף אַ שוחט) האָט זיך באַוויזן אין די קוטנער גאַסן מיט די דאָזיקע ווילד־בליצנדיקע חלפים, מיט דעם פאַרבלוטיקטן קאָזע־בערדל, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס גייט דאָס געשוועסטערקינדל פון מלאך־המות אַליין. נישט מער וואָס דער דאָזיקער יידישער בלוט־גזלן . . . האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן מיט די חלפים, ווען עס האָט זיך באַוויזן דאָס מינדסטע הינטל אין גאַס. דאָ איז ירחמיאל בלאָס געוואָרן ווי קאַלך. אַזוי ווי ער האָט זיין קרענקלעך און אויסגעמאַטערט ווייב ראַצע געהאַלטן פאַר אַ גרויסן

אויטאָריטעט — ירחמיאל אַליין, וואָס האָט אָוועקגעלייגט די גרעסטע אָקסן, האָט פאַר דער דאָזיקער בלאָסער יידענע געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער — האָט ער, קודם־כל, ביי יעדן הינטל וואָס ער האָט דערזען, אינסטינקטיוו אַ געשריי געטאָן: ראַצע!" (ז. 91.)

ר' הירש נאמן. „זיינע זיבן קאַפּאָטעס זיינען שטענדיק געווען איינגעשמירט מיט בלוט און מיט פעטס; און עס האָט זיך געשפּירט פון זיי אַן אַלטער און איבלדיקער פלייש־ריח ניין איילן פונדערווייטנס." (ז. 86.)

„פון הירשל נאמנס קעשענעס האָט זיך געגאָסן וואַסער. דאָס האָבן די פלאַשן אין די קעשענעס זיך פאַנאַנדערגעפּראַפּט לכבוד דער גרויסער שמחה און פון הירשל נאמן האָט געפּלייצט ווי פון אַ פאָנטאַן." (ז. 94.)

ז.

די רייכע גאַלעריע פון פּאָרטרעטן, וואָס דער מחבר גיט אונדז מיט אַ פּזרנותדיקער האַנט, באַשיינט דאָס בילד פון גרויסן עושר, בן־תורה און נדבן ר' יעקב ענגעלמאַן, ביי וועמען די חולין־וועלט האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט און געמאַכט פּלאַץ פאַר דער תורה הקדושה.

„רבי יעקב זאָגט: דער וואָס גייט אין וועג און לערנט און איז מפסיק אין מיטן לערנען און זאָגט: 'ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דאָס פעלד!' האַלט פון דעם דער פּסוק ווי ער וואָלט זיך פאַרשולדיקט קעגן זיין זעל." *)

דער פרומער למדן האָט ניט געהאַט קיין אויער פאַר די גראַבע און פּראָסטע שטימען פון דער אַרומיקער שפּלדיקער וועלט־סביבה, וואָרים זיין גאַנץ געהער איז געווען אָנגעשטרענגט איינצוזאַפּן דעם מינדסטן קלאַנג, וויבראַציע און מאָדולאַציע פון דעם קול־דממה־דקה, פון דער שכינה, וואָס ברומט ווי אַ טויב אַרויס פון יעדן וואָרט פון דער הייליקער תורה. ער האָט ניט געהאַט קיין אויג פאַר די פּראָסטע מגושמדיקע קעגנשטאַנדן, ווי שיין עסטעטיש זיי זאָלן ניט האָבן אויסגעזען, וואָרים זיין חוש־הראיה איז געווען פאַרטאָן מיט דעם נאָכפאָלגן דעם געשפּיל פון די כוואַליעס אויף דעם ים־התלמוד...

ר' יעקב ענגעלמאַן איז געווען אַ וואַלד־סוחר... „אפשר איבער אַ העלפט פון די וועלדער, וואָס האָבן פינצטער געוואָקסן איבער דער פּויליי־שער ערד, האָט דערגרייכט ר' יעקב ענגעלמאַנס האַק... די וועלדער האָבן

*) אבות, פּרק ג'.

גערוישט אין די האַרבסטיקע ווינטן, די רעגנס האָבן געפּלאָסן אָדער די שנייען האָבן געשאָטן אין די וועלדער, ר׳ יעקב האָט קיינמאָל ניט געהערט דעם ווילדן קול פון דער נאַטור. ער איז געזעסן טיף איינגעקנוועט אין זיין קאָטש, האָט געלערנט און דער באַלעגאָלע האָט געשמיסן די פערדלעך. ר׳ יעקב האָט בלויז מפסיק געווען, ווען ער האָט געדאַרפט צונויפשטעלן די פונקטן פון אַן אָפּמאַך, וואָס ער האָט געמאַכט מיט אַ פּריץ בנוגע אַ וואַלד־קניה.״ (ז. 206.)

„אין די זומערדיקע דאַנערשטיקן האָבן אויף אַלע וועגן געצויגן בוידן מיט וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט צו ר׳ יעקבן נאָך גלאַזנאָוו אויף שבת. שוין פרייטיק באַגינען זיינען די שייערן און די סטויגן לעבן ר׳ יעקבס „הויף״ פול געווען מיט יידישע בעטלערס. די לייוונטענע בוידן זיינען געשטאַנען צווישן ר׳ יעקבס פורן און קאָטשן. די בעטלערישע ווייבער האָבן זיך אַרומ־געדרייט אין ר׳ יעקבס קי־שטאַלן און אַליין, ביי קיינעם ניט פרעגנדיק, געמאָלקן די קי אין זייערע ערדענע קרוגן אַריין.״ (ז. 208.)

די בעטלערס און בעטלערקעס האָבן געבאַלעבאָטעוועט, ווייל ר׳ יעקב האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס רייכטום איז ניט זיינס, אַז ער איז ניט דער אייגנטימער פון זיינע גיטער.

„ס׳רוב פלעגט ר׳ יעקב ענגעלמאַן אַהיימקומען קיין גלאַזנאָוו אויף שבת. די אַלערליי יידן וועלכע האָבן ביי אים געוואוינט און געגעסן און ר׳ יעקב האָט זיי צומאָל אַליין ניט געקענט, האָבן אַרומגערינגלט זיין קאָטש און פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט הענט און אָפּגעגעבן שלום־עליכם... איז ר׳ יעקב ענגעלמאַן געגאַנגען אין זיין שטאַרק אונטער־געהייצטער מקווה, וועלכע איז פרייטיק פול געווען מיט כלערליי יידן. ר׳ יעקב האָט זיך קוים אַריינגעשטופּט צווישן די נאַקעטע יידן, וואָס האָבן זיך געטובלט און געטונקט אין דער מקווה. קוים האָט ער געקאָנט אונטערטוקן זיך צווישן די פיל באַפּיאותטע און באַבערדלטע קעפּ, וואָס האָבן זיך גע־טונקען אונטערן וואַסער. ר׳ יעקב ענגעלמאַן האָט נאָך דער מקווה קוים געקאָנט געפינען זיין ווייס גביריש העמד צווישן די צעריסענע און גע־לאַטעטע העמדער, וואָס זיינען געלעגן אַרום אויף די שמוציקע און נאַסע מקווה־בענק.״ (ז. 207.)

פון גאַנצן בוך „פוילן״, ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער מחבר צאָלט אַ צו־גרויסן צינז צו זיין שוואַכקייט צו פּאַראַדיע־טאָן און בורלעסק־נוסח, גייט אויף אַ מעכטיקער געזאַנג און לויב צום פוילישן יידנטום. דאָס בוך גיט זיינע לייענער די גאָלדענע געלעגנהייט צו זען מיט די אייגענע אויגן

די וואונדערבאַרע קינדער פון „ישראל סבא“, פון אַלטן ישראל וואָס בלייבט תמיד יונג. עס צייגט אונדז ווי „אין פּוילן איז דאָס יידישע לעבן געווען טיף איינגעוואָרצלט אין דער ערד און אין דער לאַנדשאַפט“ (הקדמה) און נאָך טיפער און שטיפער איינגעוואָרצלט, איינגעפונדעוועט אין תורה, מצוות און מעשים טובים.

„יידישע קולטור“, 1946

ז. שניאור

דיביימער פאַרשטעלן דעם וואַלד

„קיסר און רבי" פון ז. שניאור. היסטאָרישער ראָמאַן. ערשטער באַנד: „דער נדר". 348 ז"ז. צווייטער באַנד: „דער ווילנער גאון". 231 ז"ז. אַרויסגעגעבן פון ציק"אָ־ביכער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1944, 1945.

.1

דער „קיסר" איז נאַפּאָלעאָן דער ערשטער; דער „רבי" איז ר' שניאור זלמן, דער גרינדער פון חב"ד, פון דעם אייגנאַרטיקן דרך אין חסידות, אַ סינטעז פון לומדות מיט מיסטיק און „עבודה".

אייגנטלעך האָבן מיר דאָ, איך מיין אין נאָמען פון דעם פיל־בענדיקן ראָמאַן, צוויי פּאָליוסן. אַט־די צוויי פיגורן רעפּרעזענטירן צוויי וועלטן. פון איין זייט — די גרויס־מעכטיקע, אימפּעריאַליסטישע, איבערבויערישע, פאַרכאַפּערישע אַמביציעס איינצונעמען אַ וועלט, די וועלט, מיט אירע רייכטימער, פּאַלאַצן, טראָנען. פון דער צווייטער זייט — די ניט־ווייניקער דרייסטע, ברייט־פאַרנעמערישע, הגם אין זיך איינגעשלאָסענע, באַשטרעבונגען צו דערגיין צו פּערזענלעכער רעליגיעזער שלימות דורך אַ דערנענטערונג צום בורא־עולם, צום באַשאַפער און הערשער פון די וועלטן, און מיט זיין הילף, בעזרת השם יתברך, צו דעראָבערן אַ וועלט, יענע וועלט, מיט איר געוואַלדיקער עשירות, מיט אירע פּראַכטפולע היכלות און גן־עדנשע טראָנען. מיר הויכן אַריין די „אַטמאָספער" פון צוויי גרויסע פעלד־מאַרשאַלן און דעראָבערער: איינער פירט אויסערלעכע מלחמות מיט פיזיש־מעכאַנישע און מענטשלעך־מאַטעריעלע מיטלען און וואָפן; דער צווייטער פירט אינערלעכע מלחמות מיט פּסיכאָלאָגיש־מיסטישע און גייסטיקע כלי־זיין.ביידע גרויסע קריגערס, ביידע גרויסע סטראַטעגן, מלחמה־פירער.

צי וועט דער ראָמאַן זיך האַלטן אויף אַט־דער געוואָגטער סובלימער הייך? צי וועט ער רעכטפאַרטיקן זיין טאָפּלט־גרויסן נאָמען? דאָס לאָזן מיר לעת־עתה איבער אונטער אַ פראַגצייכן.

דאָס ווערק, ווי דער מחבר געפינט פאַר נויטיק צו זאָגן אונדז אין זיין קורץ־געפאַסטער הקדמה, באַשטייט פון פינף בענד, וואָס אַנטהאַלטן הונ־דערט און זעכציק קאַפּיטלען. אין די צוויי בענד, וואָס ליגן פאַר אונדז, האָבן מיר בסך־הכל דריי און זעכציק קאַפּיטלען, דאָס מיינט אַביסל מער פון אַ דריטל.

אַן איבערגעאַנדערשט ווערטל זאָגט: „אַ נאַר טאָר מען קיין אַרבעט ניט ווייזן; אַ קלוגן טאָר מען קיין האַלבע אַרבעט ניט ווייזן.“ דאָ, אין די צוויי פאַרעפנטלעכטע בענד, האָבן מיר אין אונדזער רשות, צום לייענען און באַטראַכטן, ווייניקער פון אַ העלפט פון דעם גראַנדיעזן ווערק. און דאָך נעמען מיר זיך דאָס רעכט צו אורטיילן איבער אים, ווייל אין תוך גענומען האָבן מיר שוין גענוג געביידע־אויפשטעל, אַז מיר זאָלן קאָנען, ניט גראָב־גרייזנדיק, אַרויסטראָגן אַן אָפּשאַץ־משפט וועגן בנין, וועגן נוסח און געבוי, ווי אויך וועגן זיין סאָלידקייט, פעסטקייט פון פונדאַמענט, צוזאַמענגעהאַלטנ־קייט פון דער סטרוקטור, איינטייל פון די אַפּאַרטאַמענטן. דערביי העלפט אונדז היפּש אַרויס דער גינציקער אומשטאַנד, וואָס דאָס גאַנצע ווערק, אין אַ סעריע־פאָרם, איז דאָך שוין געווען פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען. און הגם דער מחבר וועט עס זיכער היפּש איבעראַרבעטן און פאַרפיינערן (ווי ער האָט געטאָן מיט די לעצטע דרייצן קאַפּיטלען פון ערשטן באַנד), אָבער אין עיקר וועט ער עס, מסתמא, ניט ענדערן. דעריבער איז אונדז ניט פרעמד דער מיטן און סוף פון ווערק, כאָטש מיר משפטן אויסגעשפּראָכן בלויז וועגן אָנהויב און דאַרפן, גערעכטלעך, זיך ניט ווויסנדיק מאַכן פון דאָס איבעריקע.

מיר וועלן הערן די פאָר איינלייטנדיקע און אויפקלערנדיקע באַ־מערקונגען, וואָס דער מחבר גיט אונדז וועגן זיין „מאַגנום אָפּוס“.

אָט וואָס ער שרייבט אין זיין פאָרוואָרט:

„דאָס גאַנצע כאַפּט אַרום אַן עפּאָכע פון אומגעפער פערציק יאָר, צווישן 1772 און 1812, וועלכע הויבט זיך אָן מיט פוילנס צעטיילונג און פאַר־ענדיקט זיך מיט נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין מאָסקווע. די דאָזיקע, בערך קורצע, צייט אין דער וועלט־געשיכטע, האָט מיך, זינט מיין פריער יוגנט, צוגעצויגן מיט אירע שטורמישע מאָמענטן פון איבערקערענישן, מיט איר גראַנגל פון נייע רעליגיעזע אידייען אין יידנטום, מיט איר גרויסער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, מיט איר לעגענדאַרישן קאָרסיקאַנער, וועלכער האָט די גאַנצע רעוואָלוציע פאַרשלונגען און איינגענומען גאַנץ אייראָפּע, מיט די גרויסע פיגורן אין רוסלאַנד, פאַר און בשעת דעם „פאַטערלענדישן

קאַמף״ מיט באַנאַפּאַרטען . . . ערשט אין די רייפע יאָרן פון מיין ליטע־ראַרישער אַרבעט, צווישן 1915 און 1939, האָב איך געהאַט מוט מיין פּלאַן צו פאַרווירקלעכן.

„די אַרבעט . . . איז . . . כמעט ניט פאַרן כוח פון איין מענטשן. . . . סוף־כל־סוף האָב איך אַלע שוועריקייטן גובר געווען און מיין ווערק פאַר־ענדיקט לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן. . . . אין דעם היסטאָרישן געוועב, פון דער אויבנדערמאָנטער עפּאָכע, גייען אין ראָמאַן אַדורך דריי רוסישע מלכים: יעקאַטערינע די צווייטע, פּאַוועל און אַלעקסאַנדער דער ערש־טער. אין די הויפּט־ראָלן אין פראַנקרייך: אַ סך פיגורן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. פון די יידישע פּערזענלעכקייטן אין יענער צייט: דער אַלטער רבי ר׳ זלמן שניאורסאָן און דער ווילנער גאון . . . די שתדלנים ר׳ נאָטע נאָטקין פון שקלאָוו און ר׳ יהושע צייטלין פון אוסטיע. די געלערנטע: דאָקטער ברוך שיק און מענדל סאַטאַנאָווער־ליעפין און נאָך אַ סך אַנדערע גרויסע קעפּ . . . ווי: פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, פּאָטיאָמקין, סוואָוואָראָוו, באָפּאָלעאָנס מקורבים און זיין ערשטע פרוי, זשאָזעפינע באָהאַרנע, דער סוחר מרדכי ליעפּליער און אַנדערע. צוזאַמען: איבער הונדערט פיגורן.

„כמעט אַלע היסטאָרישע פאַקטן און דאַטן אין ראָמאַן זיינען ריכטיקע... אָבער אויך דאָס ריין־דערציילערישע, האַלב־לעגענדאַרישע . . . זיינען איינ־געוועבט, ווי צום ביישפּיל: די צדיפוס־געשיכטע מיט ר׳ מרדכי ליעפּ־ליערס טאָכטער, וואָס מען האָט אַמאָל איבערגעגעבן אין די חב״ד־קרייזן, פון מויל צו אויער, און וועלכע זיינען צו מיר, נאָך אין די קינדער־יאָרן, דער־גאַנגען ווי שאָטנס פון אַ בייזן חלום. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך אָפּ־געשאַצט דעם דערציילערישן פאַרנעם פון דער זאַך און אים אַוועקגעשטעלט אין מיטלפּונקט פון מיין ראָמאַן . . .״

ווי עס איז צו זען פון דער געבראַכטער ציטאַטע, רעדט צו אונדז דער מחבר הויפּטזאַכלעך אין טערמינען פון קוואַנטיטעט, פון ציפער: אַזויפיל און אַזויפיל קאַפּיטלען, אַזויפיל און אַזויפיל פיגורן. ער זאָגט אונדז אָבער אויך וועגן כאַראַקטער, וועגן איכות פון זיין ווערק: עס איז אַ היסטאָרישער ראָמאַן, וואָס האַלט זיך ניט „קנעכטיש ביי אַלע פאַקטן״. ער איז געשריבן ניט ווי עס איז געווען, נאָר ווי עס האָט געקאָנט זיין.

וואָס איז אייגנטלעך אַ ראָמאַן? דאָס איז אַ נאָוועלע פון אַ היפּשן פאַר־נעם, דער מיטלפּונקט פון וועלכער איז אַ געפלעכט פון ליבע־פאַרפּלאָנ־טערונגען. ער לאָזט זיך אויס מיט אַ שלעכטן סוף, ווען די צוזאַמענ־

שטויסונגען און אַנטאַגאָניזמען קריגן די אויבערהאַנט; ער ענדיקט זיך בכי טוב, ווען עס טריאומפירן די האַרמאָנישע, רעקאָנסיליאַטאָרישע עלעמענטן.

וואָס איז אַ היסטאָרישער ראָמאַן? אַ ראָמאַן, אין וועלכן די האַנדלונגען פון די העלדן ווערן געשילדערט אויף אַ געשיכטלעכן הינטערגרונט. די לעבנס־אָנגעלעגנהייטן, די ליבע־איבערקרייצונגען ווערן איבערגעפלאָכטן מיט די געשעענישן פון אַ געוויסער עפּאָכע, אַזוי אַז די העלדן לעבן זיך פערזענלעך אַריין אין גאַנג פון די פּאַסירונגען פון אַ גאַנצן דור אָדער עטלעכע דורות, הגם אין זייערע האַנדלונגען גייען זיי ניט אַרויס פון זייער אוממיטלבאַרן אומפאַס.

די העלדן פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן מוזן ניט אומבאַדינגט זיין פּראָ־מינענטע פּערסאָנאַזשן, הויך־סיטואירטע פיגורן. זיי קאָנען זיך זיין פּשוטע מענטשן. בלויז זייער געוויינטלעכער לעבן דאַרף אונדז צייגן, ווי אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט אָפּ אַ שטיק הימל, אַ צייט־אָפּשניט פון דער געשיכטע פון אַ גאַנצן פאָלק אָדער פון עטלעכע פעלקער.

דהיינו, מען קאָן גאַנץ גוט שילדערן דאָס לעבן פון דעם איינפאַכסטן אומפּרעטענציעזסטן פויערל אין אַ רוסישן דערפל אין 1917־1923 און דורך אים, אַרום אים, אין פאַרבינדונג מיט אים, אָפּמאָלן מייסטערהאַפט די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, איר טיף און ברייט, איר באַשטרעב און דערגרייך.

אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן מוזן ניט אויף דער סצענע פון די זייטלעך אַרומשפּאַצירן די הויפּט־איניציאַטאָרס פון אַ געוויסער תקופה. ווייל דווקא דאָס לעבן פון אָט־די „פּראָווידענציעלע פּערזאָנען" איז ס'רוב ניט קיין גינציקער מאַטעריאַל פאַר אַ שפּאַנענדיקער נאָוועלע, מחמת, געוויינטלעך, זיינען די הויפּט־שטריכן פון זייער כאַראַקטער ווי אויך די הויפּט־פּאַסירונגען פון זייער קאַריערע אַלעמען באַקאַנט און פאָלגלעך — ניט אינטערע־סאַנט און ניט פּיקאַנט.

„קליינע מענטשעלעך" קאָנען רעפלעקטירן די גרעסטע עפּאָכע אין אַ קינסטלערישער באַשרייבונג. ווייל גרויס און קליין זיינען רעלאַטיווע באַ־גריפן. אַ גוטער קינסטלער קאָן אָפּמאָלן דאָס אויסגיין פון אַן עופהלע און די שילדערונג זאָל פאַרכאַפּן, אַנטציקן פיל מער, ווי די באַשרייבונג פון דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן פאַרפאַסט פון אַ מיטלמעסיקייט. נאָך מער, וואָס פאַר די הויפּט־עטאַפּן פון מענטשלעכן לעבן זיינען אַלע גלייך, סיי גרויס, סיי קליין. אַלע ווערן געבוירן, שטערבן, ליידן, האָבן

פאַרגעניגן, ליבן, האַסן — און שטאַרבן. וואָס איך בין אויסן אַרויסצוברענגען איז דאָס: דער קינסטלערישער ווערט פון אַ ווערק ווערט ניט געמאָסטן לויט דער חשיבות פון די באַשריבענע פּערזאָנען. ווען מלכים פיגורירן אין אַ ראָמאַן, ווערט דער ראָמאַן פון דעם אַליין ניט דערהויבן צו דער מדרגה פון „קינסטלערישער מאַיעסטעט". די פאָרטרעטירונג פון גאונים, מאַכט ניט דעם פאָרטרעט געניאַל. די „גאונישקייט" דאַרף ליגן אין מאַלער, און פון אים גייט עס אַריבער אין געמעל, אין דעם געמאָלענעם מענטשן. מען קאָן מאָלן אַן אידיאָט און דאָס געמעל זאָל זיין קינסטלעריש געניאַל, און פאַרקערט, מען קאָן מאָלן דעם גרעסטן גאון און דאָס געמעל זאָל אַרויסקומען קינסטלעריש־נישטיק.

ווייטער, עס איז מיר שווער צו גלויבן, אַז מ'קאָן נעמען אַן עדיפּוס־געשיכטע, אַ מיטאָלאָגישער פּראָדוקט פון פאַרצייטישן גריכישן שטייגער, און אים מאַכן פאַר אַ מיטלפּונקט פון אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן פון סוף אַכצנטן און אָנהויב ניינצנטן יאָרהונדערט, איבערהויפּט נאָך ווען דער ראָמאַן פּרעטענדירט אויף אַ היפּשן גראַד פון רעאַליזם. און ווער עס וועט זיך וואָגן עס צו טאָן, איז ווי גרויס זיין קינסטלעריש־שילדערישע קראַפט זאָל ניט זיין, וועט ער זיין ווערק פאַרדאַמען אויף אַ דורכפאַל.

די עדיפּוס־געשיכטע איז אַ מעשה וועגן אַ זון, וואָס האָט דערהרגעט זיין אייגענעם טאַטן און האָט געהייראַט מיט זיין לייבלעכער מוטער. דאָס איז געטאָן געוואָרן סיי פון זון און סיי פון דער מוטער בלאָ־יודעים. דער זון איז אַ קרבן פון פאַטום. ער ווערט געטראָגן, אין דער גריכישער טראַגעדיע, ווי אַ שפּענדל אויף דער כוואַליע פון שיקזאַל, איבער וועלכן ער האָט ניט קיין רשות און שליטה.

אין ראָמאַן „קיסר און רבי" איז עס אַ מעשה פון אַ צעבאַלעוועטן יינגל. זיין טאַטע איז געשטאָרבן. ער קען זיין מוטער און זיין מוטער קען אים. אַזאַ געשלעכט־פאַרהעלטעניש צווישן זון און מוטער איז שוין גאָרניט עדיפּוסדיק . . . און זייער ווייניק איבערצייגנדיק־קינסטלעריש. אויסער דעם שטייט נאָך אָט־דער בלוט־געמיש אַקט אין סאַמע מיטלפּונקט פון ראָמאַן, אַזוי אַז אַן אָט־דער אומגלויבלעכער געשעעניש בלייבט דער ראָמאַן אָן אַ צוזאַמענשליסונג. ער צעפאַלט אויף איינציקע קליאַפּקעס, ווי אַ טרוקענער פאַס אָן אַ רייף.

.2

נאָר לאָמיר געבן אַ מער־ווייניק אויספירלעכן איבערבליק איבערן

ווערק, אויף וויפיל מ׳קאָן עס טאָן אין די ענגע ראָמען פון אַ קירצערן אַרטיקל.

דער ערשטער באַנד עפנט זיך מיט אַ שילדערונג פון די הכנות, וואָס ווערן געמאַכט צו פּראַווען די בר־מצווה פון אלתרקען, אַן אייניקל פון ר׳ נאָטע נאָטקין פון טאַטנס צד און פון ר׳ מרדכי ליעפּליער, אַ געוועזענעם פּאַכטער און איצט אַן עושר ליפעראַנט פון רוסישן פלאָט, פון מוטערס צד. אלתרקעס מוטער הייסט אסתר. דער שווער און דער עולם רופן זי „אסתר המלכה״. זי געפינט זיך איצט, נאָך איר מאַנס טויט, אין שקלאָוו. זי, מיט איר קרובה און אַרויסהעלפערין, פירט עס דאָס הויז פון ר׳ נאָטע נאָטקין, דעם גרויסן סוחר און שתדלן. מיידלוויז איז אסתר געווען פאַר־ליבט אין אַ „בערלינטשיק״, אַ משכיל פון מענדעלזאָנס שולע, מיטן נאָמען יוסף שיק, וואָס איז געווען ביי זיי אין שטעטל אַ „מיידלשער לערער״ און אסתר איז געווען זיינע אַ שילערין. איר פאָטער, ר׳ מרדכי, האָט דעם אָרעמען „לערערל״ אַרויסגעטריבן פון הויז און זיין גראַטענע טאָכטער געצוואונגען חתונה האָבן מיט מענדע נאָטקין, אַ זון פון באַוואוסטן ליפע־ראַנט פון דער רוסישער אַרמיי, עושר, יחסן און כלל־טוער. ר׳ מרדכיס אבזיכט איז געווען אויסצונוצן פינאַנציעל אָט־די געהויבענע מחותנעשאַפט. ער האָט דערגרייכט זיין ציל וואָס איז שייך דער געשעפטלעכער זייט, אָבער דאָס פאַמיליע־לעבן ביי אסתרן איז געווען „אויף צרות״. מענדען, איר אַרויפגעצוואונגענעם מאַן, האָט זי פיינט געהאַט אויך נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט פון אים אַ קינד, אַ יינגל. מענדע איז געווען אַן אויסגעלאַסענער. פלעגט יעדע נאַכט מאַכן סצענעס, אַנטלויפן פון הויז צו הפקר־נקבות. איינמאָל איז ער באַפאַלן קרוינדלען, אַ יתומה, וואָס האָט זיך געפונען ביי זיי אין הויז ווי אַ חצי־דינסט און גאַנצע קרובה. ער ווערט קראַנק, גייט אַראָפּ פון זינען, מען פירט אים אין אויסלאַנד קורירן, און ער שטאַרבט. אסתר בלייבט אַ יונגע אלמנה. איר שווער שיקט זי אָפּ פון פעטערבורג, וואו זי האָט געוואוינט מיטן מאַן, אַהיים, ד. ה. קיין שקלאָוו. דאָ באַגעגנט זי איר ערשטן יוגנט־געליבטן, יוסף שיק, וואָס איז איצט געוואָרן אַן אַפּטייקער אין שקלאָוו, וואו זיין ברודער, ר׳ ברוך, אַ שם־דבר, אַ באַרימ־טער דאָקטער און געלערנטער, איז געווען דער „רופא חולים״. אסתר האָט זיך אַ נדר געגעבן, אַז זי וועט ניט חתונה האָבן ביז נאָך דער בר־מצווה פון איר בן־יחיד. פון אָט־דעם אָפּהיט פון נדר נעמען זיך אַלע קאָמפּלי־קאַציעס און פאַרדרייענישן, וועלכע דער מחבר בוצט אויס מיט גרויס געניטקייט.

וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן אין דעם ראָמאַן איז די מאָדנע אָפּ־וועזנהייט פון פרויען. ביי די דריי גבירים־אדירים, ר׳ נאָטע נאָטקין, ר׳ יהושע צייטלין און ר׳ מרדכי ליעפּליער זעט מען ניט קיין נשים, און ממילא זעט מען ניט קיין פולן רעאַליסטישן לעבן. „ביתו זו אשתו״, דאָס הויז איז די פרוי. אַז עס איז ניטאָ קיין פרוי, איז ניטאָ קיין שטוביק לעבן. דאָס הייסט, פּראָסט גערעדט, עס פעלט אין ראָמאַן דאָס עלעמענטאַרע, די יידישע באַלעבאַטישע סביבה מיט דעם יידישן שטייגער.

מענדע, אסתרס מאַן, איז אַ פאַרדאַרבענער יונג. ווי האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט ? דאָס ווייסט מען ניט. זיין טאַטע, ר׳ נאָטע, איז גאָר אַ וואַזשנער ייד, אַ געהויבענער טיפּ, פירט גרויסע געשעפטן און איז אַן איבערגעגעבענער יידישער שתדלן פון אַ גרויסן פאַרנעם און אַ ברייטער פּערספּעקטיוו. אָבער דאָס עפּעלע איז דאָס מאָל ניט געפאַלן נאָענט צום בוים. וואָס האָט פּאַסירט ? דאָס איז אַ סוד, וואָס בלויז דער מחבר ווייסט. און, אפשר, איז עס אים אויך ניט קלאָר. צוליב וואָס ווערט מענדע אַזוי געמאָלן, צוליב וואָס וואַרפט אין אים דער מחבר אַריין די „זוהמא״ פון דער ערשטער שלאַנג ? דאָס איז לייכט צו פאַרשטיין פון סיפור־המעשה. דער מחבר האָט געוואָלט אָפּמאָלן דעם אומריינעם קוואַל, פון וועלכן עס קומט אַרויס זיין זונדל אַלתרקע, וואָס וועט דאַרפן באַגיין אַ האַרבע זינד, וואָס איז אַזוי שטרענג פאַרבאָטן אין דער תורה (ויקרא כ״ח, ז׳) און ניט ווייניקער פאַרווערט אַפילו ביי די פּרימיטיוועסטע שבטים. דער מחבר וויל דאָ דורכפירן דעם „פוקד עוון אבות על בנים״. אָבער אויף וויפיל דאָס העלפט אים אַרויס ביים דערקלערן די פּערווערזיע פון זון, אויף אַזויפיל שטערט עס אים צו דערקלערן דעם אויפפיר פון דער מוטער, איר נדר געבן און היטן. ווען מענדע וואָלט געווען אַ לייטישער מענטש און מאַן, הגם ניט קיין באַליבטער, וואָלט געווען אַ סך לייכטער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין אלמנה האַלט טייער זיין אָנדענק. דאָס אסתר־בילד וואָלט פיל געוואונען ווען מענדע וואָלט זי באַהאַנדלט אָנשטענדיק. זיין אכזריות, גראָבקייט און ווילדקייט איז איבעריק, מחמת זי שיידט זיך דאָך ניט מיט אים צוליב זיין שלעכטן אויפפיר. זי איז דאָך ניט קיין גרושה, נאָר אַן אלמנה. און שטאַרבן קאָן דאָך אַן אָרנטלעכער מענטש און מאַן אַזוי גוט ווי אַ שלעכטער. די פראַגע וואָלט בלויז זיין, פון וואַנעט נעמט זיך די פאַרדאָרבנקייט ביי זיין זון, אָבער דאָס וואָלט ניט זיין מער קשה ווי די פראַגע, פון וואַנעט נעמט זיך די פאַרדאָרבנקייט און דעגענעראַציע ביי מענדען, אַ כשרער זון פון אַ כשרן טאַטן און אַ כשרער מאַמען. און אַזוי ווי דער אָקס, אַרום וועלכן עס דרייט זיך דאָס

רעדל פון דעם סיפור־המעשה, איז דער נדר, און דאָס נדר־געבן און היטן איז ניט באַגרייפלעך, לייגט זיך דער גאַנצער סוזשעט ניט אויפן שכל. צו־פיל צוגעטראַכט. נאָך מער וואָס סיי דער שווער און סיי דער טאַטע בעטן אסתרן צודרינגלעך, אַז זי זאָל פאַרבעטן דריי יידן און זיי זאָלן איר מתיר־נדר זיין און זי זאָל ניט פאַרחושכבן איר לעבן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועץ, און טאַקע חתונה האָבן מיט דעם „אויסדערוויילטן פון איר האַרצן", וואָס גייט אויס נאָך איר, און איז געבליבן אַן אַלטער בחור, אַלץ צוליב איר.

דער מאַן, מענדע, איז געווען אַ „בעל־כרחך" מאַן. דערצו פלעגט ער זי פייניקן, געהאַנדלט סקאַנדאַליעז אין פולסטן טייטש פון וואָרט. ער טראָגט זיך אָפּ אויפן עולם־האמת. מען זעט ניט אין דער דערציילונג, אַז אסתר זאָל זיין „פּטירה", ריכטיקער — „פגירה", זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן. מען זעט ניט קיין שום סימן פון אבלות אין הויז. מען הערט ניט, אַז עמעצער זאָל זיין טריפּהנעם נאָמען דערמאָנען. און דאָ פּלוצלונג שפּרינגט זי אַרויס מיט אַ נדר, און עקשנט זיך איין, האַלט דעם צוזאָג און פאָלגט ניט דעם שווער און ניט דעם טאַטן, ניט איר אייגן געפיל און ליידנשאַפט און ניט דאָס צושטיין פון איר געליבטן.

דער מחבר ווייסט גאַנץ גוט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט מיטן נדר, דערפאַר טראַכט ער צו אַ געשפּענסט, וואָס ציינגט זיך צו איר עטלעכע מאָל אויפן וועג אַהיים, אין די קרעטשמעס, וואו זיי שטעלן זיך אָפּ. אָבער אָט־די „זעאונג אויפן וועג קיין שקלאָוו" מאַכט נאָך די זאַך ערגער, איך מיין, ווייניקער רעאַליסטיש, און ווייניקער באַגלויבטבאַר. מיט איין וואָרט, דער דערציילערישער בנין שטייט אויף אַ גאַר־שוואַכן יסוד.

בכלל ווייזט אונדז ניט דער מחבר דאָס לעבן פון אָט־דעם אומגליקלעכן פּאָר־פאָלק אויסער זייערע באַציאונגען אין שלאָפצימער. און סיי מענדע און סיי אסתר זיינען מער „פאַרקערפּערונגען" ווי פולבלוטיקע קערפּערס. ער — די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז, פון אַ פאַרצערנדיקער תאווה, וואָס קאָן זיך קיינמאָל ניט באַפרידיקן. זי — די פּערסאָניפיקאַציע פון אַן אויסטערלישער פאַר'נדר'טער צניעות. ער איז אַבנאָרמאַל, זי איז אומ־נאַטירלעך. זי פייניקט זיך, איר געליבטן, און אויך אינדירעקט איר האַלב־קרובטע און האַלב־עקאָנאָמקע, קרוינדל, וועלכע צוליב איר שולד ווערט אַ פאַרזעסענע מויד, הגם ר' נאָטע נאָטקין האָט איר אַלעמאָל צוגעזאָגט, אַז צו זעכצן יאָר וועט ער איר קריגן אַ פּאַסיקן חתן.

אמת, די מלחמה מיטן אייגענעם יצר־הרע און דאָס געפעכט מיטן געליבטן ווערן געמאָלן אין ראָמאַן מיט די רייכסטע פאַרבן. דער מחבר

האַלט אַט־די צווײ, באַגערטע און דערווײַל נאָך ניט באַשערטע, צײַטנווײַז אויף משקולות: אַט־אַט און דאָס צינגל גיט זיך אַ בויג, און אײן וואָגשאָל וועגט אַריבער, צײַטנווײַז אויף אַ גליטשיקער, משופּעדיקער פלאַך, אַזוי אַז עס פעלט ממש בלויז דער לײַכטסטער שטופּ, זײ זאָלן זיך אַראָפּקײַקלען, און עס זאָל ווערן אויס פּאַנטאָמימע. אָבער זיך ניט געשראָקן, די דראַמאַטיזאַציעס זײַנען דירגירט פון אַ געשיקטער האַנט. עס קומט ניט צו אַ פּריציפּיטיקן אָפּברוך. די שפּאַנונג האַלט אָן.

עס פעלט דעם מחבר, צו מאַכן די אינסצעניזירונגען נאָך אָנציִענדיקער, אַ דריט ווענטל צום אָנגענומענעם „דרײַעק", גיט ער זיך אָן עצה, פּירט אַרײַן קרוינדלען, וועלכע פֿאַרשלײַערט זיך פּאָר אסתרקען, און אײן האַלבטונקעלן קאָרידאָר געלינגט איר אָפּצונאַרן יוספן, אָבער בלויז אויף אַן אויגנבליק. דאָס „לײַדן־שפּיל" פון געלוסטונג און זעלבסט־באַהערשונג איז לאַנג, אָבער בשום־אופן ניט לאַנגווײַליק. דער חסרון איז, וואָס עס קומט ניט צו קײן אמת־שטאַרקן אויפברויז. בלויז אַן אָנוואַונק אויף אײַפערזוכט. עס פעלט אין די סצענעס ערנסטקײט און שטאַרקײט, זײ זײַנען בלויז אַמוזירנדיק, פאַרווײַלנדיק, ניט הינרײַסנדיק. עס פעלט די מאַכט פון רשעות און די גבורה פון צידקות.

דאָס מערקווירדיקע אין די צווײ בענד פון ראָמאַן איז דאָס, וואָס אַלץ שווימט עפּעס פאַרבײַ די אויגן. קײן זאַך איז ניט פאַראַנקערט. אַן אײביק פליסן, גײן מיטן שטראָם. דאָס קומט פון דעם, וואָס דער פּאַרנעס איז צו־גרויס, „כמעט ניט פאַרן כוח פון אײן מענטשן", דעריבער איז די אויספירונג צו־קלײן. דער ראָמאַן וואַקסט ניט. ער שײלט זיך און דערצײלט זיך. ער וויקלט פאַנאַנדער פּאַנאָראַמעס, וואָס וואָלטן פאַרנומען אַן אויג, פּירט פאַרבײַ סצענעס, וואָס וואָלטן פאַרכאַפּט דעם אָטעם, ווען דאָס וואָלט ניט פאַרגעקומען מיט אַזאַ פאַרבײַפלאַטערנדיקן שמעטערלינג־זאַרגלאָזן, וואַגאַבונדישן מאַניער. אײדער וואָס־ווען, אײדער עס שאַפט זיך די פּאַסיקע שטימונג, זײַנען שוין די איבערלעבונגען, די רירנדיקע עפּיזאָדן, אַוועק אַן אַ „זײַ־געזונט", אָן אַן „אויף־ווידערזען", אָן קײן שום נאָסטאַלגיע, אָן זיך אומצוקוקן אויף הינטערווײַלעכטס.

פיל פּראָבלעמען, וואָס זײַנען אַקטועל אַפילו אין אונדזער צײַט, ווערן אָנגעגרירט, אין צווײטן באַנד, אין דער באַשרײַבונג פון דער „גרויסער אסיפה", וואָס ר׳ נאָטע נאַטקין רופט צונויף, אָבער קײן אײנע פון זײ ווערט ניט געלייזט, אַפילו בלויז קינסטלעריש. איר זעט אַ געמיש פון שיטות, אָבער קײנע דאָמינירט ניט. אַלע זײַנען גערעכט און אומגערעכט צוגלײַך.

גיטאָ קיין פעסט־אויסגעשמידטע כאַראַקטערן. די פיגורן קומען אַרויס ווי בילדער אויף אַן אויסשטעלונג, אָדער ווי אַ רעגימענט אויף אַ פּאַראַד. אַלע אויסגעפּוצט, די שטיוול גלאַנצן, די קנעפּלעך בלישטשען, די מונדירן ביי, פון־נאָדל־אַרויס, דאָס מאַרשירן קאָרעקט, דער פוס־פּאַל זעלנעריש־בראַוו, מיט ריטם און טאַקט, אָן אַ פּגם; אָבער דאָס איז אַלץ אָנשטעל, רעוויו־מעסיק. עס פעלט עכטקייט. ניט אַזוי פירט מען די מלחמה פון לעבן, ניט אַזוי גייט מען אַפילו אויף מאַנעווערס, די אימיטאַציע פון מלחמה.

אין ווערק זיינען פאַראַן וואונדערבאַר־געשילדערטע עפּיזאָדן, שיינע פּאָרטרעטן, ווי דער פון פּאָטיאָמקינען, פון סואוואָראָוון, דעם העכסט „פּיק־טשורעסקן" פעלדמאַרשאַל־„טשודאַק". עס פעלן אויך ניט גאָר פיינע צייכענונגען פון פעטערבורג, וואָס האַלט אין וואַקסן, פון דער נעוואַ, וואָס רייסט אירע קייטן פון ווינטער־אייז.

אַ גרויל כאַפּט אָן פון די שילדערונגען פון דער גרויסער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, סוף ערשטן באַנד. אַ קינסטלער דאַרף אַרויסווייזן מער געפיל און פאַרשטענדעניש פאַר אָט־דער סאָציאַל־וואולקאַנישער דער־שיינונג. אמת, זי האָט געבראַכט, אין איר באַגלייט, אַ מבול פון בלוט, „דער רויטער טעראָר", די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. דאָס שווענקט, אָבער, ניט אָפּ איר גראַנדיעזקייט און פאַרדינסטפולקייט. די נעגאַטיוון דעקן בלויז אויף דעם טראַגיזם, וואָס איז אַריינגעוועבט אין סאַמע געוואַנט פון אַלע גרויסע מענטשלעכע פאַרמעסטונגען. יעדער טראָט פאָראויס קאָסט דער מענטשהייט אָן אַ שיעור קרבנות. און ווען די אונטערנעמונגען פון ציוויליזאַציע וואָלטן זיך געפירט מיט אַ בוכהאַלטערישער השגה, וואָלט מען, אפשר, געקאָנט זאָגן, אַז „דער גאַנצער עסק" לוינט זיך ניט. אָבער לוינען און ניט־לוינען איז דאָ ניט שייך. עס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט, פון אָפּשטאַרב און געבורט פון באַשטימטע שיכטן אין דער געזעלשאַפט. די זון פאַרגייט און גייט אויף אין בלוט און פלאַמען. אויף דעם סאָציאַלן האָריזאָנט קומען פאָר בײדע, סיי די שקיעה און סיי דער זון־אויפגאַנג, אויף איין מאָל. און עס איז גאָר אַ קליינער חידוש וואָס דאָס הימל־געוועלב גלוטיקט און בלוטיקט אַזוי מאָוימדיק.

אויף די זייטלעך 315 און 316 וואַרפט אָן דער מחבר בילדער־פאַר־זעעניש פון מענטשלעכן אָפּפאַל און געפאַלנקייט, גראָטעסקן פון ברואים פון שמוץ און ברוד. ער פלייסט זיך צו דערשטיקן אין רויך, קאָפּאָטש און טשאַד דעם הייליקן פלאַם, וואָס האָט געברענט אין די הערצער פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערן־פערזאָנען און די אויפגערודערטע, ענערגעטיזירטע

ברייטע מאָסן. דער מחבר איז טויב און ער הערט ניט דעם געשריי פון פאַרשמאַכטן פאָלק, וואָס לעכצט נאָך יושר און צדק. אַ געשריי, וואָס טרייסלט די ערד. ער זעט בלויז און איז זיך מחייה מיט דעם בילד פון שטשורעס און שקצים ורמשים, וואָס קריכן אַרויס פון שפּאַרונעס און לעכער, בשעת דער סאָציאַלער ערדציטערניש.

זיבן יידישע חנען האָט די באַשרייבונג פון עפּענען די לאָדן אין אויבער־שטיבל פון ר׳ אליהו, מיט וואָס עס עפנט זיך דער צווייטער באַנד. פון אָט־דעם דעטאַל פון „פתיחה״ פון די וואַכעדיקע לאָדן קוקט אַרויס די הייליקע געשטאַלט פון גרויסן נזיר און גרויסן גאון. ער וויל ניט אָנקוקן די וועלט. אויף וואָס טויג זי אים, אויף וואָס דאַרף ער זי! „אַ שטראַל פון דער זון קאָן דאָך אויך פאַרפירן, אַ שטיקל בלויער הימל קאָן זיין אָנגענעם פאַרן אויג״ (ז. 9). און דאָס אויג איז אַ מעקלער פון זינד.

דערפאַר, אָבער, קלינגען אַביסל פאַלש אייניקע טענער אין דער קאָמפּאָזיציע וועגן גאונס עסן. ווי וויניק „יצר־הרע״ דער מחבר האָט אַריינגעטאָן אין דעם שיסל פון זויערמילך, אין דעם פאַרדריסלעכן ענין פון „אכילה״, איז עס נאָך אַלץ צופיל. נאָך מער, וואָס דער מחבר זאָגט אונדז, אַז ר׳ אליהו עסט ווי אַ פויגעלע, אַ פּיק און יוצא. אכלען איז אַן איבעריקע זאַך. קייען איז הבל, הבל־הבלים, און ווען ניט דאָס ברכה־מאַכן און בענטשן וואָלט עס דער גאון, דער גרויסער אַסקעט, אינגאַנצן ניט גורט געווען. און וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן, אַז אין דער תורה שטייט בפירוש „ואכלת ושבעת וברכת״, זאָלסט עסן, זאַט ווערן און בענטשן. יאָגט ער זיך אַדורך זיין מאָגערן מאָלצייט, ווי איינער וואָס איז געצוואונגען דורכצוגיין אַ שטיקל וועגס מיט באָרוועסע פיס אויף גליענדיקע קוילן. דערפאַר שיקט זיך ניט דאָס, וואָס דער מחבר פאַרהאַלט זיך אַזוי לאַנג אויף דעם פונקט, וואָס מען דאַרף אָפּכאַפּן בנשימה אחת, וואָס אַמשנעלסטן. עס איז אויך ניט ריכטיק, אַז דער גאון האָט אויסגעטאָן דעם טלית און תפילין בשעת זיין אָפּגעכאַפּטן איבערבייסן. ער האָט געפּסקנט, אַז מען מעג באַפרידיקן אַפילו מער בהמהשע באַדערפענישן פון גוף, אויב מען גייט אין טלית און תפילין אַ גאַנצן טאָג, ווי ער האָט זיך נוהג געווען.

דער סך־הכל:

די צוויי בענד האָבן אַ שפע בילדער, וואָס זיינען געמאָלן פון אַ קינסטלער־דיכטער, אָבער דאָס ווערק אַלס אַ גאַנצס איז פאַרט אַרויסגעקומען שוואַך, בלייך, האַפּטלאָז, ווי אַ שאַטנס־אַנסאַמבל געוואָרפן פון אַ צויבער־לאַמטערנע.

מיט איין וואָרט: דיביימער, וואָס זיינען הייך־געוויקסיק, שטאַלטיק, ברייט־צעעפנט, כאָטש ניט טיף פאַרוואָרצלט, אייניקע פון זיי אַפילו אימ־פּאָזאַנט־מאַיעסטעטיש, שפּאַרן אונטער דעם הימל, טראָגן זונען־קרוינען אויף די שפּיציקע קעפּ, אָט־די ביימער פאַרשטעלן דעם וואַלד אַזוי, אַז מען זעט אים אינגאַנצן ניט אַרויס. און עס וועקט זיך אַ באַרעכטיקטער חשד, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין וואַלד, הגם עס זיינען דאָ כל המיני ביימער, סאָסנעס, בעריאָזעס, אָלכעס און קליאָן און אַפילו צעדערן, „ארזי־הלבנון“, ווי אויך מאָך, יאַגעדעס און שוועמלעך . . . צו געברויכן דעם מחברס אַ גלייכעניש, וואָלט איך זאָגן: עס זיינען דאָ רערן, אין וועלכע עס שטעקן ברענענדיקע ליכט, אָבער עס איז ניטאָ קיין מנורה . . . עס פעלט דער שטאַם וואָס זאָל פאַראייניקן די רערן און מאַכן פון זיי אַ קאַנדעליאַברע צו באַלויכטן די רייכע עפּאָכע, וואָס ז. שניאור באַמיט זיך אַרויסצוברענגען.

„יידישע קולטור“, 1946.

חיים נחמן ביאַליק

אַלס דיכטער און דערציילער איז ביאַליק ניט געווען קיין מענטש פון קוואַנטיטעט, נאָר פון קוואַליטעט. ער האָט קיין סך ניט געשריבן. ער איז געווען קאַרג אין זיינע לידער, דאָס אייגענע אין דערציילונגען. אָבער ער איז ניט קאַרג געווען אין ווערטער. די רייכסטע שפּראַך האָט ער פאַרמאָגט. אַפילו נחום סאָקאָלאָוו, דער פּובליציסטישער „מענה־לשון", האָט קיינמאָל ניט באַוויזן אַזאַ שפע, אַזאַ אויסגוס פון לשון ווי ביאַליק. נאָר בשעת סאָקאָלאָווס העברייאיש איז מאָזאַאיש, קאַליידאָסקאָפּיש, דיסהאַרמאָניש, איז ביאַליקס העברייאיש אויסגעהאַלטן, קלאַנגפול און הויך־סיסטעמאַטיזירט, אָפּגעטאָקט, אָפּגעגאָסן אין איין פורעם.

ביאַליק איז געווען אַ מתמיד, ער האָט געאַרבעט אַ סך און „פאַרפאַסט" אַ רעכט ביסל. אָבער די אַרבעט איז געווען אַלע מאָל אַ קאָמפּילאַטאָרישע. ביאַליק האָט געזען פּערלען, וואָס וואַלגערן זיך אויף די אָפּגרונטן פון אַלטע ספרים, און ער האָט זיי אַרויפגעשעפּט, זיי געשליפן, זיי אָבער ניט איבער־געדיכטעט, נאָר געלאָזן זיי אין זייער לאַקאָניש־אָריענטאַלער, אויסטער־לישער שיינקייט־פשטות. ער האָט באַאַרבעט דעם גאַנצן מדרש, אויפ־געקליבן אַלטע לעגענדעס, זיי סיסטעמאַטיזירט און אַרויסגעגעבן.

ביאַליק, אויסער דעם אַלעמען, איז געווען אַ פאַרלעגער. אין אָדעס האָט ער געהאַט „מוריה", אין פּאַלעסטינע—„הדביר". ער איז געווען אַ קולטור־טוער. ער האָט געקעמפט מיט אַלע מיטלען פאַר דאָס וואָרט, פאַר זיין ווירדע און זיין ווערט.

ביאַליק געהערט ניט צו דער קאַטעגאָריע דיכטער, וועלכע עס קומט אָן שווער אָנערקענט אָדער אָפּגעשאַצט צו ווערן. ביאַליק איז גלייך אָנערקענט געוואָרן; איך וואָלט זאָגן, אַפילו אַ ביסעלע איבערגעשאַצט געוואָרן. און דאָס דערקלערט זיך מיט דעם:

ביאַליק געהערט צו אַ באַשטימטער ריכטונג אין דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, אַ ריכטונג, וועלכע האָט זיך באַהויפּט, גלייך פון איר ערשטן אַריינטריט, מיט גבורה און אַגרעסיווקייט. איך מיין די ציוניסטישע באַוועגונג. על־כן, אַ דיכטער וואָס איז ניט געווען קאַפּריציעז, אַ פורק־עול, ווי ס׳רוב דיכטער זיינען, נאָר האָט געדינט מיט זיין פלאַמיקן וואָרט אַ באַשטימטער אידייע, וועלכע ווערט פאַרטראָטן פון אַ פּאַרטיי, איז, גאַנץ נאַטירלעך, גלייך גאַסטפריינטלעך אויפגענומען געוואָרן, געריימט און באַריימט געוואָרן.

ביאַליקס דעביוט, נאָך זייענדיק אַ ישיבה־בחור, איז געווען זיין באַ־קאַנטער שיר „אל הצפור" (צום פייגעלע). דער דיכטער רעדט צו אַ פייגעלע, וואָס קומט צוריק צופליען פון די ווייטע לענדער. ער פרעגט עס: „הרחם, הנחם ה' את ציון, אם עודה עזובה לקברים?" (צי האָט גאָט זיך דער־באַרעמט, צי האָט ער שוין געטרייסט ציון, אָדער זי איז נאָך אַלץ פאַרלאָזן פאַר די קברים?)

אָבער דער פּאָליטישער ציוניזם, זייענדיק „פּאָליטיש", איז געווען צו־טרוקן פאַרן דיכטער ביאַליק, און ער שליסט זיך אָן אָן דער ריכטונג, וועלכע האָט געהייסן „אחד־העמיזם", אָדער דער גייסטיקער ציוניזם. און אחד־העם, וועלכער האָט ביאַליקן אינספּירירט און אויפגעקלערט, משכילירט, האָט אים אויפגענומען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אין זיין מאַנאַטשריפט „השלוח". אַזוי אַז ביאַליקס וועג צו אַנערקענונג איז געווען כמעט אָן דערנער.

און צוליב דעם איז זייער שווער עד־היום אָפּצושאַצן אים ווי געהעריק, אַלס דיכטער, און נאָר אַלס דיכטער. אָבער נעמענדיק ביאַליקן אַלס אַ פּאַרטיי־פּאָעט, אַ פּאָעט וואָס דינט, זינגט, פּאָעטיזירט, באַגייסטערט אַ באַ־שטימטע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע ריכטונג, איז ער ניט נאָר דער גרעסטער יידישער פּאָעט, נאָר איך גלויב, אַז אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך קאָנען מיט אים פאַרגלייכן. די ציוניסטן, פאַרשטייט זיך, האָבן געהאַט אַ סך משוררים, ווי דאָליצקי און נאָך אַנדערע; זייער נאָמען איז — לעגיאָן. אָבער זיי האָבן קיין טאַלאַנט ניט פאַרמאָגט, ווי דער פאַל איז ס'רוב מיט יענע, וואָס גיבן זיך איבער צו אַ באַשטימטער לערע און באַגרענעצן זייער וועלט־קוק. דער גאָט פון פּאָעזיע איז אָן אַל־נקמות און ער נעמט ביי זיי, ס'רוב, די מוזע צו, און זיי בלייבן אָן לשון, אָן אותיות, אָן פאַרב, אָן בילדער. ביאַליק איז דער איינציקער, וואָס כאָטש ער האָט געהערט צו אַ פּאָליטישן, פּראָגראַמאַטישן חדר, איז ער פאָרט אַ גרויסער דיכטער געווען און געבליבן. און דאָס מאַכט אים פאַרן גרויסן יוצא־מן־הכלל. מיר האָבן דאָ אין ביאַליקן אַ מאָדנע קאָמבינאַציע פון קרעפטן און באַגאַבטקייטן, וועלכע טרעפן זייער זעלטן, סיי אין תחום פון קונסט און סיי אין דעם געביט פון וויסנשאַפט. ווי קאַרל מאַרקס' געניאַלי־טעט באַשטייט אין דעם זעלטענעם סינטעז פון וויסנשאַפטסמאַן און פאַרטיי־מאַן, אַזוי אויך ביאַליקס געניאַליטעט באַשטייט אין דער באַהעפטונג פון דינען אַ באַשטימטער קאָנקרעטער באַוועגונג און פאָרט בלייבן טריי דער מוזע פון ריינער קונסט. אין דעם פרט איז ער אומאיבערטראָפן.

אַ סך פון אונדזערע יידישע פּאָעטן קלאָגן זיך גאַנץ אָפט אויף זייער מוזע. זיי קענען ניט זינגען, זאָגן זיי אונדז, דערפאַר וואָס זיי האָבן גע־חושכט, נעבעך, געפּלאָגט זיך. דער אמת איז, אַז זיי קענען ניט זינגען דערפאַר, וואָס זיי קענען ניט. און אויף ניט קענען דאַרף מען קיין דער־קלערונג ניט האָבן. ביאַליק זאָגט אויף זיך, אַז זיין טאַטע איז דער ביטערער גלות, זיין מאַמע — די שרעקלעכע אָרעמקייט. דלות און דחקות פאַרמאָגן ניט וויניקער, נאָר מער פּאָעזיע ווי רייכקייט און רחבות. ליידן זיינען אַ בעסערער מאַטעריאַל צו שאַפן פון זיי קונסט און פּאָעזיע, איידער פריידן. ליידן זיינען טיפער, שטאַרקער, רעגן מער, רעדן מער. און ביאַליק פרעגט: „פון וואַנען האָב איך געירשנט מיין ליד?“ (מאין נחלתי את שירי?). און ער זאָגט, אַז ער האָט זיך געלערנט פון גריל, וואָס האָט געגרילצט ביי זיי אין הויז. און די טרערן זיינע האָט ער אָראָפּגעשלונגען מיטן שטיקל ברויט, וואָס זיין מאַמע האָט געבאַקן, און שטייענדיק איינגעבויגן איבער דער דייזשע האָט זי געלאָזט פאַלן אַ טרער אין טייג אַריין און דאָרטן עס אַזוי פאַרקנאָטן... ביאַליק האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין גרויס אָרעמקייט, אַלס אַ יתום.

אַנדערע פון אונדזערע דיכטער האָבן זיך געקלאָגט אויפן בית־המדרש און אויפן תלמוד, וואָס האָט זייער נשמה פאַרטריקנט און די פליגלען פון זייער מוזע אונטערגעהאַקט. ביאַליק האָט אין זיין „המתמיד“ (דער מתמיד) באַוויזן וויפיל פּאָעזיע עס ליגט פאַרבאַהאַלטן, קוקט אַרויס און וואַרט אויף אַ תיקון, אין די אַלטע גמרות, אין די האַלב־פינצטערע, מיט שפּינוועבס־פאַרוועבטע ווינקלען פון קלויז, וועלכע טריפן מיט דיכטונג, מיט סודות, מורמלען אַנזאָגעניש. „אָה, אָמר רבא!“ אין דעם אויסגעשריי צאַפּלט זיך אַ נשמה, וואָס איז עטלעכע טויזנט יאָר אַלט, קאָרטשעט זיך אין ווייטיק און באַלזאַמירט אירע וואונדן מיט זעאונגען, האָפענונגען, ווי אַלע ליידנדיקע, פאַרצרהטע זעלן, וואָס בליען און וועלקן אויף דער וועלט, קומען פון ערגעץ־ניט און גייען אַוועק קיין ערגעץ־ניט...

זאָלאַ, באַשרייבנדיק רוים און די טעמפּלען אירע, איבערהויפּט באַ־וואונדערנדיק די פּראַכטפולקייטן און קונסט־טייערקייטן וואָס געפינען זיך אין פּעטערס קאַטעדראַל, — זאָגט אָט וואָס: „יאָ, עס איז שיין, עס פאַרנעמט אַן אויג; אָבער וואו געפינט מען דאָ אַ ווינקל, וואו אַן אַנגעווייטיקטער מענטש וואָלט זיך קענען אַוועקשטעלן אין התבודדות און אויסגיסן זיין נשמה? דאָס געפינט מען ערגעץ אין אַ יידישן קלויז, פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ קליין אָרעם שטעטל.“

דאָס אייגענע איז אויך וועגן פּאָעזיע. אין דעם שאָרשקען פון די געלב־לעכע בלעטער מיט די אָנגעפּיקעוועטע שוואַרצע פּינטעלעך; אין דעם שאָקלען פון סטענדער, צוזאַמען מיטן געהויקערטן גוף פונעם ישיבה־בחור, דעם מתמיד; אין דער קאָנספּיראַציע פון די שאָטנס; אין דעם צאַנקען פונעם ליכטל, וואָס האָט געוואָרפן אַ קאַרגן שיין אויף זיין פאַרבלייכטן און פאַרהונגערטן פּנים און צעקנייטשטן שטערן — אין דעם אַלעם האָט ביאַליקס אויג געזען קוואַלן, שפּרודלענדיקע קוואַלן פון עכטער פּאָעזיע, פון קונסט, פון אַ וועלט פון טרוימען און דערוואַרטונגען.

ביאַליק, הגם אַ ציוניסט, איז געווען צו דער זעלביקער צייט דער גלות־דיכטער. ער האָט זיך געריסן פון גלות, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט אַרויסרייסן.

ביאַליק האָט באַוויזן, אַז אונדזער אָרעמקייט איז רייך אין פּאָעזיע, ווי אָרעמקייט דאַרף און מוז זיין; און אַז אונדזער גלות, ווייל ער איז פינצטער ווי די נאַכט, דערפאַר פאַרמאָגט ער שטערן.

ביאַליקס עראָטיק איז יידיש, שעמעוודיק, אַ רעכט ביסל ישיבה־בחוריש. ווי, למשל, זיין „מכתב קטן לי כתבה" און זיין „הכניסיני תחת כנפך" (נעם מיך אַרונטער דיין פליגל), „זיי אַ מוטער פאַר מיר און אַ שוועסטער...". קיין געליבטער וואָלט ניט וועלן, אַז זיין געליבטע זאָל אים ווערן אַ שוועסטער אָדער אַ מוטער. אָבער ביאַליק איז געטריי צו זיך: ער וויל ניט נאָכמאַכן און זיין אויסגעלאַסן לשמה, צוליב דער מצווה פון אויס־געלאַסנקייט... „מ'זאָגט, אַז עס איז דאָ יוגנט אויף דער וועלט. וואו איז מיין יוגנט? מ'זאָגט, אַז עס איז דאָ ליבע, וואָס איז ליבע?"

ביאַליק איז אַ ליבהאָבער פון ליכט. דאָ ווערט ער כמעט אַן אמתער זונען־דינער. זיבן זונען אין הימל וואָלטן אים ניט אָנגעזעטיקט. עס איז אַ גוזמא, אָבער יידן האָבן דאָך האָלט גוזמאות, ווי אַלע אָריענטאַלישע פעלקער.

דאָס אייגענע איז וועגן דעם ווי ביאַליק באַשרייבט די נאַטור. ער נעמט אַ סאַזשעלקע („הברכה") און ער בלאָזט אין איר אַ נשמה אַריין, פּאַקעט אין איר אַריין שטימונגען און כוחות און באַשרייבט זי מיט אַזעלכע דעטאַלן און אַזאַ ליבשאַפט, ווי איינער וואָס איז קיינמאָל אויף דער פרייער וועלט ניט געווען, איז אָפּגעזעסן אין אַ תפיסה דאָס גאַנצע לעבן, און צום סוף האָט ער פּאַרט זוכה געווען צו דערזען די לעבעדיקע וועלט מיט אירע מילדע און שטורעמדיקע דערשיינונגען.

זיינע ווינטער־לידער (שירי החורף), הגם געשריבן אין אַן אַנדער ריטם,

מיט אן אנדער כוונה, האבן אבער, אין תוך, דעם זעלביקן גוזמא־שטריך. ער שילדערט דאס שליטלען זיך, די ווייסקייט פון שניי, דאס קלינגען פון גלעקלעך; זאכן, בעצם, פון וועלכע קיין אנדער פאעט וואלט ניט נתפעל ווערן, פשוט דערפאר, ווייל מ׳טוט עס גאנץ אפט, און די זאכן זיינען ניט קיין גבורת הבורא. אבער פאר ביאליקן און פאר העברייאיש איז דער עצם יאגן זיך אין א שליטן, איינגעשפאנט צו א ריסאק, אן אומגעווייינטלעכע פאסירונג. און ביאליק ווייזט דא ארויס זיין איבערנאטירלעכע באהערשונג פון דער שפראך. ער גיט איבער שנעל־בייטנדיקע פאנאראמעס און עמאציעס אין אזא האסט און אילעניש, צו וועלכע העברייאיש, זייענדיק אזוי סטאטעטשנע, איז ניט געוואוינט. אן אנדערער וואלט דא האלדז־און־נאקן געבראכן. ביאליקס העברייאיש אבער קומט ארויס בשלום.

דער קישינעווער פאגראם האט געמאכט אויף אים א מאוימדיקן איינדרוק, און ער האט אויסגעגאסן די ביטערקייט פון זיין גייסט אין זיין פאעמע „משא נימירוב“ אדער „מעיר ההרגה“, וועלכע ער האט דערנאך איבערגעדיכטעט אין יידישן „פון שחיטה־שטאט“. א שווארצער יאוש האט פארקלעמט זיין פילנדיק הארץ: „איך בין א יורד“, זאגט דער יידישער גאט. ביאליק מיינט מיט דעם צו זאגן, אז אונדזערע אידעאלן האבן באנקראטירט, אז אונדזערע האפענונגען ווערן אויסגעלאשן. אין די ערטער האט ביאליק א רעכט ביסל איבערגעכאפט די מאס.

דאס אייגענע איז זיין יידישע פאעמע „דאס לעצטע ווארט“, וואו ביאליק זאגט נביאות, אבער ער איז אזוי פארצווייפלט, אז ער פארלירט דעם טאן פון די נביאים, וועלכע האבן געמוסרט, געזידלט, געבייזערט זיך, אבער פארט אלע מאל געטרייסט. „אזוי וועט איר צעבראכן ווערן!“ — די יידישע צרות האבן ארויסגערעדט פון אים, און ער האט פארגעסן פראפארציע, א זאך, וואס די יידישע פראפעטן האבן קיינמאל ניט געטאן.

„און גאט האט מיר געזאגט אזוי:
איך לאז ארויס א זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באגיסן —
נאר איר אליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראפן ליכט געניסן...“
(„דאס לעצטע ווארט“)

פאר וואס זאלן מיר גארניט קריגן? האבן מיר קיין רעכט ניט?! איז עס מעגלעך, אז די גאנצע וועלט זאל פריי ווערן און מיר, אייביק־ליידנדיקע, זאלן שקלאפן בלייבן? וואו איז דא דער יושר? צופיל יאוש, עס קלינגט

ניט פּראַפּעטיש; דאָס איז תוכחה־לשון, אָבער אַפילו דאָרטן איז אַלע מאָל דאָ אַ צווייטע זייט, דער גוטער פאַל, און עס ווענדט זיך אָן אונדזער אויס־קלייב. אָבער גלאָט נעמען און אונדז אָפּזאָגן אונדזער חלק לעולם־הבא, אונדזער טייל אין דער צוקונפטיקער וועלט־דערלייזונג, דאָס איז פאַרצווייפ־לונג, פעסימיזם. די נביאים זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין פעסימיסטן.

אָבער אויך די רוסישע ערשטע רעוואָלוציע (1905) האָט אים שטאַרק באַאיינפלוסט, און ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אָנגעשריבן זיין „מגילת האש" (די פייער־מגילה). ער האָט דערזען די צעשטערונגס־כוחות, וואָס ליגן אָנגעזאַמלט אין יידישן לעבן און וועלכע מוזן פון צייט צו צייט אויפרייסן די וועלט. ער האָט דערפילט די יידישע אַנאַרכיע און זי האָט אים ניט אָפּגעשטויסן, נאָר פאַרקערט, ער האָט זי באַזונגען, אפשר ניט־ווילנדיק, און אפשר אונטערבאַוואוסטזיניק.

פון „פאַרניכטונגס־תהום נעמט מיר אַרויף דאָס צעשטערונגס־ליד; שוואַרץ זאָל עס זיין ווי אייערע האַרץ־האַלעוועשקעס; טראָגט עס צו די „גויים" און פאַרשפּרייט עס צווישן די גאָט־דערצערנער און שאַרט זיינע קוילן אויף זייערע קעפּ און איר וועט פאַרזייען מיט אים חורבן און פאַר־וויסטונג אויף זייערע אַלע פעלדער, יעדער איינציקער אַרום זיינע ד' אמות..."

ניט נאָר וועלן מיר צעשטערן די רשעות־וועלט, מיר וועלן אויפבויען אַ נייע וועלט.

און די „צוויי־טויזנט־יאָריקע טרערן", וועלכע ביאַליק, דער גאָניאַלער יידישער מקונן, האָט אַזוי צערטלעך געזאַמלט, געציילט און אַריינגעלייגט אין זיין לאָגל פון פּאָעזיע, — וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין בלאַנקנדיקע דימענטן און זיי איינפאַסן אין די ווענט פון דעם נייעם וועלט־בנין.

הערבערט ספּענסער, וועלנדיק באַווייזן אַז עס איז ניטאָ קיין ווידער־שפּרוך צווישן קונסט און וויסנשאַפט, ברענגט ר' יהודה הלוי'ן אַלס ביי־שפּיל. הלוי איז געווען אַן ערשט־קלאַסישער פילאָסאָף און אין דער זעל־ביקער צייט אַ פּאָעט פון דער ערשטער מדרגה. אַזעלכע קאָמבינאַציעס פּאַסירן זעלטן אין דער וועלט פון מענטשלעכן גייסט.

ווען מ'וועט וועלן באַווייזן אַז עס איז ניטאָ קיין אינעווייניקסטע סתירה צווישן פּאָעזיע, טרוימעריי און פּראַקטישקייט און אַפילו האַנדלס־געשיקט־קייט, וועט מען דאַרפן אָנווייזן אויף ביאַליקן. ער האָט אין אַ מאָדנעם אופן קאָמבינירט אין זיין קאָמפּליצירטער נשמה אָט די צוויי אייגנשאַפטן, וועלכע, אויבערפלעכלעך זעט אויס, קענען ניט גיין געשפּאַנט צוזאַמען. איך

ווייס פון נאָך אַזאַ פּענאָמען, און דאָס איז געווען אפרים קו, דער יידיש־דייטשישער דיכטער־סוחר. אָבער ביאַליק איז לעין־ערך העכער פון אים אַלס דיכטער, און ביאַליקס דיכטונג איז אַזוי אייגנאַרטיק, אַזוי ווייט פון ממשותדיקן לעבן מיט זיינע קלייניקייטן, קליינע ליידן און קליינע פריידן, אַז כמעט לייענענדיק אים קריגט איר אַ פאַרשטעלונג, ווי פאַר אייערע אויגן וואָלט איר זען אַן אינדזל ווייט פאַרדוקט ערגעץ אין אַ ים, וואוהין קיינער פאַרט ניט, ווייניק שיפן באַזוכן דעם במסתרים, און דאָרטן זיצט אַ מאַן און חלומט חלומות און שיקט פון דאָרטן בשורות, און זינגט לידער וועגן אַ שטייגער פון לעבן וואָס איז איינגאַנצן אַנדערש פון דעם אונדזעריקן. פאַרשטייט זיך, אַז די עקזאָטישקייט ווערט געשאַפן דורך דער שפּראַך, דעם סטיל, וועלכע ביאַליק האָט אַזוי קונציק־קינסטלעריש גענוצט. פון דעם פשוטסטן געדאַנק, דעם איינפאַכסטן בילד, וועלכן ער האָט אויסגע־דריקט, האָט אויף אייך געווירקט מיט טויזנטער און טויזנטער יאָרן. און דאָס האָט געשאַפן דעם צויבער־עפעקט. העברייאיש אַלס אַ שפּראַך, אַדאַנק דעם וואָס מ׳רעדט עס ניט אין די גאַסן, מ׳שלעפּט עס ניט אַרום איבערן מאַרק, מ׳זאָגט אין דעם ניט קיין ליגנס, מ׳טרייבט אין דעם ניט קיין רכילות, מ׳רעדט אין דעם ניט קיין לשון־הרע, מ׳שילט זיך ניט (סיידן אין תל־אביב) — איז הייליק, איז זויבער־ריין, איז אָפּגעגאָסן, קריסטאַלי־זירט אין אייביק־דויערנדיקע, אייביק־בליענדיקע פאָרמעס. ווייל ממה־נפשך, יענע פאָרמעס, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין וויטאַליטעט אין זיך, האָבן ניט געהאַט קיין גרויסע פאַרדינסטן, וועלכע זאָלן זיי טייער מאַכן אין די אויגן פון די דורות פון לייענער — זיינען דאָך אומגעקומען, צע־בראָכן געוואָרן אויף ברוכוואַרג און אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן סמיטעניק פון פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט.

ביאַליקן אַלס רעאַליסט, אַלס דעם מענטשן וואָס האָט געהאַט אַן אויג פאַר דאָס לעבעדיקע, צאַפּלדיקע, גראָבע, מגושמדיקע וואָס אין לעבן, — האָט מען געזען אין זיינע דערציילונגען. נעמט, למשל, זיין „אריה בעל־גוף״. עס איז שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז דאָס איז דער זעלביקער אויטאָר, וואָס האָט געשריבן אַזעלכע פאַרוואָלקנטע און פאַרשטערנטע זעאונגען־פּראָפעציייאונגען.

ביאַליק האָט פאַרמאָגט ביידע וועלטן. ער האָט געקענט דאָס לעבן און ווירקלעכקייט, די וועלט, און איז געווען אַ גאַנצער בן־בית אין דעם הויז פון טרוים, יענע וועלט...

„פרייע אַרבעטער-שטימע", יולי 13, 1934.

אברהם ליעסין

אַריינפיר

אַ ביסל ביאָגראַפיע

ליעסין איז אַ רינגעלע אין אַ לאַנגער קייט פון יחוס, פון יידישן יחוס. אין וואָס באַשטייט יידישער יחוס? אין טיטלען, אין עפּאָלעטן, אין דעקאָראַציעס, אין מעדאַלן, אין אַנדענקעניש פון עלטערן וואָס האָבן לענדער פאַרכאַפּט, פרויען געשענדט, נאָך ווילדע חזירים ווילד־חזיריש אין געדיכטע וועלדער זיך געיאָגט, שטראָמען בלוט פאַרגאָסן, מיט שפּאָרן געקלונגען, מיט שווערדן געפּאָכט? חס ושלום! יידישער יחוס באַשטייט אין וויסן, אַז די עלטערן האָבן טינט פאַרגאָסן, פּאַפּיר פאַרשריבן, ספרים פאַרפאַסט, וועלטן פון טרוים און פאַרשטאַנד געשאַפן. געלעבט אין דחקות, געליטן מיטן וואַנדער־פאָלק, און געטריפט, ווי בוימל, באַלזאַם אויף זיינע וואונדן, אים געטרייסט, געשעפּטשעט צוזאָגענישן, און אַזוי אַרום אים געהאָלפן טראָגן זיין שווערן יאָך; אַמאָל אים זיין וואַנדערשטעקן דערלאַנגט, אַמאָל אים זיין טאָרבע נאָכגעטראָגן.

ליעסין איז אויסגעקנאָטן און אויסגעפלאָכטן פון אַט דעם יחוס.

איך דערמאָן עס דערפאַר, ווייל אייגנטלעך טוט ליעסין, הגם אויף היינטיקן שטייגער, דאָס, וואָס זיינע אורעלטערן האָבן געטאָן.

צו פיר יאָר אָוועק אין חדר —

„אַ חדר פאַרצייטיק און ציכטיק,
אַ רבי — עקסטאַטיש און צאַרט.״

צו זעקס און אַ האַלב יאָר גענומען לערנען גמרא. דער חומש האָט געענערט און געקוויקט דאָס האַרץ, נביאים האָבן געצונדן זיין פאַנטאַזיע, געצערטלט די פלאַנצונג, וואָס הייסט יושר־געפילן; געזייט זוימען פון געוויסן, געפלאַנצטביימער פון רעוואָלט, געדונערט און געבליצט און געשטורעמט, אַזוי אַז די יונגע ביימער זאָלן טיפע וואָרצלען שלאָגן אין מענטשנס אייביק־קינדערשן געמיט.

„אַט שמידט מען דעם שפּיז און דעם שווערד שוין
אין שניידמעסערס אויס — אויפן פלאַס,
און פול איז מיט וויסן די ערד שוין
אַזוי ווי מיט וואַסער דער ים."
(„והיה באחרית הימים")

די גמרא האָט דעם קאָפּ געשאַרפט, געשליפן דעם שכל. געלערנט די גרויסע קונסט פון פעכטן מיט אַרגומענטן.

עס זיינען ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור קיין מער אַנציענדיקע, מער קינסטלערישע קינדער־מעשיות ווי דער סיפור וועגן יעקבן און עשון, יוספס פאַרקויפט ווערן, וויצע־קיניג ווערן. עס זיינען ניטאָ קיין שאַרפערע שאַרפשטיינער ווי די תלמודישע דעבאַטן.

„און נעם זיך, ווי אַלע, דעם קאָפּ מיינעם שלייפן
מכוח דעם האַנדל אין לוד."
(„מיטן יוסיפון")

און אַט אַזוי האָט זיך געשפּונען און געוועבט א. ליעסינס יונגע נשמה.

מינסקי, דער באַרימטער פּאָעט פון מינסק, וועלכער איז געווען ליעסינס אַן אייגענער, האָט זיך אָפּגעשמדט און אַן אימה איז באַפאַלן ליעסינס פאָטער. און כדי אים אויסצוהיטן פאַר די נסיונות פון דער גרויסער שטאָט מינסק, האָט ער זיין זון אָפּגעפירט קיין ווילקאָמיר צום פעטער ר' ברוך.

אין ווילקאָמיר, אונטערן פעטערס השגחה, שלינגענדיק איין בלאַט גמרא נאָך דער אַנדערער ,איין סוגיא נאָך דער צווייטער, וואַקסט א. ליעסין קערפּערלעך און גייסטיק.

און דער דרייצנטער יאָר קלאַפּט אָן אין טיר פון זיין יוגנט. דרייצן יאָר איז דאָך שוין בר־מצווה, ווען מען איז געגליכן צו אַ דערוואַקסענעם און מען מוז אָפּהיטן אַלע געבאָטן.

ער לערנט מורה נבוכים, כוזרי, עיקרים, חובות הלבבות, ווערק פילאָסאָפישע, טעאָלאָגישע. ער טרינקט ווי אַן אייביק־דאָרשטיקער פון די קוואַלן פון יידישער מיטלאַלטערלעכער פילוסופיה, וועלכע שפּרודלען אַרויס פון פאַרגעלבטע זייטלעך. און דער גרויסער צווייפל, דעם אומברחמנות־דיקער צעשטערער פון אַלע לופט־שלעסער, פון אַלע איינרעדענישן און איינגלויבענישן, באַוויזט זיך אין קינדערשן הויף, ער וויל אַריין אין טעמפּל פון קינדערשן טראַכטן — אַט דער ניהיליסט, דער פריינט פון פילאָסאָפן און פיינט פון פאַנאַטיקער.

„עס דאַוונט מיט גרויסער התלהבות דער עולם,
נאָר איינער, דער צוויפלער דער קלײנער,
ער שטייט צווישן פאָטער און פריינט אַזוי איינזאַם,
און ס׳קוקט זיך נישט אום אויף אים קיינער.

אָ, איינזאַם, אָ, פינצטער, אַליין מיט זיין אומגליק!
ער שטייט אָן באַוועגונג, אָן לשון,
ער שטייט, און ער פלאָטערט, צום טויט ווי פאַראורטיילט,
מיט שווייס און מיט טרערן באַגאָסן.״

(„יום-כיפור אין שול״)

ליעסינס האַרץ ווערט פאַרקלעמט און פאַרציטערט. ער האָט מורא, ער זעט ווי אַלע זיינע שיפן פון שטילן, רואיקן גלויבן נעמען זינקען. אַ גרויסע כוואַליע וויל אים פאַרשלינגען, און ער ראַנגלט זיך מיט איר ווי מיטן מלאך־המוות. ער שלאָפט קיין נעכט ניט, ער רוט קיין טעג ניט. אין מיטן דאַוונען, אין מיטן לערנען, אין מיטן אויסגיין פון עקסטאַז באַווייזט זיך אָט די דראָענדיקע האַנט, וואָס שרייבט אויפן וואַנט פון זיין באַוואוסטזיין די שרעקלעכע ווערטער: „געוואויגן, געמאָסטן און געפונען פעלערהאַפט.״ רענאַן באַשרייבט דעם צושטאַנד אין זיינע בריוו. אַ שוידער נעמט אָן לייענענדיק זיי. פייערבערג, דער העברייאישער שרייבער, מאָלט עס אין זיין „לאן?״ (וואוהין?).

און א. ליעסין פאַרטרויט דעם סוד פון זיינע האַרציקע יסורים, אַ קלויזניק, אַ ידיד זיינעם. יענער גיט אים אַן עצה. נאָר די מוסרניקעס וועלן אים קענען היילן. און ליעסין אַנטלויפט פון זיך, פון זיינע ספקות קיין סלאָבאָדקע. ער גייט אויף „חיזוקים״, האַלט זיינע קינדערשע געדאַנקען קאָנצענטרירט אויף דעם „היה הוה ויהיה״ (ער איז געווען, ער איז און וועט זיין). פאַסט הפסקות, ברעכט דעם יצר־הרע, קלעמט איין זיין גאווה, לעבט אויף ברויט און וואַסער. אָבער מער ווי דריי חדשים האַלט זיין קערפּער ניט אויס. ער ווערט קראַנק, קריגט היץ. ער איז אין שפּיטאָל. און אָט די קראַנקהייט איז דער איבערברוך. ווי ביי פראַנסיס פון אַסיזין, שטייט אַ קראַנקהייט אין מיטן און צעשיידט זיין וועג, טיילט אָפּ איין חלק פון צווייטן. נאָך דער קערפּערלעכער קראַנקהייט, ווערט ליעסין געזונט גייסטיק. ער ווערט אַן אַפּיקורס.

דער טאַטע שיקט אים אַ יאָר שפּעטער קיין וואָלאָזשין. דער בייזער בקי ר׳ הירש־לייב, דער וויכערער חריף ר׳ חיים האָבן אויף אים קיין

ווירקונג ניט. מ'געפינט באַלד אויס, ווער ער איז. סטייטש, ער רויכערט אום שבת! מ'לייגט אים אַריין אין חרם, מ'אסרט אים זיין אכסניא. און ער וואַלגערט זיך אין די פעלדער, אַהיים האָט ער מורא צו קומען. דער סוף איז, אַז ער אַנטלויפט קיין ווילנע און דאָ הויבט זיך אָן פאַרמירן דער נייער מענטש אין ליעסינען.

ווי לאַנג איז עס געווען? און עס קלינגט אַזוי פּאַרצייטיק. א. ליעסין האָט זיך געשיידט מיט גאָט, געוואָרן אַן אַפּיקורס. אָבער ער מוז האָבן גאָט פאַר זיין סטיל, ווי פּרודאָן זאָגט אויף זיך. דאָס וואָרט „גאָט" שנירלט זיך דורך אַ גרויסער צאָל פון זיינע לידער.

„צום גאָט פון מיין קינדהייט, צום גוטן,
וואָס האָט פאַר מיר אויפגעלעבט היינט."

(„אַ תּפילה")

אַפּיקורס — יאָ, ער בלייבט עס אויפן גאַנצן לעבן, אומעטום אַן אַפּי־קורס. אין צווייפלען און ראַנגלען זיך מיט אַנגענומענע מיינונגען און ליגנס ווערט אין אים דער דענקער געבוירן.

ער באַגעגנט מענדל ראַזנבוים, ווערט פאַרכאַפּט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער זייענדיק אין דער באַוועגונג, ווערט ער ניט פאַרטויבט און פאַרדולט פון איר. דער וואָס האָט מיט גאָט געשטריטן און גאָט באַזיגט, קען ניט אַזוי גרינג פאַרטומלט ווערן פון דער אידייען־וועלט. ער בלייבט אַן אַפּיקורס.

„ער וועט פאַר די געהיימע פירער מיך פאַרמסרן,
מען וועט מיך שוין, ווי אין וואָלאָזשין, ווידער אסרן."

(„דער קאָנספּיראַטאָר")

ער לערנט מאַרקסן, אָבער ער פרעגט די גרויסע קלאָץ־קשיא: היתכן, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, און ווי פאַרשטייט מען די יידישע געשיכטע? ער קאָן די אייגנאַרטיקע יידישע צרות אינעם פּראָקרוסטוס־בעטל פון פאַר־מולע ניט אַריינלייגן. ער האָט זיין אייגענע באַציאונג צו דער יידישער פראַגע. זיין שאַרפער אויער כאַפּט־אויף די פאַלשע טענער. פּראָלעטאַריער — איז ער ניט גורס, ער רופט זיי באַלמעלאָכעס און דווקא באַלמעלאָכעס. ער זאָגט, אַז דאָס רוב סטרייקן זיינען פון קבצן קעגן דלפן. מיט איין וואָרט, ער האָט זיין אייגענע באַציאונג צו זאַכן. ער נוצט זיין אייגענעם קאָפּ.

עס איז געווען פאַר מיר וויכטיק אָנצוצייכענען די קאָנטורן פון

ליעסינס גייסטיקער פיזיאָנאָמיע, איבערלעבן מיט אים זיינע פאַרמירונגס־יאָרן. וואָרים אָט די פאַרגאַנגענהייט זיינע איז ניט פאַרגאַנגען — זי איז דאָ. זי רעדט אַרויס, צי אָפן, צי פאַרבאַהאַלטן, צי קלאָר, צי פאַרשטעלט, פון אַלע זיינע דיכטונגען. ליעסין איז, נוצנדיק ניטשעס אויסדרוק, אַ הענגענדיקער בריק צווישן עפּאָכעס, ער איז אַן אַריבערגאַנג און אַרויפגאַנג, ער גייט, ער פליסט, ווי וואַסער אונטערן בריק.

1. יידישע מאָטיוון

א.

יידישקייט

ליעסין איז מער ווי אַ דיכטער, ער איז אַ דענקער, און נאָך מער, אַ טיפער פילער און אויף איין מאָל אַ שאַרפער פאַרשטייער פון דעם יידישקייט־פּראָבלעם, פון דעם וואָס אחד־העם האָט, איך גלויב על־פּי טעות, אָנגערופן „צרת־היהדות“. יידישקייט איז אַ פּראָבלעם, אַן אידעאָלאָגיע, בשום אופן ניט קיין צרה. אמת, יידישקייט אין אונדזער צייט, איבערהויפּט נאָך היטלערס אַרויפקום, און אין אַלע צייטן פון דער לאַנגער רעקאָרד־דירטער געשיכטע, איז שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן. אָבער דאָס איז דער געהויבענער שיקזאַל פון אַלע גרויסע לערעס, וועלכע מוזן, לויט זייער עצם מהות נאָך, ווערן שטורעם־צענטערס. צרות ליידן די יידן, יידישקייט ליידט ניט, נאָר לייטערט זיך...

ליעסין דער דיכטער העלפט אַרויס ליעסין דעם דענקער. דאָס יידישקייט־פּראָבלעם, כדי אויפגעפּאַסט צו ווערן, שיקט פאַראויס דאָס פאַראַנענזיין פון פּאָעטישער אינטואיציע.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס יידישע נבואה, די יידישע נביאים, משהן אַריינגערעכנט, זיינען געווען אַזוי נאָענט צו דיכטונג, אין דעם פיינסטן פאַרשטיין פון דעם וואָרט.

אז ישיר משה . . . דעמאָלט וועט משה זינגען. משה זינגט מיט יעדן אמת־יידישן דיכטער, ווייל יידישקייט איז דיכטונג. משה זינגט מיט אַלע זינגער פון אַלע צייטן. דער יידישקייט־מאָטיוו ווערט מעלאָדירט אויף טויזנטער פאַרשיידענע אופנים. יידישקייט איז מער פּאָעזיע ווי פּראָזאאישע וויסנשאַפט. יידישקייט איז מער געפיל ווי פאַרשטאַנד.

„און איצט שרייבט אייך אָן אַט דעם ליד און לערנט עס די קינדער פון ישראל, לייגט עס אַריין אין זייערע מיילער." (דברים ל"א, י"ט).

„און משה האָט אָנגעשריבן אַט דעם ליד אין יענעם טאָג און ער האָט עס געלערנט די קינדער פון ישראל." (דאָרט, ל"א, כ"ב).

„און משה איז געקומען און ער האָט גערעדט די ווערטער פון דעם ליד אין די אויערן פון פאָלק." (דאָרט, ל"ב, מ"ד).

און ליעסין, דער יידישקייט־דענקער, העלפט אַרויס, און נאָך ווי, דעם יידישקייט־דיכטער.

„יידישקייט־מאָטיוון" מוזן אָנרירן דעם סאַמע שוואַרצאַפּל פון דער יידישער אידעאָלאָגיע, פון יידישער פילאָסאָפיע, וועלכע איז, באמת, מער האַרץ ווי קאָפּ, מער אינטואיציע ווי שאַרפזיניקייט.

מיט דעם דערקלערט זיך וואָס יהודה הלוי האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפערן, מער אינטימען אַריינבליק אין דעם מהות פון דעם יידישקייט־פּראָבלעם איידער דער רמב"ם. הגם דער לעצטער, אַלס דענקער אין אַלגעמיין, איז העכער פון ערשטן מיט צען קעפּ. יידישקייט איז צום אַלעם ערשטן אַ פּאָעטישע שאַפונג. יידישקייט איז פּראָפעטיזם, און דאָס פליסט אַרויס מער פון האַרצן ווי פון ריינעם אינטעלעקט, און פליסט אַריין צוריק אין האַרצן און מאַכט עס פולסירן, קלאַפּן יידישלעך. יידישקייט, אין אַנדערע ווערטער, איז פּסיכאָלאָגיע קודם־כל, און נאָכדעם ערשט — לאָגיק און מעטאַפיזיק. עס איז מער אַ באַשטימטער מאָדוס פון עמאָציאָנאַליזירונג ווי פון אינ־טעלעקטואַליזירונג. יידישקייט איז אַ חוש, אַ געפיל־זאַך.

און איך וואָלט וואָגן צו זאָגן, אַז פון יהודה הלוין האָט קיין איין יידישער דיכטער זיך אַזוי ניט אַריינגעהאַרצט, זיך אַזוי עמאָציאָנעל אַריינ־געוועבט אין דער נשמה פון יידישקייט, ווי אברהם ליעסין. און צו דעם האָט גורם געווען דער פאַקט, וואָס ליעסין האָט געשאַפן, אין זיין געפיל, אין זיינע הרגשות, אינדיווידועלע און סאָציאַלע שפּירונגען, אַ בשלימותדיקן סינטעז פון יידן און ראַדיקאַל. עס איז מער פון אַ סינטעז. עס איז אַ פולער מאָניזם, אַן אמתער אחד פון יידישן ראַדיקאַל און ראַדיקאַלן יידן.

און ווען איך געברויך דאָס וואָרט ייד, בעט איך אים אין זיין פולן געוויכט. איך מיין ניט דעם ערזאַץ־יידן, דעם אַזוי־אָנגערופענעם, דורך עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש, „נאַציאָנאַלן" ייד, דעם במקום־ייד, דעם פאַר־וואָסערטן, מאַלפּעדיקן, געמאַכט אויפן קאַפּול פון די שנעקישע איראָ־פּיאישע נאַציאָנאַליסטן, נאָר טאַקע דעם אמתן יידישקייט־יידן, דעם ייד מיט אַ יידישקייט־באַוואוסטזיין, מיט יידישער אידעאָלאָגיע.

ליעסין איז געווען אַ יידישקייט־באַוואוסטזיניקער ייד און אַ ראַדיקאַל. דעם אויבערפלעכלעכן באַאָבאַכטער קען דער ענין אויסזען ווי אַ קאָנטראַ־דיקציע אין טערמינען. אָבער דאָס איז בלויז אויסדוכטעניש, און עס וואָלט זיך נעמען פון דעם ניט־אויפפּאַסן יידישקייט אין איר גאַנצער היסטאָרישער טיף און הויך. יידישקייט אין תורת־משה האָט אַנגעהויבן אַלס אַ ראַדיקאַלע לערע איבערן גאַנצן לענג פון פראַנט, סיי בנוגע די פאַרהעלטענישן, וועלכע פלעכטן זיך צווישן מענטש און וועלט, סיי בנוגע די באַציאונגען, וועלכע וועבן זיך צווישן מענטש און מענטש, און סיי בנוגע די שייכותן וואָס קניפּן זיך צווישן פאָלק און פאָלק.

יידנטום וועט פאַרזעצן, — איך זאָג ניט ענדיקן, מחמת דאָס וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, דאָס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, — אַלס דער זעניט פון ראַדיקאַליזם, אויף צו־להכעיס אַלע פאַרווירעניש. יידישקייט איז אונטער־געפאַלן פאַר אַ פּאָר הונדערט יאָר אונטער דעם שוואַרצן שאָטן פון קאָנ־סערוואַטיזם און אָבסקוראַנטיזם, אָבער דאָס איז עפּעס פאַרבייגייענדיקס, דאָס האָט ניט קיין יסוד און ניט קיינע וואָרצלען, און וועט ניט איבערלאָזן קיינע שפּורן. די קאָנסערוואַציע־מחלה האָט געפּרובירט זיך פאַרמעסטן מיטן געזונטן יידישקייט־אָרגאַניזם, אָט־דער מיקראָב האָט געמאַכט אַ פּאַר־זוך צו באַפאַלן דאָס יידישע האַרץ און פאַרשטאַנד, אָבער יידישקייט האָט אַרויסגעוויזן איר אימוניטעט, און די משכילים־ עפּאָכע, אַלס אָנזאָגער און פאַראויסגייער פון דער ראַדיקאַל־עפּאָכע, איז געווען און איז דער קעגן־גיפט. די פאַרווירעניש און פאַרטונקלעניש אין יידנטום איז נאָך ניט אַריבער. אָבער די בלייענע וואָלקנס ווערן צעריסן און צעטריבן און דער לויטערער הימל אַנטפּלעקט זיך צום לויטערן אויג. עס הערן זיך נאָך אַלץ, דאָ און דאָרטן, רעאַקציאָנערע חסידות־ראָמאַנטישע קלאַנגען, אָבער דאָס זיינען בלויז ווידער־קולות פון דער כמאַרע און אָפּשאָטענונגען פון דעם קורצן פּעריאָד פון ליכטער־געשלאָגנקייט. די משכילים־עפּאָכע גייט אַריבער צו דער ראַדיקאַל־עפּאָכע. און דאָ שטייט ליעסין מיט זיין ליד, מיט זיין אויפפאַסן פון יידנטום אַלס ראַדיקאַליזם, אַלס פאַרזעצונג פון די פּאָזי־טיווע און דערהויבענע מאָטיוון פון די נביאים און סאָציאַל־מאָראַלישע ווערטן געשאַפן פון יידישן געדאַנק אין די מאָמענטן פון זיין אויפשטראַלונג.

ליעסין איז ניט קיין „חסיד“, ניט אין אַלטן טייטש פון וואָרט און ניט אין דעם „מאָדערנעם“ פּרציסטישן פּשט. ליעסין איז ניט אַריינגעצויגן געוואָרן אין קיינעם פון די דאָזיקע פּסעוודאָ־יידישקייט שטראָמען. ליעסין איז געטריי דער אמתער יידישער לויטערער ראַדיקאַלער טראַדיציע. ער

איז ניט בכשל געוואָרן ניט אין די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און ניט אין די אַבסקוראַנטישע עבירות פון דעם פּרציזם מיט דער פאַלשער, קאַטויליש־שמעקנדיקער אידעאַליזאַציע און ראָמאַנטיזאַציע פון דעם צדיקיזם און חב״דיזם אַלס אַ וואולגאַריזירונג פון יידיש־דערהויבענער קבלה, אַ פאַרגאַסיקונג פון דעם יידישן היכל־היצירה...

ווען איך זאָג אַסימילאַטאָרישע נייגונגען אויף דער יידישער גאַס פון וואָרט, מיין איך אַט־די שעדלעכע נאָכמאַכונג, די אומפּאַסיקע אימיטאַציע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם אומגעזונטן און אַבאָרטיוון פאַרזוך אָוועקצושטעלן די פאָרם העכער פון אינהאַלט, זיך אָנכאַפּן אָן דעם שפּראַך־שאָלעכץ און פאַרוואַרפן דעם אידעאָלאָגיע־תוך, דעם אמתן קערן. ליעסין האָט געוואוסט, אַז יידן קענען ניט קנאַקן קיין שאָלעכץ פון ניס און מיט דעם זיך נערן און קוויקן. און פון די צוויי עבודה־זרהס פון אונדזער צייט: דעם חסידישן ראָמאַנטיציזם און פאַלשן נאַציאָנאַל־אַסימילאַטאָרישן פאַר־מאַליזם, וועלכן זשיטלאָווסקי רופט „שפּראַכיזם״, האָט זיך א. ליעסין אויס־געהיט. די קני פון זיין מוזע האָבן זיך ניט געבוקט צו דעם בעל!

ליעסין איז ניט קיין שפּראַך־הבלניק. ער איז ניט קיין פאָרמאַליסט. ער שרייבט און דיכטעט אין יידיש. אָבער ער ליבט און האַלדזט, האַלט טייער און רעספּעקטירט העברייאיש.

ער מיינט בכלל ניט, אַז לשון אַליין איז גענוג אַ צייגעניש אום אַריינ־צוגיין אין פאַנטעאָן פון יידישן וואָרט־שאַפן.

„איך קום צו דיר, קינד מיין, פון גלותן שטומע,
פון געטאָס פאַרהאַקטע אין קלעם;
איך האָב נאָר די חנען פון תחינות פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקייט פון קידוש־השם.״

(„יידיש״)

זי קומט ניט מיט ליידיקן, זי קומט ניט מיט פוסטע דיבורים, מיט שייך־פלאַפּלעריי, זי קומט מיט אמתער שיינקייט, מיט דער העכסטער שיינקייט פון מאַרטירערטום. זי קומט ניט מיט שנאה ווי אַ בעל־מקנאניצע, זי קומט מיט ליבשאַפט, זי רעדט מיט ערנפאָרכט וועגן איר עלטערער שוועסטער, וועלכע זי קאָמפּלימענטירט אַזוי הויך און גרויסאַרטיק.

לשון לשם לשון, ווי, להבדיל, קונסט לשם קונסט, אָן יידישער אידעאָ־לאָגיע, אָן יידישקייט־אינהאַלט איז ביי יידן קיינמאָל ניט געווען אָנגעלייגט. ווען מ׳פּריידיקט „גואישקייט״ אין גוט העברייאיש, אָדער אין גוטן יידיש,

בלייבט עס פרעמד און שטייט ניט צו צום יידישן באוואוסטזיין. דער לשון איז ניט מטהר דעם העלעניש ממזר אדער דעם בארבארישן שרץ. ניט יידיש און ניט העברייאיש פארקויפן „אינדולגענציעס״...

מ׳טאר ניט מיינען, אז טראדיציאנעלע פארם ווערט עפעס א מין טיגל, וואס לייטערט אויס אלע סארטן פסולתן און ברענט אויס אלע טומאות און כשרט אויס אלע חמצן און טריפהקייטן. די הייליקייט פון אינהאלט פאר־הייליקט די פארם, און ניט פארקערט.

אין ליעסינס שאפונגען ווערט „יידיש״ באמת יידישלעך, ווייל זי ווערט אנגעפילט מיט יידישן אינהאלט, מיטן יידישן גייסט, מיט די יידישע רייכ־טימער, מיט יידישער הייליקער טראדיציע. דער יידישער גוף קריגט די לשון־קודשדיקע נשמה, די שבת־קודשדיקע נשמה יתרה פון פאלקס־וואך און בראך.

ווען אנטי־נביאישע אידייען און טענדענצן, אנטי־יידישע לערעס און שפירונגען־שטימונגען ווערן אויסגעדריקט אין דעם זויבערסטן און צויבער־דיקסטן יידיש אדער העברייאיש — בלייבן זיי שעדלעך, אומגעזונט פאר דער יידישער פסיכיק. סם־המוות בלייבט סם־המוות אויך דעמאלט ווען מ׳סערווירט עס אין א גאלדענעם אדער קרישטאלענעם בעכער.

ליעסין איז ניט קיין שאלעכץ־ייד, ער איז קערנדיק. זיין „יידיש״ איז יידישקייט־„יידיש״. דער וויין קומט מיטן לאגל, אבער ער קוויקט זיך ניט מיטן לאגל, נאר מיטן וויין...

„אין שלאפלאזע נעכט פלעגט זי קומען
צו מיר אין איר ליבן געוואַד.
פונוואנען זי האט זיך גענומען —
דאס איז שוין פארבליבן איר סוד.״

(דארטן)

ער וויל ניט וויסן פונוואנען זי האט זיך גענומען. דער גוטער יאר ווייס איר. נאכאלעמען איז זי דאך בלויז א טפל. זי איז א כלי, א געפעס, און ליעסין קוקט ניט אויפן קרוג, ווי די אנדערע טוען, קוקן און שטארן און גאפן אזוי לאנג ביז זיי ווערן בלינד צום אינהאלט, צום טייערן געטראנק. ליעסין איז זיך מחיה מיט דער משקה, וואס דער קרוג אנטהאלט.

„און טראג איך אין זיך ניט די בליצן, וואס בלענדן,
דעם פלאמיקן זון־ווארט, וואס וואונדער באווייזט,

טאָ האָב איך דעם שימער פון שטערן־לעגענדן,
די ליבע לבנה־באַלויכטונג פון גייסט.״
(דאָרטן)

זי איז ניט דער גייסט, זי איז ניט די לבנה־באַלויכטונג, זי איז ניט דער שימער פון שטערן־לעגענדן, זי איז בלויז די טרעגערין פון אָט די אַלע טייערקייטן, פון אָט די אַלע אוצרות. זי אַנטהאַלט זיי, אָבער זיי האַלטן זי, ניט זי האַלט זיי. זיי זיינען דער תוך, זי איז די פאָרם; זיי זיינען די נשמה, זי איז דער גוף.

און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און ווי,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי.״
(דאָרטן)

זי אַליין איז ניט די תורה, ניט פאַר איר זיינען די דורות געגאַנגען אויף קידוש־השם. זי האָט אַרויסגעהאָלפן שמידן דעם ווילן, פעסטקייט און גרויסקייט צו שטאַרבן פאַר הייליקע תורות און לעבן דורך די הייליקע תורות.

ליעסין ווייסט גאַנץ גוט, אַז יידן אַלס אַ קיבוץ זיינען ניט קיין נאַטור־גרופע, נאָר אַ טעזיס־גרופע, ד. ה. אַ גרופע, וועלכע עקזיסטירט אין דעם כוח פון אַ טעזיס, פון אַ דאָקטרין, פון אַ לערע. מיר זיינען געשאַפן געוואָרן, מיר זיינען דערפונדן געוואָרן, מיר האָבן זיך אַליין דערפונדן דורך דער אַקציע פון מתן־תורה, פון אָננעמען אַ באַשטימטן טעזיס.

„זיי האָבן ניט געהייסן קינדער פון ישראל פאַרן באַרג סיני״ (חולין, ק״א, ב׳).

לויט דער לעגענדע, איז די תורה אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט, געקלאַפט אין אַלע טירן פון אַלע פעלקער. קיינער האָט זי ניט אַריינגעלאָזן, ביז זי איז געקומען צו די בני־ישראל.

די איבעריקע פעלקער האָבן זי ניט אַדאַפּטירט, ווייל זיי זיינען נאַטיר־לעכע ערד־געבונדענע, בלוט־און־לייב געפּאַנצערטע גרופּירונגען, און זיי קענען זיך באַגיין אָן אַ לערע, זייער עקזיסטענץ איז ניט אָפּהענגיק פון אַ באַשטימטער קאָנצעפּציע, פון אַ דעפיניטיווער וועלט־מענטש מאָראַלישער אויפפאַסונג. אַנדערש איז די יידישע לאַגע. מיר זיינען ניט פאַרמירט גע־וואָרן אַלס אַן אָפּשטאַם־אַגרעגאַט. יעקב און עשו זיינען צוויי ברידער, יצחק

און ישמעאל זיינען צוויי ברידער. דער אונטערשייד ליגט אין אויפפיר, אין וועלט־באַנעם, אין עטישער הנהגה.

„צו לעבן פאַר הייליקע תורות".

אין דער שורה ליגט ליעסינס אויפפאַסונג פון יידן און יידישקייט. מיר לעבן „פאַר הייליקע תורות", אונדזערע שרעגנגעס פון דורות זיינען פאַר־קערפערונגען פון תורות. אָן דער תורה וואָלטן מיר ניט געקענט עקזיסטירן. אין אונדזער לערע ליגט דער עצם מהות פון אונדזער זיין. אין דער תורה ליגט דער וויטאַליטעטס־כוח פון דעם יידישן קיבוץ. כנסת ישראל, דער יידישער אָרגאַניזם האָט צו פאַרדאַנקען זיין קיום זיין לערע, זיינע דער־הויבענע אידעאַלן, זיינע ראַדיקאַלע עטישע, סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָנ־שויאונגען, וועלכע האָבן געפאָדערט פּראָגרעסיווע קאָמפּערישע מעשים און פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס.

„כי לא דבר ריק הוא מכם כי הוא חייכם" (דברים ל"ב, מ"ז) — דאָס איז ניט קיין קלייניקייט פאַר אייך, מחמת אָט דאָס איז אייער לעבן.

„וואָרים די שכינה באַזעצט זיך ניט אויף דעם לאַנד, נייערט אין דער תורה. זי באַזעצט זיך ניט אויבן, נייערט אין דער תורה. די שכינה באַזעצט זיך ניט אויבן און ניט אונטן, נייערט אין דער תורה. און כל זמן די תורה איז מיט אים (מיטן פאָלק ישראל) קען ער עקזיסטירן אין דער וועלט." (זהר, ואתחנן, רס"ח, ע"א).

„און ווייטער, מיין קינד, צי די לערע פון דורות
אַפילו ווען אויך אין פאַרענדערטן שיין —
צו לעבן און שטאַרבן פאַר די הייליקע תורות,
אַ האַרטנעקיק פאָלק פון מאַרטירער צו זיין."

(דאָרטן)

די פאָרם ענדערט זיך מיט די אומשטענדן, מיט דער סביבה, מיט די יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער, וועלכע גייען פאַרביי ווי באַראַנעס גע־טריבענע פון פאַסטוך — אייביקייט; דער אינהאַלט, דער עצם מהות, די קווינטעסענץ פון תוך, דער מעטאַד בלייבט. ער איז אייביק, ער איז אומ־פאַרמיידלעך, און דאָס איז די נויטווענדיקייט פון פאַרמאָגן אַ תורה, פון באַזיצן אַ לערע, פון האָבן אַ טעזיס, אַ טעאָרעטישן ריכט־שנור, האַלטן אין האַנט אַן אינדיווידועל און סאָציאַל־עטישן קאָמפּאַס, אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט פאַרלירן די ריכטונג, די מאָראַלישע ווענדונג און זעגלען אונדזער וואָגל־שיף אַנטקעגן דעם זונאויפגאַנג, וועלכער מעג זיך ווי לאַנג פאַרזאַמען —

וועט ער סוף־כל־סוף זיך דורכשלאָגן דורך דער פינצטערניש, זיך דורכ־רייסן דורך די ציילן פון די נאַכט־חילות. און מיר וועלן אים העלפן עס טאָן.

„איך קען אויך דעם פעלקער־פאַרברידערטן וועלט־אידעאַל
ניט אויסשרפען, פאָלק מיין, אין גלוטן פון ראַכע,
ווי וויסט וואָלט אונדז ווערן די וועלט אָן זיין מונטערן שטראַל
— אונדז . . . שוואַכסטע פון שוואַכע!״
(„נאָכן פּאָגראָם״, ניו־יאָרק, 1921)

דאָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אונטער דער שווערער לאַסט פון פאָ־גראָמען. און דאָך רייסט זיך ביי ליעסינען ניט אַרויס קיין איין וואָרט פון חירוף־וגידוף קעגן דער מענטשהייט, קעגן דעם גרויסן ליכטיקן אידעאַל פון דעם גאַנצן מענטשן און גאַנצער מענטשהייט — דעם יידישן אחד. און אַפילו ווען איוב, דער איוב־פאָלק, איז פול מיט ביטערקייט און טרויער, קאַרטשעט זיך אין יסורים און אוממענטשלעכע ווייטיקן, וואַרפט ער אָפּ די פאַלשע עצה פון זיין שוואַכערער אומגעדולדיקער העלפט, און איוב, אין די דיכטונגען פון זיין פּאָעט, „זינדיקט ניט מיט זיינע לעפצן״, מיט זיינע לידער און שטימונג־אויסשטורמונגען.

„איך וויים . . . עס איז זינלאָז, איז דום״ . . . אָבער ליעסין וויים מער פון דעם, ער ווייסט און שפּירט, אַז אָט די זינלאָזיקייט, אַז אָט די דומקייט איז אונדזער יידישע גרעסטע חכמה, אַז דאָס טאַקע איז אונדזער קלוגשאַפט און פאַרשטענדיקייט אין די אויגן פון אַלע פעלקער.

„הן יקטלני לו איחל״ (איוב י״ג, ט״ו) — „אַפילו ווען ער זאָל מיך טויטן, וועל איך אַלץ אים טרויען״. מיט דעם שפּרוך־ציטאַט האָט אָפּגעענטפערט איינער פון די עשרה הרוגי מלכות דעם טיראַן, וואָס האָט זיך געריצט מיט אים, אָנווייזנדיק אים, אַז זיינע האָפענונגען און גלויבונגען זיינען באַנקראָט.

ליעסין טוט דאָס אייגענע: מעג די מענטשהייט, דער שמוץ און ברוד פון דער מענטשהייט, רייסן פון אונדז שטיקער, טרענען אונדז די אָדערן, צאַפּן אונדזער בלוט, זיך לוסטיק מאַכן איבער אונדזערע איינגלויבענישן, טרעטן און טאַפּטשען מיט די קויטיקע באַטעס זייערע אונדזערע איידלסטע באַשטרעבונגען, אונדזערע צאַרטלעכסטע דערוואַרטונגען, אונדזערע האַרצ־לעכסטע צוטרויאונגען, — וועלן מיר ניט אויפהערן אויף איין מינוט, אויף איין רגע פאַרט צו גלויבן אין מענטשן און מענטשהייט און אין דעם ענדלעכן זיג פון מענטשן אין מענטשן און מענטשהייט אין מענטשהייט.

„. . . דאָס יידישע פאָלק, וועלכעס האָט ניט אומזיסט געקעמפט צוויי

טויזנט יאָר קעגן די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע . . . מיט דעם זיכערן ראַסן־אינסטינקט פון זיין קולטור־היסטאָרישער מיסיע, וועלכע באַשטייט אין דער אחדות פון דער וועלט און די מענטשן און זייער פאַרברידערונג." *)

דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעהאַלטן זיין עקזיסטענץ ניט דורך דער קולטיווירונג פון אַ באַרבאַרישן שאָוויניזם, נאָר דורך דער שאַפונג פון אַ לערע מכוח דער פאַרברידערונג פון די מענטשן־קינדער. און ווייל די יידישע גרופע איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט פאָרמולירט אַזעלכע דרייסט־ראַדיקאַלע אידייען און האָט געוואָרעמט ביי איר בוזעם אַזעלכע העט־וויטע אידעאַלן, האָט זיך איר איינגעגעבן זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן אַלס אַ באַזונדערע נאַציע, אַלס אַן אויבער־נאַציע.

„דאָס יידנטום האָט ניט קיין אַנדער הויפט־פרינציפ ווי אָט־די לערע פון דער מענטשהייט." **)

מיר וועלן אַרויסהויכן אונדזער נשמה באחד, מיט דער איינגעפונדעוועטער זיכערקייט, אַז איין מענטשהייט וועט פאָרט צעמענטירט ווערן, און דעמאָלט וועט אונדזער נשמה קיינמאָל ניט אויסגעהויכט ווערן.

„אויפגעבן אויך אָט־דעם גלויבן, וואָלט הייסן דאָך
שוין דאָס לעצטע פאַרלענדן" . . .

פאַר אונדז זיך אַנטזאָגן פון אונדזערע צוקונפט־וויזיעס, פון אונדזערע פראָפעטישע אַספּיראַציעס, ראַדיקאַל־פוטוריסטישע דערוואַרטונגען וואָלט הייסן „דאָס לעצטע פאַרלענדן", באַגיין גייסטיקן, מאָראַלישן זעלבסטמאָרד. און דאָס וועלן מיר קיינמאָל ניט טאָן. מיר וועלן ניט קירעווען אויף צוריק! מיר וועלן גיין פאָראויס — מעג דער וועג זיין געשפּרייט מיט אונדזער בלוט, מיטן דם־התמצית — און געפלאַסטערט מיט אונדזערע קערפּערס, לייב און ביינער...

„זיי גייען די ברידער און שוועסטער פון ישו׳ן,
פון קרייץ פון דעם שווערן געבויגן,
ניט איינער, נאָר אַלע, אַן אומה פון ישו׳ס —
און ניט אַ פאָר גאַסן־לאַנג ציט זיך דער לייד־וועג,
און ניט אַ פאָר קורצע מינוטן."

(„וויאַ דאָלאָראָזאַ")

---

*) משה העס, „רוים און ירושלים", ז. 68, ניו־יאָרק, 1916.

**) דאָרט, ז. 75.

דאָס שרעקט אונדז ניט אָפּ, דאָס שרעקט ניט אָפּ אונדזער יידישן דיכטער. ביי ליעסינען קען מען ניט געפינען קיין איין איינציקן „השיבנו־נאָזאד!"־מאָטיוו. עס זיינען ניטאָ ביי אים קיין דעפּיטיסטישע אויסערונגען, מפּלה־ירידה שטימונגען.

ער גלויבט אין דער צוקונפט, ער גלויבט אין דער מענטשהייט, ער גלויבט אין ליכטיקן יידישן עתיד.

ליעסין שעפּט שטאַרקייט, — זויגט אַריין גבורה, נעמט זיך אָן מיט בטחון, גורט זיך אָן מיט אָפּטימיזם, יידישן אומענדלעכן, אומבאַגרייפלעכן אָפּטימיזם, — פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, פון דער יידישער טראַדיציע. אָבער ער בלייבט ניט שטיין אין דער יידישער געוועזנהייט. זיינע אויגן, זיינע בליקן זיינען געווענדט צו דער צוקונפט. ליעסינקס טראַדיציאָנעלקייט איז אַ פאַרגאַנגענהייט־אינספּירירונג אַלס אַ יסוד פאַר אַ צוקונפט־ראַמאַנטיזירונג. ליעסין האָט בייגעקומען, האָט אַסימילירט אין זיך די יידישע טראַדיציע. ער האָט זי ניט גענומען אַלס אַ טויטן באַלאַסט, נאָר אַלס אַ טרייב־כוח. ליעסינס יידישקייט ליגט ניט ווי אַ בער אין ווינטערצייט פאַרשלאָפן, זויגנדיק די אייגענע לאַפּע. זי איז כסדר וואַך, אויף, פרילינגדיק, און זי זוכט האַניק און זי געפינט עס. ליעסינס יידישקייט איז צוגעקייטלט צו גרויסע אָנהויבן, צו מאָרגנשטערנדיקע ראשיתן, אָבער זי שטרעבט כסדר אַרויף צום זעניט פון מיטאָג־זון. די ריכטונג איז ניט פון דער קעגנוואַרט צו דעם עבר, נאָר צו דער צוקונפט. דער קער צום עבר איז ווי יענער וואָס מאַכט אַ פּאָר טריט צוריק בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַנאַנדערלויפן און געבן דעם אמתן שפּרונג פאַראויס אין דער צוקונפט אַריין.

אין אַ צייט ווי די אונדזעריקע, אַ צייט פון אויסערלעכע רדיפות און גזירות און אינערלעכן פאַנאַנדערפאַלן און אָוועקפאַלן, ווען אַלע אונדזערע עטישע יסודות זיינען צעשאָקלט און צעוואַקלט, דאַרפן מיר צופאַלן מיט אונדזערע זוכנדיקע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן צו דעם הייליקן קוואַל, פון וועלכן ליעסינס לידער פליסן אַרויס, פון וואַנעט זיי זויגן זייער חיות, און פון אים אַרויס, פון יענע אייביקע מגילות, שעפּן אינספּיראַציע און בטחון. מיר דאַרפן זיך אָנגעמען מיט נביאישן אָפּטימיזם, זיך אָנשטעקן מיט זייער זיכערן און פולן גלויבן אין יידן, אין זיין צוקונפט, און אין מענטשן און אין זיין עתיד.

דער ייד וועט ווייטער טראָגן זיין לאַסט מיט שטאָלץ, מיט מאָראַלישן סופּעריאָריטעט־געפיל; ער וועט ווייטער אַרויסווייזן זיין געניאַליטעט פאַר

עקשנות, סבלנות און בטחון; ער וועט פּאַרפעסטיקן און דערקלערן צו זיך אַליין און צו דער וועלט זיין זיכערקייט, אַז זיין לערע, זיין אידעאַל, זיין יהוה־לערע און יהוה־אידעאַל וועט צום סוף טריאומפירן. און מענטש וועט, ניט קוקנדיק אויף אַלע צייטווייליקע פּאַרווירעניש און צוריקטרעטונגען, מאַרשירן פּאַראויס צו זיין מענטשישקייט און אָוועק פון זיין חיהשקייט. די ליכטיקע יידישקייט־אידעאַלן וועלן זיך פּאַנאַנדערזונען מיט מער ליכט־דרייסט און מער אור־הגנוז־העזה, און די העלע באַשטרעבונגען פון יידנטום וועלן נאָך קלאָרער און לויטערער ווערן.

און מעג די נאַכט פון אונדזער פּאַסקודנער שטיקל צייט חושכן ווי אַ פינצטערע גרוב אין אַסיען, און מעגן משוגענע היטלערישע שנאה און חיה־רעהשער ראַסן־האַס בושעווען און רעווען מיט באַנומענע קולות פון צעזידטע און צעקאָכטע סמבטיון־כוואַליעס, זיי וועלן ניט פּאַרפלייצן די הערצער פון די מענטשן, זיי וועלן ניט פּאַרטרינקען די געהירן פון די שטאַמען — אויף לאַנג. די זון פון גערעכטיקייט, פון אמת, יושר און צדק וועט אויפגיין, און מיט איר גאָלדענעם בעזים וועט זי אויסקערן, ביזן לעצטן שטויבעלע, דעם חושך, די מוחות־צעמישעניש און הערצער־פּאַרשטאָפּעניש. און האַרמאָניע און מענטשן־סאָלידאַריטעט, פעלקער־ברודערשאַפט וועט זיך פּאַנאַנדער־בליען ווי אַ רויז אין וואויל־קולטיווירטן גאָרטן פון דער מענטשהייט. און ווייטער —

„צי די לערע פון דורות
אַפילו ווען אויך אין פאַרענדערטן שיין . . ."

ניט נאָר פאַרענדערט, נאָר אויך פאַרגרעסערט, פאַרלויטערט, פאַרהעלט וועט ווערן דער יידישער שיין... ווייל פאַרגרעסערט ווערט די יידישע פּיין. און דער שיין איז דאָך בלויז אַן אָפּשפּיגלונג און אַ טראַנסמוטאַציע פון פּיין. וואָס טיפער דער ווייטיק, אַלץ העכער איז די יידיש־אידעאַליסטישע אויפ־שאַלונג. וואָס גרעסער די יסורים מיר שטייען אויס פון דער מענטשהייט, אַלץ גרעסער איז די ליבע אונדזערע, אַלץ פעסטער און שטייפער, אַלץ זאַפטיקער און האַפטיקער איז אונדזער גלויבן אין „פעלקער־פאַרברידערטן וועלט־אידעאַל".

ליעסין איז אַ הזדווגות פון אַ פּאַסעאיסט מיט אַ פוטוריסט. וואָס טיפער ער שלאָגט זיינע וואָרצלען אין באָדן פון יידישער פאַרגאַנגענהייט, אַלץ העכער און שטאָלצער הויבט ער דעם קאָפּ אין הימל פון דער צוקונפט.

ליעסין איז אַ צונויפפאָרונג פון אַן עבר מיט אַן עתיד, בכדי צו געבוירן

זרע של קיימא, דעם עתיד שבעתיד, די גאָר ליכטיקע, שטראַלנדיקע וועט־קומענהייט — פאַר אונדז און פאַר אַלעמען, און אויב דער ביבלישער ראַדיקאַליזם האָט געצויגן זיין יניקה פון דעם געדאַנק, אַז דו ביסט אַ קנעכט געוועזן אין לאַנד פון מצרים, ער האָט זיך גענערט און זיך דערהאַלטן מיט מנעמישער שפייז, מיט דערינערונגען, ציט דער היינטיקער יידישער ראַדיקאַליזם זיין חיות פון דעם שפירן און פילן און איבערלעבן די שפלות פון דעם קנעכט אין אייראָפּייאישן מצרים. און אָן איבערלעבונג איז שטאַרקער פון אַ מעמואַר, און ממילא איז אונדזער ראַדיקאַליזם אויך קרעפטיקער...

ב.

דער אייביקייט־בונד

ביי ליעסינגן זיינען די אָבות ניט קיין שטיק פאַרגאַנגענהייט, נאָר טאַקע אַ קעגנוואַרט. ריכטיקער — די פאַרטרעטן פון די דריי פּאַטריאַרכן זיינען פּאַראויסמעלונגען, פּרעפיגוראַציעס פון יידישן שיקזאַל דורך די דורות, דורך די כוואַליעס פון לעבנס־ים, וועלכער איז טיף ווי דער אָפּגרונט און לאַנג ווי דער אין־סוף...

„אונדזער אומשטערבלעכקייט ציט זיך אויף צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין ביז צו די אָבות, און אין דער צוקונפט ביז צום משיח־קעניגרייך." *)

אַ ייד לייענט ניט זיין געשיכטע, די געשיכטע פון זיין פאָלק. ער לעבט איבער די שיקזאַלן פון זיין ציבור אַלס געשעעענישן פון זיין פערזענלעכן לעבן. ער לעבט עס איבער מיט יעדן יום־טוב, מיט יעדן יאָר, ווי איינער וואָס באַטייליקט זיך אין דער אויפפירונג פון אַ דראַמע. די גריכן האָבן דראַמאַטיזירט די וועלט און, ממילא, האָבן זיי געשאַפן אַ קאָסמישע מיטאָלאָגיע, פון וועלכער אַ טעאָלאָגיע איז אַרויסגעוואַקסן. דער ייד ליריצירט די וועלט, וואָס ער עפּיצירט, דראַמאַטיזירט, איז זיין פאָלקס־געשיכטע. ער פירט אויף זיין יציאת מצרים. ער לעבט זיך אַריין אין זיין וואַנדערן דורך דעם מדבר. ער שאַפט אַ דראַמאַטישע אילוזיע. דער ייד באַפעלט דעם טייך פון צייט צו לויפן אויף צוריק אָדער גאָר פליסן אין אַ קרייז. מיט דעם צוועק געברויכט דער ייד אַלע אָקסעסואַרן פון טעאַטראַלישער קונסט, דעקאָראַציעס, אינסצענירונגען, סימבאָלן. און אין אָט־דער פאַר־

---

*) משה העס, „רוים און ירושלים".

געשטעלטער סביבה, קינסטלעך רעפּראָדוצירטער אומגעבונג, נעמט ער שפּילן זיין אויבער־היסטאָרישע ראָלע... די יידישע אומשטערבלעכקייט ווערט גאַראַנטירט דורך אונדזער באַצווינגען דעם צייט־שטראָם. מיר דריקן צייט אַראָפּ צו דער דרגא פון אַ פערטער דימענסיע. אונדזער אומשטערב־לעכקייט לויפט אויף צוריק ביז צו די אָבות, וועלכע לעבן מיט אונדז, אין אונדז, און מיר לעבן אין צייט מיט זיי. און זי לויפט פאָראויס מיטן כח פון דער אומפאַרגאַנגענער פאַרגאַנגענהייט ביז צום לעצטן דור, ביז אין די ימות המשיח אַריין.

ליעסין, ווי דער עכטער ייד, אידענטיפיצירט זיך מיט די אָבות, מיט זייערע איבערלעבונגען, מיט זייערע פּאַסירונגען. ביי אים ווערן זיי סימבאָלן וועלכע צייכענען מיט די שטריכן פון זייער לעבנס־געשיכטע, ווי געמאָלן אין דער יידישער האַלב־לעגענדאַרער היסטאָריע, די קאַרטע פון יידישן דורות־צוג. זיי ווייזן דעם מאַרשרוט פאַרן יידישן קאַראַוואַן דורכן מדבר... צו דעם אייביקן צוגעזאָגטן לאַנד, צו דעם אייביק־געגאַרטן אָאַזיס, צו דער אייביק־שימערירנדיקער אַנלאָקנדיקער פאַרשטעלונג.

„הינטער די פינצטערע ווייטן
לויכט אַ לבנהדיקע פרייד,
דורך די יאָרטויזנטער שטרייטן
הער איך פון אוראַלטע צייטן
שטראַליקע, אור־אַלטע רייד.“

(„איבער די תהומות, די בענטשונג“)

לויטערע רייד פון נחמה, פון מוט־געבונג, פון בטחון קומען צום דיכטער פון די מרחקים פון אַ געוועזנהייט, וועלכע הערט פאַר אים קיינמאָל ניט אויף צו זיין אַ קעגנוואַרט. ווייל אין אים און דורך אים גייען אַדורך די וויברירונגען פון יענע פּאַסירונגען. ער איז אברהם, ער איז יצחק און ער איז יעקב. ער אַליין מאַכט אַדורך זייערע נסיונות. און זיי זיינען ניט קיין טויטע פיגורן. זיי לעבן אין אים, זיי ווירקן דורך אים. און ער מיט זיי צוזאַמען איז אייביק אַלט און אייביק יונג. דער לויף פון דורות איז בלויז אַ בייט פון בלעטער, עס איז אַ בלעטערן פון דעם זעלביקן ספר, וועלכער געפינט זיך אין דעם אייגענעם איינבונד, יהוה־בונד...

„לויערט, איר גרוילן איר קאַלטע!
עפנט אייך, אַפּגרונטן שוואַרץ!
הער איך די רייד די צעשטראַלטע,

שפּרינגט אין מיר פריידיק דאָס אַלטע,
פיר־טויזנט־יאָריקע האַרץ.״

(דאָרטן)

„׳אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב׳, אלהים איז ניט קיין אלהים פון טויטע, נאָר פון לעבעדיקע״...

דער ביבלישער אברהם לעבט און זיין האַרץ קלאַפּט אין אברהם ליעסין. דעם דיכטערס האַרץ איז אַלט שוין פיר טויזנט יאָר, און זי איז אַלץ שפּרינגענדיק, זי איז נאָך אַלץ פול מיט פרייד פון יוגנט. עס איז אַ האַרץ, וואָס גלויבט ניט אין אַלטקייט, גלויבט ניט אין טויט, גלויבט ניט אין אונ־טערגאַנג. פיר טויזנט יאָר פון־הינטן איבערגעלאָזן, און וויפיל צענדליקער טויזנטער יאָרן וואַרטן אויף זיין פולסירונג פון פאָרנט?

„ווי לעבט אין מיר היילק דער בונד, ווי ער ברענט
ביי מיר אין די אור־אַלטע בלוטן!
איך טראָג אים צו ציטערס פון צייטן אָן ענד,
געלייטערט פון געטלעכע גלוטן.
איך זע אין דער כוואַליקער אייביקייט אים,
ער בלינקט אין די שטערן פון אויבן,
ער פירט דורך די תהומות מיט גלויבן.
עס צערטלט אין ווילדסטן, אין שוואַרצסטן געוויטער
פון געטלעכן צוזאָג די שטים:
עס וואַכט און עס שלאָפט ניט דער אייביקער היטער.״

(דאָרטן)

פיר טויזנטער יאָרן שרעקן זיך ניט פאַר אַ מאָמענט, מעג ער זיין ווי גרויזאַם, ווי גזלנדיק. קיינער איז ניט אַזוי קלוג ווי די דורות־לאַנגע דער־פאַרונג. גרעסערע שטורעמס איבערגעקומען, גרעסערע געוויטערן איבער־געוויטערט, טיפערע פאַרפלייצונגען אַריבערגעשוואומען, פון גרעסערע פאַרשנייאונגען, פאַרדרייאונגען זיך אַרויסגעדרייט — און וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן?

„נאָך אַ טרער אין דעם אָפּגרונט פון טרערן,
וואָס באַצייכנט דיין וועג אויף דער ערד;
נאָך אַ קרעכץ אין אַ וועלט־רוים פון קרעכצן —
וואָס־זשע האָט עס ביי דיר פאַר אַ ווערט?״

(„נאָך אַ בלעטל, מיין פאָלק״, 1894)

דער בונד פון די דורות, די גאַנצקייט פון געשיכטע לעבן אין דיכטער אייביק און איבער די תהומות שפּרייט ער אַ זיכערער מיטן כּוח פון זעלבסט־איינגעגלויבטקייט, וועלכער איז דערוואָרבן געוואָרן אין שווערע און ביטערע נסיונות, אַ פעלזנשטיין־גבורה, וועלכע איז געשמידט געוואָרן אונטערן האַמער פון גרויזאַמסטן פאַטום.

אים שרעקט קיין זאַך ניט אָפּ. ער זעט דעם קאַרשון, וואָס קרייזט איבער זיין גרייז־גראָען קאָפּ, ער ווייס אָבער, אַז ער, דער אַנגרייפער, איז מאַכטלאָז. דער אייביקער היטער, דער גרויסער בטחון אין זיין פיר־טויזנט־יאָריקן האַרצן, וואַכט, דרעמלט ניט, מאַכט ניט צו אַן אויג, אויף איין סעקונדע ניט.

„עס יאָגט זיך אַ שלאַנג, דאָך זי וועט ניט דעריאָגן.‟

(„דער אייביקער ייד‟, 1894)

ער זעט די גיפטיקע שלאַנג, וועלכע איז ביי זיינע פיס. אָט וואַרפט זי זיך אים צו בייסן... אָבער דאָס איז דאָך אַן אַלטע געשיכטע. זי וויל אַזוי בייסן און רייסן פאַר די לעצטע פיר טויזנט יאָר. זי האָט אָבער קיין שליטה ניט איבער אים, דעם מענטשן־קינד, וואָס ווייס דעם לחש, ווייס דעם סוד פון אייביקייט, פון אייביקן לעבן און אייביקן שטרעבן, אַ סוד, וועלכער ליגט אין אייביקן זעלבסט־גלויבן און טראָצן.

זיין האַרץ איז אַלט פיר טויזנט יאָר, פון דער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט גענומען, און „ציַיטן אָן ענד‟ איז עס אַלט, פון דער פאַרגעשיכטע און דער צוקונפט גענומען. און דעריבער קען זיין האַרץ זיך ניט עלטערן, עס בלייבט תמיד יונג. און דער לאַנגער צייט־שטח ווערט דורכגעלעבט אין יעדן מאָמענט, אין יעדער רגע, מיט יעדן האַרץ־קלאַפּ, מיט יעדן פולס־שלאָג. די אייביקייטן באַהעפטן זיך מיט די מאָמענטן און אַזוי ווערט געבוירן די איבער־צייט פון יידישן קיום.

„די עכאָס פון דורות, וואָס שטאַרבן און שווינדן;
עס בלייבט נאָר דער געטלעכער בונד,
וואָס טוט מיטן אייביקן אייביק מיך בינדן.‟

(„איבער די תהומות‟)

די צוקונפט, דאָס וואָס דאַרף נאָך ערשט קומען, איז לענגער פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי לאַנג זי זאָל ניט האָבן געווען. אַ בונד איז געשלאָסן

מיט צייטלאָזיקייט און רוימלאָזיקייט, מיט די צוויי טיטאַנען פון דער גאָרער עקזיסטענץ, דעם הערשער פון דער דערשיינונג און דעם געוועלטיקער פון דער פאַסירונג, מיט דעם מלך פון דער זאַך און מיט דעם קעניג פון דעם זיך...

„פריי, פון צייט און שטח אָפּגעריסן,
שפּאַן איך מיטן חלום־בליק און שפּאַן
איבער דיינע ווייטע פינצטערנישן,
פאָטער פון געהיימנים, אָקעאַן."

(דאָרטן)

אַרויס פון ראַם, אין וועלכן אַלע פעלקער זיינען איינגעקלעמט, זיך אַרויסגעריסן פון כראָנאָלאָגיע און זיך אַרויסגעמאַכט פון געאָגראַפיע...

יאָ, דער ייד צאַלט דערפאַר, ער צאַלט מיט שווערע פּראָוואָוען. אָבער ווער קען עס זאָגן, אַז דער ייד האָט ניט איינגעהאַנדלט קיין מציאה?...

ער איז אַרויס פון דעם אָרביט און ער בלאָנדזשעט, אָבער אין אין־סוף, וואו וועגן זיינען אומוועגן און אומוועגן ווערן שליאַכן, דרך־המלכס פאַר די אייביקע פּילגרימען. אין די אויבערשטע ספערן — איז קיין בלאָנדזשעניש ניט שייך. וואו ער גייט, דאָרטן שפּרייט ער אויס זיין וועג פאַר זיך, דאָרטן בעט ער אויס די סאַמעטענע סטעזשקעס, אויף וועלכע ער גייט ערשט טרעטן.

„עס בלייבט נאָר דער געטלעכער בונד,
וואָס טוט מיטן אייביקן אייביק מיך בינדן."

(דאָרטן)

דער בונד מיטן אייביקן אייביק — דאָס איז אַלץ און גאָר. און די דורות הערן אויף צו שטאַרבן און שווינדן, זיי גייען ווי אין אַ ראָטאַציע, צייכענען שם־המפורשדיקע צירקלען. אָט גייען זיי אַוועק און אָט קומען זיי צוריק. עס איז אַ קאַראַהאָד פון דורות, וועלכער וואַקסט אין דיאַמעטער און גרויסט זיך אין היקף און שפּרייט זיך אין אַרומנעם — ביז אין „אָן שיעור".

„דאָס רוישט ניט דער ים אַזוי ברויזנד,
דאָס רוישן מיר יאָרן פיר טויזנט..."

(דאָרטן)

פערציק יאָרהונדערטער צו מיר — און אָן אייביקע אייביקייט פון מיר, אַרויפצו־צו, אין הייכן אַריין.

דער היינט, דער טאָג, דער איצט, דער געהיימער בונד שטייט אין מיטן און פיר טויזנט יאָרן פירן צו אים, ליגן ביי זיין רעכטער האַנט און עפּנס־אויף־עפּנס ציען זיך פון אים אויף דער לינקער זייט אין דער אומענדלעכקייט אַריין.

דער ייד, אין די טיפענישן פון זיין פּסיכאָלאָגיע, אין דעם במסתרים פון זיין יידישער נשמה, האָט אויפגעהויבן די האַנט צום הימל פון דאָזיין מיט דער גייסטיקער עזות, וואָס גילט קעגן אַלץ, און האָט געזאָגט, און האָט געגלויבט און גלויבט אין וואָס ער האָט געזאָגט, — חי אנכי לעולם, מיין איך, מיין אינדיווידואַליטעט לעבט אייביק, ווייל איך ווייס דעם סוד פון אידענטיפיקאַציע, פון זיך־פאַרזעלביקן מיט די פאַרגאַנגענע דורות און זיך פאַראייניקן מיט די אָנקומענדיקע גענעראַציעס און זיך רעאַליזירן אין די אַנוועזנדיקע...

„רייט איך אין שטראַליקן חלום,
אַ פאַטריאַרך־קאָמאַנדיר ;
רייט איך פאַראויס די טייוואָלים..."

(דאַרטן)

איך רייט פאַראויס אַלע טייוואָלים, מחבלים און מזיקים פון לעבן און עקזיסטענץ. איך רייט פאַראויס אַלע צעשטערנדיקע כוחות. איך פאַרביין צייט דורך דער פאַרקניפּונג פון היה־הוה־ויהיה. איך נעם דוראַציע און צי זי אויס אין ביידע ריכטונגען אויף איין מאָל, סיי אַראָפּ און סיי אַרויף, און געוועזן, איז, וועט זיין ווערט איין דויער־יש, וועלכער פּרעסט זיך אַריין אין דער פאַרביילויפנדיקער רגע, אין דעם קבויל, וועלכער וועט זיך קיינמאָל ניט אויסוויקלען, ווייל זיינע פעדים וויקלען זיך איין און אויס אויף איין מאָל...

„און אַלץ איז פאַנטאַסטיש און אַלץ איז רעאַל :
דער בלייך־בלויער, פלאַמיקער פליטער,
דער כוואַליקער, שטראַליקער ציטער,
די סודות־באַוועגונג פון כוואַליעס און ליכטער,
וואָס אָפּגעהאַקט טוט זי אַ פאַל,
ביים עק האָריזאָנט, אין אַ נאַכט אַ געדיכטער."

(דאַרטן)

די דעמאַרקאַציע־ליניע איז אָפּגעווישט. די פאַנטאַזיע נעמט שאַפן און

מאָלן די רעאַליטעט. און די רעאַליטעט, וואָס איז זי אָזוינס ? זי איז ניט „זאַכלעך״, זי איז ניט סאָליד, זי איז ניט אַ שטיק חומר, אַ שטיק אינערטע מאַסע. ניין, ניין. דאָס איז „יידישע״ רעאַליטעט, וועלכע איז ניט קיין זאַכיקייט נאָר אַ זיכיקייט און זיכערקייט. די גאַנצעווירקלעכקייט איז בלויז אַ שפּיל, אַ יאָג, אַ וויל, אַ מאָג. עס איז ניט קיין עקזיסטענץ, עס איז אַן „אינסיסטענץ״. עס איז אַ פלאַקער פליטער פון יכולתן, פון פאַרמעסטונגען, פון אונטערנעמונגען, אַ כוואַליקער, שטראַליקער ציטער פון מעגלעכקייטן, פון פאַרזוכונגען, פון פּרובירונגען. און די באַוועגונג איז פול מיט סודות, איז אַ רעטעניש לדורות. עס איז אַ געפלעכט און אַ געפעכט פון כוואַליעס און ליכטער, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ העט־ווייט אויפן סאַמע ראַנד פון האָריזאָנט אין אַ נאַכט אַ פינצטערער. אָבער יידן זיינען ניט אומזיסט גע־גליכן געוואָרן צו שטערן. ווי שטערן, שרעקן זיי זיך ניט פאַר נאַכט און פינצטערניש.

יידן זיינען אויך געגליכן געוואָרן צו זאַמד, וועלכע אַלע טרעטן, אָבער קיינער קען ניט צעטרעטן . . . ווייל זיי זיינען שטאַרקער פון די פיס, וועלכע טאָפּטשען זיי...

מיר זיינען אַן אייביקע קאַטעגאָריע — און א. ליעסין איז געווען איינער פון די יידישע דיכטער, וועלכער האָט עס פאַרשטאַנען, און מער ווי פאַר־שטאַנען — דורכגעפילט, דורכגעהאַרצט. ליעסינס דיכטונג האָט געשעפּט פון יידישן אייביקן קוואַל און מיט דעם „עליקסיר פון אייביקן לעבן״ האָט ער אָנגעטרונקען זיין שאַף, זיינע דיכטונגען...

2. קאָסמישע מאָטיוון

אַלדאָס אויבנגעבראַכטע און געזאָגטע איז מער ניט ווי אַ טעראַסע, וועלכע מען דאַרף אַריבערשטייגן. דאָס איז מער ניט ווי אַ פּאָליש. זיין טעמפּל, זיין אמתער לפני ולפנים, דאָס אינעווייניקסטע אין דאָס אינע־ווייניקסטע ליגט אַ סך, אַ סך העכער, און דאָס איז זיין וועלט־געפיל. איך האָב אין זינען א. ליעסינס קאָסמישע מאָטיוון.

געטהע זאָגט אין זיין „זינגער״: „איך זינג ווי דער פויגל זינגט וואָס אין די צווייגן וואוינט, דאָס ליד וואָס פון דער קעלך דרינגט איז לוין וואָס אייביק לוינט.״ דאָס איז אַלץ געזעדט פון זינגער. אין פּאָעזיע זיינען פאַראַן מדרגות. אַן אמתער דיכטער איז מער פון אַ זינגער. און א. ליעסין איז אַן

עכטער דיכטער. א. ליעסין פאַרט צונויף דעם זיין מיט דעם ניט־זיין, שאַפנדיק עפּעס דריטעס, פאַר וועלכעס מיר פאַרמאָגן נאָך קיין וואָרט ניט, וויסן נאָך ניט קלאָר וואָס עס באַדייט, אָבער האָבן פאַרט עפּעס אַן אָנונג וועגן דעם. א. ליעסין פאַרמאָגט דאָס וואָס מ׳רופט, ניט האָבנדיק קיין בעסער וואָרט, „קאָסמישעס באַוואוסטזיין". און אין די דאָזיקע הייכן, אין דער סטראַטאָספערע פון געמיט איז א. ליעסין לעילא ולעילא. דער אמתער פּאָעט איז מער ווי אַ „זינגער", ער איז אַ „בויער", אַ שותף למעשי בראשית.

„זאָלן די הימלען צוליגן אַן אויער, און זאָל די ערד זיך איינהערן וואָס איך רעד" — דער איך פון אָפּדוכט און אויסדרוק, דער איך פון אַלע וועלטן און אַלע נשמה־געצעלטן. אַזוי באַפעלט דער דיכטער, און א. ליעסין איז אַ שטאַרקער רינג אין דער קייט פון פּאָעטישן יחוס, וואָס ציט זיך ביי אונדז אַזש פון „האזינו", וואו דער קאָסמישער מאָטיוו לאָזט זיך ברייט הערן.

און א. ליעסין פאַרלאָזט דעם טאָל מיט אַלע זיינע קליניקייטן, קליינעם היינט און קליינעם מאָרגן, און ער לאָזט זיך אין וועג אַריין, ער פּילגרימט צום אָנהויב פון אַלע אָנהויבן.

ער גייט צום ערשטן פּרינציפּ, צום פּרינציפּ פון אַלע פּרינציפּן און פּרינציפּאַל פון אַלע פּרינציפּאַלן, צום אור־אַלטן כאַאָס־אָקעאַן און צו זיין אור־אַלטער און אייביק־יונגער כאַאָס־זעל. ער באַהעפט זיך און גיסט זיך צוזאַמען מיט דאָס וואָס האַלט תמיד אין איין ווערן און אַרויסקומען, מיט דאָס וואָס איז איבער צייט און איבער אָרט און איבער פאָרם.

די פּאָעטן, וואָס האָבן געדינט און דינען אָט דעם האַר פון אַלע האַרן, דעם גרייז־גרויען זקן, דעם תוהו ובהו, וועלן שטענדיק גרינען, בליען און פרוכטן, ווייל זיי זיינען געפלאַנצט ביי די ברעגעס פון די טייכן פון אייביקייט, און פון זייערע נשמות שטראַלן זונען, וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגיין.

א.

כאַאָס און אָרדענונג

מיר׳ן לייענען דעם ערשטן ליד פון דער סעריע „פאַרבן און שטימען".

אין איין קליין געדיכט גיט אונדז א. ליעסין אַ גאַנצע קאָסמישע פילאָ־סאָפיע, און דאָס אַלץ מיט אַזאַ פּשטות, מיט אַזאַ קלאַנגפולער האַרמאָניש־קייט, אין אַזאַ אוראַלטער פּרימיטיווקייט, וועלכע בידערט צום תהום פון

אינסטינקט און איז צו דער זעלבער צייט אַן אויסגוס פון געמיט, וועלכער שפּריצט אַרויף צום זעניט פון מענטשלעכן געדאַנק.

אָט אַזאַ איז דאָס ליד, וואָס איז איינע פון די בלאַנקענדיקסטע פּאָעטישע דימענטן:

„עס זיינען די זעלטנסטע פאַרבן פאַראַן
ביים אייביקן פאַרבן־מישער, אַלט אָקעאַן.
דאָך תהום־טיף פאַרבלייבט ער אין שוואַרצקייט באַהאַלטן,
אין פאַרב פון דעם תוהו־ובהו דעם אַלטן."

(„פאַרבן און שטימען")

לייענענדיק עס דערמאָנט איר זיך ניט־ווילנדיק אָן דעם פּאַסאַזש: „אַ גרויסער מאָלער איז געווען אייער גאָט, אָבער ער האָט געפונען פאַרטיקע פאַרבן, ווי ליכט און שאָטן, צוגעגרייט פאַר אים. און דער קלוגער ענטפער גילט: ער איז אַ מאָלער, וואָס מישט און שטעלט צוזאַמען זיינע אייגענע פאַרבן, ווי עס שטייט געשריבן: „ער האָט באַשאַפן דאָס ליכט און ער האָט געבוירן די פינצטערניש" (יוצא אור ובורא חושך)."

און אַלט־אָקעאַן איז אַ פאַרבן־מישער, אַ פאַרבן־מאַכער, און ניט בלויז אַ פאַרבער.

ווער איז דער אַלט־אָקעאַן?

דאָס איז דער גאָט פון אַלע געטער, דער האַר איבער אַלע הערן, דער אור־אַלטסטער כל־יכול. די גריכן האָבן אים גערופן כאַאָס. האָמער — אָקעאַנוס. ער מישט די פאַרבן און פאַרבט אָפּעט אַ וועלט, אָבער ער אַליין בלייבט אומאַנטדעקט אויף אייביקע אייביקייטן. ער אַליין איז נאָך אַלץ אין שוואַרצקייט באַהאַלטן. ער בלייבט אַ תוהו־ובהו. זיין כאַאָטישקייט ווערט ניט געמיינערט אויף אַ האָר. נייך, דער כאַאָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויס־נעמען. דער כאַאָס וועט זיך קיינמאָל ניט אונטערוואַרפן אונטער די פיקסירטע געזעצן פון האַרמאָניע, קויזאַליטעט, אידענטיטעט. ער וועט ניט גיין אין שפּאַן פון מאָס, צאָל און געוויכט. ער וועט ניט זיצן פאַרשפּאַרט אין שטייג פון קאַליר, שאַטירונג און קלאַסיפיקאַציע.

דער פּראָצעס פון שאַפן, — וואָס איז דאָס זעלביקע ווי באַגרענעצן, דיפערענצירן, דעטאַליזירן, — איז אומענדלעך, אומצייטלעך און אומאָרט־לעך, ווייל די טיפענישן פון כאַאָס זיינען ניט אויסצומעסטן, קיינער קען זיך ניט דערגרונטעווען צו זיין דעק.

„הקדוש ברוך הוא בונה עולמות ומחריבן" — גאָט שאַפט וועלטן און

מאַכט זיי גלייך חרוב, ער וואַרפט זיי צוריק אַריין אין זודיקן קעסל, וואָס שטייט אייביקייט-איין, אייביקייט-אויס אויפן פייער, וואו זיי ווערן צע-שמאָלצן, פאַרלירן זייערע באַשטימטע פאָרמען און צעגייען אין גרויקייט און פאָרמלאָזיקייט. די וועלטן גייען צוריק צום תוהו-ובהו, צו זייער אייגנ-טימער, צו זייער אמתן באַלעבאָס, צו זייער קוואַל און וואָרצל. זיי גייען אַהין, פון וואַנעט זיי זיינען געקומען. פון כאַאָס קומען זיי, אין כאַאָס לעבן זיי, און צום כאַאָס לויפן זיי צוריק, ווי אַקינד צום מוטערס שויס, נאָכדעם ווי עס האָט געשטעלט אַ פאָר שעמעוודיקע אומזיכערע טריטעלעך. די וועלטן-עופהלעך לויפן צוריק צו דער מאַמען...

וויפיל פאַרבן עס זאָלן ניט ווערן פאַרמישט, וועלן זיי ניט זיין אימ-שטאַנד צו פאַרשמירן די שוואַרצקייט פון דעם אַלטן אָקעאַנוס, דעם גרייז-גרויען תוהו-ובהו.

אין יעדער אָרדענונג ליגט אַ שטיק כאַאָטישקייט. אָרדענונג אַליין איז פאַרטונקט אין תוהו-ובהו. דערפאַר קען קיין סיסטעם לאַנג ניט עקזיסטירן. די כאַאָס-עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך פאַר אַ ווילע פאַרטייעט, פאַררוקט און זיך געהאַלטן רואיק, שיטן זיך באַלד אַרויס מחנותווייז פון זייערע באַ-העלטענישן און פאַרדעקן אַלדאָס איינגעאָרדנטע. און די טיפע שטערנלאָזע נאַכטפולע שוואַרצקייט פאַרנעמט די וועלט, קומט צוריק מיט אַן עלעמענ-טאַרן כוח.

דאָס פאָדעם-שטראָמכעלע פון שאַפן ציט זיך, גיסט זיך אַן אויפהער. אָבער דער תוהו-ובהו נעמט זיך ניט אויס. דער תוהו-ובהו איז קרעאַטיוו, ער האַלט אין איין רעפראָדוצירן זיך, ער מערט זיך און פרוכפערט זיך. און אונדזער עטאַבלירטער קאָסמאָס איז אים ניט ביכולת אויסצושעפן.

כאַאָס פאַרמאָגט די זעלטנסטע פאַרבן, זאָגט אונדז א. ליעסין, און כאַאָס געברויכט זיי, פאַרפאַרבט מיט זיי גאַנצע וועלטן, אָבער אַליין, דער אַל-מעכטיקער, דער אַלפאַרביקער, בלייבט תהום-טיף און פאַרבאַהאַלטן . . . ניט צו דערקענען, ניט צו דערטאַפן, ניט צו פאַרשטיין. זיין עסענץ, זיין וואָסיקייט און וויאַיקייט, איז דער תוהו-ובהו, דער צושטאַנד, וואָס איז קודם צו יעדן צושטאַנד, פריער פאַר דער מדרגה, וועגן וועלכער פראַגן קענען געפרעגט ווערן.

ווער איז אָט דער אַלטער אָקעאַנוס, וועגן וועלכן א. ליעסין דערציילט אונדז אַזוי פיל אין אַזוי ווייניק ווערטער?

„די מיטאָלאָגיעס און רעליגיעס פון אַלע נאַציעס באַשטימען דעם כאַאָס אַ פלאַץ פאַרן אָנהויב פון אַלע אָנהויבן. העזיאָד און אָוויד באַשרייבן דעם

כאָאָס ווי אַ צושטאַנד פון זאַכן, וואָס איז איידער דעמאַרקאַציע און באַשטימונג זיינען איינגעפירט געוואָרן. נאָך פריער, די ווערדאָס, דערציילן אונדז, אַז אין באַגינען איז געווען ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט, ניט קיין לעבן און ניט קיין טויט, ניט קיין באַשטימטע אייגנשאַפט און ניט איר קעגנזאַץ. יעדע פאַר־זאַך איז געווען צונויפגעמישט מיט יעדערן פאַר־עפּעס־אַנדערש . . . קיין זאַך האָט מען ניט געקענט אונטערשיידן, וואָרים עס איז נאָך ניט געווען קיין דעפיניטיווקייט, נאָר אַן אומדייטלעך עפּעס האָט זיך צעשוואומען און שווימענדיק געטראָגן איבערן שטראָם. אַנאַקסעמענדער, דער תלמיד פון טהאַלעסן, האָט געזען די וועלט ווי אַן אין־סוף פון כאָאָס, פון וועלכן קעגנשטאַנדן און געשעענישן האָבן זיך פאָרמירט דורך סעפּאַראַציעס. ער האָט אָבער, אַפנים, פאַרגעסן צו זאָגן אונדז ווער איז געווען דער סעפּאַראַטאָר.״ *)

און דער אַלט־אָקעאַנוס איז ניט נאָר אין דער וועלט; ער ליגט אין דער געזעלשאַפט, וואו כאָאָס און אָרדענונג, כאָאָס און קאָסמאָס, האַלטן כסדר אין איין ראַנגלען זיך. אַ מיש די פאַרבן, כלומרשט עטאַבלירט אַ ראַציאָנאַלע סיסטעם, וועלכע זעט אויס צו זיין גאַנץ געזעצט, „צירלעך־מאַנירלעך״, אָבער באַלד נעמט זי אַרויסווייזן אירע כאַאָטישע עלעמענטן און ווערט צעפאַלן אויף שטיקער, דעגענערירט, קערט זיך אום צום מצב פון כאָאָס. און ווידער אַמאָל הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון מישן די געזעלשאַפטלעכע פאַרבן, און אַזוי אַד אינפיניטום.

און אָט דער געזעץ פון דיסאָלוציע, פון צוריקפאַלן אין תוהו־ובהו, פּאַסט זיך ניט ווייניקער בנוגע אמת, גערעכטיקייט און אַלע אַנדערע פונדאַמענטאַלע באַגריפן, געשאַפן פון מענטשן. וואָס איז היינט אמת, איז מאָרגן אויס; וואָס מיר האַלטן היינט פאַר גערעכט, ווערט מאָרגן אומגערעכט.

„ראַציאָנאַליסטישע פילאָסאָפיע האָט זיך געמאַכט כלאַ־ידע פון כאָאָס, וועלכער איז געווען די צענטראַלע טעמע פון אַלדאָס דענקען אין אַלטערטום, אָנהויבנדיק מיט טהאַלעסן און אויסלאָזנדיק מיט די סקעפּטיקער. אָבער דאָ באַווייזט זיך דער אָנגעזעענסטער וויסנשאַפטסמאַן פון אונדזער מאָדערנער ערע, דער באַרימטער ניוטאָן, און ער רעסטאַווירט די העגעמאָניע פון תוהו־ובהו.״ **)

---

*) וו. בעאבי, „כאָאָס און קאָסמאָס״. Clarion, December, 1932, New York.

**) וו. בעאבי, דאָרט.

ביוטאָן זאָגט:

„איך ווייס ניט ווי די וועלט קוקט אויף מיר, אָבער אין מיינע אויגן בין איך געגליכן צו יענעם קינד, וואָס שפּילט זיך אויפן ברעג ים, און פאַרווײַלט זיך מיט געפינען דאָ און דאָרטן אַ שיינע מושעל, אָדער אַ שטיינדעלע וואָס איז אַ ביסל גלאַטער און פלאַטשיקער פון די איבעריקע, בשעת דער אָקעאַן פון אמת ליגט לחלוטין אומאַנטדעקט פאַר מיר.” *)

לאָמיר געברויכן דעם היסטאָרישן שפּרוך פון לינקאָלן:

מען קען סיסטעמאַטיזירן אַ טייל, אַ מאַנטשינקן טײלכעלע, פון כאַאָס פאַר אַלע מאָל. מען קען בײקומען דעם כאַאָס, אַזוי יעדנפאַלס דוכט זיך אונדז אָפּ, אויף אַ קורצער צייט. אָבער מען קען בשום אופן ניט באַזיגן אָדער באַזייטיקן דעם גאַנצן כאַאָס אויף אַלעמאָל. ווייל כאַאָס — באַטור איז שטאַרקער פון אַלע אונדזערע קינסטלערישע און קונציקע איינשטעלונגען און איינפירונגען, פון אונדזער געוואויגענער, געמאָסטענער און אויסגערעכנטער ציוויליזאַציע. זי האַלט זיך אויף אַ פּאָר הונדערט אָדער טויזנט יאָר, און דערנאָך, פּלוצלונג, קראַך! ווי אַן אַלטע וואַנט פון אַ חורבה. און רואינען צעלייגן זיך איבערן גאַנצן הויף, וואו פאַרדעם האָבן פּאַלאַצן און טעמפּלען זיך געגרויסט און געגאווהט.

אַלץ קומט פון כאַאָס און אַלץ גייט צוריק צום כאַאָס. דער כאַאָס איז דער מוטער־שויס, קני, וויג און קבר, אַלץ אויף איין מאָל, אַלץ אינאיינעם.

„עס זיינען די זעלטנסטע שטימען פאַראַן
ביים אייביקן כאָר־פירער, אַלט־אָקעאַן.
דאָך גיסן זיך אַלע צונויף אין איין גרויסעס,
אין שטים פון די שטימען, אין שטים פון בראשית.”

(„פאַרבן און שטימען”)

אַלע שטימען שטאַמען אָפּ פון דער שטים פון בראשית. און דער בראשית איז אַן אָן ענד און אָן אָן אנהויב. דער אָנהויב! אָבער ווען און וואו הויבט זיך אָן דער אָנהויב?

אַלץ גיסט זיך צוזאַמען. ניטאָ קיין אָנהויב, ניטאָ קיין סוף און ניטאָ אַפילו קיין מיטן — כאַאָס די אַלטע באָבע, און דער אַלטער זיידע אָקעאַנוס. אין יענער צייט זיינען זיי געווען הערמאַפראָדיטן. זי־ער האָט אויפגעהאָדעוועט, אויפגעבראַכט דאָס קליין עופהלע, וואָס הייסט בראשית, און אַלע קולות מיט אַלע זייערע טענער, וואָס שטימען איינס מיט דאָס אַנדערע און

*) וו. בעאבי.

שאַפן אַ האַרמאָניע, פליוכען זיך צוזאַמען, אָן טאַקט און אָן ריטם, און פאַרמירן עפּעס אומבאַשטימטעס, עפּעס איין־איינציק גרויסעס, אָן הייכע און נידעריקע טענער, נאָר „גרויסעס" און אומענדלעכס, — און דאָס איז די שטים פון בראשית. אָט די שטים הערט זיך פון ערשטן טאָג אָן און זי קלינגט און הילכט דורך אַלע טעג, אַלע שעהען און זי פאַרשלאָגט אַלע זעלטנסטע שטימען פון דעם בעסטן כאָר־פירער, דעם געשיקטסטן דירי־גענט. אָט שטייט דאָ דער אייביקער טאָסקאַניני און פירט אָן מיט זיין אָרקעסטער. די סימפאָניעס פון די ספערן און אַטמאָספערן, מיט די שטילע קוים־ווייענדיקע עטהערן און שטורעמדיקע וועטערן, מיט די זיפצן פון די זעפירן און די קרעכצן און גוואַלדן פון די אוראַגאַנען און לופט־וואולקאַנען. און זייערע ראַפּסאָדיעס צעגיסן זיך איבערן חלל פון די וועלטן, פילן אָן די אויערן פון די אָנוועזנדע מיט לידער, געזאַנגען און גערוישן, מיט שאַלן און קנאַלן פון דונערן און וואַסערפאַלן — אָבער די גאַנצע מוזיק הויבט זיך ניט אָן, איז גאָרנישט שבגאָרנישט לגבי דעם אוראַלטן קול, דעם בת־קול וואָס גייט אַרויס פון כאָאָס און באַפעלט, אַז אַלע קולות און געפילדערס, זינגערייען און קלינגערייען, זאָלן שטום ווערן. ווייל אַלץ ווערט בטל במציאות, פאַרלירט זיך אין בראשית.

אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט פון דער וועלט, פון ניט־איך, וואו איז אָבער דאָס איך ?

דער אַלטער גריך האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וועלט, געזען דעם כאָאָס, די צעטומלעניש, דעם ווירוואַר, און האָט פון אים געשאַפן אַ קאָסמאָס. ער האָט געהייסן, אַז די סתירות זאָל זיך איבערבעטן. ער האָט פאַרקניפּט די ווידערשפּרוכן אין איין אוניווערסאַלן סינטעז, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן סדר, קאָסמאָס.

אָבער דער קדמונים־ייִד האָט די וועלט ניט געזען. ער האָט נאָר זיך אַליין געזען. צום אַלעמערשטן האָט ער אַריינגעקוקט אין זיין אייגענער נשמה און געזען די פילקייט און סכקייט פון דער פערזענלעכקייט אין דער אייגענער פּערזאָן, אירע שטענדיקע מחלוקתן, דעם מיש־מאַש פון געפילן, דעם טומל פון פאַרשטענדענישן, און ער האָט פון דעם תוהו־ובהו, מיט גרויס שעפערישער אָנשטרענגונג, געשאַפן אָן איינקייט, אַן אחד, אַן אנוכי. דער פּרעהיסטאָרישער ייִד האָט די פערזענלעכקייט דערפונדן, זי אַרויס־געשעפּט פון די טיפענישן פון כאָאָס. ער האָט דערביי איגנאָרירט דאָס דיפערענטיווע. ער האָט זיך ניט־וויסנדיק געמאַכט פון צייט און די מאָמענטן־שטימונגען, וואָס צעשפּילטערן די איינהייט פון גרויסן „איך".

און ווי פאַרהאַלט זיך אונדזער דיכטער א. ליעסין צו דער פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען, צו דעם כאַאָס פון דער מענטשלעכער זעל, צום קנויל פון פלאָנטערנישן, וואָס מיר רופן „איך״?

„דערפיל איך אַמאָל, אַז זיי זיינען פאַראַן,
אין מיר וואו, די פאַרבן פון אַלט־אַקעאַן.
זיי פלאַמען אַ ווייל מיר אַדורך און פאַרשווינדן
צוריק אין דעם אור־שוואַרצן אָפּגרונט דעם בלינדן.
דערפיל איך אַמאָל, אַז זיי זיינען פאַראַן
אין מיר וואו, די שטימען פון אַלט־אַקעאַן,
זיי קלינגען אַ ווייל מיר אַדורך און פאַרשטומען
צוריק אין דעם כאַאָס פון אור־אַלטן ברומען.״

(„פאַרבן און שטימען״)

דאָ רעדט אין פּאָעט א. ליעסין דער אור־אַלטער ייד מיט זיין פאַרשטייין פון דער וועלט, פון קאָסמאָס.

ער זאָגט ביט, אַז זיי זיינען פאַראַן, נאָר בפירוש דייטעט ער אָן, אַז זיי, אָט די דאָזיקע פאַרבן, וואָס דער אַלטער מאָלער, דער גרויסער מייסטער מישט צוזאַמען, זיי געפינען זיך ערגעץ־וואו אין אים, אינעווייניק, זיי ליגן אין זיין פאַר־נשמה, אין זיין פאַר־איך, אין דעם ששת ימי בראשית פון זיין גייסט. די שטימען, די פאַרבן, זיי נעמען אים אַדורך און גליייך פאַרשווינדן זיי און ווערן פאַרלאָרן אין אור־שוואַרצן, אין אָפּגרונט וואָס געגעצט פון קדמונים אָן, פון גרויען פאַרצייטן, און וועלכער איז געווען, איז און וועט זיין אייביק בלינד, אָן באַוואוסטזיין.

„פון וואַנען קומסטו, ליכטיקייט,
אין פינצטערניש צו גיין?
צי ערגעץ פון אַ יענער זייט,
צי גאָר פון מיר אַליין?״

(„די שיף״)

דער תוהו־ובהו באַווייזט זיך, ליכט אין שוואַרצער טיף באַווייזט זיך, פון וואַנען? דער פּאָעט, ווי עס פּאַסט אַ דיכטער, ענדיקט מיט אַ פראַגע־צייכן. ער פרעגט און אין דער פראַגע ליגט דער ענטפער. עס קומט פון אים אַליין, פון זיין איך אַרויס.

דאָס באַוואוסטזיין פון קאָליר, פון ליכט, פון שיין, פון אייגענעם אָפּ־

שפּיגל און אָפּגלאַנץ גיט אַ בליץ, אַ בליאַסק, גיט אַ שפּאַלט די אינערלעכע הימלען און ווערט גלייך פּאַרטונקט אין דער אייביקער נאַכט פון אונטער־באַוואוסטזיין.

דאָס אייגענע זיינען די שטימען, די קלאַנגען, די האַרמאָניעס פון דער פאַר־וועלט. זיי לעבן, וועבן און שוועבן אין אים, זיי שפּילן זיך אין זיין נשמה, זיי עכאָען זיך, זיי הילכן אָפּ אינערלעך. סיי די פאַרבן, סיי די שטימען פון אַלט־אָקעאַן ליגן פאַרבאָרגן אין די קנייטשן פון אור־אַלטער זעל, און פאַרמאָגנדיק די קאָלירן און די קולות פון אָקעאַנוס, פאַרמאָגט ער דעם אַלט־אָקעאַן אַליין, מיט זיין גאַנצער עשירות און גדלות.

„און בין איך אַליין אין באַשאַף,
טאָ ווער האָט צעריסן מיין זעל —
צעשמעטערט, אַזוי ווי אַ וועל
אין ווילדן געלאַף ?"

(„אַליין")

די וועלטן און פאַר־וועלטן קומען מיט אים און פאַרגייען מיט אים. און זיין נשמה איז צעריסן, צעכאָאָסט, צעתוהו־ובהוט אויף אימער און אייביק.

און זיין אייגענער איך, זיין שוין־פאַרמירטע, קריסטאַליזירטע, אָפּגע־פורעמטע פּערזענלעכקייט האָט ניט פאַראָרעמט, ניט באַראַבעוועט דעם כאָאָס וואָס אין אים. זי האָט אים ניט דערשעפּט, און אַלע פּרוואוון צו סיסטעמאַטיזירן זיין אָפּגרונט־טיפן איך ענדיקן זיך אומפאַרמיידלעך אין דער אייביקער שפּערישער פיאַסקאָ, מיטן אייביקן צוריקקום פון אור־אַלטן קוואַל, מיט דעם שטענדיקן צוריקפאַלן צו דער ערשטער ברוסט פון דער אינערלעכער מוטער־כאָאָס.

„זיי פלאַמען אַ ווייל מיר אַדורך און פאַרשווינדן . . .
צוריק אין דעם אור־שוואַרצן אָפּגרונט דעם בלינדן.
זיי קלינגען אַ ווייל מיר אַדורך און פאַרשטומען
צוריק אין דעם כאָאָס פון אור־אַלטן ברומען."

און דער שטראָם פון שאַפן, פון ווערן און צעשטערן שטעלט זיך ניט אָפּ אויף איין מינוט, הערט ניט אויף צו פליסן אויף איין סעקונדע.

די נשמה טויכט אויפעט פון די טיפענישן פון שוואַרצקייט, באַוויזט זיך, גיט אַ שיין, אַ מיניע און אַ מאַניע און ווערט גלייך פאַרשלונגען, כדי זיך גלייך אַ צווייטן מאָל אַ הויב טאָן און זיך אַנטפּלעקן און ווידער פאַר־שווינדן אין אַ תוהו.

„דאָך זיינען אין מיר, ווי אין אַלט־אַקעאַן,
די פאַרבן און שטימען, אַלץ אימער פאַראַן
אין שפּיל פון מיין זעל, ווי אין שפּיל פון די אינדן,
אין אייביקן ריטם פון קומען און שווינדן."

(„פאַרבן און שטימען")

דאָס איז דער שפּיל פון דער זעל. זי שפּילט זיך אין ווערן און ניט־ווערן; זי שפּילט זיך אין כאַאָס און אָרדענונג, אין קלאַנג און אין ברום, אין פאַרב און אור־שוואַרצקייט. די כוואַליעס לויפן אָן אויף די פעלזן־שטיינער, גיבן זיך אַ וואַרף אַרויף מיט זייער גאַנצן אימפּעט און ליידנ־שאַפט. די גרויע פעלזן בלייבן אומבאַוועגט. די וואַסער־פאַליעס צעפאַלן און ווערן צעשאָטן אויף טראָפּנס און שטויבלעך — אָבער זיי ווערן ניט אַנטמוטיקט, זיי קומען צוריק, זיי קומען ווידער אַמאָל. נאָך יעדן אַוועקגיין — אַ צוריקקער.

און אַזוי אין שפּיל פון ערנסטקייטן ווערט געשפּונען און געפּונען אונדזער זעל. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער אייביקער ריטם. דאָ ליגט די סיס־טעמאַטיזירטע ווידערהאָלונג פון די קעגנזייטיקע פּראָצעסן, זייער פאַר־פרעמדקייט און זייער פאַרברידערונג.

פון כאַאָס טויכט אַרויף די אָרדענונג, פון תוהו־ובהו קומט אַרויף דער בראשית, אָבער כאַאָס טרעט ניט אָפּ, תוהו־ובהו פאַרגייט ניט. ער האַלט כסדר אין איין אַרויפשליידערן אָרדענונגען, וועלכע, ווי שטיינער געוואָרפן אין הימל אַריין, קומען צוריק אין שויס פון מוטער־ערד, כדי אויף־דאָס־ניי געשליידערט צו ווערן צו די הימלען.

„אין שפּיל פון מיין זעל, ווי אין שפּיל פון די אינדן, אין אייביקן ריטם פון קומען און שווינדן"...

סדר, קאָסמאָס איז אַ פּראָצעס, ניט קיין פענאָמען.

עס איז ניט סטאַטיש, עס איז דינאַמיש דורך און דורך, עס איז אַ דער־שיינונג און אַ פאַרטונקעלונג און ווידער אַמאָל אַ דערשיינונג.

„אַן אויפגיין, אַן אונטערגיין שטום,
אַ סוד פון אַ גרויסן געבאָט,
אין טרויער פון שטילקייט אַרום,
דעם אייביקן טרוים פון אַ גאָט . . ."...

(„פאַרנאַכט")

דאָס איז דער טרוים פון אַ פאַר־גאָט ,וואָס האָט באַשאַפן אַ פאַר־וועלט... און בײדע זיינען אַרויפגעטויכט פון אַ פאַר־זעל.

ב.

אידעאַל און רעאַל

מיר ראַציאָנאַליזירן אַלע דערשיינונגען און פּראָצעסן. מיר פאַר־ענטפערן זיי, מיר דערקלערן זיי, מיר לייגן אין זיי אַריין שכלדיקייט, מיר שרייבן צו זיי צו מיין און מיינונג, מיר שפּינען די פעדים און וועבן דעם לייוונט פון פאַרהעלטעניש, מיר פאַרפלעכטן די באַציאונגען צווישן פענאָ־מענען און געשעענישן. מיר זיינען כסדר באַשעפטיקט מיטן אויפפאַסן זיי און באַשרייבן זיי.

אָבער דאָס אַלץ איז מער ניט ווי אַ האַלבע אַרבעט. מיר שטעלן זיך דאָ ניט אָפּ. מיר גייען ווייטער, מיר פאַנטאַזירן אויס אַ צוגאָב, מיר קלערן אויס אַ צולייגעכץ, אַ קאָנטינואַציע פון דעם רעאַל. מיר מאַכן פּירושים אויף דעם ספר פון נאַטור. מיר פאַרשענערן דיווירקלעכקייט, מיר אַנדערשן זי איבער; און מיר גייען אַזוי ווייט אין דער דאָזיקער ריכטונג, אַז דער פּאָעט קען מיט פולן רעכט זאָגן:

„אַלץ איז דוכטעניש אין לעבן,
אַ פאַנטאַסטיש נעפּל־שפּיל;
עס דערזעט דאָ יעדער איינער,
וואָס ער זוכט און וואָס ער וויל.”

(„אין די בערג”)

מיר שטעלן אַוועק אַן איבער־וועלט אויף דעם פונדאַמענט פון דער וועלט. און די אויבן־שטיבל, כאָטש זי איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער שעפערישער איינבילדונגס־קראַפט, איז אָבער, באמת, אַ געלויטערטער, דורכגעפילטערטער, דורכגעזיפּטער רעאַל, אַ זיין, וועלכן מיר האָבן אָפּ־געוואַשן פון זיינע פלעקן־חסרונות, און דערנאָך אים צוגעפּוצט און אָנ־געקליידט לויט אונדזערע האַרץ־פאַרלאַנגען.

„איך וויין פאַרן גרויסן באַלויכטער אין האַרצן:
פאַרהויל פון מיין זעל מיט דיין שטראַליקער מאַכט
דעם אָפּגרונט דעם בייזן פון גאָרנישט פון שוואַרצן,
וואָס האָט זיך געעפנט פאַר מיר אין דער נאַכט.”

(„אין דער פרי”)

עס איז אַ געבעט אין דעם אייגענעם האַרצן און צו דעם אייגענעם

הארצן, אַ געבעט צום אידעאַל, און דער געבעט ווערט גיך פאַרוואַנדלט אין אַ געבאָט. און מיר ראַטעווען זיך פון דעם מבול פון רעאַליטעט אין דער תיבת־נח פון אידעאַל.

מיר נעמען דעם רעאַל און טראַנספאָרמירן אים לויט אונדזערע שכל־דיקע, נשמהדיקע מוסטערן, און אָט די טבע אונדזערע צו באַפּוצן די אויבערוועלט, איז אונדזער צווייטע, אָדער אפשר גאָר ערשטע נאַטור. אַלץ, צו וואָס מיר רירן זיך צו מיט אונדזער מענטשלעכן, אינטעלעקטועלן אָדער עמאָציאָנעלן אָטעם, באַלעבן מיר, אידעאַליזירן מיר.

די אויסערלעכע וועלט האָבן מיר באַקרוינט מיט אַן אינערלעכער וועלט. פון דעם אומפולקומענעם האָבן מיר געמאַכט דאָס פולקומענע. דעם זינדיקן, אומגערעכטן מענטשן האָבן מיר דערהויבן צו דער מדרגה פון אויבער־מענטש, מענטש־גאָט, פערזענלעכקייט. אונדזער באַגרענעצטן שפּאַן פון לעבן האָבן מיר אויסגעצויגן און אים באַפוילן זיך פאַרמעסטן מיט דער אייביקייט. אונדזער איינגעצוימטן רוים האָבן מיר אויסגעברייטערט און אים געמאַכט אַזוי לאַנג ווי דער אין־סוף און דער אַן־שיעור.

אונדזער אויפפיר, וואָס איז פראַגמענטאַריש, צעשויבערט, צעפּודלט, און שטאַרק צעשעטענזט, האָבן מיר סובלימירט און פאַרוואַנדלט אין אַן עטישער הנהגה, וואָס ווערט דירעקטירט פון דעם קאַטעגאָרישן אימ־פּעראַטיוו.

דעם טויט האָבן מיר פאַרשיקט, און מיר האָבן פאָרמולירט, צום וויניקסטן אין אונדזערע געלוסטן און באַשטרעבונגען, דעם אידעאַל פון ביאָלאָגיע: די אומפאַרדאַרבלעכקייט, די אומפאַרגייַנלעכקייט פון מענטש־לעכן לעבן. מיר האָבן געשאַפן אַן עקזאַלטירטע וויזיע־האָפענונג פון אומ־אויפהערלעכן המשך פון אונדזער לעבן.

„אָ, נישט טויט מיט מיר דעם בילדער־אוצר מיין!
זאָל נישט שטאַרבן דאָס, וואָס זאָל אומשטערבלעך זיין!
זאָל דורך דורות אויפגיין פאַרן פאָלק מיין שטים,
פאַרן אַנגסטן־באַטריבטן, פאַרן פּילגרים!"

(„דאָס געוויין פון שאַראַזאַד")

א. ליעסין זעט זיך אין שאַראַזאַד. ער זעט אין איר זיין קאָלעגע, די דיכטערין, וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט, קעגן טויט, קעגן מלאך־המות, און ער שרייט אויס מיט איר:

„זאָל דורך דורות אויפגיין פאַרן פאָלק מיין שטים . . ."

און א. ליעסין זעט מער און הערט מער; ער זעט דעם טויט, דעם פּאַטום פון רעאַליטעט, די פינצטערע גרוב, און ער הערט די „טויזנט און איין נאַכט“ פאַרציילט פון דער נשמה פון מענטשן, שאַפנדיק אַ צויבער, אַ גלויבן פון אַן אַנדער וועלט... און אַזויערנאָך ראַטעוועט זי זיך אַרויס פון דער האַק, פון דער פּעטליע, פון דאָס אומפאַרמיידלעכע...

„זאָל דורך דורות אויפגיין פאַרן פאָלק מיין שטים,
פאַרן אַנגסטן־באַטריבטן, פאַרן פּילגרים!“

און ווער איז דאָ ניט קיין פּילגרים? און ווער איז ניט אַנגסט־באַטריבט, ווער לעבט ניט אין אימת־מוות, אין צער, אין פלאַטער פאַרן אויסגיין?

אין דעם ליד דריקט א. ליעסין אויס דעם טיפסטן ווייטיק און די העכסטע האָפענונג. ער ווייזט דעם וועג פון רעטונג פאַר יעדן יחיד, דעם וועג וואָס טויזנטער זעל־פּיס האָבן געטראָטן, און דאָס איז דאָס אויסכישופן פון אַן אַנדער לעבן און אַן אַנדער וועלט; דערציילן אַ „טויזנט און איין נאַכט“ מיט דער אַראַבישער לעגענדע. אַט דעם עפּיזאָד־פּרט האָט א. ליעסין אויפגעהויבן אויף זיינע פּאָעטישע פליגלען און עס געמאַכט פאַרן כלל פון מענטשהייט, אויפגעהויבן עס אין רעכטן מיטן פון הימל פון מענטשלעכן טרייסט און גלויבן.

„האָר פון סעזאָנען, קעניג פון דער צייט!“

זי רעדט צום פאָטער, כראָנאָסן אַליין, צו דעם שר פון צייט, צו דעם פאַרשווינדנדיקן מאָמענט, צו אונדזערע טעג, וואָס גייען פאַרביי ווי אַ שאָטן.

„לאָז דערציילן דיר פון וואונדער־וועלטן ווייט.“

פון אייביקייט, פון שטענדיקייט, פון וועלטן וואָס זיינען געצעלטן פון אין־סוף — אין צייט ווי אין רוים — פון וועלטן, וואָס וואַכן אויף יענער זייט פון צי און רו, גיי און שטיי...

מיט שאַראַזאַדס מויל רעדט אונדזער נשמה, אונדזער זעל.

„אַט צעשפּרייט מען שוין פאַר איר דעם טויט־דיוואַן,
בעת מיט טויזנט לעבנס שלאָגט איר פלאַם־פאַנטאַן;
אַט פאַרבינדט מען שוין די אויגן אירע שוואַרץ,
בעת אַ וועלט זעט דורך זעאונג פון איר האַרץ.“

(דאַרטן)

און די זעאונג איז גובר דעם קאַט. וואָס קען דער קאַט מיטן האַקמעסער טאָן קעגן אַ חלום? ער קאָן האַקן פליייש, טרענען אָדערן, גיסן בלוט; ער קאָן אָבער ניט בייקומען די וויזיע פון דעם קינסטלער; ער איז מאַכטלאָז ווען ער טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיט דעם טרוים פון אונדזער נשמה... און מיר דערציילן זיך טויזנט און איין נאַכט און ווייטער טויזנט און איין נאַכט און ווידער טויזנט און איין נאַכט, און מיר ווערן ניט פאַרשטומט אויף איין מינוט ניט, אויף איין רגע ניט, און כל־זמן מיר דערציילן עס און הערן זיך צו צו אונדזערע מעשיות עלעגאַנט — קען דער קאַט אונדז גאָר ניט טאָן.

דאָס געוויין פון שאַראַזאַד איז דאָס געוויין פון אונדזער נשמה:

„קניט זי פאַרן פּאַטוס, דעם כאַליף, איר האַר,
מיט איר קליינעם לעבן און איר גרויסן צער.
בעט זי זיך און פאַרשט דעם שפּיל פון זיין געזיכט:
וועט זי שוין ניט אָנזען מער דאָס מאָרגן־ליכט?"

(דאָרטן)

איר פּאַטוס, דער כאַליף, איר האַר — איז דער קערפּער, מיט וועלכן זי, אונדזער נשמה, איז זיך מזדווג... אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט פון לעבן.

„לאָז דערציילן דיר פון שטעט — סמאַראַגדן־גרין,
פּנימער — לבנות, בוזעמער — יאַסמין,
פּרינצן און פּרינצעסינס — שטיין פאַרוואַנדלטע,
מלוכות — מעשה כישוף איינגעהאַנדלטע."

(דאָרטן)

ש"י עולמות אויסגעדוכטע, וועלטן אויסגעזוכטע... אַ יענע וועלט...

און די צוויי קאַטעגאָריעס פון רעאַל און אידעאַל וועלן זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענגיסן, קיינמאָל זיך ניט צונויפשמעלצן. זיי מוזן, לויט זייער כאַראַקטער און די טערמינען, אין וועלכע זייער נאַטור ווערט באַשריבן, וואוינען באַזונדער, יעדערער אין זיין אייגענעם רשות־היחיד, מאַכן שבת און וואָך פאַר זיך. און צווישן זיי גייט אָן אָן אייביקע יאַגעניש־וועטעניש. דער אידעאַל פאָלגט נאָך דעם רעאַל אָדער לויפט אים פאַראויס, אָבער שפּרייזט קיינמאָל ניט זייט ביי זייט מיט אים.

די פּאָעטישע מוזע פון א. ליעסין שעפּט גרויס נחת און ווערט אַנטציקט

פון די פּריזמאַטישע שיינקייטן, פון די זיבן חנען פון דעם רעגנבויגן־קאָלירטן אידעאַל, בשעת זי קאַרטשעט זיך אין יסורים און ווייטיקן פון דעם רעאַל. זיינע מיאוסקייטן, גראָבקייטן ,פּאַרבלאָזיקייטן, אָן־צורהדיקייטן מאַ־זאַליען איר די אויגן, עגבערן איר די אויערן, און זי בלוטיקט, פּייניקט זיך, מאַטערט זיך אין „אימת־מוות אַנגסטן" פאַר דעם גרויען און גרויזאַמען קיום, פאַר דער שלעכטער שעה פון דערווירקלעכקייט, דעם תליון, דעם שעכטער... און דער גאַנצער עולם־המציאות זעט אויס אין א. ליעסינס דיכטערישע אויגן ווי אַן אָפּגרונט טיף, שוואַרץ און פול מיט וואַסער וואָס זידט און קאָכט. די רעאַליטעט איז איין „באו מים עד נפש", און זיין מוזע שרייט עס דעם „עס.אָ.עס.": ראַטעוועט זיך, כל־זמן עס איז ניט שפּעט; ראַטעוועט זיך אויפן אינדזל פון אידעאַל, פון גרויסן אויסדוכט און אויס־קלער; קומט צום ברעג פון אויסטרוימונג און זעאונג.

די גאולה זעט א. ליעסינס מוזע אין דעם אידעאַל, אין דעם רויטן האָריזאָנט פון דיכטונג, אין דער פּאָעטישער אויפפאַסונג פון מענטשן־זעל, אין דער פאַראיכונג און פאַרזיכונג פון דער וועלט, אין דער דעראָבערונג פון דער גראָבער רעאַליטעט דורך געזאַנג, קלאַנג און ריטם...

אַל־דאָס געזאָגטע וועגן רעאַל און אידעאַל איז אמת אויך בנוגע סאָציאַלער אידעאַליסטיק און סאָציאַלער רעאַליסטיק.

ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער אונטערשייד, וואָס ליגט צווישן צוויי שוין־פאַרווירקלעכטע סיסטעמען, וועט זייער חילוק קיינמאָל ניט זיין אַזוי האַמעטנע, אַז עס זאָל בכוח זיין אַרויסצורופן די מאָס פון פּאַטאָס, דעם גראַד פון ווייס־אַנגעגליטער התפעלות, וועלכע אַן „אידעאַלע אָרדענונג" — דווקא אַדאַנק דעם, וואָס זי איז אידעאַל און איז דעריבער לגמרי ריין פון דעם שטויב פון דער ערד — איז מסוגל אַרויסצופּאָמפּען פון ברונעם פון מענטשלעכער זעל.

עס איז ניט ארץ־ישראל און מצרים, וועלכע זיינען אָוועקגעלייגט געוואָרן אויף די וואָגשאָלן און געוואויגן געוואָרן אין פּודן, פונטן, לייטן, בכדי אויסצוגעפינען געגנוי די מעלות פון איינעם לגבי דעם צווייטן, פון דעם לאַנד פון דעם פרייען מענטשן, דער היים פון דעם בראַוון יונג, איבער דעם בית־עבדים, דער תפיסה פון די שקלאַפן. ניין, ניט דאָס, ניט אַזוי זיינען צוויי לענדער פאַרגליכן געוואָרן, איינס — שוין אַ באַזעצטע, אַ פאַרלעצטע, אַ באַוואוינטע און, במילא, אַ באַווייַנטע, און דאָס צווייטע לאַנד פון צוזאָג — אַ לאַנד פאַרגעשטעלט אין וויזיעס, אויסגעצנייט מיט פאַנטאַסטישע צייכע־נונגען, באַצירט מיט אויסגעדוכטע קאָסטבאַרקייטן, מעגלעכקייטן. קיין

אמת לאַנד, קיין שטיק געאָגראַפיע, ווי הייך זיין באַדן־פּרוכטבאַרקייט זאָל ניט זיין, וועט קיינמאָל זיך ניט קענען פאַרגלייכן מיט אַ לאַנד, וואו עס רינט מילך און האָניק. זיכער ניט, באשר נאָר אַ לאַנד פון אינספּיראַציע און אַספּיראַציע, אַ לאַנד געמאָלן מיט שוואונג און זונג פון טרוים, קען אָננעמען די פאַנטאַסטישע צווייפאַכע פאָרמע: פון אַ טשערעדע פון קי מיט שווערע אייטערס, פון וועלכע עס שטראָמט מילך און, אין דער זעלבער צייט, פון אַ מחנה זשומענדיקע, שטאַכל־לאָזע בינען, וואָס גיבן האָניק מיט דער פולער האַנט.

„גאָלדענע בינען אויף זוניקע רויזן."

אַזאַ ארץ־ישראל, אַזאַ מחיהדיק מקום, איז אַנגעוויזן אויפן אַטלאַס פון אוטאָפּיע, טרוים־קאַרטאָגראַפיע. קיין שטיק וואָר־טאָפּאָגראַפיע קען דער־מיט ניט קאָנקורירן.

יעדער סאָציאַלער אידעאַל, כל־זמן ער האָט נאָך ניט פאַרזוכט פון עץ־החיים, כל־זמן ער איז ניט מאַטעריאַליזירט, שיינט און לויכט איבער יעדן עקזיסטירנדיקן סדר.

דער אומעט פון באַגרייפן דעם אַפּגרונט־טיפן קעגנזאַץ, וואָס ליגט צווישן דעם עולם־המציאות און דעם עולם־האצילות, און דער פּחד פאַרן גורל פון סאָציאַלן אידעאַל, ער זאָל ניט פאַרשאַכערט ווערן, פאַרקרעמלט ווערן אויפן יאַריד פון אַלטעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן — אָט דער צוויי־פאַליקער מאָטיוו וויברירט דורך אַ גרויסער צאָל פון א. ליעסינס דיכטונגען.

„ווי מיר שטייען פאַר אַ שקיעה אויף די הויכן,
מיטן לאַנד פון חלום קיינמאָל ניט צו גרייכן."

(„איבער די תהומות, אונטערגאַנג")

ווי נאָר אַ באַשטימטע פאָרמע פון דעם אידעאַל ווערט מער אָדער ווייניקער מאַטעריאַליזירט, אַזוי גיך באַווייזט זיך אַן אַנדער פאָרמע, אַן אַנדער מאַניפעסטאַציע פון דעם אידעאַל, בכלל, נעמט מאַניען און סילועטע־ווען זיך אויף דער האָריזאָנט־ליניע פון אונדזער גייסטיקער זעאונג. דער אידעאַל שוועבט אַרומעט אויף זיינע שניי־ווייסע, אומשולדיקע זון־זוכנדיקע פליגלען, און אַזוי פאַרבענקטערהייט הויערט ער איבער דעם נודנעם, גרויען, כמורנעם רעאַל, דעם וואוינער פון יאָמער־טאָל.

דאָס בילד פון דעם אידעאַל קען מען ניט כאַפּן און איינפאַסן אין די רעמלעך פון דעם רעאַל. צווישן ליגט אַן אַפּגרונט. און קיין אינזשענער קען

דאָ קיין בריק ניט בויען, ניט אויפהענגען. דער תהום מוז געװעצן צווישן די צוויי היפוכים.

„ווי האָט אונדז אָנטציקט דער מיראַזש
אין דאָרשט־ברען פון יונגן עקסטאַז —
געצויגן אַזוי און געצונדן,
און ענדלעך פאַרשוואונדן . . .

און צוויפלט נאָך אַלץ אין דערגרייכטן,
און טרוימט נאָך זיין טרוים ?"

(„ביכורים")

דער מאַלצייט פון דאָס דערגרייכטע וועט קיינמאָל ניט שמעקן דעם טרוימער, ווי געשמאַק דאָס געקעכטס זאָל ניט זיין.

„געצויגן אַזוי און געצונדן,
און ענדלעך פאַרשוואונדן . . ."

זיך ניט באַהעפטן מיט דער וועלט, זיך ניט פאַרשמאַלצן מיט דעם פסולת וואָס אין שמעלץ־טאָפּ.

און די נשמה פון א. ליעסין, די נשמה פון עכטן פּאָעט ,איז דער אומרו אין זייגער פון צייט — אין אָט דעם וועלט־זייגער, וואָס הענגט אויפן טורעם פון האָפענונג.

די זעל פון פּאָעט א. ליעסין איז דער אומרו, וואָס שאָקלט זיך, פון אידעאַל צו רעאַל און צוריק צום אידעאַל, און אַזוי אַרום מאַכט ער דורך דעם וועג פון די רעאַלע מאָמענטן און פאַרפלעכט זיי מיט די אייביקייטן פון „יונגן עקסטאַז"...

ג.

דיאַלעקטיק

„פלאַמט אויף זיבן־פאַרביק פון ענד ביזן ענד
אַ בויגן אַ צאַרטער, אַ צייכן."

(„הינהער-פּלעט")

דער מענטש איז די מאָס פון אַלץ. דער מענטש איז די וואָג און וואָג־שאָל, דער ווערט און מערוועדט פון אַלצדינג. מחמת מענטש איז דער

יעניקער, וואָס מעסט און וועגט און שאַצט — און שאַפט ווערטן און מער־ווערטן און נאָך מערווערטן.

מענטש באַזיצט אַ גרויסן, שעפערישן כח, וואָס מאַכט אים, באַשאַפענעם, אַ באַשעפער.

וואָס פאַר אַ כח איז עס ?

דאָס איז זיין באַגאַבטקייט פאַר דעם אַנטי־טעזיס און סינטעזיס. ניט די לוסט צום צעברעכן, וואָלט איך אַנדערשן באַקונינס ווערטל, נאָר צום ווידערשפרעכן איז די לוסט פון שאַפן. פון דעם גרונטלאָזן תהום פון ווידער־שפרוך שעפט דער מענטש זיין גייסטיקע יניקה. ער ווידערשפרעכט און אַזוי שלאָגט ער אָפּ. דער מענטש לעבט אין סתירות און שטירדעס מיט זיך און דער וועלט וואָס אַרום אים. און די סתירות העלפן אים שטייגן אַלץ העכער און העכער, דורכרעוואָלוציאָנירן די אונטערשטע שטופן און פּאַזן.

געטהע, אין זיין הקדמה (פאָרקלאַגע) צום ערשטן באַנד פון לירישע דיכטונגען, זאָגט :

„די וועלט איסט פאָללער ווידערשפּרוך
אונד זאָלטע זיך׳ס ניכט ווידערשפּרעכען ?“

געטהע איז אַ העלעניסט געווען, אַ געצנדינער. און מיט דעם עפּיטעט „גרויסער היידע“ האָט ער זיך איבערגענומען. ווען ער וואָלט אַ ייד געווען, אַ יידישער דיכטער, וואָלט ער באַדאַרפט זאָגן : איך בין פול מיט ווידער־שפרוכן, און דערפאַר מוז די וועלט זיך ווידערשפרעכן.

און דעם זאַץ, געזאָגטערהייט און ניט־געזאָגטערהייט, פאַרשטאַנען אַלס אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, געפינען מיר כמעט אין אַלע דיכטונגען פון אברהם ליעסין. און דאָס, די קונסט פון אַנטדעקן דעם אַנטי־טעזיס אויף אַ פּאָעטיש־דיאַלעקטישן אופן, איז דער סוד פון ליעסינס דיכטערישן חדר. און דאָס איז אויך זיין סטיל.

מענטש, ייד, איז אַ שטענדיקער אַנטי־טעזיס און אַ תמידיקער סינטעז, אַ שטענדיקע סתירה און אַ כסדרדיקע רעכטמאַכונג, אַ זיך־איבערשטייגונג, אַ זיך־איבערקומונג.

דער ווידערשפרוך־שפּיל ווייזט זיך שוין אַרויס אין אוראַלטן, גרויען יידישן שאַפן, אין חומש, אין בראשית. מער ניט וואָס דער חומש אין זיין תמימות און פשטות ווייזט אַרויס זיין ליידנשאַפט פאַר דער סתירה ניט אין פּאָלעמיק ווי דער תלמוד, נאָר אין דערציילונגען, אין יהוה־ און העלד־שילדערונגען.

דער אלהים באַשאַפט די וועלט, און ער האָט גרויסע התפעלות פון זיין אויפטו. עס שרייט פון אים אַרויס דער געטלעכער עקסטאַז פון שעפער, דער באַגייסטערטער „כי טוב״. עס איז גוט! עס איז זייער גוט! זיבן מאָל ווידערהאָלט ער זיין אָפּשאַצונג פון דער וועלט: עס איז גוט! זייט איר דאָך שוין זיכער, אַז ער מיינט עס באמת, און די וועלט איז טאַקע וואונדער־באַר, און ער נעמט זיך מיט איר איבער. מאַכט איר טאַקע אַ טעות. אין אַ פּאָר קאַפּיטלעך ווייטער פאַרזיכערט ער אייך מיט דער זעלבער איבער־געצייגטקייט, אַז די וועלט טויג אויף כפרות. אַז מענטש טויג ניט, אַז די באַשעפענישן טויגן ניט. און גאָט האָט חרטה אויף דעם גאַנצן ענין.

די כלה־וועלט געפעלט מער ניט דעם חתן־גאָט, און דער שידוך, נאָך די תנאים און נאָך די פיל קאָמפּלימענטן וואָס ער האָט דער כלה געגעבן, האַלט זיך ביים פאַנאַנדערגיין.

אַ מבול. אַ סוף פון דער וועלט.

מיינט איר, אַז עס איז נאָך אַלעמען — ניין. דער סוף איז קיין סוף ניט. ער ראַטעוועט נחן און אַלע באַשעפענישן, אַ מיניאַטור פון דעם וועלט־אַל, און דאָס עקזיסטענץ־שפּיל הויבט זיך אָן פון דאָס ניי. און אַ בונד ווערט געשלאָסן צווישן מענטש, וועלט און דעם רבונו־של־עולם. און אויף וואָס איז עס געבויט? אויף דער פאַרזעאונג פון די ווידערשפּרוכן: זריעה־צייט, שניט, קאַלט און וואַרעם, זומער און ווינטער, טאָג און נאַכט. און וואָס איז דער סימבאָל? דער רעגנבויגן, דער ווידערשפּרוך אין דער אַטמאָספערע, זונענשיין און רעגן צוזאַמען.

און אַ פּאָר פּרשות פאַרדעם, וואָס דערציילט דער חומש? אַז דער אויבערשטער האָט איבערגעלאָזט אָדם און חוהן אין גאָרטן פון עדן מיט די עפּל־ביימער, וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן ניט געזוכט דאָס אייביקע לעבן, כאָטש זיי האָבן עס געקאָנט קריגן אָן שטראָף; וואָס זיי האָבן גע־זוכט און געוואָלט אַנטדעקן איז דעם ווידערשפּרוך פון גוטס און שלעכטס.

דעם רמב״ם, אַלס אַ ראַציאָנאַליסט־טעאָלאָג, אַרט עס שטאַרק. סטייטש, פאַרוואָס האָט מען זיי געשטראָפט? איז דען וויסן אַ זינד?

מ׳האָט זיי גאָרניט געשטראָפט. מ׳האָט זיי געשאָנקען דעם צווייטן ווידערשפּרוך, די סתירה פון לעבן און טויט.

און ווייטער, ווי שילדערט דער חומש דעם הקדוש־ברוך־הואס אויפ־פיר? ער ווידערשפּרעכט זיך אויף יעדן טריט און שריט. ער נעמט די בני ישראל אַרויס פון מצרים, און וויל זיי אומברענגען אויפן וועג. און משה דאַרף מיט אים איינטענהן: סטייטש, דו האָסט דאָך געשוואוירן, צו־

געזאָגט צו אברהם, יצחק און יעקב... און אַזוי ווייטער און ווייטער... און נאָך מער טענהט ער צו יהוה: שעם זיך כאָטש פאַר לייטן... מה יאמרו הגוים... עס איז דאָך אַ חילול־השם, מ׳וועט דאָך זאָגן, אַז דו האָסט קיין כוח, קיין געדולד ניט געהאַט אויסצופירן וואָס דו האָסט אָנגעהויבן.

און ער פירט זיי ווייטער. און איידער זיי קומען אין לאַנד אַריין, שילט ער זיי אָן אַ פולן קאָפּ און זאָגט פאַראויס, אַז ער וועט זיי אַרויסטרייבן פון לאַנד. און אַז זיי קומען אַריין און לעבן דאָרטן דורות און דורות, טרייבט ער זיי טאַקע אַרויס און נאָכדעם ברענגט ער זיי צוריק, און נאָכדעם טרייבט ער זיי ווייטער אַרויס... בכדי זיי ווייטער צוריק צו ברענגען. דאָס איז די דיאַלעקטיק פון דער יידישער געשיכטע...

ווען מ׳שטודירט די תלמודישע ליטעראַטור אין איר גאַנצער ברייט און טיף, זעט מען דאָרטן, אַז זי איז אינגאַנצן דורכגענומען מיט אַ ברענענדיקער ליידנשאַפט צו פרעגן קשיות און געבן תירוצים, געפינען סתירות און זיי פאַרענטפערן, קריגן זיך כסדר מיט באַשלוסן און נאָכאַנאַנד מאַכן שלום, זיך אַרומרייסן מיט טעקסטן — און זיך צום סוף איבערבעטן.

די גריכן האָבן געהאַט אַ נאַציאָנאַל פאָלקסטימלעך שפּיל, און דאָס איז געווען פרעגן און ענטפערן. פון דער פאַרווייילונג זיינען אויסגעוואַקסן די דיאַלאָגן פון פלאַטאָנען און די לאָגיק, דער אָרגאַנאָן, פון אַריסטאָטל. „אַריסטאָטלס מאָנומענטאַל ווערק, וואָס האָט אָוועקגעלייגט דעם יסוד פאַרן גרעסטן בנין פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, איז אייגנטלעך אָנגעשריבן געוואָרן אַלס אַ קאָמפּענדיום, אַ וועגווייזער פאַר דער אַטענישער פאָלקסטימלעכער פאַרווייילונג.״ *)

די יידישע נאַציאָנאַל־פאָלקסטימלעכע פאַרווייילונג באַשטייט אין דיספּוטירן. זי הויבט זיך אָן גאַנץ בניחותאדיק מיטן תלמוד און גייט וואָס ווייטער, להבדיל שאַך־שפּיל, אַלץ העכער, שפּיציקער, שאַרפזיניקער, שכל־דיקער אין דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור. דאָס איז אַ שפּיל און אַן ערנסט, און דאָס וועט זיך, צווישן יידן, קיינמאָל ניט ענדיקן כל־זמן די יידישע פּסיכאָלאָגיע איז דאָס וואָס זי איז.

די תאווה צו ווידערשפּרעכן זיך און אַנטדעקן ווידערשפּרעכונגען איז יידיש און טיף־מענטשלעך. און לאָגיק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן לכתחילה כדי צו באַקעמפן אָט די מענטשלעכע שוואַכקייט און ליידנשאַפט, האָט גע־מוזט קאַפּיטולירן פאַרן כוח פון ווידערשפּרוך. כל־זמן מענטשן דענקען און

*) מינטאָ, „אינדוקטיווע און דעדוקטיווע לאָגיק״.

פירן זיך אויף, ווען זיי זיך ווידערשפּרעכן. און אַ נייע לאָגיק איז געשאַפן געוואָרן, אַלס אַ נאָכגאָב, אַלס אַ קאָנצעסיע, צום יצר־הרע פון טראַכטן, און זי באַזירט זיך אויף ווידערשפּרוכן, און דאָס איז די באַרימטע דיאַלעקטיק פון העגעלן. און זייער מעגלעך, אַז די דיאַלעקטישע מעטאָדע האָט עס געדינט אַלס צוצי פאַר די יידישע ראַדיקאַלע חריפים, און זיי זיינען, ס׳רוב, מאַרקסיסטן געוואָרן.

און אין דעם שפּיל פון סתירות־אויפדעקונגען און רעכט־מאַכונגען האָט מאַרקס אין זיין געזעלשאַפט־אַנשויאונג, אין זיין עוואָלוציע־אויפפאַסונג אַריינגעלייגט און אַריינגעוועבט זיין גאַנצן כוח פון טראַכטן און שאַפן. לויט מאַרקסן קומט די גאַנצע אַנטוויקלונג פאַר דורך דעם פּראָצעס פון אויפדעקן היפוכים, קעגנזאַצן און דערנאָך זיך אַנשטרענגען און זיי פאַרענטפערן, זיי סינטעזירן אויף אַ העכערער מדרגה. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן טוט עס, דאָס איז דער טרייב־פעדער אין זייגער פון פּראָגרעס. דאָס לעבן שאַפט אַנטי־טעזיסן און דערנאָך סינטעזירט עס זיי.

און ליעסינס פּאָעזיע, פון דעם שטאַנדפּונקט, האָט מען געקענט באַשרייבן אַלס די דיאַלעקטישע, אַנטי־טעטישע און סינטעטישע פּאָעזיע.

ליעסינס סטיל, זיינע בילדער־רייען און שילדערונג־פאַרפלעכטונגען זיינען צעמענטירט מיטן יידישן — וואָס פליסט אַרויס פון חומש און טרינקט אַן דאָס גאַנצע יידישע שאַפן אויפן משך פון טויזנטער יאָרן — ווידערשפּרוך, אַנטי־טעזיס און סינטעז, זיך צו ווידערשפּרעכן בכדי זיך צו העכערן און פאַרפולקומען.

צו באַשטעטיקן מיין באַהויפּטונג האָב איך געקענט ברענגען אַן אַ שיעור פערזן־ציטאַטן. איך וועל זיך אָבער באַגנוגענען מיט אייניקע נאָר.

„דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון גליק,
די פרייד צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון פרייד —
צו האַלטן ליידנשאַפטלעך ליידנשאַפט צוריק,
און שטאַלץ זיין שטאַלץ צו ברעכן אין עקסטאַז פון לייד.״
(„דאָס גליק״)

לאָמיר אויך אַריינקוקן אויף אַ ווייליקע אין ליעסינס גראַנדיעזער פּאָעמע, אַ נשמה־עפּאָפּיע, „אין אייביקן אייביק״.

וואָס איז דער לייט־מאָטיוו פון אָט דער שאַפונג? דער אַנטי־טעזיס פון מאָמענט און אייביקייט. דעם פּאָעט באַפרידיקט ניט די אייביקייט, די אומשטערבלעכקייט, אים שאַקירט אָבער אויך דער מאָמענט, דער פלי־גלי

און פאַרלעש, דער אייל און ווייל — און אַראָפּ און אַרויס. ווייל ער גאַרט נאָכן סינטעז, דעם אוממעגלעכן אייביקן מאָמענט און די אוממעגלעכע מאָמענטאַלע אייביקייט. אָדער אפשר גאָר דאָס אומענדלעכע שפּיל און ברוג־טאַנץ פון אָט די צוויי מהותן.

„איך ליג שוין זייט טױזנטער יובלען אַזוי
אין לויטערן אייביקן אייביק.
איך בענק און איך צי זיך אין שטומען געשריי
צו אַלץ וואָס איז שמערצלעך און שטויביק.

איך טראָג אין געדעכעניש דעם ערד־גרויען וועג,
וואָס ענדיקט זיך ערגעץ־וואו אימער.
איך טרוים פון די נעכט, וואָס פאַרבייטן די טעג
און שטאַרבן אין מאָרגנס פון שימער.״

(„אייביקן אייביק״)

דער פּאָעט וויל דעם זאָץ און קעגנזאָץ, זייער כסדרדיקן קריג און זייער אומאויפהערלעכן איבערבעטן זיך. אָט דער פאַרלאַנג, צו פאַרשוועסטערן די שנור און צו פאַרמוטערן די שוויגערס פון געפיל און באַגריף, לויפט דורך ווי אַ ריכט־שנור כמעט דורך אַלע ליעסינס שאַפונגען. ער איז אַליין די פאַרזעלונג — פאַרקערפּערונג שיקט זיך דאָ ניט — פון אָט דעם באַגער, וואָס איז דער הויפּט־שטריך פון יידישער פּסיכאָלאָגיע, צו האָבן די זאַך און די קעגנזאַך: צו וואַרטן אויף משיחס קומען און דערקלערן אַלע געקומענע משיחים פאַר פאַלשע משיחים; צו פאַרמאָגן דעם דבר והיפוכו, דעם „אַזוי״ און דעם „פאַרקערט״. און דאָס גאַנצע יידישע טראַכטן און פילן איז דורכגענומען מיט דער דאָזיקער איניקער צווייאיקייט, מיט דעם מאַניסטישן דואַליזם. מצווה און עבירה. זינדיקע מענטשן און צדיקים. עס איז אָבער „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא״. עס איז ניטאָ אַזאַ הייליקער, וואָס זאָל ניט האָבן געזינדיקט, און עס איז ניטאָ אַזאַ זינדיקער, וואָס זאָל ניט האָבן אַ שמץ־קדושה אין זיך. „אף על פי שחטא ישראל הוא״. אַפילו אַ משומד האָבן זיי נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ יידן. און אַפילו גאָט אַליין מוז זיין זינדיק. ווייל אַניט וואָלט ער קיין תשובה ניט געקענט טאָן. און תשובה איז איינע פון תרי״ג מצוות, און גאָט מוז מקיים זיין אַלע מצוות, מוז ער תשובה אויך טאָן. און ער טוט טאַקע תשובה אויף די זינד, וואָס ער האָט געזינדיקט מיט באַשאַפן דעם יצר־הרע, באַשאַפן זינד (סוכה נ״ב).

מען מוז האָבן ליידן, בכדי מיטלייד זאָל זיין, זאָגט אונדז ליעסין אין זיין „מידת הרחמים״.

„זאָלן נאָר די מענטשן ווען פון לייד ניט וויסן,
ווייס מען דעמאָלט אויך פון מיטלייד ניט;
וואָלט מען ניט געקענט שוין יענע פרייד געניסן,
יענע גליקלעכקייט, וואָס מיטלייד גיט.״

(„מידת הרחמים״)

אַז מען האָט געפּאַקט דעם בעל־דבר און מען האָט אים געבונדן, איז די וועלט שיער נישט אונטערגאַנגען. און די צדיקים האָבן געמוזט דעם יצר־הרע לאָזן גיין פראַנק און פריי, הגם אַלע מאָל באַקעמפן, אָבער קיינמאָל ניט באַזיגן אינגאַנצן. ווייל אָן דעם יצר־הרע, וואָס וואָלט טאָן דער יצר־טוב, אויף וואָס וועט מען אים דאַרפן? מ׳דאַרף דעם טעזיס און אַנטי־טעזיס, בכדי אַ סינטעז פון הנהגה צו שאַפן.

און דער דיכטער ליעסין איז פּונקט אַזוי. ער בענקט נאָכן קערפּער, בשעת ער איז גאָלע נשמה.

„איך שפּיר אַזאַ בענקשאַפט נאָך יעטווידן גליד,
וואָס קיינמאָל שוין וועל איך ניט אָנזען.
ווי מיד איז מיין ניט־קערפּער, מיד, אַזוי מיד
אין טרוים אויף בית־עלמינס צו בלאָנדזשען.״

(„אייביקן אייביק״)

אָן קערפּער ווערט דער גייסט אויס גייסט, ער ווערט מער ניט ווי אַ ניט־קערפּער. ער מוז דעם גוף האָבן בכדי צו קענען אים אַנטי־טעזירן — און אַ נשמה זיין.

און בשעת דער פּאָעט איז לויטער קדושה, ווייל ער זינדיקן, זוכט די עבירה, גאַרט נאָך איר במחשבה:

„איך טראָג אין געדעכעניש אַ בלוט, וואָס באַגערט,
און זע איך פאַר זיך די טייוואָלים,
טאָ זינדיק איך איבער די זינד פון דער ערד
צוריק אין מיין עלנטן חלום.״

(דאָרטן)

אָבער האַלטן אין איין זינדיקן, זיך טונקען אין טומאה — חס־ושלום.

ער וויל האָבן דעם גוף בכדי צו סובלימירן די נשמה, לויפן פון דער עבירה צו דער מצווה, און האַלטן ביידע, דעם אויגנבליק פון געניס און די אייביקייט פון פּאַרדרוס און חרטה.

„פאַרסמט זי מיין ערדישן גאַנג,
בענקט ריינער אין מיר אַלץ די זעל.
זי לייטערט מיין זעל אין איר העל,
די אור־אַלטע שלאַנג.״

(„אוראַלטע שלאַנג״)

ער קען ניט פאַרטראָגן דעם מאָנאָטאָן סיי פון גאַלער קדושה און סיי פון גאַלער טומאה, פון דער רגע און פון דער אייביקייט — דעם טעזיס סיי פון תמידיקן ליכט און סיי פון שטענדיקער פינצטערניש.

„אַ, הייליקער זיידע, זאָל פינצטערניש זיין,
אין תהום צו די שדים כאָטש פאַלן,
אַבי ניט דער שטענדיקער בלענדיקער שיין,
אַבי ניט דאָס אייביקע שטראַלן.

טאָ וויין איך פאַר זיך אין דער שטיל פון פאַרגיין:
אַ, ווער ניט אין גאַרנישט פון אייביק.״

(„אייביקן אייביק״)

און ער בעט זיך רחמים צו ווערן ניט... און דער מאָדנער ווידער־שפּרוך פון אוממעגלעכקייט צו ווערן ניט און גאָרניט, וואָס מיינט אייגנטלעך צו ווערן אַ ניט־ווערנדיקייט — פּאַנגט אים.

ליעסין שפּילט אויף דער יידישער סטרונע פון פונדאַמענטאַלן ווידער־שפּרוך וואָס האָט אַן אלהים געשאַפן, וועלכער האָט אַלץ באַשאַפן און זיך ניט־באַשאַפן, וועלכער איז אַלץ און גאָרניט, און שאַפט וועלטן פון גאָרניט. דאָס הייסט פון זיך וואָס איז אַלץ. ווייל אַלץ איז גאָרניט מיט גאָרניט, אַ שאַפנדיקער זיך־ווידערשפּרעכנדיקער גאָר — ניט. יידישע אַלטערטימלעכע פילאָסאָפיע, שאַפנדיק אַן איין־איינציקייט פון דער סכיקייט פון דער וועלט מיט אירע סתירות און פאַרקערטקייטן, האָט געמוזט קאָמבינירן אַלץ אין איין אחד, אין איין גאַנצקייט וועמענס סימן־מובהק איז דער ווידערשפּרוך, דאָס אייביקע בייקומען און איבערשטייגן.

און ליעסין, אַלס יידישער דיכטער, פילער און דענקער — איז געטריי צום קולט פון אַנטי־טעזיס און סינטעז.

ד.

דער קאַרדינאַלער אַנטי־טעזיס און סינטעז

דער גרונט־ווידערשפּרוך איז דער, וואָס ליגט צווישן מענטשן און וועלט, צווישן איך און ניט־איך.

דער מענטש מאַכט אַ מחיצה צווישן זיך און דעם קאָסמאָס. און גלייך, באותו רגע, רייסט ער עס אַרונטער. ער באַצייכנט קלאָר דעם גרענעץ, און שטעלט דאָרטן אַוועק אַ שטאַקע שמירה. און ער אַליין ווערט אַ קאָנטראַ־באַנדיסט. און ער שוואַרצט דעם גרענעץ ביי יעדער געלעגנהייט, אָדער, נאָך בעסער, אַן אָפּשטעל, אָן אויפהער, ווייל ער אַליין, דער מציב־גבולים, אַנערקענט דעם גבול ניט, פאַרניינט דעם גרענעץ. ער פאַרניינט דעם גרע־נעץ צווייפאַכיק, פוןביידע זייטן. ער איז אי אויף דער זייט גרענעץ אי אויף יענער זייט גרענעץ.

דער מענטש קען זיך פון דער ערד ניט אָפּגרענעצן.

„עס קענען די שטערבלעכע פיס
פון אַנריר פון ערד ניט אַוועק...״

(„פאַרנאַכט״)

אָבער מענטש טיילט זיך פאָרט אָפּ פון דער ערד, ער ווערט אַ „פּרוש״. און ער שמועסט זיך איין, אַז ער לעבט אויטאָנאָמיש, אומאָפּהענגיק. ער מאַכט כלומרשט שבת פאַר זיך. און ער רעכנט זיך ניט מיט איינצוימונגען און איינצאַמונגען פון דער וועלט.

„איך בין ניט פון דער וועלט״, פאַרזיכערט ער זיך. און ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ הייליקער ליגן, אָדער אַ הייליקער וואונטש. מענטש איז אין דער וועלט, און קען פון דער וועלט ניט אַרויס, בשום אופן ניט. ער איז אין איר איינגעשלאָסן ווי אין אַ געפענגעניש — אין די מויערן פון דער ווירקלעכקייט.

„טאָ הויב איך אויף אין אייביקייט די פאָנען
און שטורעם מיטן אויגנבליק
די ווענט פון די פאַרמויערטע וויזיאָנען,
די תפיסה פון געטרוימטן גליק.״

(„ביים גרענעץ״)

כאָטש די וועלט, די ווירקלעכקייט איז ברייט ווי דער אין־סוף אַליין,

אפשר; דאָך איז דער מענטש אין איר ווי אין אַ תפיסה און ער פילט זיך ווי אַ געפאַנגענער, וואָס וויל אַנטלויפן, ווייסט אָבער ניט וואוהין און צו וועמען צו לויפן און קומען...

ווי אַלע איבעריקע מאָראַליסטן, וואונדערט זיך טאָלסטאָי אין זיינע עטישע שריפטן:

פאַרוואָס פאַרטראַכטן זיך מענטשן אַזוי ווייניק וועגן טויט? וואָס האָבן זיי? וואָס לויפן זיי? וואָס טומלען זיי? זיי וועלן דאָך סיי־ווי־סיי זיך באַלד דאַרפן נעמען פאַקן און פאָרן אויף עולמות, אַהין פון וואַנען עס איז ניטאָ קיין וועג צוריק.

דער ענטפער ליגט אויבנאויף. מענטשן שרעקן זיך ניט פאַרן טויט, ווייל זיי ווייסן ניט אַז זיי לעבן.

„דע מאין באת — ולאן אתה הולך" (פרקי אָבות). ווייס פון וואַנען דו קומסט און וואוהין דו גייסט. אָבער אַז איינער ווייסט ניט פון וואַנען ער קומט און וואו ער שטייט, וואָס זאָל ער זיך דרייען דעם קאָפּ און זיך פאַר־קלערן איבערן וואוהין ער גייט?...

מענטשן פילן זיך ניט אָפּגעטיילט פון דער וועלט. און טאָלסטאָי האָט עס הויך־קינסטלעריש געשילדערט אין זיינע נאָוועלן און סקיצן. מענטשן פילן זיך היימיש, „זאַ פּאַני בראַטי" מיט דעם זיין און ניט־זיין, קומען און אומקומען.

מענטשן פאַרטראַכטן זיך וועגן טויט און שרעקן זיך פאַרן יום־המות נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי ווערן זעלבסט־באַוואוסטזיניק, ווען זיי נעמען זיך באַטראַכטן אַלס אַן אינדזל אין ים פון עקזיסטענץ און ניט ווי אַ טראָפּן צווישן טראָפּנס, ערשט דעמאָלט קריגן זיי פּחד:

„שווימען מיר, די אומגעזעענע, און שווימען
אויף אַ פּערי אין אַ כישוף פון טומאַן . . .
— — — — — — — — — — — — — — — —
פינצטערן פאַר אונדז די ענדלעכקייטן אונטן,
גליווערט אויבן גראָ אַן ענדלאָזער ניטאָ.
וואו זי טרעפט אונדז נאָר, צי דאָרטן אָדער דאָ
אין די גיריקע — צעעפנט־שוואַרצע גרונטן,
טרעפן וועט זי, די פאַטאַלע שעה."

(„שווימען מיר אומגעזעענע")

ווען מענטשן ווערן זעלבסט־באַוואוסטזיניק, דעמאָלט ערשט נעמט זיי

דאָס פּראָבלעם פון טויט און לעבן אינטריגירן און אינטערעסירן. בכלל אָבער זיינען זיי אינדיפערענט צו דער גרויסער פראַגע פון אַלע פראַגן, צו דער פראַגע פון פּאַרוואָס און פאַרוועו, פון זיין אָדער ניט־זיין.

ווען דער יונגער סאַקיע מוני האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט קראַנקהייט, אַלטקייט און טויט, איז ער אַוועק זוכן אַן ענטפער, אַן אויסלייזונג פון אַט די אַלע פורעניותן, וואָס פאַרפאַלגן דעם מענטשלעכן קערפּער. יאָרן לאַנג האָט ער זיך מתבודד געווען אין די פעל־דער, אין די היילן. ער האָט געלעבט ווי אַן אַסקעט צווישן די נזירים פון זיין פאָלק. און צום סוף האָט ער זיך דערטראַכט. צו וואָס? צו נירוואַנע. וואָס איז נירוואַנע? דאָס איז דאָס קאָסמישע באַוואוסטזיין, דאָס פאַרשמעלצן זיך מיט דער וועלט, דאָס צוזאַמענגיסן זיך מיט דעם אוניווערזום, דאָס אידענטיפיצירן זיך מיטן פּרינציפּ פון אייביקן זיין, אַזוי אַז קיין אומקומען און ליידן זאָל גאָר ביים מענטשן ניט שייך זיין. און ער איז אַ בודהאַ, אַ ליכט געוואָרן.

אייגנטלעך האָט בודהאַ אַנטדעקט דאָס, וואָס יעדער מענטש, יעדע באַ־שעפעניש האָט לאַנג־לאַנג פאַר אים אַנטדעקט בחוש, אין אינסטינקט.

יעדער מענטש איז באַשאַנקען מיט אַ קאָסמישן באַוואוסטזיין, און דער טויט קימערט אים ניט.

עס איז ניטאָ די נאַרישקייט, דער אַבערגלויבן, די איינרעדעניש, פאַר וועלכע מענטשן האָבן ניט געצאָלט מיט זייער לעבן.

„כי עליך הרגנו כל היום . . .״

פאַר דיר לאָזן מיר זיך הרגענען... ניט נאָר פאַר אַ גאָט, פאַר אַן אידעאַל, נאָר פאַר געטשן זיינען מענטשן אויך מקריב געוון זייערע לעבנס... און פאַר אַ געגנבעטן פערד אַפילו אויך... געגנוג פערד־גנבים זיינען גע־קרייציקט געוואָרן... געפאַר ציט־צו ניט ווייניקער ווי פאַרגעניגן. אַן אָפּ־גרונט באַזיצט און איבט אויס אַ מאַגנעטישן כוח איבערן מענטשן. עס איז דאָ אַ לוסט צום טויט, אַזוי ווי עס איז דאָ אַ לוסט צום לעבן. „אויסער דער נייגונג צו לעבן איז דאָ אַ נייגונג צום שטאַרבן.״ *)

סער ראַליי זאָגט, אַז ווען די העלדן און מאַרטירער וואָלטן וויסן פאַר וואָס זיי זיינען געשטאָרבן, וואָלטן זיי פון זייערע אומצייטיקע קברים אַרויס און געשריען גוואַלד, אַז מ׳האָט זיי אָפּגענאַרט. איך בין אין דעם ניט

*) Emmanuel Bere: The Nature of Love, p. 67, New York, 1924.

זיכער. פאַר וואָס זיי זיינען ניט געשטאָרבן — זיינען זיי צופרידן געווען צו שטאַרבן. עס איז דאָ אַ ליידנשאַפט פון טויט.

און דער גאַנצער ענין פון קרבנות איז איינגעפירט געוואָרן בכדי אָפּ־צושוואַכן אָט די תשוקה צו זעלבסט־פאַרניכטונג.

„ראה נתתי לפניך את דרך החיים ואת דרך המות ובחרת בחיים...״ זע, איך האָב דיר געגעבן צוויי וועגן, דעם וועג פון לעבן און דעם וועג פון טויט, און דו זאָלסט אויסקלייבן דאָס לעבן — דאָס איז אַ באַפעל, אַ געבאָט. ווייל אַ סך וואָלטן אויסקלייבן דעם וועג פון טויט און טאַקע טויט אַליין, ד. ה. פיזישע עקזיסטענץ, די הזדווגות מיט דער טויטער נאַטור.

ווי געזאָגט, מענטשן זיינען קאָסמיש געזאָנען. טאָ וואָס האָט דאָ בודהאַ אויפגעטאָן ?

די זאַך איז אָבער אַזוי. מענטשן זיינען קאָסמיש באַוואוסטזיניק, אָבער דאָס טוען זיי אויפן חשבון פון זייער איך־באַוואוסטזיניקייט. וואָס בודהאַ האָט געלערנט און דערגרייכט — איז אַ צווייטע מדרגה: אויסקריסטאַליזירן דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון מענטשן, זיך אָפּזונדערן פון דער וועלט און דערנאָך באַוואוסטזיניקערהייט זיך באַהעפטן מיט דער וועלט. דאָס איז אַ העכערע שטופע פון מענטשן־אַנטוויקלונג. דאָס הייסט אַנאַליזירן, אַנטדעקן דעם אַנטי־טעזיס און דערנאָך שאַפן דעם סינטעז. דאָס איז אַ בייקומען, אַ פאַר׳יאָ׳אונג פון דער פאַרניינונג. בשעת דער פשוטער חי־וקיים פאַרמאָגט די סתירה ניט, ער לעבט ווי עס לעבט זיך, ווי אַ בעל־חי, אָדער גאָר אַ צומח, אָדער אַ דומם. די שטיינער, פלאַנעטן זיינען קאָסמיש. די פראַגע איז, צי זיי זיינען באַוואוסטזיניק. צו זיין זעלבסט־באַוואוסטזיניק און וועלט־באַוואוסטזיניק אין דער זעלבער צייט און צו מאַכן שלום צווישן די צוויי סתירות — דאָס איז די עובדא פון דער באמת־רייכער נשמה. און אַזעלכע נשמה־יתרות האָבן פאַרמאָגט נאָר יחידי־סגולה, נאָר די אַריסטאָקראַטן פון פילן און דענקען, פון מחשבה און הרגשה.

בכדי תופס צו זיין ליעסינס גדלות אין וועלט־דיכטונג דאַרף מען באַ־גרייפן די טיפקייט פון זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין, די איידלקייט פון זיין איך־קולטור, וועלכע ער אַנטפּלעקט אין זיינע לירישע לידער. און ערשט דעמאָלט וועלן מיר בכח זיין אָפּצושאַצן ווי געהעריק זיין קאָסמיש שעפעריש באַ־וואוסטזיין, זיין צוגאַנג צו דער אויסערלעכער וועלט, זיין חוש, באַנעם פאַר דעם אַל־באַדייטנדיקן סינטעז, וועלכן נאָר אומגעהויער־גוׂיסע דיכטער האָבן באַוויזן צו פאַרמולירן אין בילד און סימבאָל. ליעסין איז איינער פון זיי, ער איז אַ וועלט־באַוואוסטזיניקער שעפערישער איך.

די קאָמבינאַציע פון איך און ניט־איך, פון מענטש און וועלט — דאָס גיט דעם רייכן און מעכטיקן עפעקט.

ה.

דאָס איך־באַוואוסטזיין

„אם אין אני לי — מי לי?
וכשאני לעצמי — מה אני?"
(אבות, א', י"ד).

„וואָס מיינט מען מיטן וואָרט „איך"? עס איז קלאָר . . . אַז איינער נוצט עס צו באַצייכענען דערמיט דעם לאָקאַלן, און אויבערפלעכלעכן זעלבסט; בשעת אַ צווייטער האָט אין זינען אַ סך אַ טיפערעס וועזן, דעם זעלבסט צו וועמענס טיף און אייגנשאַפטן מיר קענען זיך בשום אופן ניט דערגרונטעווען; בשעת גאָר אַנדערע, ווייטער, מעגן טראַכטן וועגן דעם זעלבסט פון דער ערד, דעם אַלזעלבסט פון דעם אוני-ווערסום." *)

עס ווערט געפירט אַ באַלאַנץ־בויגן צווישן עקספּאָרט און אימפּאָרט, צווישן געבוירן־ווערן און שטאַרבן. און די פּראָפּאָרציע ווי אויך די טאַריף־אָפּצאָלונגען ווערן רעגולירט פון נאַטור אַליין. דער טויט איז דער סוף־פּסוק, דער לעצטער אַקאָרד פון דער סימפאָניע. טויט וויזט, אַז דער קוואַל פון דער אינדיווידועלער עקזיסטענץ האָט זיך אויסגעשעפּט ביזן לעצטן טראָפּן, אָדער אַז דער בוימל אין לעמפּל, וואָס הייסט פּערזאָן, האָט אויסגעברענט.

וואו זייגען אָבער די רעפּאַראַציעס, די צאָלונגען פאַר די היזקים, וואָס דער טויט טוט אָן? געבורט, רעפּראָדוקציע קערן אום די שאָדנס, ברענגען צוריק די פאַרלוסטן, וואָס לעבן ליידט אויפן געביט פון זיין. לעבן און טויט יאָגן זיך, און קיינער פון זיי האָט דעם ערשטן פּריז ניט געוואונען. און איידער די זון פון איין מענטשן גייט אונטער, רויטלט זיך שוין דער פרי־מאָרגן אין מזרח פון אַ צווייטן, זיין פאַרטרעטער.

„פּרוכפּערט זיך און מערט זיך און פילט אָן די ערד"... דאָס לעבן איז אַ הלוואה, אַ חוב. און דער מענטש מוז באַצאָלן זיינע שולדן. לויטן יידישן דין איז יעדע פאַרהייראַט פאַר מחויב אומצוקערן דעם קרן לכל־הפּחות,

*) Edward Carpenter, The Drama of Life and Death, p. 222, London, 1912.

ד. ה. געבן געבורט צו אַ זון און אַ טאָכטער. וואָס מער, איז אַלץ בעסער, ווייל דעמאָלט צאָלן זיי אויך פּראָצענט אויפן קרן פון לעבן.

איז דאָך אַלץ רעכט, גייט דאָך אַלץ כשורה, און עס איז ניטאָ אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן... איז אָבער די צרה וואָס דאָס איך־באַוואוסטזיין איז ניט קיין געגנעראַציע־באַוואוסטזיין. דאָס ביאָלאָגישע לעבן אָנערקענט ניט די אינדיווידואַליטעט. עס קען מער ניט ווי די אַרטן, די גאַטונגען. עס בייטן זיך דורות, און דאָס לעבן פּילט זיך באַפּרידיקט. אָבער מענטש אַלס אַ פּערזענלעכקייט, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישעס לעבן, איז זעלבסט־באַוואוסטזיניק. און דאָ, אין צונויפמענשטויס צווישן ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, צווישן זיין און באַוואוסטזיין, ליגט די מענטשלעכע טראַגעדיע.

מענטש וויל ניט עקזיסטירן אין דור, אין שוים פון דורות־טויש, אין זיין פאָלק, אין זיין משפחה נאָר, ער וויל אַליין, אַלס אַזוינער, אַלס אַ פּערזאָן עקזיסטירן. און מענטש זעט דעם תהום און ער וויל אַ בריק אַריבער אים אַריבערוואַרפן. ער וויל גובר זיין זיין לאיבוד־גיין, ער וויל זיין שקיעה אָנצינדן, זיין פאַרגיין פאַרוואַנדלען אין אַן אויפקום, פון אייביקן נישט אַ יאָ מאַכן... ער וויל און קען ניט ווערן. ער וואָלט וועלן וועלן...

און אין פאַרלאַנג פון אומענדלעכער זעלבסט־קריסטאַליזירונג, זעלבסט־באַשטימונג באַהויפּט זיך די אינדיווידואַליטעט, וועלכע איז אַ באַגער פון אומשטערבלעכקייט, וועלכע איז אייגנטלעך אַן אינעווייניקסט געבעט — אַ געטלעכקייט צו ווערן. מחמת געטלעכקייט איז אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקייט, פון וועלכער אַלע מעגלעכע קאָנסעקווענצן זיינען געצויגן. פּער־זאָנאַליזם, אינדיווידואַליזם איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי געלייטערטער, געזויבערטער טעאיזם.

„אין טרויער פון שטילקייט אַרום
דעם אייביקן טרוים פון אַ גאָט.״

(„פאַרנאַכט״)

און דאָס געראַנגל צווישן מענטשן און גאָט אין האַרץ פון דער זעלבסט־באַוואוסטזיניקער פּערזענלעכקייט — וואָס יעקב אָבינו האָט אָנגעהויבן אַמאָל אין אַ גרויען פאַרטאָג, — גייט אַן פּאָר טויזנטער יאָרן. אַ נאַכט־סוד, וואָס פאַרגייט אין שוואַרצן און לעבט שטענדיק ווידער אויף.

דאָס וועט אָנגיין אויך פּאָר מיליאָנען יאָרן מער. און מענטש צווייפלט, פאַלט פאַרצווייפלט, און טוט זיך אָן אַ כוח און האָפט, און קעמפט און ווערט

באַזיגט, און זיגט און טריאומפירט, און ווערט ווייטער געשלאָגן, אונטער־דריקט, און ראַנגלט זיך ווייטער קעגן אַ פּאַטום.

און ווי איינער וואָס האַלט זיך אין טרינקען, לעבט ער איבער אין זכרון דאָס גאַנצע לעבן אין איין קורצן מאָמענט.

אָבער זיין לעבנס־געשיכטע איז ניט פון געוויינלעכן דויער. ער פאַר־לויפט צוריק אַ מיליאָן יאָרן. אוראַלטע דערמאָנענישן זיינען אָפּגעפרעסט אויף די טאַבעלן פון זיין געדעכעניש. ער האָט נאָכאַנונגען, נאָכפילונגען פון אַ לאַנגער ענדלאָזער שורה, ניט פון דורות, נאָר פון ווידערגעבורטן און ווידערטויטן פון אייגענעם איך, פון צענדליקער טויזנטער אינקאַר־נאַציעס, אַן אומענדלעכע קייט פון גלגולים.

„דערמאָן איך זיך אַלץ און דערמאָן:
אַ תהום אַזוי נעפּלדיק ברויזט
צוריק נאָך פיליכט אַ יאָר טויזנט,
פיליכט אַ מיליאָן.

וואָס עס איז געשען מיט מיר דאָן —
אַמאָל ווען איך האָב זיך געטרונקען,
ווען רופנדיק בין איך געזונקען
דאָרט וואו אין טומאָן.“

(דאָרטן)

ער, מענטש, האָט זיך געטרונקען, אָבער פאַרט ניט דערטרונקען גע־וואָרן. און אַזוי טרינקענדיק זיך און זינקענדיק אין אייביקן אָפּגרונט פון זיין און ניט־זיין, אין ים פון דער וועלט און אין ים פון דורות, האָט ער דורכגעלעבט אַ מיליאָן יאָרן און געקעמפט קעגן די כוואַליעס פון דעם אַלץ־איינשלינגענדיקן גאַרניט און גאָר, און ער קעמפט נאָך עד־היום, אַלץ ווייטער און ווייטער, ווייל דאָס איז אַ קאַמף אויף אייביק פאַר אייביקייט, פאַר זעלבסט־עקזיסטענץ, פאַר איך־באַשטימונג אין אַ וועלט פון גאַלע ניט־איכן. עס איז אַ קאַמף קעגן טויט און אַ קאַמף קעגן לעבן פון די ראַסן, פאַרן לעבן פון אייניציקן.

„איך זוך אים, דעם בליץ־שפּור, אומזיסט
און נישטער אין טויט־שרעק און נישטער;
ער שווינדט אין דעם שוואַרץ אַ פאַרווישטער —
אין אייביקן נישט.“

(דאָרטן)

דער בליץ־שפּור איז דער סימבאָל פון אינדיווידועלן לעבן און באַוואוסטזיין, אַ באַוואוסטזיניקייט פון וועלכער מענטש ווייסט אַזוי ווייניק, וועלכע ער קען ניט באַגרייפן, אויפפאַסן. אַלץ וואָס דער פּאָעט קען טאָן — איז זוכן עס, נישטערן. דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין ליגט אויפן גרענעץ פון גלי און לעש, פון פונק און סאַזשע, פון ריר און אינערציע. עס וואוינט אין אייביקן נישט און וויל אים באַיאָען. ווייל כל־זמן ער זוכט אים איז ער דאָ, מחמת ער לעבט אין זוכעניש און ניט־געפינעניש, אין שטרעבן צו זיך, צו זעלבסט־אַנטפּלעקונג, זעלבסט־מאַניפעסטאַציע.

„איך גיי דורכן וואַלד דורכן שטילן,
אין מיטן האַלב־נאַכטיקן שווייגן;
עס שלאָפן אין גראָזן די גרילן,
עס דרעמלען די פייגלען אויף צווייגן;
די שטערן נאָך האַלטן דאָ וואַך,
און קוקן אַראָפּ דורכן סכך.״

(„אין וואַלד״)

די וועלט איז אַ סוכה, באַדעקט מיט סכך. די וועלט איז אַ דירת עראַי, אַ קרעטשמע, אַנגעכמורעט, צוגעשפּאַרט זיך ערגעץ ביים ראַנד פון שליאַך פון גרויסן גאָרנישט, דעם אין־סוף פון אַבסאָלוטן ניטאָ... און מענטש איז אַ גייער, אַ וואַגלער, אַ וואַנדערער. זיין וועג איז ענדלאָז און פול מיט סכנות, מיט אימת־מוות.

„עס ליגן פאַרטרונקען די וויגן
אין שטומע און שטראָמיקע שרעקן.״

(דאָרטן)

מענטש גייט זוכן זיך אַליין. ער איז דער איינציקער, וואָס וועקט זיין אויפקום בשעת אַלע שלאָפן, אַלע ברואים כראָפּען טיף און געשמאַק פאַרנורעט אין זייערע אינסטינקטן, אין זייער גאָטונג־פאַרשטאַנד און געפיל. מענטש גייט צו זיין אויפגאַנג, ער גייט באַגעגענען זיין אויפטאָגן.

„איך גיי נאָכן וואונק נאָכן מילדן״.

(דאָרטן)

מענטש האָט אַ הבטחה, אַ צוזאָג, אַ וואונק פון אַן אויפשטייג, פון אַ צוקונפטיקער גדולה און באַרמהערציקייט און מילדקייט. אָבער אַלע שטעגן אַרויף־באַרג זיינען פול מיט פאַררעטערישע אָפּגרונטן. די קרישטאָל־וואַזע

פון לעבן קען מען אַזוי גרינג צעברעכן, און אַזוי פיל בעלנים אויף צעברעכן עס . . . זיינען דאָ . . .

„איך גיי נאָכן וואונק, נאָכן מילדן;
גרילצט בלוטדורשטיק אויף אין די צווייגן
אַ קראָך פון פאַרצוקער פון ווילדן,
אַ טויט־קרעכץ און ווידער אַ שווייגן."

(דאָרטן)

דאָס איז דער פּרייז. מ׳צאָלט פאַרן לעבן — מיט טויט, מיט אַ טויט־קרעכץ.

„און ווי עס וואָלט גאָרניט געטראָפן,
אין טיפקייט פון נאַכט פון געהיימער
פאַרבלייבן זיי גלייכגילטיק שלאָפן
דער הימל, די ערד און דיביימער."

(דאָרטן)

דער וועלט זאָל עס גאָר נעמען אָרן! אירס וועט קיינער ניט צונעמען. דער רויבער, רויב און גערויבטער — זיינען אַלע גלייכוויז אין איר פולער רשות. מ׳קען פון איר גאָרניט גנבענען. אַלץ וועט בלייבן אויפן אָרט. צי לעבעדיק, צי טויט, צי אויפן צווייג, צי אין בויך פון פאַרצוקער — עס איז אין די זעלבע הענט פון דער פיזישער נאַטור.

און דאָס לעבן? דאָס לעבן איז אויך גלייכגילטיק צו דעם קיום פון אינדיוויד. עס קימערט אים ניט די עקזיסטענץ פון יחיד, צי מענטש, פויגל, צי פלאַנצונג. עס אינטערעסירן נאָר די אַרטן און די דורכשניטלעכקייט, אָבער ניט דער אינדיווידועלער פאַל אָדער אויפהויב.

„נעמט ווער אין געהיים מיט מיר שפּאַנען
און גיריק אַן אויג אויף מיר שאַרפן;
איך גיי און איך ווייס ניט פון וואַנען
ער וועט, דער פאַרצוקער, זיך וואַרפן."

(דאָרטן)

ער וועט זיך וואַרפן פון אַלע זייטן און פון מיטן אויך. און פאַרצוקן וועט ער רגע נאָך רגע. איין פראַגמענט פון פערזענלעכן לעבן נאָכן צווייטן וועט ער אַוועקרויבן, אַוועקטראָגן און קיינמאָל עס צוריק ניט ברענגען. דאָס אַראָפּגעפאַלענע פון וואָגן פון לעבן — איז דאָס אויף אייביק פאַרפאַלענע, פאַרשלונגען ווי אַ דימענט אין אַן אָפּגרונט פון זאַמד.

„עס ווינקען מיט שפּאַס דורכן סכך
די שטערן הויך־הויך אויף דער וואַך.״

(דאָרטן)

אַט די שטערן, וואָס האָבן אין אַלטערטום סימבאַליזירט דעם „כה יהיה זרעך״ (אַזוי וועלן זיין דיינע קינדער), די סך, די מענגע, דעם אָפּשטאַם און נאָכקומענשאַפט — ווינקען איצט מיט שפּאַט. די אור־אַלטע צוזאָגונגען קענען דעם יחיד, די זעלבסט־באַוואוסטזיניקע פּערזענלעכקייט, מער ניט באַפרידיקן. די נייע קומער וועלן ניט זיין איך. דער יעניקער, וואָס גייט אַוועק, וואָס ווערט פאַרצוקט אין מיטן וואַלד פון לעבן פון די ראַסן, און די מאַסן, די שורות פון דורות — קומט ניט צוריק.

„עס גייט פון פינצטערניש די שיף
אין פינצטערניש אַוועק.
באַווייזט זיך ליכט אין שוואַרצער טיף.
עס טריפט אַ שטראַלכל, טריף נאָך טריף,
און פלאַטערט אויפן דעק.
פון וואַנעט קומסטו, ליכטיקייט,
אין פינצטערניש צו גיין ?
צי ערגעץ פון אַ יענער־זייט,
צי גאָר פון מיר אַליין ?״

(„די שיף״)

די שיף פון עקזיסטענץ, פון דעם גאַנצן קאָסמאָס קומט און גייט אַוועק ניט־וויסנדיק פאַרוואָס, פאַרוועז, וואוהין און פון וואַנען. די שיף ווייסט אַפילו ניט, אַז זי גייט. דער יחיד און זיין באַוואוסטזיין איז דער קוואַל פון וואַנען דאָס שטראַלכל ליכט קומט. דאָס איז דער שעמעוודיקער, אָבער פאַרט, דרייסטער, און אפשר אַפילו חוצפּהדיקער „יהי אור !״.

די וועלט אַלס קאָנצעפּציע, אַלס ווילן און פאָרשטעלונג. זיין קומט פאַרן באַוואוסטזיין, און זיין באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין, אָבער דאָס איז נאָר דער אָנהויב. דערנאָך בייטן זיי זיך מיט זייערע ראָלן. דער לעצטער ווערט ערשטער, דער שפּעטערדיקער ווערט דער פאָרדעמיקער אַלעמאָל אין ציוויליזאַציע. דער סוף לויפט פאַרן אָנהויב אין דערוואַרטונג, אין דער־פילונג. די צוקונפט באַאיינפלוסט די קעגנוואַרט און אַנדערשט זי. און דאָס באַוואוסטזיין באַשטימט דאָס זיין.

די שיף פון לעבן גייט פון חושך צו חושך. אָבער דאָס זעלבסט־

באַוואוסטזיין שפּאַלט ווי אַ בליץ די מצרים־פינצטערניש, דער בליץ־שפּור באַווייזט זיך, דער טראָפּן ליכט פון דער מענטשלעכער נשמה, מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

„באַווייזט זיך וויסט און לער אַ שרעק,
וואָס וואַרפט מיט שאָטנס אויפן דעק
פון גאָרנישטיקער טיף.״

(דאָרטן)

דאָס ליכט האָט שאָטנס געבראַכט. די בענטשונג קומט מיט דער קללה. דאָס בוך וואָס אַנטהאַלט וזאת הברכה, אַנטהאַלט אויך די תוכחה. דאָס באַוואוסטזיין ברענגט אַנגסטן, איבערטראַכטונגען, טוישונגען און אַנטוישונגען, פּיין און ליידן. און שרעק באַווייזט זיך אויפן שוועל פון זעלבסט־וויסן.

די וועלט שרעקט זיך ניט. זי איז צו בלינד און צו פינצטער צו זען אַפילו די מאוימדיקסטע שרעק. דאָס לעבן בכלל ווייסט אויך פון קיין מורא ניט, האָט קיין פחד ניט פאַר זיין קיום. ער ווייסט ניט וואָס ער האָט, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער קיין פורכט ניט פאַר רויבער.

דער יחיד האָט מורא מ׳זאָל ביי אים זיין שאַץ, זיין אבן־טוב ניט צונעמען.

„פון וואַנעט קומסטו, שרעקיקייט,
אין גאָרנישטקייט צו גיין?
צי ערגעץ פון אַ יענער־זייט,
צי גאָר פון מיר אַליין?״

(דאָרטן)

גאָרניט האָט פאַר גאָרניט זיך צו שרעקן. דער יחיד פלאַטערט אָבער. זיין ליכט קען מען אויסלעשן, זיין אויג קען מען צומאַכן. מ׳קען אָבער ניט צושליסן די טיר פון בלינדקייט, פאַרריגלען די אויגלאָזיקייט.

„עס שטומט דער ברעג פון גאָרנישט טיף
און דעקלאָז שוואַרצט דער דעק,
און ווייטער, ווייטער גייט די שיף
אין פינצטערניש אַוועק.״

(דאָרטן)

עס שטומט דער ברעג. קיינער האָט קיין לשון ניט. אָן זעלבסט־

באַוואוסטזיין איז די וועלט מיט איר גאַנצן געטומל שטום און טויב, אָן דיבורים און אָן רייד, אַ פינצטערע גאָרנישטקייט, אָן אפס המוחלט.

„מען האָט מיך גערופן פון גאָרניט אָן שיעור
און איינער בין איך דאָ, נאָר איינער אַליין,
און לעב איך, דאַן לעבן די וועלטן אין מיר,
פאַרגיי איך, דאַן וועלן די וועלטן פאַרגיין."

(„אַליין")

דער באַהויפּטער און דער באַהויפּטעטער, דער באַשטימער און דער באַשטימטער, דער שרעקער און דער דערשראָקענער, דער באַלייכטער און דער באַלויכטענער — איז דער איך, דאָס זיך־באַוואוסטזיין. און מיט זיין פאַרגיין — פאַרגייט אַלץ, אַפילו די יענע יענע־זייט און אַפילו אָט־די, אָט־די זייט, וויילביידע זיינען זיי אַן אויסטראַימונג, אַן עמאַנאַציע פון איך, פון זעלבסטקייט.

„אַ שוואַרצער אָן־סוף איז פאָראויס,
אַ שוואַרצער אָן־סוף איז פון הינטן"

(„נאַכט-געמורמל")

און אין מיטן צווישן די צוויי אָן־סופן פון פינצטערניש שטייט דאָס מענטשן־קינד, אַ ליכטיקער טראָפּן, אָדער אַ זייל פון פייער, פון ברענענדיקער התלהבות פון אַן איינגערלעכן אויפגאַנג. ער איז שטאָלץ אין זיין געבראָכנקייט; ער פרייט זיך אין זיינע ליידן. ער איז זיכער אין זיין צווייפל; ער איז רואיק אין זיין נערוועזיטעט. אַ גאָט אַ געפאַנגענער אין אייגענעם נעץ, פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג פון אייגענעם פלייש און ביין. ער האָפט אין זיינע פאַרצווייפלונגען, ער זיגט אין זיינע נידערלאַגעס. ווייל ער ווייסט, אַז ער איז דער איינציקער ווייסער, דאָס איינציקע זעלבסט־באַוואוסטזיניקע וועזן. און אַלדאָס גוטע און אַלדאָס בייזע, אַלדאָס מילדע און אַלדאָס ווילדע, אויב דאָס פליסט פון אים אַליין ניט אַרויס, איז ער דער איינציקער וואָס איז בכוח עס אויפצופאַסן און אָפּצושאַצן, עס אָנצורופן און עס אָפּצורופן. און ניט נאָר ווייסט ער זיין קעגנוואַרט, ער ווייסט פאַר־אויס זיין צוקונפט, און ער ברענגט צוריק זיין פון קדמונים־אָן פאַרקלונגענע, פאַרדופטעטע פאַרגאַנגענהייט.

„מיין זיידע, פון שטיין־קויל עפּאָכע, געוויס
האָט אויך שוין געהערט אָט דאָס זשומען;

געוועזן איז ער דעמאָלט אַ פיש
און שטענדיק אין וואַסער געשוואומען."
(דאָרטן)

„ווייניק מיין האָרץ פאַר שפלות, ווי עס ווייניק מיין זיידע,
זיינען מיר דאָך, ער און איך, די זעלבע ביידע."
(„צווישן די שנייען")

און דער זיידע — דאָס איז ער אַליין.

„אַ, הייליקער זיידע! און ביזטו אַליין
מיין איך, מיין באַגער אַזוי גלויביק."
(„אייביקן אייביק")

סיי דער זיידע דער צדיק, סיי דער זיידע דער פיש, סיי דער זיידע דער הייל־וואוינער — דאָס איז ער אַליין אין פאַרשיידענע עטאַפּן אויפן לאַנגן וועג פון אינערלעכער קולטור.

און פון דער אַזוי־מרחקימדיקער פאַרגאַנגענהייט ברענגט ער זיין פּראָזשעקטאָר־בליק און הייסט אים באַלויכטן זיין פאַרוויטערטע צוקונפט.

„אַ יאָר ביליאָן נאָך! וועט אַפּילו דער ווינט
שוין מער זיין געמורמל ניט טרייבן;
די זון לעשט זיך אויס און פאַרשווינדט,
און שטילקייט און פינצטערניש בלייבן."
(„נאַכט-געמורמל")

און זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין שוועבט, ווי דער שאַפנדיקער גייסט פון בראשית איבער די פינצטערע וואַסערן און גרונטלאָזע תהומות, איבער שטילקייט און פינצטערניש, און באַלויכט זיי און באַזעלט זיי. איבערן תוהו פון צייט, פון ביליאָנען יאָרן פאַכעט דער ווייסער פליגל פון גרויסן איך, דער פליגל און זיגל פון זיך.

דער דרייסט פון דורכבויערן די וואַנט, די טויבע וואַנט פון ביליאָנען יאָרן — איז ליכטיקער פון דער זון, די לבנה און די שטערן. אָט די וואַגונג פון פּראָפּעציייאונג, פון פאַרלויפן אַזוי וויט פאַראויס מיטן בליק, טראָגט מיט זיך אויפן פלייצע לאַגלען פול מיטן אור־הגנוז, מיטן אינערלעכן שיין, וואָס קיין פינצטערניש קען עס ניט באַנעמען.

„ווי שטום איז די נאַכט און דער סוד אַזוי טיף!"
(דאָרטן)

דער סוד איז טיף, אָבער ווער איז דער בעל־סוד?! און ווער איז דער פּרעגער?! דער פּרעגער איז גרעסער פון דער פראַגע און דער בעל־סוד איז גרעסער פון סוד.

אייביקייט איז אַ צערטלעכע מוטער. זי האָט געבוירן אין פריידן און ליידן אַ בן־יחיד, און האָט אים אַ נאָמען געגעבן „רגע". זי האָט אים גענערט מיט איר זאַפטיקער ברוסט. זי האָט אים געלערנט צו גיין און צו רעדן דאָס לשון פון מענטשן, און צו וואוינען צווישן די שטערבלעכע און זיך שפּילן מיט די מענטשן־קינדער. און רגע שפּילט זיין אָפּנאַר־שפּיל, אַ בלענד־נאַרעריי. רגע פאַרווילט די מענטשן־קינדער מיט זיינע אַנ־לאָקנדיקע סיפּורי־נפלאות, ער אַמוזירט זיי מיט משונהדיקע העוויות פון פּאַסירונגען און פאַרקרימענישן פון געשעענישן.

די פאַרניינונג פון צייטווייליקייט איז אָבער דער אָנהויב פון קלוגשאַפט און גליקזעליקייט. די רגע איז אַן אייביקייט אין מיניאַטור. אין איין שמייכעלע אויפן פּנים פון אַנטציקונג ברענט אַ זון פון אייביק־טאָגנדיקן טריאומף. עס איז גרינגער פאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורך אַ גאַנצן מדבר פון נאָדלען־אויערלעך, איידער פאַר דעם, וואָס איז ניט איך־באַוואוסטזיניק, צו טרעטן אויף די שפּיצן פון געבענטשטקייט, אויף דעם הייליקן באָדן פון לאַנד וואָס טריפט מיט מילך און האָניק, מילך פון די מילך־שטעגן און האָניק פון די בינשטאָקן פון טרייסט און גאולה.

„איך ווין פאַרן גרויסן באַליכטער אין האַרצן
און בעט אין מיין עלנט צו דיר אַזוי שטום:
אַ, כישוף אַרויס מיך פון גאַרנישט פון שוואַרצן!
אַ, ראַטעווע מיך פון דער טויטקייט אַרום!"

(„אין דער פרי")

און זיין געבעט ווערט צוגעהערט. ווייל ס'איז אַ תפילה־שבלב, אַ געבעט אין האַרצן צום אייגענעם האַרצן, אַ געבעט צו דער זון פון גייסט, צו די שעפערישע כוחות וואָס אין מענטשלעכן זשעני, כוחות וועלכע ווייסן ניט פון מידקייט און דערשעפּונג. דער גרויסער באַליכטער איז מענטשנס זעלבסט־פאַרשטאַנד. די קוואַלן וואָס אין זעל פון מוטער־בן־אָדם זיינען פאַרחתמעט מיט וואַקס פון רוטינע. פּאָעטיש וואָגן, פּאָעטיש חוצפה רייסן אַראָפּ די חתימה און די קוואַלן עפענען זייערע פאָנטאַנען און שפּריצן מיט חידושים און אויפטוענישן אין דער באַשאַף־נאַטור און מענטש, דער באַ־שאַף און באַשעפער, ווערן איבערגעפורעמט פון דאָס־ניי. אַ ניי קלאָר

זעלבסט־באַוואוסטזיין טאָגט אַרויס פון לפני־ולפנים, פון די אינערלעכקייטן פון דער נשמה, און נייע זעקס בראשית־טעג ווערן באַשאַפן, און אַלע זעקס טעג ווערן דער זיבעטער טאָג, דער יום שכולו שבת...

„. . . נאָך וואונדערלעך הערן אַמאָל
פון זון־בערג אַן אַנזאָגערס קול:
דער אויפקלערער קומט."

(„אַליין")

דאָס ליכט פון אינערלעכן מזרח, און דער דערלייזער און דער אויפקלערער טויכן אַרויף פון די טיפענישן פון מענטשלעכן זעלבסט־באַוואוסטזיין, פון די תהומות פון איך, פון די אָפּגרונטן פון זיך קומט דער פאַקל־טרעגער, דער אמתער משיח...

„פאַנגט אים די זעאונג פון שבת אָן ענד,
האָט ער זיך ענדלאָז אַליין אויך דערקענט."

(„יום שכולו שבת")

און אין דעם דערקענען ליגט דער ליכטיקער ענטפער צו אַלע פינצטערע פראַגן. און אין דעם דערקענען זיך ליגט פאַרזיגלט דער יין־המשומר, דער שטאַרקסטער ווייַן פון עקזאַלטאַציע און פראָפעטישער שיכרות און זעאונג.

„קומט ער נאָך צוריק, דער העלד אָן פורכט און טאַדל,
מיטן אַלטן אייזן, מיטן אַלטן אַדל?"

(„דאָן קיכאָט")

מיטן אייזערנעם ווילן און אייזערנער באַשלאָסנקייט און מיט דער אַלטער אייביק־נייער איידלקייט פון גייסט און זעל.

„איז די וועלט שוין מיד פון צווייפל און פון פראַגן,
קומט ער ווידער מיטן וואַנזין פון זיין וואָגן?"

(דאָרטן)

לעבן ,שאַפן, טרוימען, וואַכן, וועקן, זעלבסט־באַוואוסטזיין און איך־זיך־זינען איז דער שפּיץ פון וואַנזין פון וואָגן.

ראַדיקאַלע נאַאיוויטעט האָט געמיינט און באַהויפּט, דאָס די אויפּ־פאַסונג אַז מענטש באַשאַפט זיין גאָט אין זיין אייגענער געשטאַלט און

גלייכעניש באַצייכנט דעם סוף פון פּאָעטיש־רעליגיעזער אינספּיראַציע, בשעת, באמת איז דאָס גאָר דער ראשיתדיקער אָנהויב. דאָס איך־באַוואוסט־זיין, דערהויבן צו איך־גאָט־באַוואוסטזיין, איז דער ריינסטער קוואַל פון טיף־האַרציקער און הויך־נשמהדיקער פּאָעטישער שאַפונג.

„און איז מיין שאָטנדיקע זינד
דער שאָטן דיין —
דער שאָטן פון דיין ערד וואָס שווינדט
צוזאַמען מיט מיין זיין;
און איז דיין ערד ניטאָ,
פאַרבלייב איך ליכט אין דיר,
אין העל־געוועלבטן בלאָ
אָן שיעור אין דיין אָן־שיעור.״

(„פון דיר צו דיר״)

וויילביידע קעגנזאַצן זיינען געבאָרן פון מענטשלעכן טראַכטן, פילן און אויפפאַסן. סיי די זינד, סיי די טוגנט ,סיי דאָס ליכט און סיי דער שאָטן — זיינען מענטשלעך, און אמת־מענטשלעך איז אמת־געטלעך און אמת־געטלעך איז אמת־מענטשלעך און מענטשנס שאָטן איז גאָטס שאָטן. ווייל מענטש און גאָט איז איין און דאָס אייגענע, מענטשנס שאָטן פאַר־שאָטנט די שכינה. און מענטשנס גלות האַלט די שכינה אין גלות. און דער שכינהס ליכטיקייט באַלויכט דעם מענטשן, ווייל זי שיינט אַרויס פון מענטשנס אינערלעכקייטן פון באַוואוסטזיין, און דער אָן־שיעור און דער אין־סוף, און דער אָן־מאָס און דער אָן־וואָג, ווי דער שיעור און סוף, און מאָס און וואָג זיינען מענטשלעכע השגות און מחשבות, מענטשלעכע אויפטועונישן.

„איך בין דיין טרויס עקסטאַז, דיין ברען,
דיין לוסט, וואָס איז
אַרויסגעפלאַמט פון דיר געווען
אין געטלעכן קאַפּריז.
און שאַטנסטו אין מיר
אין מיין פאַרגאַנגלעכקייט,
איז לויכט איך אויף אין דיר
צוריק אין אייביקייט.״

(דאָרטן)

ווייל דו ביזט באמת מיין טרוים, מיין התלהבות, מיין ברען פון שאַפונג, מיין וואַגונג, מיין חשק, מיין תאווה צו צעשמעלצן און איבערשמעלצן זיך און אַרויסשפּייען מיין אַפּפאַל. און איך האָב דיך באַשאַפן אין מיין מענטש־לעכן־איבערמענטשלעכן קאַפּריז. און איך לייכט אין דיר, אין מיין גרויסער יצירה, אין מיין שעדעווער. און פון מיין אייגענעם מאָמענט אייל איך צו דיר, צו מיין אייביקער אייביקייט. און פון מיין שאָטן גיי איך צו מיין ליכט, און פון מיין ליכט אייל איך צוריק צו מיין שאָטן, און זייענדיק מענטש האָב איך אַ גאָט אויסגעטרוימט, און זייענדיק אַ גאָט האָב איך אַ מענטשן אויסגעטראַכט און אויסגעדאַכט. וויילביידע זיינען אַ צווילינג, געבאָרן פון איין מוטער און איין פאָטער — דער מענטשלעכער געדאַנק און עקסטאַז.

„און זוכסטו ערדיק שטראָפן מיך\
אין שאָטן דאָ —\
איז ווייסטו געטלעך דאָך, אַז איך\
בין אויסער דיר ניטאָ.\
און טוסטו דיין גנאָד\
אין צאָרן אָפּ פון מיר —\
איז וועל איך לויפן, גאָט,\
פון דיר צו דיר."

(דאָרטן)

פּלאָטינוס האָט געזאָגט, אַז די אויפגאַבע פון רעליגיע איז מאַכן מענטשן פאַר אַ גאָט. דאָס איז קיין אויפגאַבע ניט. מחמת דאָס איז לאַנג אויסגעפירט געוועזן בשעת מענטש האָט זיין גאָט באַשאַפן. די אויפגאַבע איז ניט מענטשן פאַר גאָט מאַכן, נאָר מענטשן גאָט־באַוואוסטזיניק — איך־באַוואוסטזיניק צו מאַכן. און צו זיין איז גרינגער ווי באַוואוסטזיניק צו זיין. צו זיין אַ גאָט איז קיין גרויסער אויפטו ניט — צו זיין באַוואוסטזיניק אַ גאָט — דאָס איז שווער, זייער שווער.

„אילו ידעתיו—הייתיו", דער שפּרוך פון יידישן פילאָסאָף: „ווען איך וואָלט אים דערקענען, וואָלט איך געווען ער" — אַנטהאַלט דעם אייגענעם טעות, עס שיקט פאַראויס באַוואוסטזיין פאַרן זיין, אַזוי ווי עס וואָלט געווען פשוטער צו וויסן איידער צו זיין. בשעת דער פאַל איז פונקט פאַר־קערט. עס איז לייכטער צו זיין אַ גאָט ווי צו וויסן אַז מ'איז אַ גאָט:

„איז וויסטו געטלעך דאָך, אַז איך
בין אויסער דיר ניטאָ." —

און ווייס איך מענטשלעך דאָך, אַז דו
בינסט אויסער מיר ניטאָ,
און טו איך מיין גנאָד
אין צאָרן אָפּ פון דיר —
וועסטו לויפן, גאָט,
פון מיר צו מיר. —

אָט אַזאַ ענדונג בעט זיך צום ליד.

און דער וועג איז דער לענגסטער און דער העכסטער און דער דאָרנ־דיקסטער — דאָס איז דער וועג פון זיך צו זיך, פון ליכט צום ליכט פון באַוואוסטזיין.

און אָט דער פּערל, וואָס ליעסין האָט אונדז אַרויסגעשעפּט פון די טיפענישן פון זיין פאַרוויקלטער נשמה, איז דער שענסטער פּערל וואָס אַ פּאָעט אַ טויכער האָט אַמאָל אַרויפגעבראַכט פון תהום פון מענטשלעך באַוואוסטזיין. און אַ שיין לייכט אַרויס פון דעם ליד, וואָס פאַרנעמט דאָס האַרץ און פאַרבלענדט דאָס אויג. אַזאַ ליד האָט געמעגט אַריין אין ספר תהילים און זיך אַוועקשטעלן דאָרטן פאַר די הללויהס.

ו.

מענטש און וועלט

אויפן קאָסמישן באַוואוסטזיין, קאָלעקטיווער איך־גאָט, דער אנוכי פון דער אומה, און דער איך פון דעם אוניווערסום, איז געבויט די וועלט־אַנשויאונג פון ספר דברים און די פּראָפעטן.

ספר דברים באַזירט זיך אויפן טעזיס, אַז עס עקזיסטירט אַן אָפּהענגיקייט צווישן מענטשן־אויפפיר און דער הנהגה פון דער וועלט. דער הויפּט־געדאַנק איז, אַז די פיזישע סביבה איז אונטערגעוואָרפן דער יורידיקציע פון דער סאָציאַלער סביבה. און די פיזישע נאַטור מאַכט נאָך דער סאָציאַלער נאַטור. ווען מענטשן זינדיקן, זיינען מזנה, איז די ערד מזנה.

די תוכחה וויזט קלאָר, אַז זיי האָבן געגלויבט, אַז פיזיאָלאָגיע, סאָציאָ־

לאָגיע און פיזיק זיינען איין קנויל, איין קניפּל. אויב זיי וועלן ניט גיין אין דרך־הישר, וועלן זייערע אייגענע קערפּערס ווידערשפּעניקן קעגן זיי. קראַנקהייטן וועלן קומען. „כל המחלה אשר שמתי במצרים". דער פּאָ־ליטישער סדר ווערט צעשפּליטערט. און די פיזישע סביבה רעוואָלטירט קעגן זיי. די הימלען ווערן קופּער, די ערד ווערט פאַרשרפּעט און זי שפּייט אויס די איינוואוינער. און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער ביבלישער דיכטער נעמט אַריין אין זיין אודיטאָריע הימל און ערד. דער קאָסמישער מאָטיוו איז שטאַרק — אָבער ער איז זייער פּרימיטיוו.

איין זאַך איז דאָך קלאָר. די וועלט און איר שטייגער ווענדט זיך אין מענטשנס פירונגען, און ניט פאַרקערט. ניט נאָר שבת, דער רו־טאָג, איז געמאַכט געוואָרן פאַרן מענטשן, אַלע זעקס טעג זיינען פאַר אים געשאַפן געוואָרן, מיט אַלץ וואָס זיי האָבן באַשאַפן. ער איז געקומען אויפן זעקסטן טאָג — כדי צו געפינען אַלץ צוגעגרייט פאַר אים (מדרש).

ביי א. ליעסינען, ווי ביי אַלע גרויסע יידישע מקובלים, לאָזט זיך הערן דער קאָסמישער מאָטיוו, ניט פון בודיסטישן נוסח, נאָר פון חומש און די פּראָפעטן.

דער מענטש גייט ניט, ווי ביי בודהאַן, צו דער וועלט, זוכן שטיצע, זוכן אַן אָנהאַלט, אַן אָנשפּאַר, זוכן הילף. עס איז פּונקט דער היפּוך:

„דאָס הילכט פון דער וועלט אַזוי שווידערלעך: העלף!"
(„אַ נאַכט אַזאַ")

ניט מענטש רופט צו דער וועלט, זי זאָל קומען און זיך אָננעמען פאַר אים, פאַר זיין קריוודע, נאָר די וועלט רופט צום מענטשן, צום גבר: העלף! ראַטעווע מיך, איך גיי אונטער! איך זינק!

דער מענטש איז דער באַלעבאָס. ער נעמט אויף די וועלט. זי איז זיין גאַסט. ער לאַדט זי איין צו זיך. ער איז דער מכניס אורח. ער דער־באַרעמט זיך איבער איר. ער האָט רחמנות ניט אויף זיך, חס־ושלום. ער האָט רחמנות אויף דער וועלט, וואָס ליידט נעבעך, און קען אַפילו ניט ליידן, קען אַפילו ניט זינדיקן, קען ניט נאָר גוט ניט זיין, קען אַפילו שלעכט ניט זיין.

„גייט ער צופוס אַ פאַרשטעלטער,
אַפריכטן שטילערהייט גלות."

(„גייט דער צדיק אַפריכטן גלות")

איז וואָס מיינט איר עפּעס? אַז ער אַנטלויפֿט פֿון זיך, פֿון זיינע שמערצן, יסורים, און ער זוכט רו אין איר שויס?

ניין, דאָס גייט ער זיך אַנגעמען פֿאַר די קריוודעס און עוולות פֿון דער וועלט. ער גייט צופֿוס... די וועלט רייט אין קאַרעטן געשפּאַנט צו די פֿערד פֿון גראַוויטאַציע. אָבער דאָס איז גאָרניט. דאָס איז אַלץ לאַוור־דוווקא. ער, דער פֿוס־גייער, איז רייכער פֿון דער וועלט, וויכטיקער פֿון דער וועלט. ער גייט זיך ניט פֿאַרלירן אין דער וועלט און אויפֿגעבן זיין עקזיסטענץ און זיך פֿאַרפֿאַרן מיט דער וועלט און געניסן פֿון איר קאַלטער גדולה און עשירות.

ניין, טויזנט מאָל ניין! ער גייט דער וועלט זאָגן, אַז די זאָל אַ ביטול־היש ווערן, זי זאָל זיך אין מענטשן באַהעפֿטן. ניט דער מענטש איז דער נצרך און דאַרף אַנקומען צו דער וועלט. די וועלט דאַרף אַנקומען צום מענטשן. ניט דער מענטש ליידט און די וועלט ליינדערט זיינע שמערצן. פֿאַרקערט, די וועלט איז פֿאַרלעצט און מענטש האָט מיטלייד מיט איר. ער היילט אירע וואונדן. ער קען ניט צוזען איר נידעריקייט, איר חומר, איר שפּלות.

„גייט ער, אין וואַרטונג אין פֿריידיקער,
דרייסט צו אַ ניי לעבן פֿריי —
מיט אַ נשמה אַ לײַדיקער
אויפֿנעמען וועלט פֿון־דאָס־ניי."

(דאָרטן)

ווער נעמט וועמען אויף? ניט די וועלט דאָס מענטשן־קינד, נאָר דאָס מענטשן־קינד דאָס וועלט־קינד. מחמת זיין „באַוואוסטקייט" איז מעכטיקער, רייכער פֿון דער גאָרער וועלט. מחמת ער שטרעבט נאָך שלימות און ער וועט עס דערגרייכן — און זיין עובדא איז צו פֿאַרריכטן די וועלט.

אַזוי ריכט דער פּאָעט — דער זינגער — אָפּ זיין גלות. ער האָט אַ מיסיע. ער איז ניט ווי געטהעס זינגער, וואָס „זינגט ווי דער פֿויגל זינגט, וואָס אין די צווייגן וואוינט", און קימערט זיך וועגן קיין זאַך ניט. ער איז ניט ווי פּושקינס פּאָעט, וועלכער איז אַן עכאָ, אַן אָפּקלאַנגער פֿון גע־שעעניש און פּאַסירונגען, וואָס פֿאָטאָגראַפֿירט דעם מענטש און חיה, און נעמט אַראָפּ אַן אָפּדרוק פֿון זייער שרייען און רעווען, און איז אָפּגעזונדערט פֿון נביא, וועלכער איז „פֿאַרצערט פֿון גייסטיקן דורשט" און „ברענט מיטן וואָרט די הערצער פֿון מענטשן". ביי ליעסינען, נאַטירלעך, איז די

צעשפּאַלטונג ניטאָ. נביא און זינגער און צדיק זיינען איין פּערזאָן. דער זינגער דאַרף מתקן זיין די סאָציאַלע וועלט און די וועלט פון געמיט:

„ער גייט מיטן יום־טוב פון טענער
הויף־איין און הויף־אויס און באַלויכט,
און אַלץ וואָס איז מיאוס ווערט שענער,
און אַלץ וואָס איז שפל — דערהויכט."

(דאָרטן)

אויב עס איז עפּעס דאָ ניט גלאַט, אַ מכשול, אַ חסרון — איז דאָס די שולד פון דער וועלט, ניט די שולד פון מענטשן, און ענדערן, איבער־אַנדערשן דאַרף מען זי — ניט אים. און ער וועט זיין דער יעניקער, וואָס וועט מאַכן די תקנות, די רעמאָנטן, און מאַכן זי פולקומען דורך זיין פולקומענהייט.

„לאָזט ער זיך דרייסט צום פאַרשפּאַרכענעם
ערגעץ אין לויטערער ווייט —
שטייגן אין מוט ניט געבראָכענעם
הויך ביז צו פולקאָמענהייט."

(דאָרטן)

און די וועלט, וואָס טוט מען מיט איר? אויב מענטש וועט אַרויפשטייגן אַזוי הויך, צי וועט ער זי איבערלאָזן בשפל המדרגה? ער וועט זי הויך דערהויבן, אויפהויבן צום מענטשן:

„אַ, אוניווערזום, איך פאַרלאַנג אַלץ וואָס דו פאַרלאַנגסט." *)

ניין, ניט דאָס. מענטש פאַרלאַנגט, אַז דער אוניווערזום זאָל פאַרלאַנגען, ווייל אַן מענטשן קען ער עס ניט באַוויזן. ער האָט קיין פאַרלאַנגען ניט. און אַז ער וועט קריגן פאַרלאַנגען — וועלן זיי דיקטירט זיין פון מענטשן. ניט דער מענטש וועט פאַרלאַנגען וואָס די וועלט פאַרלאַנגט, נאָר די וועלט וועט פאַרלאַנגען וואָס דער מענטש פאַרלאַנגט...

„. . . ווייל טריאומף דער גרעסטער איז טריאומף פון גייסט,
ווי ער באַצווינגט דעם גוף, און גרויסע וואונדער ווייזט."
(„פראַנציסק פון אַסיזי")

---

*) מאַרק אוירעליוס.

און בכדי דער טריאומף זאָל זיין פאַרפולט, מוז ער באַזיגן דעם גוף פון דער וועלט, דעם גראָבן חומר פון דער פיזיק.

דער סינטעז צווישן מענטשן און דער וועלט איז ניט דער זעלביקער וואָס ביי די בודהיסטן און בודהיסטיש־געזאָנענע ניט־יידישע דיכטער. אויך די באַציאונג צווישן פּאַסיוו און אַקטיוו איז אַן אַנדערע. מענטש איז דער אַקטיוו, דער משפיע, די וועלט איז דער מושפע, דער מקבל־השפעה.

„אַ, אָפנאַר, וואָס דערהויבט, . . .
און אַלץ באַשיינט, באַלויכט.“

(דאָרטן)

און דער אָפנאַר, דער ליכטיקער אויסדוכט, דער שיינענדיקער אויס־טראַכט איז ניט אַ פאַרווירטע ווירקלעכקייט, נאָר אַ זעאונג וואָס וועט נאָך אָנטאָן פלייש און בלוט פון אמתער רעאַליטעט. דאָס איז דאָס באַוואוסטזיין, וואָס טורעמט איבערן זיין און פורעמט אים איבער.

„זינגען אין כאָר אין דערוועקטן,
פול מיט געבעט און אַנטציקן
פויגלען אַרום און אינסעקטן,
גיט ער זיי אַלעמען תיקון.“

(„גייט דער צדיק אַפריכטן גלות“)

ער לערנט זיך ניט זינגען ביי די פויגלען — נאָר ער לערנט די פויגלען ווי צו זינגען. ער גיט זיי אַ תיקון — ניט זיי אים...

מענטש פאַרריכט די וועלט, ניט די וועלט פאַראָוועט דעם מענטשן.

„וויפיל האָט שוין דיין קנעכט אין דיין נאָמען דיין ליבן
בלודנע נשמות פון שרצים געטריבן
און פון עולם התוהו, פון זומפּ און פון נאַכט
אין דעם עולם התיקון געבראַכט.“

(„עלית נשמה“)

מענטש גייט איבערבויען די וועלט לויט זיינע השגות, לויט זיין פאַר־שטאַנד נאָך. ער וועט זי דערהויבן און מאַכן פון איר אַן עטישעס וועזן, אַ מאָראַלישע פערזענלעכקייט וואָס איז מחוייב במצוות.

ווייטער. דאָ איז ניטאָ קיין נירוואַנע. אַ ייד קען ניט רוען. און זיין וועלט קען ניט רוען. ער וועט איר קיינמאָל צו רו ניט לאָזן. און אַט טאָקע

דערפֿאַר האָט מען דעם יידן אַ שבת געגעבן, און זיינע אידעאָלאָגן האָבן זיך באַמיט מיט קייטן פֿון שטאַרקע געזעצן און אומבררחמנותדיקע שטראָפֿן צו פֿאַרשמידן און צווינגען — זיך אָפּצורוען. אַניט וואָלט ער קיינמאָל ניט רוען. אַ ייד איז אַן אומרו.

„ר׳ חייא דער זון פֿון אשי האָט געזאָגט, אַז רב האָט געזאָגט, אַז תלמידי־חכמים האָבן ניט קיין מנוחה ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ׳זיי וועלן גיין פֿון מעכטיקייט צו מעכטיקייט׳ [תהילים פ״ד, ח׳].״ (סוף מסכתא ברכות און סוף מועד קטן.)

„אָ, גיב מיר אין ברען פֿון דעם הימל־יאַריד
דיין אייזיקן אָטעם צו פֿילן,
דעם מאַרך דעם צעהיצטן צו שטילן . . .
אָ, גיב מיר, פֿון קילנדער רו אַ באַרויבטן,
דיין פּראַכט שטילע צפֿון נאַכט רו.״

(„מידקייט״)

צי אַ יאַריד אויפֿן הימל, צי אַ יאַריד אויף דר׳ערד, אַ ייד קען ניט רוען.

די כינעזער האָבן קיין שבת ניט. זיי דאַרפֿן עס ניט האָבן. זיי רוען זיך אויס גאַנץ שבת־קודשדיק אין־מיטן־דער־וואָך. דאָס אייגענע די היני־דוסן. זיי זיינען פֿאַרחב״דטע, פֿאַרשלייערטע אין חלומות און אַריינ־טראַכטונגען. קענט איר פֿאַרגלייכן זייער „אָם״ מיט אונדזער „שמע ישראל!״?

די בראַמינען, אַז זיי האָבן זיך גענומען פֿאַר מעשה־בראשית, האָט עס זיי גענומען — הונדערט טריליאָן פּאַליעס יאָרן.

וואָס איז אַ פּאַליע?

אַ פּאַליע איז דער משך פֿון צייט וואָס וואָלט נעמען אַ פֿייגעלע אויס־צולײדיקן אַ ברונעם, אַ מייל אין קוואַדראַט, אָנגעפֿילט מיט דינע האָר, ווען די פֿויגל וואָלט אַוועקגעטראָגן איין הערעלע אין יעדער מאה יאָרן.

אַ ייד — איז „עמא פזיזא ישראל״. צו שאַפֿן די וועלט האָט עס גענומען בסך־הכל זעקס טעג און ער האָט זיך נאָך באַקלאָגט, אַז עס האָט געדויערט צו לאַנג. „מיט צען מאמרים איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן... מ׳האָט דאָך עס געקענט באַשאַפֿן מיט איין מאמר...״ (אבות, ה׳, א׳.)

דאָ זעט מען ווי ווייט איז דאָס יידישע קאָסמאָס־באַוואוסטזיין פון בודהיסטישן.

מענטש — ניט נאָר ער גייט ניט צו דער וועלט זוכן דאָרטן אָפּרו, נאָר ער גייט צו דער וועלט און ברענגט איר זיין האַרץ פול מיט שטורעם, מיט געפילן, מיט עקסטאַז, מיט התלהבות, ער ברענגט איר זיין אומרו.

„אָ, איך דערקען אים און פאַרגיב
דעם שטורעמדיקן שפּילער!
ער ווערט מיר מיט זיין אומרו ליב
אין איינזאַמקייט אין שטילער.‟

(„די הייזקע אויפן באַרג‟)

„אַלץ גרינינקע אַלע אין ליידנשאַפט ברויזנדער
וואָס טוען פאַרכישופט זיך לאָזן.‟

(„אַ נאַכט אַזאַ‟)

די וועלט וויל ליעסין אויף זיין פּאַטעטישן שטייגער, פּונקט ווי די מקובלים אויף זייער מיסטישן שטייגער, — פאַר אַ מענטשן־קינד מאַכן, שענקען איר האַרץ און ליידנשאַפט, שטרעבונגען, פאַרלאַנגען און אַנטוישונגען — ניט נירוואַנע.

לויטן גריכישן אָדער בודהיסטישן פאַרשטיין איז די וועלט דער טעזיס, מענטש דער אַנטי־טעזיס און דער סינטעז איז מענטש מיט וועלט פאַרבונדן, מיט דער אויבערהאַנט פון דער וועלט.

לויטן יידישן פאַרשטיין איז דער מענטש דער טעזיס, וועלט דער אַנטי־טעזיס און דער סינטעז איז וועלט און מענטש צוזאַמען אונטער דער סואווערעניטעט פון מענטשן.

און דער קיום, דער גאַנצער קאָסמאָס, די גאַנצע סדרי־בראשית, די גרויסע שטאָלצע געביידע, די אוניווערסום־אַרכיטעקטור, דער קאָלאָסאַלער באַשאַף — ווערט אינספּעקטירט און פאַרדאַמט, דער געבוי טויג ניט.

„וועט מען שוין קיינמאָל ניט ווערן אַנטרונען
פון סיסטעמאַטישער וויסט?‟

(„שאָטנס‟)

ליעסין זעט דעם תוהו אין זיין, דעם „וויסט‟ און לער וואָס קוקט אַרויס דורך די שפּאַרונעס פון דעם סיסטעם. ער זעט דעם כאַאָס וואָס ליגט אין קאָסמאָס, וועלכער איז נאָר אַ דינער ווענער און דעקט כלומרשט

צו פון אויג פון אויבערפלעכלעכן באָבאַכטער די כאַאָטישקייט, די אומ־פרינציפּיעלקייט, די ניט־אויסגעהאַלטנקייט פון „קאָסמאָס“, פון דער אָרדענונג. ער זוכט די נשמה אין גוף פון דער וועלט, און געפינט זי ניט — און ער פאַרמשפּט דעם קערפּער און טראָגט אַרויס זיין פּסק־דין איבער דער וועלט.

„שפּיר איך, געשאַרפט אין מיין פּיין אין פאַטאַלן,
זייער פאַרבאָרגענעם פּיין —
ניט פון אַ תוהו אַ קאַטאַסטראָפאַלן,
נאָר פון אַ תוהו פון זיין.“

(דאָרטן)

ליעסין שפּירט דעם פּיין פון דער וועלט, דעם צער פון יצירה, פון שאַפן דאָס ניט־דערשאַפענע, דאָס הויבן דאָס ניט־דערהויבענע, דאָס דיס־ציפּלינירן דאָס ניט־דיסציפּלינירטע, און ער זעט דעם קאָסמאָס — ווי ער פאַלט און ליגט און זינקט אין כאַאָס. אָבער דער כאַאָס איז ניט פון צעפאַלן, פון צעשפּליטערט ווערן, פון צוזאַמענברעכן פון קיים, פון דער ווירקלעכקייט, דאָס איז דער איינגעפונדעוועטער כאַאָס וואָס ליגט אין עצם עקזיסטענץ, אין זיין — כל־זמן עס איז אָן אַ באַוואוסטזיין. דער קאָסמאָס איז קיין קאָסמאָס ניט, די וועלט־אָרדענונג איז קיין אָרדענונג ניט — כל־זמן די וועלט איז ניט קיין פּסיכאָלאָגישעס וועזן און איז ניט פאַר־נשמהט — און דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו איז ניט אויפגעקריצט אויף זיין שטערן.

אַ תוהו־ובהו קוקט אַרויס פון יעדן קעגנשטאַנד, פון יעדער פאַסירונג, פון דעם גאַנצן סדר־העולם, פון די גאַנצע מעשי־בראשית. און דער תוהו מוז באַזיגט און באַצוואונגען ווערן.

„וכבשוה“ — מענטש מוז זיך באַצווינגען דורך אַ העכערער מדרגה פון זעלבסט־באַוואוסטזיין און דעמאָלט וועט ער די וועלט באַצווינגען — דאָס איז דער גרויסער געבאָט פון וועלט־פּאָעזיע. אָן איבערוועלט מוז גע־שאַפן ווערן, ווייל דער באַשאַף איז קיין ריכטיקער באַשאַף ניט, נאָר אַ מאַטערניש און אַ פּיין, די געטלעכע כוחות שאַטענען...

און אַזוי ווי דער כאַאָס פון אינעווייניק ווערט דערהויבן, קריגט אַ תיקון דורך דאָס איך־באַוואוסטזיין וואָס שאַפט אַ פּסיכאָלאָגישן קאָסמאָס פון אַ פּסיכאָלאָגישן כאַאָס, טרייבט די נאַכט און פינצטערניש און הענגט אויף אַ זון פון ליכט פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, פּונקט אַזוי וועט דער

דרויסנדיקער כאָאָס באַזיגט ווערן דורכן אַרויפשטייג פון מענטשן, און דער מאַקראָקאָסמאָס וועט באַהערשט ווערן פון מיקראָקאָסמאָס, די קליינע וועלט וועט איינגעמען די גרויסע וועלט, דאָס אינערלעכע וועט זיגן איבער דאָס אויסערלעכע.

וואָס איז די עקזיסטענץ?! וואָס איז דאָס לעבן?!

„הוילן, גראָ־פאַרהוילן, הויפן זיך און הויפן,
חושכס סקרוכענע אַרויס פון וואַסער טראַכט,
שוואַרצן דורך, ווי טויט געדאַנקען, ניט גערעכט.
שיפן ווי געשפענסטער, שאָטענען און לויפן
אַ מאָמענט — און אַ צונויפשטויס קראַכט.״

(„שווימען מיר״)

אַט אַזוי משוגענערווייז לויפן אַרום די פּלאַנעטן, די הימל־שיפן אין די וואַסערן פון עטער, צווישן זיי אונדזער שיפל, די ערד, דאָס שטיק האַלץ.

און וואָלט עס כאַטש אונטערגיין, וואָלט צו דעם כאָאָס אַ סוף געמען! אָבער ניין, אַט די פאַרווירונג און צעמישונג, אַט דאָס קראַכן און באַנק־ראָטירן כסדר איז דער עצם מהות פון דער פירמע וואָס הייסט קיום, דאָס איז דער שטייגער פון וועלט־געשעפט־פירונג, דאָס איז דער סדר־העולם.

„הילפלאָז שווימען מיר, די קנעכט פון ערד, און שווימען,
מענטשן־שטויב פון ערד, פאַרטראַגענעם אין קלעם,
טוליען זיך צום האָלץ פון שיף, און וואויל איז דעם
וואָס דערזעט אין רויט פון האָריזאָנט אַ סימן
פון אַ ברעג אין פלאַם־שילד פון אַ שם.״

(דאָרטן)

און ליעסינס פּאַטעטישער שם־המפורש, זיין אויסגעשפּראָכן שטורמיש־אויסגעבראָכן בילדיש וואָרט גייט, וואָגלט און ריכט אַפּ גלות מיטן צדיק, מיטן זינגער, און וועקט די עלעמענטן פון זייער טיפן שלאָף אין שויס פון זעל־לאַזיקער אייביקייט, וועקט זיי, הייסט זיי אויפשטיין לעבודת הבורא, צום זעלבסט־באַשאַף, צו זעלבסט־לוסט און זעלבסט־באַוואוסט, צום זעלבסט־באַרוף און זעלבסט־אויף. און די בונטן פון כוחות, עלעמענטן, סטיכיעס, ענערגיעס, רעגונגען, גירונגען, וועגונגען און אירונגען קניפּט דער שם צוזאַמען אין איין פּאַטעטישן בונד פון זעלבסט־באַפּעל, וואָס איז לויטער־העל, ווי דאָס איך־און־וועלט וויסן, און איז פאַרבינדלעך צוגלייך

פּאַר מענטשן, פלאַנצן, שטויבן, אַטאָמען, פּלאַנעטן און זונען־עשטאַפּעטן.

ליעסינס פּאָעטיש וואָרט לערנט די וועלט צו שימערירן מיט אַלע זיבן קאָלירן פון רעגנבויגן פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין; און זיך אַנטציקן און דערקוויקן מיט זיין אייגן אַראָמאַטיש לופט, און יעדער זאַנג קריגט אַ קלאַנג, און יעדעס גרעזעלע קריגט אַ צונג און אַ שוואונג, און אַ זעאונג, און אַ פילונג.

„איך זאָל אומעטום, אומעטום דיך דערפילן —
אין מינדעסטן ווינטל, אין נישטיקסטן שטויב.
דו זאָלסט מיר אין דורכלויף פון וואָלקנדל שפילן,
דאָס גרעזל פון ברוק זאָל מיר זינגען דיין לויב.״
(„אין דער פרי״)

בכדי דאָס גרעזעלע זאָל נעמען זינגען, מוז דאָס גרעזעלע און שטוי־בעלע און ווינטעלע דערהויבן ווערן צו דער שטופע פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין און געטלעכער עקזאַלטאַציע, און פּאָעטישער אינספּיראַציע.

„בערג און טאָלן, פּרוכטבוים און אַלע צעדערביימער, חיה און אַלע בהמות, קריכנדיקע ווערים און פליענדיקע פייגל... בחורים און מיידלעך, אַלט און יונג, לויבט דעם שם...״

בערג און טאָלן ווערן מענטשן, ווערן באַוואוסטזיניק און באַוואונדערן די גרויסקייט פון זייער אייגענעם באַוואוסטזיין.

„דער פלאַם־שילד פון שם״ איז דער שם־המפורש פון שפּראַך, פון אויסדרוק. די יידישע מיסטיקער און הייליקע זיינען געווען זייער אָפּגעהיט מיט זייערע מיילער, קיין דברים בטלים ניט גערעדט. מחמת דאָס וואָרט האָט ביי זיי פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין זייער וועלט־אַנשויאונג און שאַף־אויפפאַסונג. „לעולם, יהוה, דברך נצב בשמים״. די וועלטן־געצעלטן זיינען דורכן וואָרט געשאַפן און אויף אַ וואָרט האַלטן זיי זיך. די וועלט פון פּאָעזיע איז דורכאויס און אויסשליסלעך אויסגעקנאָטן און אויס־געפלאָכטן פון שם המפורש, פון טיפן איינדרוק און הויכן אויסדרוק. פּאָעזיע שטעלט פּסיכאָלאָגיע איבער פיזיק, באַוואוסטזיין איבערן זיין, מענטש איבער דער וועלט, דעם סוביעקט איבערן אָביעקט.

דורך אַלע שכל־גאונישע שאַפונגען פון מאַרקסן לויפט דורך איין גע־דאַנק און פאָדערונג, און דאָס איז, אַז דער סוביעקטיווער מאָמענט אין עקאָנאָמישן פּראָצעס זאָל נעמען די אויבערהאַנט איבער דעם אָביעקטיוון מאָמענט, ד. ה., אַרבעט זאָל גובר זיין קאַפּיטאַל; מענטש, אַנשטאָט באַ־

הערשט צו ווערן פון די פראָדוקציע־מיטלען, זאָל זיי באַהערשן. אין אַנדערע ווערטער, ער שטעלט מענטשן איבער דער כאַאָטיש־פיזישער און כאַאָטיש־סאָציאַלער נאַטור.

מענטש וועט אַלץ באַהערשן — אָבער וואָס באַהערשט מענטשן? דאָס וואָרט, די סוגעסטיע. און דער שטאַרקסטער, און דער געלונגענסטער מעדיום פון סוגעסטיע איז דער פּאָעטישער שפּיל, הויפּט־שפּיל און בייַ־שפּיל, פון וואָרט. און דער גרויסער דיכטער איז דער גרויסער סוגעסטירער און, דערפאַר, שעפער.

ז.

שלום

ליעסינס דיכטונגען זיינען, לויט מיין אויפפאַסונג, יידישקייט אין אַ פּאָעטישער פאָרם אויסגעדריקט.

„יידישקייט" איז ניט קיין זאַך פון דער טעמ'לאָזער פאַרגאַנגענהייט. ווען מ'זאָגט אַ קריסט, אַז קריסטנטום איז דורכגעפאַלן, ענטפערט ער אייך אָפּ, אַז קריסטנטום האָט ניט געקענט דורכפאַלן פשוט דערפאַר, וואָס עס האָט נאָך קיין געלעגנהייט ניט געקראָגן אָנגעווענדט צו ווערן און אויס־געפּרובירט צו ווערן. מיט „יידישקייט" איז די זאַך נאָך מאָדנער. זי איז נאָך כמעט קיינמאָל צום פולן אויסדרוק ניט געקומען. איר ערשטע מאַני־פעסטאַציע איז אַ מיטאָלאָגישע, אין תנ"ך און בייעם טעסטאַמענט. און מ'דאַרף די פונקען זוכן פון אונטערן אַש. דער תלמוד איז פאַרנומען מיט אויפבויען דעם יידישן אייגנאַרטיקן „שטאַטלאָזן שטאַט", דעם „בית שלישי" פון יבנה, אויפהאַלטן דעם קיבוץ, און דאָס אינטערעסירט דעם תלמוד אַ סך מער ווי דאָס קריסטאַליזירן, פאַרטיפן און פאַרהייכן דעם יידישן געדאַנק.

ליעסינס דיכטונגען זיינען „יידישקייט" אין פּאָעטישער אַנטפלעקונג, אין עסטעטישער רעוועלאַציע. אָבער דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער געשוואָרענער „יידישקייט", וועלכע איז אייגנטלעך די יידישע „אַפּאָליטישע פּאָליטיק", די יידישקייט וואָס האָט צו טאָן מיט דעם גוף פון דער נשמה, אָבער ניט מיט דער נשמה פון דער נשמה. ווי דער היליקער הערמאָנימוס, וואָס האָט געקעמפט דרייסיק יאָר קעגן זיין קערפּער פאַר זיין גייסט און די איבעריקע דרייסיק יאָר קעגן דעם קערפּער פון זיין גייסט, — אַזוי קעמפט, אין אַ געוויסן זינען, די נשמה־יידישקייט קעגן גוף־יידישקייט.

מענטשן, פּערזאָנען זיינען ניט אַזוי „אייביק", אַזוי „יחידיש", ווי

שטירנער האָט געמיינט אָדער געוואָלט זיי זאָלן זיין. וואָס זיי זיינען, איז אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן מיט באַשטימטע גרענעצן פון זייער קערפּער־טעריטאָריע. זיי זיינען ניט אַזוי אייגנאַרטיק, ווי סעפּאַראַט, אָפּגעזונדערט דורך לאַנד, מדינה און שפּראַך. אָבער יידן אַלס אַ קיבוץ וואָס וואוינט אין די פּאָרן, אין די צווישן־שטחים, ווי עפּיקורס געטער, פון די אָרגאַניזמען פון אַנדערע פעלקער (מאַרקס נוצט דעם בילד), און זיינען ניט סעפּאַראַט, האָבן געמוזט פאַר זייער זעלבסט־עקזיסטענץ שאַפן, אויסאַרבעטן אַן „אָריגינעלע" אייגנאַרטיקייט, בכדי מיט דעם צו דעקן דעם חסרון פון סעפּאַראַטיזם, וואָס אַנדערע פעלקער פאַרמאָגן יאָ, און זיי ניט. „אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". זיי האָבן באַשאַפן בכוונה אַ „יוניק". די שאַפונג זייערע האָט אַ קערפּער און אַ זעל. דער תלמוד, שלחן־ערוך וכדומה שריפטן און אינסטיטוציעס זיינען קינסטלעכע מיטלען פון אַ מאָדנער אייגנאַרטיקייט, וואָס פאַרטרעט דעם אָרט פון סעפּאַראַטיזם. די סטאַטוטן זייערע זיינען, אַזוי צו זאָגן, די יידישע אומאימפּעריאַליסטישע וועלט־אימפּעריע. אַזעלכע שאַפונגען האָבן ניט געקענט האָבן קיין דירעקטן אַלמענטשלעכן ווערט, מחמת ווען זיי וואָלטן עס פאַרמאָגט און אָנגענומען געוואָרן פון דער וועלט, וואָלטן זיי זייער צוועק, אַלס סעפּאַראַטיזם־ערזאַץ, ניט געקענט דינען.

אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט מכח דעם גוף פון יידישן גייסט. די נשמה אָבער פון יידישן גייסט איז שוין דווקא אי יידיש, אי אַלמענטשלעך.

און ווען איך זאָג, אַז ליעסין איז דער פּאָעט פון „יידישקייט", מיין איך יידישע פּסיכאָלאָגיע און פילאָסאָפיע, דער הויפּט־פּרינציפּ פון וועלכער איז — דאָס אָנוועקשטעלן דעם באָאָבאַכטער איבער דאָס באָאָבאַכטע, דעם מענטש איבער דער וועלט. אויף דעם אַלטן טעאָלאָגישן לשון הייסט עס באַקעמפן געצנדינעריי, דעם פעטישיזם פון די דערשיינונגען. דער גייסט־רייכסטער פּרק אין קאַפּיטאַל פון מאַרקסן איז דער „פעטישיזם פון וואַרע". ווייל מאַרקסיזם איז אַ פאַרזוך, אַ גאָר דרייסטער, אַרויסצוטרייבן דעם דיבוק פון געצנדינעריי הן פון דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער וויסנשאַפט און הן פון דער עקאָנאָמישער פּראַקטיק.

ליעסין טוט עס דורך אינטואיציע און דורך דעם געלונגענעם באַנוץ פון בילדער מיט אַ קבלהשן טעם און רמז...

ליעסין אַלס פּאָעט געהערט אין מזרח־וואַנט, טאַקע נאָענט צום אָרון־קודש גופא, אין אַלוועלטלעכער פּאָעזיע.

„צוקונפט", יובליי־נומער, מערץ 1936.

א. לוצקי

איידער איך האָב אָנגעפאַנגען צו לייענען א. לוצקיס „בראשית־אינמיטן“, האָב איך מורא געהאַט, אַז דער נאָמען איז מער ניט ווי טשי־קאַוועשקייט, כדי צוצוציען דעם לייענער, און פטור, אַבי אים פאַרנאַרט צו לייענען.

אָבער נאָכן לייענען „בראשית־אינמיטן“, האָב איך איינגעזען, אַז דער נאָמען איז ניט אַזוי סתם זיך אַרויפגעזעצט, נאָר עס איז אַן אַרויסוואוקס פון גוף פון ספר. „בראשית־אינמיטן“ איז די קווינטעסענציע פון דעם סיסטעם, אויף וועלכן דאָס ווערק איז געבויט.

איך האָב גענומען לייענען א. לוצקיס ספר־בראשית און זיך געחידושט, ווייטער געלייענט און זיך געוואונדערט, נאָך ווייטער געלייענט און שוין כמעט נשתומם געוואָרן. פון וואַנעט נעמט זיך עס? איך האָב זיך אויף דעם ניט גערעכנט.

דער אבן־עזרא זאָגט: „יש מהם כמשי דקים ויש מהם עבים כשקים“, אַנדערע ווערק זיינען דין ווי זייד און אַנדערע זיינען גראָב ווי זעק. די מעשה איז אָבער, אַז די זיידענע ווערק ווערן בטל ברוב אין די זעק. און אויב עס האַלט אַזוי מיט ביכער, איז אַ פשיטא שוין מיט לידער. ניין־צענטל פון זיי טויגן נים — אין יעדער ליטעראַטור, ניט נאָר אין יידיש. זיי פּערזיפיצירן, מוזיצירן, דעקלאַמירן, אָבער זייער ווייניק זיינען באמת דיכטער.

בנוגע די דיכטער וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גרעסטער טייל זייערער, איבערהויפּט פון די עלטערע, האָבן געמיינט, אַז זיי דיכטן, ווען זיי האָבן באַקלאָגט דעם יידישן שיקזאַל, די שווערע מערכה פון יידישן פאָלק, בשעת, באמת, האָבן זיי באַאויקעט און באַוויינט זייער אייגענע פּאָעטישע אָרעמ־קייט. זיי האָבן גערופן, גערודערט, געגוואַלדעוועט, געבלאָזן די האָרנס, געוועקט צום נייעם „לעבודת הבורא“ — דעם קלאַסן־קאַמף, אַלץ ענינים, וואָס האָבן מיט „ריינער פּאָעזיע“ אַ קנאַפּע קרובהשאַפט, און דעריבער האָבן זיי געמגידעוועט. איך מיין ניט דווקא די יידישע מוסר־ און נבואה־זאָגער, איך מיין טאַקע די גויאישע אויך. און צו דער קאַטעגאָריע פון „פייקלער“ געהערן די נעקראַסאָווס, די בייראָנס און, אין ס׳רוב פון זיינע פּאָעמעס, אַפילו אַזאַ מאַסטיטע פיגור ווי וואָלט וויטמאַן און אַנדערע גדולים.

בלייבט, הייסט עס, מיעוט שבמיעוט, אַן אויסגעזיפּטע מינדערהייט. מ׳קען זיי אויף די פינגער איבערציילן, די דיכטער, וואָס פאַרדינען כשר זייער נאָמען.

און, ווי געזאָגט, האָט מיך איבערראַשט א. לוצקיס בוך לידער „בראשית־אינמיטן״.

„לויטן שטייגער פון כסדר,
לויטן סדר נאָך פון איידער.״
(„בראשית-אינמיטן״, ז. 36)

א. לוצקי שאַפט אַ פּאָעטישן „יש״ פון אַ פּאָעטישן „אין״ און אַ גאַנצע וועלט טויכט אויף פון דער טיפעניש פון אַ נשמה, פון זיין נשמה.

א. לוצקי נוצט זיין אייגענעם שכל, ער בויט זיין אייגענעם היכל און ער רעדט זיין אייגן לשון. ער וויינט מיט די טראָפּנס־רעגן און פרייט זיך מיט די זונען־שטראַלן.

א. לוצקי ווערט ניט קליין ביי זיך פון דאָס גרעסטע און גרויסט זיך ניט איבער דאָס קלענסטע. אַ גרעזעלע, אַ העזעלע, אַ פליגעלע, אַ מוראַשקעלע, אַ מילבעלע — אַלץ איז פאַר אים אַ האַנט, ער ווייס אַז אויף אַלץ רוט די שכינה, און פון אַלץ רעדט אַרויס דעם מענטשנס הייליקער גייסט, אַז אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן בצלם־האדם, אין מענטשנס פורעם, און נאָך זיין גלייכעניש.

די חסידים האָבן אַ שיין ווערטל: „דו האָסט געלערנט די תורה, אָבער וואָס האָט די תורה דיך געלערנט?״ עס איז אַ קאַלאַמבור, וואָס שטיצט זיך אויפן יידישן שם־הפועל לערנען און לערנען.

א. לוצקיס תורה איז ניט קיין אָנגעזופּטע, אָנגעכליאָבעטע למדנות, עס איז ניט קיין בוך־בויך־זאַך.

א. לוצקי האָט אַ חוש פאַר דער וועלט און דער חוש־אינסטינקט זיינער מאַכט פון אים אַ פּאָעט־פילאָסאָף. א. לוצקי האָט זיין אייגענעם צוגאַנג צו זאַכן. א. לוצקי איז ניט קיין אַנטליענער, ניט קיין געבאָרגטער, ניט אויף־פּראָקאָט גענומענער. ער קוקט אויף דער וועלט ווי אַ קינד, וואָס עפנט אויף די אויגן און דערזעט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. דערין ליגט זיין גרויס תמימות, פשטות, און דערין ליגט טאַקע זיין קלוגשאַפט.

וואָס מיך האָט געררייצט איז אויסצוגעפינען דעם שורש, די דערפאַרונג וואָס האָט א. לוצקין געמאַכט פאַר א. לוצקין. אַן אמתער פּאָעט האָט אַ

צווייטע געבורט (ווי דער ברית־חדשה דריקט זיך אויס *), א פּאָעט מוז קודם־כל זיך אַליין איבערשאַפן, שאַפן דעם שעפער און דערנאָך קומען שוין ממילא, נאַטירלעכערווייז, די באַשעפענישן — זיינע דיכטונגען.

א. לוצקי איז געלייטערט געוואָרן אין טיגל פון דער וועלט־מלחמה. דאָרט איז צעשמאָלצן געוואָרן זיין אַלטער אדם. און פון דער צעשמעלצע־ניש, פון ברוכווארג פון זיין אַלטער פּסיכאָלאָגיע, האָט א. לוצקי אָפּ־געפורעמט אַ נייעם איך, וואָס רינגלט זיך אַרום מיט אַ נייער וועלט, אַ נייער אויפפאַסונג. די אויפברויזונג האָט פון אים געשאַפן דעם פּאָעט פון „אחד".

„וועט וועלן מענטש — אַריבער גאָט
ווי אחד — אַריבער זיינע צען געבאָט."

(דאָרטן, ז. 59)

אין א. לוצקיס שאַפונגען איז די פילאָסאָפיע ניט קיין קלאַסיפיצירטע אַקאַדעמישע, נאָר שטימונגס־קלוגשאַפט. א. לוצקי איז דער פּאָעט פון דיאַלעקטישן מאָניזם, אָדער פון יידישן אחדיזם. זיין גאַנץ ווערק פּאַסט זיך אַריין אין איין גרונט־וואָרט: אחד.

*   *   *

„און עס וועט זיין אין דעם ענדע פון די טעג". פון בראשית וואָס איז אינמיטן שפּאַרן מיר אַזש אָן צום סוף וואָס וועט אַ נייער אָנהייב ווערן.

„און וואָס סע איז געוועזן —
געוואָרן אויס — צו ווערן ווידער —
פון אָן אַנדער צו אַן אַנדער
אַנדערש."

(דאָרטן, ז. 218)

א. לוצקין שאָקירט דער געדאַנק פון אָנהויב און פון סוף. ער וויל דעם סוף ניט, סיי דעם גוטן און סיי דעם שלעכטן. און ער קען ניט פאַר־דייען דעם אָנהויב. ווייל וואָלט אַן אָנהויב געוועזן, וואָלט דאָך אַן ענדע געמוזט נעמען. און ער מיט זיין פּאָעטיש־פילאָסאָפישן חוש פילט, אַז דאָס איז פאַלש; זיין אייביק ווייזט אָן אָנהויב פאַרן אָנהויב און אַן ענד וואָס גייט נאָך אַלדאָס ענדלעכע. ער וויל ניט קיין אויסלאָז. דער דורשט נאָכן זיין, עקזיסטירן, האָוועך, באַוועגן זיך, עוסקן, פועלן, אָט די תאווה, און

*) יוחנן ג', 6.

עקשנות צו דער זעלביקער צייט, הייסט אים זיין און זיין אַלע מאָל אינ־מיטן, צייכענען די וועלט־ליניעס אין צירקלעך און קייקעלעך. דאָס גאַנצע זיין לויפט אין קרייזן אָן אַנהויבס און אָן סופן. באַר יענע סופן זיינען באמת גוטע, וועלכע האָבן קיין סוף ניט. זאָל זיך וועבן דער פאָדעם פון דער קאָסמישער טויזנט־און־איין־נאַכט. און די לעצטע איין נאַכט איז דער אַנהויב פון צווייטן טויזנט, און אַזוי כסדר. א. לוצקי אַנערקענט ניט דעם אלף פון שאַפונג און ניט דעם תיו.

דאָס אַלץ זאָגט עדות וועגן א. לוצקיס טיפן, פיינעם אוןברייטן באַגריף. ער האָט אַ געשמאַק פאַר פילאָסאָפישער עסטעטיק. אין ברעו, אין צאַפּל, אין זיד, אין קאָך, אין דאָס אייביק דרייען זיך פון די רעדער פון דער מעשה־מרכבה, אין דעם זעט ער דעם מענטשן, דעם „יידן" און זיין וועלט.

„אַ רגע שטילקייט אויפן פעלד —
דערציילט מיר סודות פון דער וועלט."
(דאָרטן, ז. 10)

אַ רגע געבערט די שעה, פון שעהען איז די אייביקייט. אָדער אפשר גאָר פאַרקערט, די אייביקייט צעשיט זיך ווי אַ קאָמעטע, ווי אַ ראַקעטע, אין אַן אומצאָליקער צאָל רגעס, פונקען פון דויער, אויגנבליקן פון צונד און לעש, פון אַצינד און תמיד.

און אַ גרויס סיסטעם און וועלט־פילן צעברעקלט זיך אין איינצלנע געדאַנקען און פערזן, און דערנאָך צוריק צונויפגעשמאָלצן אין איין גרויס גאַנצעס.

סודות עקזיסטירן באַר דערפאַר, אַז מ'זאָל זיי ניט האַלטן בסוד... און אַ פּאָעט ווי א. לוצקי קען ביי זיך קיין סוד זיכער ניט איינהאַלטן אַפילו מיט צוואַנגען. און דערצו אַ סוד, וואָס אַ „רגע־שטילקייט אויפן פעלד" דער־ציילט. דערציילט ער עס צו זיינע מיטמענטשן.

ווי דריקט זיך אויס ירמיהו? „איך האָב געמיינט איך וועל שטיל שווייגן, אָבער, ניין, עס ברענט אין מיר ווי אַ פייער אין די ביינער." אַ מענטש גריזשעט ניט זיין גייסטיקן קנאָכן ביחידות, פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל. אַ מענטש טיילט זיך מיט זיין גייסטיקן, פסיכאָלאָגישן אָדער לאָגישן, עמאָציאָנעלן אָדער אינטעלעקטועלן, לעצטן ביסן. ער זעצט זיך ניט אַליין צו דער סעודה, ער לאַדט איין אורחים, באַקאַנטע, פריינט, היי־מישע מענטשן. „כל דכפין". אַ סוד מוז אַנגעטרויט ווערן, מוז איינגערוימט ווערן אין פרעמדע אויערן. און א. לוצקי נעמט די שטילקייט און די סודות

און מאַכט פון זיי אַ ווייטערדיקן בוך פון פּאָעמעס. און אַזוי באַווייזט ער באַשיינפּערלעך, אַז זיין בראשית איז אַן אָנהויב וואָס האַלט זיך כסדר אין מיטן. הונדערטער זאַצן אַזעלכע געפינען זיך צעשפּרייט אויף די זייטלעך פון דעם ספר־בראשית וואָס בעטן זיך צו ווערן אויסגעלייזט פון זייער שפּריץ און בליץ און ווערן אַ טייך אָדער אַ פלאַם, ווערן אַ גאַנצעס בוך. ווייל זיי זיינען זאַמען, און וועלדער וועלן פון זיי אַרויסוואַקסן, אויב די זון וועט שיינען אויף זיי און רעגנס וועלן פאַלן.

„שאַפן איז אַ מוז אין מיר — ווי זינד,
אַזוי ווי אימפּעט אין אַ ווינט,
איך בין גלוסטיק אין מיין שרייבן — ווי אויף ווייב,
איך פיבער אויפן אויסדרוק —
ווי דאָס פלאַטערן אין פאָרן.״

(דאָרטן, ז. 12)

אין שאַפן, אין אויפטאָן, אין מחדש־זיין ליגט די גבורה פון זינד.

שאַפן איז אַ זינד, דער אָפּנייג פון דאָס אָנגענומענע, דער פאַרבייג פון דאָס אָנערקענטע, דער פאַרוואָרף פון דאָס איינגעפירטע, דער צעוואָרף פון דאָס פון־קדמונים איינגעשטעלטע, דער אָפּטרייסל פון דעם הייליקן שטויב, דער צעשאָקל פון רוטינע פונדאַמענטן.

טוגנט איז אַ פאָלקס־וועג און ווייזע, אַ שליאַך פון אויפפיר, אַ געזעל־שאַפטלעכער מנהג. זינד איז אַן אויפברוך, אַן אָפּווייך, אַ חוצפּהדיקער קאַפּריר, אַן עזותדיק אַנדערש, אַ דרייסטיק ניט־אַזוי, אַ מוטיק פונקט־פאַרקערט.

שאַפן הייסט צעברעכן די וואָזע פון פאָרמע מיט דער כוונה — אויס־געשפּראָכן אָדער דווקא ניט־אויסגעשפּראָכן, ס'רוב פאַרבאַהאַלט זיך עס בחדרי־חדרים, אָבער עס איז דאָ אַן אימאַנענטע אַבזיכט, — צו מאַכן, אָפּגיסן, אָפּפורעמען אַ נייע וואָזע, אַ שענערע, אַ בעסערע, אַ טייערערע.

שאַפן צעברעכט אַ נאָרמע, און דער ברוכוואָרג, יעדעס שערבל, יעדעס פיצל ווערט אַ נאָרמעלע פאַר זיך אַליין, פון זיך אַליין. אָט די ברעקלעך־קרושלעך באַזיצן אַזויפיל ווילנס־כוח, באַצווינגונגס־קראַפט, אַז מ'נעמט זיי גלייך נאָכמאַכן, נאָכטאָן, אימיטירן. און אַזויערנאָך ווערט דער אויפ־בראָך פון געזעץ אַ געזעץ, און דער חילול־הקודש ווערט אַליין אַ קודש־קדשים. דער רעבעל ווערט קיניג. מיט אַנדערע ווערטער, די עבירות פון שאַפן ווערן מצוות, זיי ווערן פּרעצעדענטן.

געטהע האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך דרייסיק יאָר באַמיט צו פאַרגעסן די דייטשע גראַמאַטיק. וואָס ער האָט באמת געטאָן, ער האָט זיך אין אַ משך פון דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד געלערנט זינדיקן קעגן דעם הייליקן און מחמיר־דיקן שולחן־ערוך פון זיין טיראַנישער שפּראַך. ער איז זיך מודה, אַז אים איז ניט געגאַנגען, אַז ער איז געווען קאַרג אין זיינע עבירות. ער פאַר־ענטפערט זיך מיט דעם, וואָס „פאַרלערנען (פאַרגעסן) איז שווערער פון לערנען". מענטשן האָבן מורא אַראָפּצואוואַרפן די לאַסט, ווי שווער זי זאָל ניט זיין, ווייל טראָגן פּלייצעס אָן אַ משא איז שווערער ווי צו טראָגן שווערע משאות אויף די פּלייצעס. און אויב דאָס איז אמת בנוגע יחידים, איז עס אַפשיטא שוין ריכטיק וואָס איז שייך די ברייטערע שיכטן פון פאָלק. די מאַסן שלעפּן כסדר משאות, אַלטע צי נייע. זיי האָבן מורא צו גיין מיט ליידיקן... און ניט־מורא־האָבן הייסט זינדיקן. ווייל וואָס פאָדערט גאָט דער אָפּגאָט, דער טייוול? מ'זאָל מורא האָבן, זיך שרעקן. „יראה און יצירה" גראַמען זיך גאַנץ לייכט, אָבער זיי זיינען די צוויי עקיקסטע קעגנ־זאַצן. ווער עס האָט מורא, ווער עס איז אַ פּחדן, אַ טרוס איז ניט קיין שעפער, פאַרמאָגט ניט קיין שעפערישע נאַטור.

„יעדער ווערן — ווערט געבוירן מיט אַ מורא —
אַ האָז,
אַ גראָז,
אַ וואָס־ניט־וואָס, —
דערשרעקט זיך פאַר אַ בלאָז."

(דאַרטן, ז. 149)

דער האָז מעג זיך זיין אַ צווייפיסיקער, אָנגעטאָן אין אַ פעלץ, סורדוט, פּאַדיאָווקע אָדער אַ פּרינץ־אַלבערט, אַ ווייס, שוואַרץ, ברוין, רויט העמדל. און דער בלאָז מוז ניט זיין דווקא פון דעם מויל פון ווינט, עס מעג זיין דער בלאָז פון וואָרט, פון געזעץ, פון די מיילער פון די שכנים, פון די קריטיקער, פון די רעדל־פירער, פון די דעה־זאָגער, פון די מטבע־האָבער, פון די שאַלטער און וואַלטער. און די זאַך מוז ניט פאָרקומען אין וועלדל, אין פעלדל, עס טרעפט אין שטעטל, אין שטאָט, אין גאָס, אין שטוב, אין דער אַקאַדעמיע פון קונסט, פון וויסנשאַפט. אומעטום זיינען דאָ האָזן וואָס ציטערן פאַר די בלאָזן, און אומעטום זיינען פאַראַן שעפער וואָס האָבן ניט קיין מורא און דערפאַר שאַפן זיי.

די גרויסע שעפער זיינען אַלע מאָל פאַררעכנט געוואָרן פאַר בעלי־

עבירות. צו זינדיקן שעפעריש איז אַן ענין פאַר גאונים. מיר זיינען פאַר־שנורעוועט, פאַרבונגדן, מיר — מיין איך אונדזער נשמה, אונדזער שטיקל נפש, אונדזער ביסל חיות. אונדזער גייסט, אונדזער נשמה, ווייזט אַרויס זייער ווייניק לוסט צום זינדיקן, צום אָפּווייכן, לינקס אָדער רעכטס, פון דער אָנגעצייכנטער ליניע, צי דאָס איז די פּאַרטיי־ליניע, גרופּע־ליניע, פּאַלקס־ליניע, מענטשהייט־ליניע.

„י. ל. מאַלאַמוטס יום-טוב בלעטער", 1943.

ה. לייוויק

1. אונטערן צייכן פון נצח

מהר"ם פון ראטענבערג, דראמאטישע פאעמע אין זיבן בילדער פון **ה. לייוויק**. זאמלביכער, נומער 6, ז"ז 131—255. ניו־יארק, 1945.

א.

ר' מאיר בר' ברוך מרוטנבורג, מהר"ם, איז איינער פון די אשכנזישע בעלי־התוספות, א בארימטער פוסק און א טאלאנטירטער פייטן. זיין באַרימטסטע שאפונג אויף דעם געביט פון פיוט איז „שאלי שרופה באש"... ער איז געבארן געווארן אין ווארמס בערך אין 1215, געשטארבן אין געפאנגענשאפט אין דער פעסטונג פון ענזיסהיים אין עלזאס אין 1293, ד. ה. אין עלטער פון אכט־און־זיבעציק יאר.

דער מהר"ם איז געווען דער אב־בית־דין פון די געמיינדעס פון קאסטינץ, אויגסבורג, ווירצבורג, רוטענבורג, ווארמס, נירענבורג און מאינץ. ער איז פאררעכנט פאר איינעם פון די גרעסטע צדיקים און גאונים צווישן די אחרונים. האט זיך אויסגעצייכנט מיט מידות טובות און אן עניוות פון משה רבינוס נוסח.

ער איז ארעסטירט געווארן יוני דעם 28טן, 1286, אפגעהושכט אין תפיסה ביז זיין טויט אין 1293, זיבן יאר. ערשט מיט דרייצן יאר שפעטער האט דער פרנס אלעקסאנדער זיסקינד אפגעקויפט וואס עס איז געבליבן פון זיין קערפער, און אים געבראכט לקבר־ישראל אויף דעם בית־עולם פון מהר"מס געבוירנשטאט, ווארמס.

די קהילות האבן אים נאך ביים לעבן געוואלט אויסלייזן און באצאלן דער רעגירונג די קאלאסאלע סומע פון פופציק טויזנט מארק. דער מהר"ם איז אבער געווען קעגן דעם. ער האט געפסקנט, אז מ'זאל פאר אים ניט באצאלן מער ווי פאר א געוויינלעכן יידן, דהיינו פינף הונדערט מארק. ער האט בשום אופן ניט דערלאזן נאכגעבן דער מלכות־הרשעה.

אין דער זעלבער צייט האט אין ארץ־ישראל געהערשט כאן אירגון,

אַ אוהב־ישראל, וואָס האָט געהאַט אַפילו אַ יידישן מיניסטער. נאַטירלעך האָבן זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער קץ איז נאָענט, אַז עס האַלט שוין ביי ביאת־המשיח.

דאָס איז בקיצור דער היסטאָרישער שטאָף, פון וועלכן דער מחבר האָט געשאַפן די דראַמע „מהר״ם פון רוטענבערג".

ב.

מיר שיינט, אַז דעם מחבר איז דער ענין געווען אַביסל קשה: ווי קען מען זיך אַריינלעבן אין די יסורים פון אַ יחיד, וואָס איז פאַרשמאַכט געוואָרן אין תפיסה, זיך באַטייליקן אין זיין צער, צרות און קדושה, בשעת פאַר אונדזערע אויגן ליגן זעקס מיליאָן יידן אומגעקומענע אויף קידוש־השם, פאַרפייניקטע אויף טויט פון די שונאי־ישראל פון אונדזער צייט. דעריבער האָט ער גענומען די איינצל־געשיכטע פון דעם מאַרטירער, דעם מהר״ם, און זי פאַרקניפּט פאַנטאַסטיש מיט די לעצטע טראַגישע געשעענישן, אַזוי אַז דער בראָך פון אונדזער צייט וואַרפט זיין חושכדיקן אבילות־שאָטן און זיין העלע קדושה־שיין אויף יענער טראַגישער הערא־אישער איבערלעבונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1286.

דער מחבר זאָגט אונדז: דאָס דראַמע שפּילט זיך אָפּ אין נאַצישן דאַכאַו אין 1943 און אין מאַינץ אין 1286.

לעניות־דעתי האָט מען אָט־די דאָטן־קאָמבינירונג גאָרניט באַדאַרפט. דער לייענער וואָלט עס סיי־ווי טאָן אויף זיין אייגענעם אופן אין זיין באַוואוסטזיין. די שאָטנס פון טרעבלינקע, מאַידאַנעק און די איבעריקע אומקום־פלעצער וואָלטן סיי־ווי געשוועבט אַרום דעם מהר״ם, וואָלטן אָנ־פילן זיין תפיסה־צעל. מיט אַנדערע ווערטער, איך בין זיכער, אַז דער אינטעליגענטער לייענער וואָלט על־דעת־עצמו שאַפן אָט־די היסטאָרישע אַסאָציאַציעס, אַזוי ווי ער שאַפט זיך און לעבט־אויף בשעתן לייענען די דראַמע, די געשטאַלטן פון די עשרה הרוגי־מלכות. קיין יידישער לייענער וועט ניט לאָזן דעם מהר״ם אַליין זיצן אין תפיסה; ער וועט, אָן צווייפל, אַריינלאָזן צו אים, צו טיילן זיין איינזאַמקייט און אים צו דערמוטיקן, ר׳ עקיבאָן.

מען דאַרף, לויט מיין פאַרשטיין נאָך, ניט זאָגן בפירוש דאָס, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פּסיכאָלאָגיש. צופיל איז ניט ווייניקער חסרון ווי צו ווייניק. אַ לייענער פילט זיך אַביסל ווי באַליידיקט פון דעם, וואָס דער

מחבר האָט, אָפּנים, קיין צוטרוי ניט צו זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט און מיינט, אין זיין אונטערשעצונג פון קורא־נכבד, אַז מען דאַרף פאַר דעם לעצטן די קונסט־שפּייז צעקייען און אים אַריינלייגן אין מויל.

חוץ דעם דאַרף, און קען, אַ קינסטלערישע שילדערונג ניט געבן מער ווי אַ קידוש־השם פון אַ יחיד. דער קאָלעקטיווער קידוש־השם פון זעקס מיליאָן קדושים פאַרמאָגט אומאָפּשאַצבאַרע גייסט־ווערטן בלויז דערפאַר, וואָס דער אינדיווידועלער קידוש־השם פאַרמאָגט עס. די טאָפּלונג־אָפּעראַציע, פאַר זיך גענומען, שאַפט ניט קיין ווערט. זי טאָפּלט בלויז די ווערטן וואָס געפינען זיך אין די איינסן, מיט וועלכע זי אָפּערירט. קוואַנטיטעט גייט ניט אַריבער אין קוואַליטעט אין קינסטלערישע פּסיכאָ־לאָגישע שילדערונגען. מאַסן־סצענעס זיינען תמיד פון אַ נידעריקער קוואַליטעט אין קונסט.

ג.

אָבער מען דאַרף דן זיין דעם מחבר לכף זכות. אין צונויפגיסן די דאַטן פון אַ יחידישן קידוש־השם מיט אַ רבימשן קידוש־השם האָט ער געהאַט אַן אַנדער כוונה. ער איז אויסן געווען צו ווייזן, אַז אין דער יידישער געשיכטע, ווי אין דער יידישער תורה, איז ניטאָ קיין מוקדם ומאוחר *), קיין פריער און שפּעטער. די יידישע געשיכטע מאַכט אַדורך אומוואַלצונגען. מיר, די איצט־צייטלערס, טראָגן אין זיך אַלע זוימען פון די פאַרגאַנגענ־הייט־דערפאַרונגען. אין אונדזער נשמה זיינען טיף־שוקעדיק אַריינגע־קריצט אַלע איבערלעבונגען פון יידישן שטאַם, אָנהויבנדיק פון אברהמען. מיר וואַנדערן מיט אים. מיר פירן אונדזערע קינדער צו דער עקידה. מיר ווערן פאַרשקלאַפט אין מצרים. מיר שטייען ביים באַרג סיני **) א. אַז. וו. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. די פאַרצייטיקע גרויסע יחידים האָבן דורך אַן אייגנאַרטיקער פּראָפעטישער אינטואיציע אַדורכגעלעבט אויף אַ מטושטש־דיקן אַנטיציפּירנדיקן שטייגער די דערפאַרונגען, וואָס די יחידים פון די שפּעטערדיקע דורות וועלן אַדורכלעבן בפועל־ממש. משה, גייענדיק פון מצרים, האָט שוין געפילט דעם ביטערן טעם פון חורבן בית־ראשון און שני. פירנדיק די יידן פון מצרים קיין ארץ־ישראל, האָט משה שוין גע־

*) פסחים ו׳: — קהלת רבה, פ״א.

**) שבועות, ל״ט.

שפּירט דעם יידישן אומגליק פון אַרויסגעטריבן ווערן פון ארץ־ישראל. דאָס איז איינער פון די הויפּט־געדאַנקען פון יידישן מדרש.*) אברהם האָט געוואוסט אין פאָראויס אַלע מצוות, אַלע הלכות, אַפילו די דינים פון עירובי חצירות.**) די מחיצות פון די צייטן ווערן צעשטערט ווי די אָפּ־צוימונגען פון באַגרענעצטן אָרט ווערן צענומען. מיר טראָגן אין זיך, אין אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין, הן די שפּורן פון דער פאַרגאַנגענהייט און הן די זוימען פון דער ווייטער צוקונפט. די צייט, פּסיכאָלאָגיש־אינטו־איטיוו, לויפט אַראָפּ און אַרויף.

„אַ ייד וואָס איז אין דאַכאַו איז אויך אין מאַינץ,
אַ ייד וואָס איז אין מאַינץ איז אויך אין דאַכאַו
אין איינער און דער זעלבער רגע — דאָרט און דאָ."

(ז. 141)

די דיסטאַנץ סיי פון שטח סיי פון צייט־אָפּלויף איז ניט קיין אַפּהאַלט. די פאָרצייטיקע יידן האָבן איבערגעלעבט בנבואה די הייַנטצייטיקע אומ־גליקן, ווי אויך די וויזיעס־בליקן פון דעם „באחרית הימים". דער ייד איז בטבע אַ פוטוריסט. ער לעבט הויפּטזאַכלעך אין דער צוקונפט. ער האָט יסורים פון די צרות און פורעניות און האָט הנאה פון די בשורות טובות און הבטחות פון די זעערס. פאָראויסזען, פאָראויסזאָגן די צוקונפט מיינט זי פאָראויסאיבערלעבן.

„די פוטוריטעט אַלס פוטוריטעט עקזיסטירט ניט. זי עקזיסטירט אַלס אַ קעגנוואָרט פון אַ הויכער מדרגה... דער עתיד . . . האָט אַ קיום אין נבואה, אין פאָראויס־רעאַליזירונג.***)

און דאָס איז אייגנטלעך נבואה אין עכטן פּסיכאָלאָגישן טייטש.

„וואָס איז די קווינטעסענץ פון פּראָפעטיזם? . . . דער אָנשטרענג אַרייַנצוטראָגן די ליכטיקע צוקונפט, אירע העלע פּערספּעקטיוון און דרייסטע שאַנסן און וואַגזאַמע מעגלעכקייטן גלייך־אויף־אַן־אָרט אין דער שווערער קעגנוואָרט אַריין." ****)

די יידן האָבן געקענט אַזויפיל אַריבערטראָגן, אויסשטיין אַזויפיל עינויים קשים, דורכמאַכן אַזעלכע גזירות, רדיפות און שחיטות און ניט

---

*) שמות רבה, פרשה ג'.
**) יומא, כ"ח: — בראשית רבה, פרשה מ"ט.
***) אבא גאָרדין, „יידישע עטיק", ז"ז 57 און 89.
****) דאָרטן.

געבראָכן ווערן, ווייל זיי האָבן ניט געלעבט בלויז אין זייער גרוילהאַפטער קעגנווערטיקער צייט. זיי האָבן אין די שווערסטע שעת־חירומס געלעבט אין אַ לעתיד־לבוא, אין דער צייט ווען שלום און צדק וועלן הערשן אויבער־מעכטיק איבער דער גאָרער וועלט. זיי האָבן געלעבט פסיכאָלאָגיש־וויזיאָנעריש אין דעם אחרית־הימים, געזען מיט די אויגן דעם קץ, גע־קראָגן זייער חלק לעולם הבא, זייער טייל אין דער פוטור־וועלט, אין זייער עולם־הזה, אין דער קעגנווערטיקער וועלט.

ד.

פאַרלירט ניט לייוויקס ווערק זייער פיל פון דעם וואָס עס איז ניט ריין־רעאַליסטיש? לויט מיין מיינונג, פאַרלירט עס גאָר אַ סך. אָבער עס פאַרמאָגט אַזויפיל יידיש־אידעאָלאָגישע עשירות, אַז נאָך אַלע פאַרלוסטן בלייבט דאָס ווערק נאָך אַלץ אַ גביר אדיר.

לייוויק עפנט דאָס ווערק מיט אַ בילד פון דאַכאַו.

„עלטערער. השם יתברך וועט אונדז ניט פאַרלאָזן.
דניאל (אַ יאָר צוואָנציק אַלט). ער האָט אונדז שוין פאַרלאָזן."
(ז. 133)

ווער פון זיי איז גערעכט אינערלעך פסיכאָלאָגיש? וועמען איז גרינגער אַריבערצוטראָגן די יסורים, זיכער דעם עלטערן, וואָס איז ניט נאַריש־צו־קלוג. צו־קלוגשאַפט, וואָס איז כלומרשטע קלוגשאַפט, איז ערשט עכטע נאַרישקייט. ווייל ראשית חכמה איז יראת־השם*) און בטחון אין השם, אין דעם אימאַנענטן יסוד פון גוטסקייט, וואָס איז אַריינגעבויט אין דעם סאַמע פונדאַמענט פון דעם קאָסמישן בנין.

„עלטערער. ניט שייך גאָר צו רעדן וועגן בייז זיין —
מיר זיינען ניט די איינציקע אין צער,
אין יידישע יסורים; איבער אונדז —
די לעבעדיקע פיין פון דורות."
(ז. 134)

וואָס גיט אונדז אָט „די לעבעדיקע פיין פון דורות"?

---

*) משלי, ט׳, י׳.

קודם־כל צייגט זי אונדז אַ ביישפּיל, ווי צו ליידן און זיך ניט מייאש־זיין. ווייל, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פאַרדעמדיקע דורות האָבן אַדורכגעלעבט אַזויפיל צרות, האָבן זיי דאָך באַוויזן מיט זייער סבלנות, עקשנות און האָפענונג־לוסטיקייט צו דערפירן די יידישע געשיכטע ביז צו אונדזער צייט. הייסט דאָך עס, אַז דער ישראל־שטאַם האָט אויסגעהאַלטן אַט־די אַלע בושעוואונגען פון די בייזסטע רשעות־ווינטן. הייסט עס, אַז אויך מיר וועלן אויסהאַלטן און וועלן אויך באַווייזן אַריינצופלעכטן נייע רינגען אין דער לאַנגער קייט פון דורות. פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז הערלעך־העראָאיש, שעפּן מיר גייסטיקע גבורה.

„און אויב עס איז דיין רצון, איך זאָל גרייט זיין
אויף נאָך עינויים — גיב מיר כוח דערויף,
אַזוי ווי דו׳סט געגעבן פון דיין כוח
צו ר׳ עקיבא און צו חנינא בן תרדיון.״

(ז. 238)

עס איז לייכטער פאַר אַ קעמל דורכצוקריכן דורך דעם לעכל פון אַ נאָדל, ווי פאַר אַ היינטצייטיקן חכם־שוטה צו באַגרייפן דעם קאָלאָסאַלן כוח, וואָס ליגט אין דעם אומצעטרייסלבאַרן גלויבן אין „נצח־ישראל״. „שטראָפן האָט מיך יה געשטראָפט, אָבער צום טויט האָט ער מיך ניט איבערגעגעבן.״ *) דער ייד, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַט־דער אמונה, מיט דער דאָזיקער זיכערקייט, קען אַלץ אַריבערטראָגן, אַלץ אַדורכלעבן און ניט צעשטויבט ווערן.

אַט־וואָס ישעיה זאָגט: „אַז דו וועסט גיין דורך די וואַסערן, וועל איך זיין מיט דיר, און טייכן וועלן דיך ניט פאַרטרינקען. און אַז דו וועסט גיין אין פייער, וועסטו זיך ניט אָפּבריען, דער פלאַם וועט דיך ניט ברענען.״ **)

דער ייד איז דער העלד פון ספר איוב. יסורים אָן אַ שיעור, אָבער טויט — ניט. „בלויז זיין זעל היט״.***) אָבער וויבאַלד דער העלד בלייבט לעבן, וויבאַלד דער העלד איז אַ קאָלעקטיוו און זיין בלייבן לעבן מיינט בלייבן אייביק לעבן, מוז ער, סוף כל סוף, „אין ענד פון די טעג״, דערלעבן צו זיין גרויסן אויפריכט.

---

*) תהילים, קי״ח, י״ט.
**) ישעיה, מ״ג, ב׳.
***) איוב, ב׳, ו׳.

ה.

אָט־דעם גלויבן אין נצח־ישראל פּערסאָניפיצירט אין לייוויקס ווערק די לעגענדאַרע פיגור פון אַהאַספער. אַ שאָד, וואָס ער האָט בעסער ניט געברויכט דעם טראַדיציאָנעלן טיף און נאָמען פון „ישראל סבא״ *), „דער אַלטער ישראל״, אָדער „ישראל דער זיידע״, און איז אַוועק אין דער פרעמד און האָט פון דאָרטן געבראַכט אַן אַנטליענעם נאָמען, וואָס קלינגט אַזוי ניט־יידיש. אָבער די ניט־יידישקייט און פרעמדקייט ליגט אויסשליסלעך בלויז אין נאָמען, אין דער קאָמבינאַציע פון די קלאַנגען פון דעם נאָמען, בשום אופן ניט אין דעם געשטאַלט, אין זיינע רייד און האַנדלונגען, וואָס זיינען, באמת, ישראל־סבאדיק.

„פון דער פינצטערניש טיילט זיך אַרויס אַ געשטאַלט...
אַ בלאַסע ליכטיקייט שפּרייט זיך אַרום דער געשטאַלט.
ס'איז אַהאַספער.״

(ז. 134)

„דניאל. ווער זענט איר? אוי, ווי מאָדנע,
איר קוקט דאָך אויס אינגאַנצן, ווי דער זיידע.״

(ז. 135)

ער איז טאַקע ישראל־סבא. די מאָדנעקייט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס ער טראָגט אַזאַ אויסטערלישן ניט־יידישן נאָמען.

„דניאל. ווער זענט איר? דער אייביקער ייד?
אַהאַספער. יאָ.
דניאל. ווי קומט איר אַהער?
אַהאַספער. וואו יידן זיינען — דאָרטן בין איך.
דניאל. אַלע מיינען דאָך, אַז איר זענט אַ לעגענדע.״

(דאָרטן)

ניט אַלע, בלויז די „חכמים פון דער וועלטלעכער הגדה״ אונדזערער מיינען, אַז די יידישע אייביקייט איז בלויז אַ פּסוק אַרויסגעלייענט פון ספר שמואל.**) אין זייער טיפּשותדיקער קלוגשאַפט באַגרייפן זיי ניט, אַז ניט

*) בראשית רבה, פרשה ע״ד.
**) שמואל א׳, ט״ו, כ״ט.

פון פסוק אַרויס איז געקומען אָט־דער גלויבן אין אייביקער עקזיסטענץ פון ישראל, נאָר, פונקט פאַרקערט, פון יידישן באַוואוסטזיין איז עס אַריין אין פסוק, און דאָרט איז עס פאַררעגיסטרירט און פאַרפיקסירט געוואָרן לדורות. קיין פסוק איז ניט געשריבן געוואָרן, סיידן ער איז דיקטירט געוואָרן פון יידישן פילבאַרן האַרצן, סיידן ער איז אַרויפגעשפּרודלט געוואָרן פון טיפער געוואוירוועריניש.

אָט־וואָס ישראל סבא המכונה אַהאַספער זאָגט:

„אַהאַספער. ווייל איין זאַך איז — צו שלאָגן איבערן גוף
און גאָר אַן אַנדער זאַך איז צו דערשלאָגן די נשמה,
און ד אָ ס דערוויזן קאָן ער ניט, דער שלעגער,
ווייל ייד איז אייביקער פון תפיסה.
פאַרשטייסט?"

(ז. 136)

ייד איז אייביקער פון אַלע תפיסות, פון תפיסה־ווענז אין אַלגעמיין. אַ ייד שטרעבט ניט בלויז אַרויסצוגיין פון תפיסה, נאָר ער וויל אָפּשאַפן אַלע תפיסות. ערשט דעמאָלט, ניט פאַרדעם, באַנעמט ער, וועט ער קענען זיך פילן פריי. ייד איז אַן אייביקע קאַטעגאָריע. „פאַרשטייסט?"

דאָס איז אונדזער גרעסטע צרה, וואָס די דניאלס, אונדזער יוגנט־דור, הערט עס אויף צו פאַרשטיין. אָבער אויך ניט־פאַרשטייענדיק טליעט נאָך אַלץ אונטער דעם קאַלטן אַש פון פאַרלייקענונג דער גליענדיקער פונק פון בטחון אין האַרצן פון די דניאלס, די קינדער פון יונגן דור.

„אַהאַספער. אויף מיינע וועגן קום."

(דאָרטן)

און דניאל פאָלגט און גייט. ער מוז גיין. עס איז אַ היסטאָרישער מוז. עס איז ניטאָ קיין אַנדער אַלטערנאַטיוו. אַלע דורות צוזאַמענגענומען זיינען שטאַרקער פון איין דור, וואָס האָט אָפּגעווייכט פון היסטאָרישן דרך־הישר. דניאל געהאָרכט און גייט אין די וועגן פון „אייביקן יידן", ווייל עס איז אָדער „נצח ישראל", אייביקע עקזיסטענץ ווי אַ „גוי קדוש", אָדער אומקום. ווי סתם אַ פעלקל קענען מיר ניט עקזיסטירן.

עד כן דאָס ערשטע בילד, דער אַריינפיר. איצט קומט בילד צוויי. 1286 אין מאַינץ, אין מיטן אַ פאָגראָם.

„אַהאַספער. וואָס זיינען זיבן הונדערט יאָר, דניאל?
איין שפּאַן.‟

(ז. 139)

אויב טויזנט יאָר לויט דעם יידישן צייט־מעסטונג־אַרשין איז בלויז איין טאָג *), איז זיבן הונדערט יאָר עפּעס איבער זעכצן שעה. און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס!

„דניאל. די גאַס זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם.
אַהאַספער. ניט ווי — נאָר אויף אַן אמתן נאָך אַ פּאָגראָם,
ווייל ווען און וואו מיר זאָלן ניט קומען
טרעט שטענדיק אונדזער פוס אַריין אין אַ פּאָגראָם.‟

(ז. 140)

וואָס איז אַ פּאָגראָם? אַ קריג אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב דערקלערט אַ פאָלק, וואָס איז ניט אומאָפּהענגיק און פאָלגלעך קען מען אים קיין קריג, אין געוויינלעכן פּשט פון וואָרט, ניט דערקלערן. דער אָנפאַלער־ראַבירער קען מיט אים קיין מלחמה ניט האַלטן, ווייל זיי ביידע געהערן יורידיש צו דעם אייגענעם שטאַט, צו דער אייגענער פּאָליטישער קערפּערשאַפט, וואָס אירע מיטגלידער זיינען פאַרפליכטעט געזעצלעך צו שליכטן זייערע סיכסוכים דורך דעם עטאַבלירטן געריכט.

פון אַט־דעם „פּערמאַנענטן פּאָגראָם‟, ווי דאָס יידישע לעבן פאַר די לעצטע פאַר טויזנט יאָר לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן, איז פּילייכט אַרויס־געקומען די אויפפאַסונג פון דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע‟ פון די צוויי, אויבערפלעכלעך פאַרפרעמדטע, זין פון יידישן שטאַם.

„דניאל. איר זאָגט עס מיט אַזאַ זיכערקייט
און — מיט אַזויפיל קאַלטקייט.‟

(דאָרטן)

„אַהאַספער. צו מיין געמיט פּאַלט צו איעדער ייד,
וואָס איז אַדורכגעגאַנגען שוין די לעצטע טיר
און רירט שוין אָן די אייביקייט...‟

(דאָרטן)

אַ ייד, וואָס לעבט אין דער צייטווייליקייט און דאָך איז אַריינגעלעבט

---

*) תהילים, צ׳, ד׳.

אין דער אייביקייט, געפינט זיך מחוץ דער צייט־קאַטעגאָריע; אַ ייד, וואָס לעבט אַדורך אין יעדן מאָמענט די געוועזנקייט, די אַצינד־איזקייט און די וועטקומענקייט, אַזאַ יידישקייט־באַוואוסטזיניקער ייד, וואָס איז אין דער בחינה פון „היה הוה ויהיה" אויפגעפאַסט אין קאַבאַליסטישן אויסטייטש *), — אַזאַ ייד נעמט אויף אַלע זאַכן, איבערהויפּט זיינע אומגליקן און בראָכן, זיינע מפּלות, זיינע פאַרלויפיקע דורכפאַלן, גאַנץ אַנדערש, ווי אַ געוויינט־לעכער בשר־ודם וואָלט זיי אויפגענומען. אַזאַ ייד באַנעמט, אַז די רשעים־רוצחים רודפן אים, ווילן אים אומברענגען („אין יעדן דור שטייט מען אויף אויף אונדז צו פאַרטיליקן אונדז") **), ווייל די זין פון רשעות באַ־גרייפן, אַז כל־זמן ער, דער ייד, איז פאַראַן, איז רשעות ניט זיכער מיט איר ממשלה, מיט איר איבערהערשאַפט. מחמת דער ייד איז דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט, און אַט־דעם געוויסן וועקט ער און וועט אים אויפוועקן פריער אָדער שפּעטער.

אַט־דאָס צווייפאַכיקע באַוואוסטזיין: פון דער אָנמעכטיקייט פון רשעות און רשע, וואָס האָבן איבער דער אייביקייט פון יידן קיין פאַר־נישטונג־שליטה; און פון דעם, אַז די פורעניותן זיינען אַ צייכן פון אויס־דערוויילטקייט פאַר אַ גרויסער שליחות, פאַר וואָס דער ייד צאָלט טייער, און ווי טייער ער צאָלט ניט, האַנדלט ער פאַרט אין אַ ווילדע מציאה, — אַט־דאָס טאָפּלטע באַוואוסטזיין גיט דעם יידישקייט־יידן אַ געוויסע גלייכ־גילטיקייט צו זיין קעגנווערטיקן מצב, ווי מסוכנדיק־שלעכט ער זאָל ניט זיין. ניט בלויז דעם יידנס אורטיילן, נאָר בפועל־ממש זיין געפיל, זיין בחוש־אויפנעם געפינט זיך „סוב ספּעציע עטערניטאַטיס". ער איז „גע־בענטשט אין זכות פון נצח" (ז. 210).

דער ייד גלויבט, אַז ער וועט באַזיגן דעם רוים סאָציאַל־פּאָליטיש, האָבן אַ רעכט און אַ מעגלעכקייט צו זיין עקסטראַטעריטאָריעל, צו וואוינען אומעטום און זיך אויפפירן לויט זיין שולחן־ערוך, ווי ער האָט באַזיגט אי צייט אי רוים מעטאַפיזיש־טעאָלאָגיש. און אַז ער וועט ניט בלויז זיך אַליין באַפרייען פון אַט־די צוויי סוביעקטיווע אָנשויאונגס־פאָרמען, נאָר ער וועט די גאַנצע מענטשהייט באַפרייען פון זיי אי מעטאַפיזיש און אי פיזיש, ד. ה. סאָציאַל־פּאָליטיש. ווי אַזוי וועט ער עס באַווייזן צו טאָן? דורך דעם, וואָס ער וועט פאַרוואַנדלען די מענטשהייט, די אומות־העולם, די „משפחות־

*) שניאור זלמן, „ליקוטי אמרים", ז. 163, ווילנע, תר"ץ.
**) הגדה של פסח.

הארצות״ *), די פּאָליטיש־שטאַטיסטישע געאָגראַפיש־טעריטאָריעלע פעל־קער אין פסיכאָלאָגיש־עטישע ענטיטעטן. און ממילא וועלן זיי ווערן גלותיזירט, למעלה־מן־המקומדיק, און אייביק, למעלה־מן־הזמניק. און דעמאָלט וועט מקויים ווערן דער צוזאָג: „און ס׳וועלן גיין פעלקער פאַר דיין ליכט.״ **)

ז.

„מהר״ם (צום אָנגעזאַמלטן עולם):
און איר, רבותי, גייט צו זיך אין די שטיבער,
פאַרריכט דעם היזק יעדער ווי ער קען,
און אויך דעם שטאָט־עירוב פאַרריכט,
ווייל ישוב, רבותי, איז ישוב...״
(ז. 154)

דער גלעזער גייט אַרום און שטעלט אַריין צוריק די אויסגעהאַקטע שויבן.

„מהר״ם. צי וועט דער גלעזער היינט־נאָך קומען, שלמה?
שלמה (מהר״מס איידעם). אם ירצה השם...״
(ז. 178).

און אַז עס איז ניטאָ מער קיין גלאָז?

„אסתר. מען דאַרף, בת־שבע־לעבן, נאָך אַ טוך
די שויבן צו פאַרשטאָפּן . . .
אַ שטורעם־רעגן קלייבט זיך דרויסן.
דעם גלעזער זעט מען נאָך ניט אַרום?
בת־שבע. ער איז נאָך אַלץ אין בית־מדרש, טאָכטער,
אויך דאָרט קיין גאַנצע שויב ניט איבערגעבליבן.״
(ז. 163)

דער בית־המדרש איז בילכער. ער איז דער נערוונצענטער פון גאַנצן יידישן לעבן. און כל־זמן דער בית־המדרש, דאָס הויז פון תורה, שטייט, וועלן האָבן אַ קיום די יידישע הייזער, וועלכע זיינען אַלע קליינע בית־

*) יחזקאל, כ׳ ל״ב.
**) ישעיה, ס׳, ג׳.

המדרשלעך, ד. ה. הייזער אין וועלכע עס וואוינען די, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זייער פאַרעקשנטער עקזיסטענץ אַ תורה, אַ מדרש, אַ לערע פון יושר, די דאָקטירן, אַז אַ מענטש און אַ פאָלק איז ניט קיין מחובר־לקרקע, קיין צולייג צום לאַנד, איז ניט צוגעוואַקסן מיטן נאָפּל צו דער געאָגראַפיע, נאָר לאַנד און ערד איז אַ צולייג צום מענטשן און צום פאָלק. אַ ייד איז ניט קיין „געאָ־גוי". „די ערד האָט ער געגעבן צו די מענטשנקינדער" *), ניט די מענטשנקינדער צו דער ערד, כל־זמן זיי לעבן.

און דער פּשוטער גלעזער, דער ייד פון אַ גאַנצער וואָך, וואָס דער־ציילט ער אונדז?

„וואו נאָר יידן — דאָרט אַ הערצאָג
און גזירות, זאָגט מען אומעטום. מיט טעג צוריק
איז נאָך אַן אורח אָנגעקומען, אַן עין־הרע,
אַ שליח אַזש פון אונדזער ארץ־הקדושה, —
איז ער זאָגט אויך, אַז אומעטום פאַרפאָלגט מען יידן,
מען שעכט זיי און מען ברענט זיי, זאָגט ער,
נאָר דאָרט ביי אים אין לאַנד פון כאַן אירגון
האָט זיך משיח שוין באַוויזן, זאָגט ער —
די יידישע גאולה שוין געקומען, זאָגט ער."

(ז. 144)

ניט דער גלעזער זאָגט עס, ער זאָגט בלויז אַ „דבר בשם אומרו", ער גיט איבער וואָס דער שליח זאָגט.

ווי פאַרהאַלט זיך דער מהר"ם צו אָט־דעם שליח?

„— דער רב, אָבער, האָט אים געאסרט — דעם שליח.
— און אויב משיח איז געקומען שוין?
— נאָך ניט די ריכטיקע צייט.
— און ווען איז די ריכטיקע צייט?
ווען? ווען?"

(ז. 145)

די ריכטיקע צייט איז די פּוטור, די טעג וואָס ליגן אויף יענער זייט

---

*) תהילים, קט"ו, ט"ז.

פון צייט, די טעג וואָס זיינען דער סוף און ענד פון אַלע טעג.*) משיחיות איז אַן אידעאַלע קאַטעגאָריע, ניט קיין רעאַלע.

אין דעם ספרל פון תשב״ץ, פאַרפאַסט פון מהר״מס תלמיד וותיק, ר׳ שמשון בר׳ צדוק, זאָגט ער בפירוש, אַז ער ווייסט גאָרניט וועגן קץ.**)

„אסתר (מהר״מס יינגערע טאָכטער). דער הייליקער שליח פון משיח צדקנו.
רחל (די עלטערע טאָכטער). אויך דו? צי האָסטו ניט געהערט דעם פאָטערס רייד?
בת־שבע (אַ זקנה, מהר״מס הויז־ווירטין). אַז, אפשר, איז משיח שוין געקומען טאָקע.
אסתר. כ׳וויל גלויבן, גלויבן, אַז ער איז געקומען.״

(ז. 166)

אַ באַוואוסטזיניקער ייד גלויבט אַז משיח וועט קומען, אַז משיחיות איז אַ פוטור־וויזיע, אָבער בשום אופן ניט, אַז ער איז שוין געקומען. ווייל קומען קומט אַ פאַלשער משיח. זיין אמתע שליחות דערפילט משיח מיט דעם, וואָס ער מאַכט אונדז וואַרטן און האָפן אויף זיין קומען. און אָט־די האָפענונג פאַרזיסט די ביטערקייט פון גלות־לעבן. אין יעדן דור ווערט משיח געבוירן און געפינט זיך אין דער האָפענונג פון גאולה, אָבער ניט אין פלייש און בלוט פון אַ קאָנקרעטן, פאַרלייבטן גואל־צדק.

„פון עולם. דער שליח, רבי.
מהר״ם (צאָרנדיק). איך וויל אים ניט זען.
שליח (מיט התפעלות). אָ, זאָל דער רבי ניט אָפּזאָגן זיין פּנים פון איינעם, וועמענס אויגן ס׳האָבן זיך געטונקט אין ריינעם זיוו פון אונדזער ארץ־הקדושה און וועלכער קומט צו אייך אין טעג פון גזר מיט גוטע בשורות וועגן ביאת המשיח.
מהר״ם. בין גוזר ניט אַרויפצוברענגען אויף דער צונג לשוא דעם נאָמען פון משיח צדקנו.
שליח. ווי זאָל איך ניט אַרויפברענגען זיין נאָמען? אַז ער איז דאָך מיט מזל שוין געקומען,

---

*) ישעיה, ב׳, ב׳.
**) תשב״ץ, רמ״ז.

מיט ברכות מיך געשיקט צו אייך.
מהר״ם. עס קאָן ניט זיין. דער קץ איז נאָך ניט אָנגעשטאַנען.
שליח. אַז מיינע אויגן האָבן דאָך אַליין געזען
זיין לויכטנדיק געשטאַלט, און כ׳האָב אַליין
פאַרנומען פון זיין מויל דאָס זיסע וואָרט: גאולה...
און ס׳רופט צו קיבוץ גליות אַלע יידן
דער מלך אבולפיה.
מהר״ם. ער איז ניט אַנדערש, ווי אַ מ ש י ח ש ק ר.
איך הייס אייך ניט פאַרפירן ס׳פאָלק!״

(ז. 154)

פאַראַן אַ פאָלקס־אַנעקדאָט: אַ יישובניצע פרעגט איר מאַן, דעם יישובניק, פאַרוואָס אויף יידן שיטן זיך אַזוי פיל גזירות. ער ענטפערט איר, אַז ס׳איז חבלי־משיח, איידער משיח קומט, קומען אָן צרות אין גרויס שפע. טרייסט אים די יישובניצע: עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, מיר האָבן איבערגעקומען המנען, וועלן מיר משיחן אויך איבערקומען. אין אָט־דעם וויציקן אַנעקדאָט ליגט אַ טיף־טראַגישער אמת. די יידן האָבן ניט ווייניקער אויסגעשטאַנען פון דער פאַלשער משיחיות ווי פון די המנס. און גאַנץ אָפּט קומט פאַר אַ ווילד־משונה קרום־שפּיגלדיקע פאַראייניקונג פון אָט־די צוויי געשטאַלטן. קנאַפּ האָבן די יידן זיך אַנגעליטן פון דער משיחישער באַוועגונג, וואָס הייסט קריסטנטום? משיח אויף גריכיש הייסט „קריסטאָס“.

דער ייד דערוואַרט משיחן, דער ייד גלויבט אין אים. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָט שוין דער דענקענדיקער ייד געוואוסט, אַז ער איז אַ פאַלשער משיח... משיחיות געהערט צו דער ווייטסטער צוקונפט, צום לעצטן טאָג, צום „אחרית הימים“, ניט צום היינט...

פאַרוואָס שפּילט זיך אַ קליין מיידעלע אין ליאַלקעס? די פּסיכאָלאָגן ענטפערן דערויף, אַז זי האָט ניט קיין געדולד צו וואַרטן ביז זי וועט ווערן אַן אמתע רייפע מוטער. דער מוטער־אינסטינקט איז שוין וואַך, אָבער די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן דעם אינסטינקט איז נאָך ניטאָ. וואַרטן קען זי ניט. זי וויל ווערן אַ מוטער און קען ניט. כאַפּט זי אַ ליאַלקע און ווערט כלומרשט אַ מוטער... זיך צופרידנשטעלן מיט דעם פאַרלאַנג און זיכער־קייט, אַז זי וועט פילע יאָרן שפּעטער ווערן אַ מוטער באמת, דאָס קען זי ניט.

דאָס טוט דער ניט־ייד. ער וויל האָבן אַ דערלייזער. וואַרטן האָט ער ניט קיין געדולד. ער איז ניט גענוג רייף צו באַזיצן ווילנס־קראַפט. נעמט

ער אַ ליאַלקע און שפּילט זיך אין אַ משיח, אין תחית־המתים... דער ייד איז פּסיכאָלאָגיש צו־רייף, ער זאָל זיך קענען באַפרידיקן מיט אַ ליאַלקע, מיט אַ געטשקע, מיט אַ פאַלסיפיצירטער גאולה, מיט אַ געפעלשטער אויס־לייזונג. דער ייד באַגרייפט די צעשפּאַלטונג, וועלכע ליגט צווישן דער אידעאַליטעט און דער רעאַליטעט. ער זעט אָט־דעם תהום און ווייסט, אַז מ׳קען איבער אים קיין בריקל, קיין קלאָדקע ניט אַריבערלייגן. דער ניט־ייד — אָדער ער נעמט אינגאַנצן ניט אָן אָט־די אידעאַלן און פאָרשטעלונ־גען מכוח אַ דערלייזער, אַ דערלייזונג, טויט־בייקומען, אָדער ער מוז זיך איינרעדן (אָדער מ׳מוז אים איינרעדן), אַז דאָס זיינען ניט דערוואַרטונגען, נאָר געשעענישן; דאָס האָט שוין פּאַסירט, עס איז שוין אַ „מעשה־שהיה״. און אויב ניט קיין „מעשה־שהיה״, דאַרף ער עס אינגאַנצן ניט האָבן, וויל ער עס אינגאַנצן ניט אָנערקענען... דער ייד . . . איז גענוג רייף צו באַ־גרייפן, אַז צוקונפט־פאָרשטעלונגען זיינען ניט קיין קעגנוואַרט־פאַרווירק־לעכונגען. זיי זיינען טאַקע פאָרשטעלונגען, אָבער פון גאָר גרויסן באַדייט פאַר דער קעגנוואַרט, וועלכע זיי באַלייכטן, באַשיינען און באַצירן — זיי טאָרן זי, אָבער, ניט אויספירן. זיי קענען זיך מיט איר ניט אידענטי־פיצירן.*)

„. . . די משיחים,
וואָס האָבן זיך באַוויזן, זיינען אַפּנאַרער געווען.״

(ז. 228)

ז.

„אשר (אַ גרויסער פוסק, דער ראַ״ש, אשר בן יחיאל):
אַלע שליחים מיט משיח־בשורות
זיינען שליחי־שקר . . .
ס׳בלייבט אונדז איבער נאָר איין זאַך:
סבלנות.״

(ז. 171)

אָט־די יידישע סבלנות איז אַ פאַרעקשנטע און קאַמפּלוסטיקע. דער קאַמף באַשטייט ניט אין אָנגרייפן דעם שונא, אים באַפאַלן, זיך פאַרהערן מיט אים אין אַ פיזישן געפעכט. ער באַשטייט אויך ניט, הויפּטזאַכלעך,

*) אבא גאָרדין, מאָראַל אין יידישן לעבן״ ז״ז 196-195.

אין שוץ, אין זיך אָפּווערן. ער באַשטייט, בעיקר, אין אויסדויער, אין עקזיס־טירן, אין ממשיך־זיין דעם יידישן קיום אויף צו־להכעיס דער רשעות. אַט־די עקזיסטענץ פון דעם „שעפּסעלע צווישן זיבעציק וועלף", וואָס ווילן אים פאַרצוקן, זאָגט עדות דורך דער סאַמע עקזיסטענץ זיינער אויף דעם כוח פון אַ גערעכטיקייט־אידייע, ווען זי שטויסט זיך צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער רשעות, ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: עס באַווייזט, אַז עס האָט אַ גרויסן פּאַסטעך.*) ישראל מיט זיין לעבן, פיל מער ווי מיט זיין פּרעדיקן, דעמאָנסטרירט, אַז עטישע גבורה אין סאָציאָלאָגיע איז אַ כוח, וואָס קען זיך פאַרמעסטן מיט פיזישער און פּאָליטישער מאַכט און זיי גובר זיין. „איך וועל ניט שטאַרבן, ווייל ווען איך לעב דערצייל איך די טואונגען פון יה." **)

„אסתר. גענוג געווען צו חרפּה און צו הפקר.
כ'וועל רופן און ניט אויפהערן צו רופן.
זאָל יעדער, ווער עס קען, פאַרלאָזן דייטשלאַנד.
רחל. דער פאָטער האָט גרויס צער פון דיינע רייד.
אסתר. איך שפּיר, אַז ס'קומט אַן אומגליק.
(נעענטער צום פאָטער)
צי זעט איר אַלע ניט, אַז ס'קומט דער סוף —
צו אַלץ, צו אַלץ. און מערער נאָך —
צו אונדזער אַלעמענס געדולד. (מיט געיאָמער)
איך וויל ניט דולדן מער. איך קען ניט.
מהר"ם (גייט צו צו איר, נעמט זי אָן שטרענג פאַר אַ האַנט,
קוקט אין אירע אויגן אַריין מיט שאַרפע בליקן):
הער אויף צו וויינען, אסתרלין. (פּויזע)
אַ ייד דאַרף אָננעמען באהבה די יסורים זיינע,
צי ווייסטו ניט דערפון?
רחל. דער פאָטער האָט מיט אונדז אַזויפיל מאָל
געלערנט וועגן דעם.
אסתר. און דאָס זיינען גאָר יסורים לבטלה . . .
אַ וואָרעם האָט דאָך אויך יסורים, אַז מען טרעט אויף אים."
(ז. 177)

---

*) מדרש תנחומא, תולדות, ל"ה.
**) תהלים, קי"ח, י"ז.

„פון וואַנען וואַקסט אַט־דער גרויסער שוואַרצער יאוש, פון וועלכער מכה זויגט ער, פון וועלכן מוטנעם קוואַל שעפּט ער זיין חיות? פון די פאָלקס־צרות, פון די געברענטע לײדן? ניין! ווייניק עקידות האָבן מיר געבונדן, ווייניק מזבחות האָבן מיר געבויט.״ *) — אַזאַ וואָרט, אַז אונדזערע יסורים זיינען לבטלה, אַז אונדז טרעט מען ווי מען טרעט ווערים, ביי וועלכע קיין קידוש־השם איז גאַר ניט שייך, האָבן מיר ניט געהערט.

„ווייסט איר פון וואַנעט דער יאוש וואַקסט? אויסגעגאַנגען איז דער פונק פון אמונה אין האַרצן, ניטאָ מער דער גלויבן אין די גייסטיקע כוחות פון פאָלק, אין זיין „רוחני״, לית להון חולקא באלהא דישראל; ניטאָ מער דער גלויבן אין דעם פאָלקס עולם־הבא... זיי מיינען דורכאויס, אַז מיר האָבן ניט קיין טאָטן אין הימל, אַז דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט איז קעגן אונדז... זיי האָבן אַנגעוואָרן דעם גלויבן אין דעם גרויסן טויזנט־יאָריקן אתה בחרתנו מכל העמים. זיי גלויבן ניט, אַז מיר זיינען אין דער אמתן אַן אויסדערוויילט פאָלק.״ **)

אַט דאָס איז די קאַרדינאַלע פראַגע פון יידישן זיין און באַוואוסטזיין: צי קעמפן מיר, יידן, אין משך פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר פאַר אַן אידייע, צי ניט? שטאַרבן מיר טאַקע אויף קידוש־השם, האָבן מיר טאַקע וואָס מקדש צו זיין? באַזיצן מיר אַן אידעאַל, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער עצם־קיום, פאַרמאָגן מיר אַ ייד־אידעאַל?

וואָס איז דער פּשט פון יידישקייט אויסגעטייטשט אין סאָציאַל־פּאָליטישע טערמינען?

די גלות־פראַגע, די פראַגע פון יידישע לײדן איז גאַר אַ וויכטיקע פראַגע, און מ׳טאָר זי ניט פאַרקוקן אָדער פאַררוקן אַן אַ זייט. צוויי טויזנט יאָר געקעמפט, פאַרוואָס?

„שטעלן מיר אָבער אַוועק די שדי־מלכות אַלס שלוס פון דער יידישער געשיכטע, דעמאָלט וואַרפט עס סנאָפּעס ליכט אויף צוריק; דעמאָלט בלאָזט עס אַריין אַ נשמה, אַ לעבהאַפטיקייט אין יעדער שורה און שורה פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. קיין איין טראָפּן בלוט איז ניט פאַרגאָסן געוואָרן אומזיסט, קיין איין קרעכץ איז ניט פאַרהויכט געוואָרן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און די טרערן, וואָס זיינען אַנגעזאַמלט, און געציילט אין יידישן לאָגל, ווערן דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין בריליאַנטן צו באַצירן די

---

*) ברידער גאָרדין, „ספר אל הגולה״, ז. 7, ווילנע, 1909.

**) דאָרטן.

קרוין, וואָס הייסט „פּריזהייט". ס'איז געווען אַ קאַמף פאַר דעם רעכט צו עקזיסטירן אַז אַ וועלטלעך־טעריטאָריעלן שטאַט, פאַר דעם סאָציאָלאָגישן אויפטו, וואָס האָט אַן אומגעהויערע אַלמענטשלעכע וויכטיקייט... עס איז שווער צו זיין אַ ייד, ד. ה. עס איז שווער אַפּצולייקענען דעם שטן שטאַט און זיין רעכט אויף טעריטאָריע, אויף וועלכער מיר וואוינען... אַ מיעוט פון די יידן וועלן וואַלטן אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד. אָבער דאָס וועט זיי ניט געלינגען. וואוהין זיי וועלן ניט לויפן, צי קיין מזרח, צי קיין מערב, וועלן זיי דאָרטן געפינען דעם זעלביקן פּראַנט, דעם זעלביקן גלות, און דעם שטן־שטאַט אַלס שונא, אַלס בלוט־שונא." *)

אַ יידישקייט־באַוואוסטזיניקער ייד אַנטלויפט ניט פון זיין גורל. מען קען ניט אַרויסשפּרינגען פון דעם ראָם פון דער יידישער געשיכטע. און וואוהין קען ער לויפן?

„מהר"ם. פאַרוואָס איז יצחק אבינו ניט אַנטלאָפן פון זיין עקידה?
חיים. און ווי איז דער דין, רבי,
אַז אויך אין ארץ־ישראל איז אַ הייליקע עקידה?
דניאל. און אפשר גאָרניט איין עקידה, נאָר אַ סך?"

(ז. 197)

ח.

דער מהר"ם איז ניט קיין וואולגאַרער דעמאָקראַט, קיין דעמאַגאָג. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז מענטשן זיינען ניט גלייך. אמונה איז געבויט אויף צידקות, און צידקות האַלט זיך אויף עקסעלענץ, אויף אויסגעצייכנטקייט, ניט אויף דער דורכשניטלעכקייט. אמונה איז אַריסטאָקראַטיש. אויך פעל־קער זיינען ניט גלייך. אַנדערע באַזיצן מער פון דעם „ווילן צו גוטסקייט" און אַנדערע מער פון דער „געלוסט צו מאַכט". די ווויסנשאַפט איז אַריסטאָ־קראַטיש, האַלט זיך אויף דעם געלערנטן, דעם וואוילקענער און גוטווייסער, דעם שאַרפן קאָפּ און געשיקטן באַאָבאַכטער און עקספּערימענטאַטאָר, פאָרשער, זוכער, אָריגינעלן דענקער. דאָס אייגענע די קונסט־דיסציפּלין. זי האַלט זיך אויף טאַלאַנט, אויף רוח־הקודש, אויף אומגעוויינטלעכע, כמעט אויסנאַמפאַלנדיקע, באַגאַבטקייטן. איין קינסטלער שטייגט אַריבער דעם

---

*) אבא גאָרדין, „מאַראַל", ז"ז 120-119

צוויטן. און בראש פון דער פּראָצעסיע מאַרשירט דער זשעני, דער אויס־טרעטער פון נייע וועגן.

דער מהר״ם שטעלט דעם בן־תורה אין אַ באַזונדער רובריקע. „דורך גרויסע מענטשן ווערט די תורה דערהויבן.״ *)

„דער וואָס באַליידיקט אַ תלמיד־חכם דאַרף אים באַצאָלן „בושת״, פאַר דער פאַרשעמונג. און עס איז געווען אַ מעשה מיט איינעם וואָס האָט מבזה געווען ר׳ יהודהן דעם זון פון חנינאן, און די זאַך איז געקומען צו ריש לקישן, און ער האָט דעם באַליידיקער געקנסנט ער זאָל באַצאָלן אַ גאַנצן פונט גאָלד.״ **)

עס זיינען אָבער פאַראַן הויפּט־פונקטן, לגבי וועלכע אַלע מענטשן זיינען גלייך, און דאָס איז — געזונט, לעבן און טויט.

„האָט משה געזאָגט: זאָל שטאַרבן משה און הונדערט זיינגלייכן און עס זאָל ניט געשעדיקט ווערן דער מינדסטער נאָגל פון אַ יידן.״ ***)

דאָס אייגענע איז פרייהייט. יעדער נאָרמאַלער מענטש וויל זיין פריי. אַז עס האַנדלט זיך וועגן אויסלייזן אַ געפאַנגענעם, דאַרף מען פאַר דעם תלמיד־חכמס פרייהייט ניט צאָלן מער ווי פאַר דער פרייהייט פון אַן איינ־פאַכן יידן. דער ווילן צו פרייהייט איז סיי ביי דעם למדן און סיי ביי דעם עם־הארץ גלייך.

„רבן יוחנן בן זכאי האָט איבערגענומען פון הלל און שמאי: אויב דו האָסט אַ סך געלערנט, נעם זיך מיט דעם ניט איבער, ווייל פאַר דעם ביסטו באַשאַפן געוואָרן.״ ****)

דער מהר״ם האָט געפּסקנט, אַז מען דאַרף פאַר אים ניט צאָלן קיין גרעסערן פדיון ווי פאַר אַ געוויינטלעכן שבוי.

„אשר (מיט קענטיקן פּחד):
איך האָב זיך דערוואוסט, רבי, אַז דער הערצאָג
וועט מאָרגן איבערמאָרגן אייך אַריינזעצן אין תפיסה . . .
כדי דורך דעם
אַרויסצופרעסן פון די יידן ס׳געלט וואָס ער פאַרלאַנגט.
דער הערצאָג ווייס ווי גרויס עס איז ביי יידן

---

*) תשב״ץ, קפ״ט.
**) דאָרט, תק״צ.
***) דברים רבה, פּרשה ז׳.
****) אבות, פּרק ב׳.

די הייליקייט פון פדיון שבויים.
מהר״ם. דאָס איינגעשטעלט אויסלייז־געלט פאַר אַ געפאַנגענעם
איז דאָך ניט מער ווי פינעף הונדערט מאַרק.
אשר. פאַר איך וועט ער פאַרלאַנגען וויפיל ער וועט וועלן.
ער ווייס ווי טייער איר זענט אונדז.״
(ז״ז 179-180)

דער הערצאָג האָט געפאָדערט פופציק טויזנט מאַרק.

אין תפיסה.
„**ראש הקהל פון מאַינץ.** דער רבי זאָל אונדז אויסהערן . . .
מיר האָבן היינט צונויפגערופן אַן אסיפה
און אָנגענומען אַ החלטה —
מהר״ם. אַז וואָס?
ראש הקהל. צו אויספּאָלגן דעם הערצאָגס געלט־פאַרלאַנג.
מהר״ם (אויפגעפלאַמט). צי ווייסט איר ניט מיין רצון?
אויב מער אַ פרוטה פון דעם איינגעשטעלטן פּרייז,
וואָס יעדער צאָלט פאַר אַ געוויינלעכן געפאַנגענעם —
וועל איך ניט מסכים זיין.
ראש הקהל. ניט שייך גאָר צו טראַכטן וועגן דעם.
דער הערצאָג טרעט ניט אָפּ פון זיין פאַרלאַנג.
און מיר זיינען מרוצה אים צו געבן ס׳גאַנצע געלט,
אַבי דער רבי זאָל באַפרייט ווערן די רגע.
מיר האָבן ס׳גאַנצע געלט מיט זיך.
מהר״ם. איך גיב ניט מיין הסכמה, רבותי.״
(ז. 219)

און עס העלפט ניט זייער בעטן זיך.

„**ראש הקהל.** מיר ווילן נאָר איין זאַך,
דער רבי זאָל באַפרייט ווערן.
מהר״ם. אַוודאי ווילט איר. און צי מיינט איר,
אַז איך וויל ניט באַפרייט ווערן?״
(ז. 221)

ער וויל אָבער ניט קויפן זיין פרייהייט דורך נאָכקומען דער פאָדערונג פון רשע־מרושע, דעם הערצאָג, און דערלאָזן, אַז מען זאָל פאַר אים, מחמת

זיין לומדות און צידקות, צאָלן מער ווי פאַר אַ פּשוטן יידן, אַ געפּאַנגענעם. ווען ער איז מסכים דערצו, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז ער האָט גענאָסן פון אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע אַלס אַ גדול בתורה. דאָס טאָר מען ניט טאָן. ודאשתמש בתגא — חלף. „דער וואָס וועט אויסנוצן די קרוין פון תורה פאַר זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט, וועט פאַרלוירן גיין.״ *)

ט.

„צוליב דער רשעות גאָר פון עפּעס דאָרט אַ הערצאָג.״
(ז. 196)

„עפּעס דאָרט אַ הערצאָג״... דאָ ליגט דער גאַנצער יידישער ביטול צום רשע, צום פּייניקער. מעג ער שטיין, אין דעם מאָמענט, ווי הויך אויף דעם סאָציאַלן לייטער, דער ייד פאַרהאַסט אים. דער ייד ווייסט, אַז דעם רשעס מפּלה איז נאָענט. וואָרים זיין לייטער שטייט אויף רשעות, אויף סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, וואָס, ווי שקר, האָט ניט קיין יסוד, און קען לאַנג קיין קיום ניט האָבן. שקר האָט ניט קיין פיס און אויף קוליעס קען ער ווייט ניט גיין.

„אויב זיי מאַכן פון אונדז הפקר
דורך זייער רשעות — האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר זיי.
זיי זעצן אונדז אין תפיסה — זיצן מיר;
מיר זיינען זיי מבטל — זיי און זייער תפיסה
און זייער מאַכט בביטול גמור.
נאָר ווען, חלילה, מיר אַליין דערלויבן זיך
אין אונדזער שרעק צו מאַכן פון זיך הפקר
און זיך אַליין מבטל זיין
און גיבן נאָך אַליין דערצו אונדזער הסכמה —
אוי, דעמאָלט זיינען מיר פאַרלאָרן, רבותי . . .
און דאָס איז דאָך וואָס זיי, וואָס אַלע זיי,
פון קלענסטן ביזן גרעסטן רשע, ווילן.
זיי ווילן אומברענגען אויף טויט אונדזער נשמה
נאָך מער ווי אונדזער גוף.

*) אבות, א׳. — נדרים, ס״ח.

עס איז זיי ווייניק וואָס זיי מאַכן אונדז צו חרפּה —
זיי ווילן נאָך, אַז יעדער פון אונדז
זאָל זיך אַליין, דורך זיך אַליין, מבזה־זיין.״
(ז. 221)

כל־זמן מיר זיינען ניט געבראָכן פּסיכאָלאָגיש, אידעאָלאָגיש, האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר קיין בראָך וואָס קומט אויף אונדז פון דרויסן, פון אונ־דזערע שונאים. אונדזערע צעשטערער און רואינירער קומען פון אונדז אַרויס, פון אונדזער איבערלעבקייט. די סכנה וואָס באַדראָט אונדזער עצם קיום איז דער גויאיזאַציע־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין אונדזער אייגענער סביבה. דער ביטול צו זיך אַליין איז אונדזער געפערלעכסטער שונא. די גרעסטע געפאַר שטעקט אין אונדזער אָפּוואַרפן דעם אתה־בחרתנו אויפ־געפאַסט אין עטישן טייטש פון פליכטן, פון מצוות און ניט פון זכיות. מיר קענען ניט זיין ככל הגוים. און די אידעאָלאָגיע, וואָס לאָזט צו דעם געדאַנק, אַז מיר מעגן און קענען זיין אויסוואורפן, רוצחים, פּושעים, ווי די גאָע־גויאישע פעלקער, די אימפּעריאַליסטן, איז אַ סם־המוות פאַר אונדזער פּסיכישן איינשטעל, און מוז דערפירן אונדז צו די סאַמע טויערן פון אומקום.

„דער ייד, בכדי ער זאָל קענען עקזיסטירן און ניט אונטערגיין, מוז שטיין אויף אַ העכערן ניוואָ עטיש, ווי די באַפעלקערונג צווישן וועלכער ער געפינט זיך. דער לא תלכו בחוקות הגוים, ניט גיין אין די שלעכטע, אויסגעלאַסענע, פאַרדאַרבענע, אומעטישע וועגן פון די „גויים״, פון די רשעים, פון די מערדער (אימפּעריאַליסטן, אויף אונדזער לשון), רוצחים — אָט־דער אָנזאָג האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אויפהאַלט פון יידישן לעבן און צוזאַמענלעבן... דאָס באַוואוסטזיין, אַז דאָס פאָלק ישראל עקזיסטירט ניט סתם, גלאַט אַזוי זיך, נייערט האָט אַ שליחות, האָט אַ זינען, האָט אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוועך, האָט אַ צוועק — האָט געמיינט פיל אין שטאַרקן די שוואַכע קני, אין דערמוטיקן דעם גייסט, אין אָנהאַלטן די עקשנות אין קאַמף פאַר קיום האומה.״ *) דער ייד דאַרף זיין פול באַ־וואוסטזיניק פון דעם פאַקט פון זיין שטיין בשפל־המדרגה אויף דעם געביט פון פּאָליטיק, אָבער דערפאַר גאָר זייער הויך עטיש, סאָציאַל־מאָראַליש. ער דאַרף זיין שטאָלץ אויף דעם און קוקן פון אויבנאַראָפּ אויף דעם זינ־דיקן גאָע־פּאָליטיקער, גאָע־גוי. ער דאַרף קענען מאַכן די ברכה „שלא עשני גוי״ אַפילו אין דעם טאָג פון אַ פּאָגראָם, אַפילו בעת ער זיצט אין

*) א. מחבר, „אין ליכט פון פלאַמען״, יידישע שריפטן, ז. 448, באַנד 2.

תפיסה און געפינט זיך אין פולן רשות פון דער געאָ־גויאישער מאַכט און יוריסדיקציע.

וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דער „עפּעס דאָרט אַ הערצאָג״, וואָס קיין מעשים טובים צו זיין קרעדיט האָט ער ניט, וואָס פון דער תורה הקדושה פון מאָראַל ווייס ער ניט. ווער איז ער? אַ משרתל ביי אַ שטיקל מלך אביון, וועמעס טראָן שטייט אויף אַ וואַקלדיקן יסוד און אָט־אָט פאַלט ער אום. אויף בייז קען קיין זאַך זיך לאַנג ניט האַלטן. לאַנג און קורץ געמאָסטן מיט דעם אייל פון אייביקייט. פאַר אָט־דעם גאָרניט שבגאָרנישט זאָל דער גרויסער גאון, דער מהר״ם, בויגן זיין שטאָלצן קאָפּ, וואָס טראָגט די יידישע קרוין, אַ „של־ראש״! לא יזכר ולא יפקד, קיינמאָל ניט, אויף קיין פאַל ניט.

י.

„הערצאָג. איך פרעג צום פערטן מאָל: ווער ביסטו?
מהר״ם. איך בין אַ פשוטער, פאַרפאָלגטער ייד. ניט מער.״
(ז. 241)

עס איז ניט פאַראַן קיין מער. דאָס איז דער גרעסטער, גלאָררייכסטער טיטול. עס איז ניטאָ קיין גרעסערער זכות ווי צו זיין גערודפט, געפייניקט פון די רשעים פון דער וועלט.

„אויב גאָט ברוך־הוא האָט איינעם אָנגעטרויט
צי, אפשר, גאָר אַרויפגעלייגט אויף אים אַ חוב
צו שטעלן זיך אַמאָל אַנטקעגן רשע —
זאָל ער ניט אָננעמען די זכיה?״
(ז. 223)

אָט־דער פשוטער ייד, אָט־דער פאַרפייניקטער ייד, דער מהר״ם, באַגרייפט, אַז זיין

„יחוס־שטאָלץ, וואָס קומט פון גאָט ברוך־הוא, איז אייביק.״
(ז. 240)

רשעות איז אַ צייטווייליקע אַבעראַציע, בעת גערעכטיקייט איז אַן אייביקע קאַטעגאָריע. און צייטווייליקייט מוז אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר דער אייביקייט. יושר, גוטסקייט איז מעכטיקער פון אומרעכט און שלעכטס.

„הערצאָג. אין וואָס באַשטייט דיין מאַכט ?
מהר״ם. מיין מאַכט ? (אַ לאַנגע פּויזע)
מיין מאַכט באַשטייט אין דעם, וואָס כ'האָב קיין מאַכט ניט.״
(ז. 242)

דאָס מיינט: מיין גייסטיקע מאַכט באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב ניט קיין חלק אין דער מאַכט, וואָס האַלט זיך אויף אומרעכט. איך האָב ניט קיין רשעותדיקע מאַכט און איך וויל זי ניט האָבן. איך פאַרניין אָט־די מאַכט פון שטן־המשחית. אין דעם באַשטייט מיין יידישע גבורה.

„הערצאָג. דער יודן־רב זאָל אויף אַ האָר ניט מיינען,
אַז אויב ער שטאַרבט אין תפיסה דאָ
איז אַלץ געענדיקט. — ניין, ער מאַכט אַ טעות !
דער יודן־רב וועט דאָ פאַרפוילט ווערן.
אַפילו טויטערהייט וועט ער פון דאַנען ניט אַרויס.
די ביינער פון דעם יודן־רב אויף אייביק וועלן זיך
אַרומוואַלגערן אין טויטן־קאַמער דאָ,
אָן הספד און אָן קבורה. אייביק. אייביק.״
(ז. 243)

דער מהר״ם בלייבט פעסט ווי אַ פעלזנשטיין. עס העלפן ניט קיינע סטראַשונקעס, אַפילו דעם הערצאָגס אַנצוהערעניש, אַז ער וועט זיך נוקם־זיין אָן דעם מהר״מס משפחה, ברעכן ניט דעם איינמאָל געפאַסטן באַשלוס.

„אשר. וואָס וויל דער הערצאָג טאָן ?
מהר״ם. ער וויל אויך דיך פאַרשפאַרן אין פעסטונג.
אשר. כ'בין גרייט אויף דעם, כ'בין גרייט.
אסתר. אויך איך בין גרייט.״

סוף כל סוף זיגט אין איר דער יידישער גייסט און שטאָלץ. זי פאַר־שטייט איר גרויסן טאָטן און נעמט אָן זיין קוק אויף יידישע זאַכן.

„מהר״ם. ער (דער הערצאָג) איז ערשט געווען דאָ,
געקומען מיך צעברעכן, און — איר זעט דאָך —
צעבראָכן האָט ער נאָר מיין שטעקן.
(לאַכט קרעפטיק). איר זעט — אָט ליגט דער שטעקן מיינער.״
(ז. 246)

„מהר״ם. דער הערצאָג שפּילט אַ שפּיל אָזאַ מיט מיר.
ער וויל מיך אין אַ נעץ פון שרעק פאַרפּלאָנטערן,
אין ספיקות און אין שווערן ישוב־הדעת,
אין חשדים און אין מוראס, כדי דורכדעם
די לעצטע כחות מיינע צו צעברעכן.״

(ז. 248)

„מהר״ם. איצט הערט וואָס איך פאַרזאָג אייך:
דער רשע וועט אָודאי וועלן אויסנוצן מיין טויט,
ער וועט אָפילו אייך ניט לאָזן ברענגען מיך
צו קבר ישראל, ביז איר וועט ניט אויספּאָלגן
זיין גוואַלד־פאַרלאַנג. דעריבער בין איך גוזר:
ניט נאָכגעבן! איר הערט וואָס איך פאַרזאָג?!״

(ז. 251)

ערשט מיט דרייצן יאָר שפּעטער האָט מען אויסגעלייזט פון די רשעימשע הענט זיינע ביינער.

ר״א.

„גם כי אלך בגיא צלמות
לא אירא רע.״

מיט אָט־די ווערטער אויף די ליפּן גייט אויס דער גרויסער צדיק, וואָס האָט געלעבט זיין גאַנצן לעבן אויף קידוש־השם און האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעמצוג מיט די ווערטער: „איך האָב ניט קיין מורא פאַר דאָס בייז.״ אַ ייד טאָר ניט זיין קיין שרעקעדיקער.

פאַרן שטאַרבן אין דער תפיסה האָט דער מהר״ם באַוויזן אָנצושרייבן אַ ספר־תורה.

„אַהאַספער. די יריעות ליגן אויפן שטענדער.
דו זעסט, דניאל, דו זעסט —
פאַרענדיקט שרייבן ביזן לעצטן אות . . .
איך זאָג עס כדי דו זאָלסט וויסן . . .
ווער ליגט דאָ? ר׳ מאיר בר׳ ברוך?

ניין, ניין. — דער געמיינער פּאַרפּייניקער
האָט זיינס ניט דערגרייכט. מיר'ן נעמען
ר' מאירן מיט זיך."

(ז. 254)

עס זיינען פאַראַן ווערטן, וואָס זיינען פיל טייערער פון פערזענלעכן מיזעראַבעלן קערפּערלעכן לעבן. און אין זכות פון יענע אייביקע ווערטן לעבן מיר, יידן, און וועלן לעבן אייביק, ווייל מיט אונדזער לעבן קעמפן מיר פאַר יענע אייביקע קאָסטבאַרקייטן.

דאָס איז דער עיקר־געדאַנק, וואָס וויברירט און פולסירט דורך דעם גאַנצן ווערק. דעריבער וועט עס אַריינגענומען ווערן אין „ארון הקודש", אין קאַנאָן פון די „הייליקע שריפטן", די כתבי־הקודש, די שריפטן וועגן אונדזערע קדושים.

עס איז אַ ווערק געשאַפן פונקט אין צייט. „און אַ וואָרט אין צייט ווי גוט איז עס!" *)

עס איז אַן אַרויסרוף און אַ פאַרוואורף צו די צעקראָכענע ברואים פון אונדזער דור, וואָס זיינען גרייט צו נעמען די גאָלדענע וויזיעס פון אונ־דזערע אבות־אבותינו, די גאָלדענע טרוימען וועגן דעם גאָלדענעם צייט־אַלטער, וועגן דעם „אחרית־הימים", און זיי אויסבייטן אויף האַרטע קופערנע פייעמס, דריי־גראָשענע מטבעות.

דער דעוויז פאַר אונדזער דור בלייבט דער אייגענער, וואָס פאַר אַלע פריערדיקע דורות:

סבלנות און בטחון.

אויף אונדזער פאָן שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: נצח ישראל לא ישקר.

מיר וועלן קעמפן אויף די יידישע קדושה־פראָנטן, ביז קדושה, יושר וועט זיגן. מיר וועלן ניט איינגיין אויף קיינע פשרות מיט דער ממשלת זדון.

יעקבס געטרייע קינדער וועלן ניט פאַרקויפן זייער בכורה פון אידעאַליזם פאַר די שערבלעך פון אַ ליימענעם טאָפּ, אין וועלכן מען האָט אַמאָל געקאָכט לינדזן...

„יידישע שריפטן", העפט 2-3, 1946.

---

*) משלי, ט"ו, כ"ג.

2. בראָך און ניט־געבראָכענער בטחון

„אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען", לידער און פּאָעמעס פון **ה. לייוויק**. 347 ז"ז. ניו־יאָרק, 1945.

א.

דאָס שולדיקייט־געפיל

אונדז אַלעמען מאַטערט דער פרעג־געדאַנק: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז אַזעלכע גרוילטאַטן, ווי די וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון די נאַציס קעגן די יידן, זאָלן געטאָן ווערן אין מיטן העלן טאָג, און די זון פון ציוויליזאַציע זאָל זיך גלייכגילטיק צוקוקן צו אָט־די אומבאַנעמבאַרע מעשים תעתועים, און זיך ניט אויסלעשן אויף שטענדיק, ניט פאַרגיין אין שוואַרצער הושכדיקער חרפה? ווי אַזוי האָבן קינדער פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַררעכנט געווען פאַר אַ הויך־קולטורעל פאָלק, געקענט אַזוי טיף זינקען אין אָפּגרונט פון ברוטאַליטעט, אין תהום פון בעסטיאַלישער אכזריות? ווי אַזוי האָבן זיי געקענט זיך אַראָפּלאָזן ביזן סאַמע דעק פון סאַטאַניזם, וואַמפּירישן דעמאַניזם?

און אויב דאָס האָט איינמאָל פּאַסירט, איז דען פאַראַן אַ גאַראַנטיע, אַז דאָס וועט זיך ניט איבערחזרן, אַז עס וועט נאָך אַמאָל ניט פּאַסירן?

„צו פאַרגיין אין אינקוויזיציע־תענוג
האָב איך אין מיין לעבן שוין געהאַט
ניט איין אָנבאַט, און איך שטיי
ביי דעם לאַגער פון דער וועלט אין ריי
אַ פאַרצייכנטער טרעבלינקע־קאַנדידאַט."
(ז. 11)

„ווי יצחק — זאָל אַ האָר ניט פעלן,
איך בין ניט קלענער און ניט גרעסער.
איך טראָג דאָס האַלז, איך טראָג דאָס מעסער . . ."
(ז. 7)

„אַז פון דעם באַרג מוריה ביז מאַידאַנעק
איז אַלץ ניט מער נאָך ווי אַ יצחק־שפּאַן.״

(ז. 17)

דער קאָלעקטיווער יצחק גייט צו זיין עקידה, דאָס איז דער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, וואָס שטייט אונטער דעם פלאַמענדיקן צייכן פון קידוש־השם.

„יאָ, פאַר דיר לאָזן מיר זיך הרגענען גאַנצענע טעג.״ *)

ווער איז אָבער שולדיק אין אָט־די הריגות, אין די שחיטות פון די קינדער פון יעקבן, וואָס זייער גורל איז צו זיין אַ שטענדיקער יצחק אויף דער געשיכטלעכער עקידה?

אַלע זיינען שולדיק. אַלע טראָגן די לאַסט פון שולד. די גאַנצע לאַנגע קייט פון דורות, וואָס ציט זיך פון קינען ביז צום לעצטן רוצח און זיין פרישן מאָרד־אַקט.

ווען מיר זעען, אַז איינער פון אונדז, מענטשנקינדער אָדער צוויפיסיקע חיות, קען זיך דערלויבן צו באַגיין אַ פאַרברעכן בפועל, ווייסן מיר, באַנעמען מיר, אַז טויזנטער פון אונדז באַגייען אָט־דעם פאַרברעכן בכוח, אין פאַר־שטעלונג, אין אַבזיכט, אין פאַרלאַנג. דער אַקטועלער פאַרברעכער ווערט עפּעס ווי דעלעגירט צו טאָן עס, ער ווערט אַ מין שליח־ציבור, אַ שליח לדבר עבירה פון בעלי־עבירות, וואָס זינדיקן אין זייערע געדאַנקען, אין זייערע גלוסטעניש. ער, דער פאַרדאָרבענער יחיד, ווערט דער בית־הקיבול פאַר דער גאַנצער פאַרדאָרבנקייט פון דעם רבים. ער פירט אָדורך דעם פושע׳שן ווילן פון די פושעים. אַז מיר דערזעען אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע אַזאַ אויסוואורף ווי היטלער הרשע, באַגרייפן מיר, אַז אין יעדן קערפּער־הויז געפינט זיך אַ קליין אויסוואורפל, אַ מיניאַטור היטלערל. און אָט־די קליין־היטלערלעך האָבן זיך צונויפגענומען און זיך באַזעצט אין איין פערזאָן און ער איז עס געוואָרן דער גרויס־היטלער, ימח שמו. דער רשעלע אין אונדז איז קליין דערפאַר, ווייל זיינע מעגלעכקייטן זיינען איינגעשטשעמעטע, זיין סביבה אַ דלד־אמותדיקע און ער קען זיך ניט צע־לאָזן מיט זיין רשעות. אָבער פּאָטענציעל איז יעדער רשעלע אַ גרויסער רשע אין זיין פולער מאָנסטעריעזער שטאַטור. איידער איין מאָרד־אַקט ווערט באַאַגנגען אַקטועל, ווערן טויזנטער מאָרד־אַקטן דורכגעפירט אין די געדאַנקען פון פאַרשיידענע מענטשן. אָט־די שלעכטע מחשבות, אָט־די

*) תהילים, מ״ד, כ״ג.

מאָרד־פאַנטאַזיעס לייגן זיך צוזאַמען און ווערן מצורף צו איין מערדערישער אַקציע. „קיינער זינדיקט ניט סיידן עס גייט אַריין אין אים אַ רוח־שטות״ *), וועלכער ווערט אים סוגעסטירט פון אַ גאַנץ זינדיקן אַרום. דער מערדער איז דער אויסשיט אויף דער הויט פון געזעלשאַפטלעכן קערפּער, אַן אויס־שיט וואָס צייגט, אַז די בלוטן געפינען זיך ניט אין אַ געזונטן צושטאַנד.

צי בין איך ניט דער טרעגער פון באַפעל
פון דודן צו אומברענגען אוריהן ?
צי איז ניט מיין געלעגער רויט באַשפּריצט
מיט בלוט פון דעם פּילגש־לייב פון גיבעה ?
צי בין איך ניט אַליין דער טיטוס... וואָס פאַרברענט גאָטס שטוב?
צי בין איך ניט די קאָם, וואָס פּייניקט ר׳ עקיבאָס גוף ?
צי בין איך ניט אַליין צעפּליקט אויף טויזנט קריעות,
אין פייער אויף מיין שוועל, צי הער איך ניט ווי ס׳זידט
דאָס בלוט פון זכריה און יוסף חיים ברענער ?
צי בין איך ניט אַליין דער שמיד, וואָס שמידט
אי גראַבאייזנס, אי קייטן, אי גאולה־פּענער ?״
(ז״ז 32-33)

מיר זיינען אַלע ערב. אַלע אויסגעקניפּט אין אונדזער פאַרמשכונטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווייל מיר זיינען אַלע איין „איך״. און אָט דער אַלגעמיינער „איך״ ציט זיך דורך דורות. יעדער דור איז אַ זאַץ אין בוך „מענטשהייט״. און יעדער יחיד איז אַ וואָרט אין זאַץ, אַ וואָרט וואָס איז אַ בוך פאַר זיך.

ר׳ מאירל פּרעמישליאַנער האָט געזאָגט: שטעלט מיך אַוועק אין גושן און איך וועל דערקענען די לאַפּעטע, מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט. ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט געזאָגט: איך געדענק ווער עס איז געשטאַנען לעבן מיר ביים באַרג סיני בשעת מתן־תורה. דער אַפּטער האָט פאַר־זיכערט, אַז אין אַ גאָר ווייטן גילגול איז ער געווען אַ כהן־גדול און ער געדענקט די יידן וואָס פלעגן ברענגען קרבנות ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר זייערע זינד. דער דיכטער ה. לייוויק איז אונדז מגלה, אַז ער געהערט ניט בלויז צו זיין דור און צו די קומענדיקע דורות, וואָס פאַלגן מיטן מאַרש פון דער צוקונפט, נאָר אויך צו די פריערדיקע גענעראַציעס, וואָס זיינען

*) סוטה, ג׳.

געוועז הונדערטער און טויזנטער יאָרן פאַר אים. זיין „זיינקייט", זיין „געהעריקייט" איז רעטראַאַקטיוו.

„וואָס איז אַ דור? וואָס מיינט אַ דור?
צי דאַרף איך נאָר צום דור פון היינט געהערן." (דאָרטן)

ער געהערט צו די פאַרצייטיקע דורות און ער הערט דעם ווידוי און על־חטא שלאָגן זיך פון זייער באַוואוסטזיין פאַר אַלע באַגאַנגענע עבירות, פאַרברעכנס, עוולות און קריוודעס. און ניט בלויז הערט ער דעם ווידוי, ער זאָגט אים מיט זיי בציבור און ביחידות. ער טראָגט מיט זיי די לאַסט פון דער זינד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פון זיי אַפילו קעגן אים גופא, קעגן זיין אייגן פלייש און בלוט. מחמת עס איז ניט פאַראַן קיין אייגענער זינדיקער און קיין פרעמדער.

אוריה אַליין האָט געטראָגן דעם באַפעל פון דודן צו זיין פעלדמאַרשאַל יואָב, אומצוברענגען אוריהן. און אַזוי קומט עס תמיד פאָר. נאָך מער, אוריה אַליין איז אַ שטיק דוד, וואָס באַפעלט אומצוברענגען אוריהן. „צוליב אונדזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד"... ווייל, בגופא דעובדא, האָבן מיר זיך אַליין פאַרטריבן, הגם די פאַרטרייבונג, לויט דער עדות־זאָגונג פון דער איבערפּלעכלעכער געשיכטע, איז דורכגעפירט געוואָרן פון אַנדערע, פון די בייזווילקע רוימערס, די זיגערס. אָבער, טיפער פאַרשטאַנען, די רוימישע רצחנישע הענט זיינען אונדזערע אייגענע הענט. די „הידים ידי עשו" זיינען אויך יעקבס הענט. ווייל אין יעקבס גרילצנדיקן הייזעריקן גראָבן קול ליגן פאַרבאַהאַלטן עשוס פאַרהאַריקטע באַנעגלטע לאַפּעס, די לאַפּעס פון דעם דורס, פון דעם פאַרצוקער.

לייוויק קומט ניט אַרויס מיט אַן עפנטלעכן באַשולדיקונגס־אַקט. ער שרייט ניט אויס מיט נאַאיווער גאווה: „איך באַשולדיק." ער איז ניט יענעמס קטיגור. לייוויק זאָגט אונדז: איך באַשולדיק זיך. ווייל שולדיק איז ניט איין דור און ניט איין פאָלק, נאָר די גאַנצע מענטשהייט דורך אַלע דורות, און מיר, די קרבנות, בתוכם. מיר טראָגן מיט זיי, מיט די רוצחים, אַ היפּשן חלק פון דער שולד. מיר זיינען אַלע איינער, סיי דער רוצח, סיי דער נרצח, סיי דער גזלן, סיי דער נגזל. עס איז ניט פאַראַן אַזאַ שיידוואַנט, וואָס טיילט אונדז אָפּ איינע פון די אַנדערע. „מיר קענען זיך ניט אָפּטיילן פון אָט־דער שלעכטער געמיינדע." מיר, ווי פּסיכישע וועזנס, זיינען ניט

קיין סאָלידע קערפּערס. אונדזערע זעלן זיינען טראָפּנס וואָס געפינען זיך אין ים פון נשמהדיקייט, און מיר אַלע זיינען צונויפגעגאָסן אין איין שטראָם.

ניט נאָר איז דער, וואָס פייניקט ר׳ עקיבאן, דער אייגענער בשר־ודם, רייןן־גייסטיק, פּאַנפּסיכיש אויפגעפאַסט, וואָס ר׳ עקיבא, וואָס ווערט גע־פייניקט, נאָר אַפילו די אייזערנע קאַם איז אַ שטיק ר׳ עקיבא. מיר זיינען ניט אָפּגעמחיצהט, ניט פון די משחיתים און ניט פון די כלי־משחית. אָט־דעם פּאַנעגאָטישן געדאַנק דריקט אויס אַזוי רייך בילדלעך דער מדרש וועגן די „עשרה הרוגי מלכות״. ער דערציילט אונדז, אַז דער, וואָס האָט גע־ברענט און געבראָטן ר׳ חנינא בן תרדיונען, איז אַליין אַריינגעשפּרונגען אין פייער און איז פאַרשרפהט געוואָרן און ביידע, ר׳ חנינא בן תרדיון און זיין הענקער, זיינען צוזאַמען אַריין אין גן־עדן. „אויף דעם האָט רבי גע־וויינט און געזאָגט: ׳יש קונה עולמו בשעה אחת׳, עס פּאַסירט, אַז איינער קויפט זיך איין אַ גאַנצע וועלט אין איין שעה, ווי אָט־דער הענקער...״

לייוויק ברענגט אַרויס די צווייטע העלפט פון דעם אייגענעם געדאַנק: יעדער פון די אומגעקומענע אויף קידוש־השם פאַרזוכט דעם טעם פון גיהנום מיט זיין אומברענגער, דעם גיהנום־פייער פאַר דעם „חילול האדם״.

„אויף הבלן וואַרפט סיי ווי סיי קין
דאָס בלוט וואָס ער פאַרגיסט.״

(ז. 38)

הבלס בלוט שטראָמט פון אים און שפּריצט צוריק אויף אים. הבל קען זיך ניט פילן אומשולדיק, בשעת ער ווייסט, אַז ער האָט אַזאַ רוצח פאַר אַ ברודער . . .

„און היינט בין איך ווידער געשטעלט צום ניסיון:
כ׳דאַרף אָנטאָן אויף זיך דעם פאַרשאָלטענעם עול
פון ניט געלייטערטע, שלאָפלאָזע שעהען
פון קריג, פאַרראַט, פון בלוט און שטאָל.
אַלע הרוגים אין מיר, אַלע פלאַמען פון שריפות,
וואו נעם איך הענט פאַר אַזויפיל מאָרד און פלינדער?
אַלע תפיסות אין מיר, אַלע שלעג און מגיפות,
וואו נעם איך גוף פאַר אַזויפיל שלעכטס און זינד?״

(ז. 41)

וואו נעמט ער גוף פאַר אַזויפיל זינד? וואו נעמט ער הענט פאַר

אַזויפיל מאָרד און פּלינדער? ער נעמט פון אַלע גופים אַרויס. זיין יחידישער גוף ווערט אַ קאָלעקטיווער גוף, וואָס שטעלט זיך צוזאַמען פון אַלע קערפּערס פון אַלע רוצחים, זינדערס, רשעים.

איבערזאָגנדיק די צוויי פּסוקים פון תהילים:

„מיט דעם באַגנעדיקער ווערן מיר גנעדיקט; מיט דעם תמים ווערן מיר תמימים; מיט דעם ריינעם ווערן מיר געריניקט און מיט דעם קרומען ווערן מיר פאַרדרייט.״ *)

מיר האָבן אַ חלק אין יעדן צדיק, אין זיינע מעשים טובים, אין זיינע מצוות, אין זיין מוסטערהאַפטן אויפפיר, אין זיין קדושה, אין זיין חלק־לעולם־הבא, אין זיין גן־עדן. מיר האָבן אָבער ניט קיין קלענערן חלק אין יעדן רשע, אין זיינע שלעכטע טאַטן, אין זיין פאַרדאָרבענער הנהגה, אין זיין טומאה, אין זיין זינד, און אין שטראָף פאַר זיינע זינד, אין זיין גיהנום. מיר ווערן פאַרברענט פון זעלביקן פייער און קאָכן זיך אין דעם סמאָלע־קעסל. ווייל מיר זיינען ער גופא, אַפילו דעמאָלט ווען ער פאַרברעכט קעגן אונדז. מיר זיינען עובר אויף דעם לאוו פון „לא תגנוב״ מיט דעם גנב, וואָס באַגנבעט אונדז. ווייל דער גנב און דער באַגנבעטער זיינען, באמת, אין תוך געמומען, איינער.

„הער איך באַשיינפערלעך קולות נאָך העכער:
ער איז ניט אונדזערער, ער איז פון דאָרט.
ער איז אַ זינדיקער און אַ פאַרברעכער,
ער איז פון די וואָס זוכט גאָטהייט אין מאָרד.

זוך איך פאַרענטפערונג — שולד אָפּצוּוואַרפן,
ליגט גראָד דאָס וואָרט איצט פאַרשטומט ערגעץ וואו.
זון נעמט אַנטלויפן, און שטערן נאָך שטערן
קומען און זיגלען מיין שולדיקייט צו.״

(ז. 43)

דער מענטש אין זיין איצטיקן צושטאַנד שטייט אַ פאַרדאַמטער. ער איז אַוועק פון דער חיה און איז ניט צוגעקומען צו יהוה, צום שם. ער איז פאַרווירט און פאַרלאָרן. די גאַנצע מענטשהייט שטייט אַן אַנגעקלאָגטע און פאַרמשפּטע.

*) תהילים, י״ח, כ״ו—כ״ז.

„אָ ווי מיר — אין נעכט זיך צו פּלעפן
מיט גרויליקסטער רעטעניש — ווי:
צי קען אויך היינט־מאָרגן ניט טרעפן.
מיט פעלקער, מיט אַלע אַזוי —

זיי זאָלן די קלויסטערשע שמינקע
פאַרבייטן אויף מאָרד־לוסט און גוואַלד,
און אָנצינדן ווידער טרעבלינקע
אין גילגול פון היטלערס געשטאַלט.“

(ז. 132)

דער מענטש אין זיין קעגנווערטיקן מצב איז אַ בעל־מום, דעריבער אַ פאַרברעכער, אַ רשע־מרושע, אַ הורג־נפש. דאָס פאַרברעכן צעטרייסלט זיין גלייכגעוויכט, צעשאָקלט די אחדות־זיילן, אויף וועלכע זיין גאַנצער פסיכישער בנין האַלט זיך.

די פּילאַיכיקייט, דער סעפּאַראַטיזם רואינירט אים, צעדולט אים, נעמט ביי אים צו זיין שכל, און ער ווייסט ניט וואָס ער טוט... ער פּרובירט בלוט, שפיכת־דמים, מלחמות, הריגות, אַבי נאָר צו שטילן דעם בולמוס־הונגער, וואָס דראַפּעט זיין נשמה ווי מיט קעצענע נעגל, אַבי נאָר צו לעשן די שרפה, דעם פלאַם־פייער, וואָס פאַרצערט זיין אינגעווייד.

אָקעאַנען בלוט זיינען שוין פאַרגאָסן געוואָרן, זיי קענען אָבער ניט פאַרלעשן די אָנצינדונג פון דער זעל פון מענטשן...

אַזוי ווי איינצלנע מענטשן, אין זייערע אַגרעגאַטן פון קלאַסן און שיכטן, פירן זיך אויף, פונקט אַזוי האַנדלען די נאַציעס אַלס גאַנצע. זיי צעברעכן און צעשטעכן, צעשטערן גאַנצע ציוויליזאַציעס. זיי צערייסן זייער קולטור אויף פיצלעך און בלייבן נאָך אַלץ אומבאַפרידיקט, זייער צעשטערונג־גייסט נאָך אַלץ ניט איינגעשטילט... די פעלקער־מלחמות . . . זיינען די אומגעלומפּערטע מעטאָדן ווי אַזוי צו פאַרגעסן אָן דער פּוסטקייט און צעפּוילטקייט, וואָס האָט אויסגעהוילט דאָס האַרץ פון עץ־החיים, צעפרעסן דעם בוים פון ציוויליזאַציע. פון דרויסן טראָגט זיך אַ יאָמער, און פון אינעווייניק קלאָגט אַרויס די ליידיקייט, דער געוויין פון נשמה־חורבן, דאָס כליפּען פון די רואינען פון זעלנוויסטעניש, גייסט־חורבות.

אָט־די יסורים פאַראורזאַכט פון אינערלעכן פייער, די ליידן פאַרשאַפט פון דעם טאָטשען פון אינערלעכן וואָרעם, טרייבן די מענטשהייט, ווי די פעלקער־יחידים . . . אויף כל־המינים אַוואַנטורעס, וואַנזין און טירופים...

מחמת אַ תוהו־ובהו, אַ „שוואַרצער אין־סוף" געגעצט אין זייער נשמה, און אַ כאָאָס וואוינט אין זייערע הערצער, און אַ פּוסט־און־פּאַסקייט גריזשעט, ווי אַ פאַרהונגערטער כלב, זייערע געדערים פון געמיט און מוט... און גייענדיק שיער ניט פון זינען אַראָפּ מחמת די יסורים און ליידן, וואָס זיי שטייען אויס, ניט־ווייסנדיק פאַרוואָס און פאַרווען, און ניט באַגרייפנדיק ווי אַזוי זיך צו קורירן — וואַרפן זיי זיך איינער אויפן אַנדערן, כאַפּן זיך שלאָגן, און דאָס איז זייער פאַרווילונג, אונטערהאַלטונג און קוראַציע. וואָס קענען זיי טאָן?! זיי וויסן ניט ווי זיך צו העלפן! זיי קענען זיך ניט העלפן!" *)

אַ מיר דאַרפן אויף רוצחים ניט וואַרטן,
מיר זיינען די רוצחים אַליין,
מיר שענדן אונדזער אייגענע קרוין."

(ז. 122)

מיר דערמאָרדן זיך אַליין, מיינענדיק אַז מיר מאָרדן יענעם, אַז מיר הורגן יענעם. יעדער אַקט פון מאָרד איז אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד, ווייל דער מערדער מוז דערמאָרדן זיין אייגענע נשמה פריער איידער ער קען דערהרגענען יענעמס גוף.

„און ביז איך וועל געפינען
מיין סאַמע לעצטן תוך,
נאָך וויפיל בלוט וועט רינען
ביים קלענסטן, מינדסטן שטאָך."

(ז. 46)

באַגרייפנדיק דעם לעצטן תוך, דעם עצם מהות פון מענטשן, מיינט באַנעמען זיין אויסגעבונדנקייט מיט די מיטמענטשן, זיין אידענטיטעט מיט אַלע מענטשנקינדער, תופס זיין די איינאיכיקייט. און אַ מבול פון בלוט וועט פאַרפלייצן די כלומרשט ציוויליזירטע געזעלשאַפט, וואָס הערט זיך ניט צו צו דעם שטילן קול פון אינערלעכן געשפּיר, וואָס פליסטערט אָן־אויפהער דעם ערשטן געבאָט פון אנוכי, וואָס פאַרקונדיקט די לערע פון פולשטענדיקער סאָלידאַריטעט, פון איינאיכטום.

---

*) אבא גאָרדין, יודאַאיזם אַלס מאָנאָעגאָאיזם, „יידישע שריפטן", ז"ז 113-114, ערשטער באַנד.

„דערפאַר, ווען כ׳וועל געפינען —
וועט זיין אויך האַק געטרייסט.
קיין בלוט וועט מער ניט רינען,
און אַלץ וועט זיין דערלייזט.״

(דאָרטן)

דער מענטש וועט אויסגעלייזט ווערן, ווען ער וועט זיך אַנטפּלעקן צו זיך אַליין, ווען עס וועלן אַראָפּפאַלן פון זיינע אויגן די בעלמעס און ער וועט זיך דערזען אין זיין גאַנצער שטאַטור, אין זיין גאַנצער אַלמענטש־הייטלעכער שלימות, ווען זיינע אויערן וועלן דערהערן דעם פאַרשטיקטן קול פון אנוכי יהוה . . .

„פאַלסט צוריק צו צום אנוכי
מיט די ליפּן, מיט די ציין.״

(ז. 88)

ערשט דעמאָלט, ווען דאָס וואָרט „אנוכי״ וועט דערהערט ווערן, וועט דער פייערשפּייענדיקער ווואולקאַן, וואָס געפינט זיך אין האַרצן פון מענטשן, און די לאַווע, וואָס ברענט אין געהירן, זיך איינשטילן, זיך אָפּקילן, זיך באַרואיקן. און אָט־די אויפגעבונדענע ענערגיע וועט ווערן אָנגעווענדט אויף קרעאַטיווער כל־יכולדיקייט, אויף דער אַקטואַליזירונג פון דער אומענדלעכקייט פון מעגלעכקייטן, וואָס שלאָפן אין שויס פון דער שעפערישער אַלמאַכט.

* * *

אין אָט־דעם שרפּהדיקן שולדיקייט־געפיל און אחריות־באַוואוסטזיין פאַר דעם חורבן ליגט פאַרהוילן דער טוי פון טרייסט. וויבאַלד מיר זיינען איינצ אין אונדזער „כולו־חייב״, וועלן מיר אויך אייניק זיין אין אונדזער „כולו־זכאי״. ווייל אָט־די אידייע פון אייניקייט און זעלביקייט איז דער שם המפורש, וואָס טראָגט אויף זיינע פליגלען די זוניקע גאולה וישועה.

„אויף אומגליק און וויי
אַ טרייסט שוועבט אַרום.״

(ז. 66)

„אויך דו ביסט דאָ נאָך, ברודער,
וואָס טראָגט דעם קרבנס שיין.״

(ז. 63)

„און צוגלייך דעם שאָטן פון שטן־המשחית, פון פאַרצוקער.

„טאָ טראָג עס ווייטער, ברודער,
און זאָל אַ טרייסט דאָס זיין.״

(דאָרטן)

„פון קיינעמס לאַנד בין איך געקומען
צו אַלעמענס פאַרטרויטן לאַנד.״

(ז. 56)

וויבאַלד, מיר זיינען אַלע די שולדיקע, וועלן מיר זיך אַלע פאַרגעבן.

„איך שטיי אַ געפּלעפּטער זיך איבערצוגעבן
אין גוטן רשות פון דעם גליק צו פאַרגעבן...״

„אַ קול אין מיר זאָגט: אָן דער זעאונג פון לויטער
קאָן קיינער זיין לעבן ניט דורכגיין — קאָן קיינער.
אויך שטאַרבן קאָן קיינער, אויב ניט אַ פאַרטרויטער
אַז דאָס, וואָס איז חרוב געוואָרן, דערבויט ער
מיט לעצטן געפלאַם פון זיין מאַרך אין די ביינער.״

(ז. 73)

אין אונדזער אומגליק ליגט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ גרויסן גליק און גנאָד.

פאַרוואָס האָט די רשעות פון דער וועלט געצילט אין אונדז אַלע אירע גזרן, אַלע אירע פאַרסמטע פיילן? ווייל זי האָט באַגריפן, אַז מיר זיינען דער ברענפּונקט פון דעם אידעאַל פון אויסלייזונג. די רשעות האָט גוט געוואוסט, אַז איר ממשלה איז ניט זיכער, כל־זמן דער ייד, דער יושר־מאָנער, לעבט.

„יידן דריי שפּאַנען דורך ירושלים דליטע,
אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ זון אין דער מיטן . . .
קומט ווידער דער בת־קול און פרעגט מיט שטוינען:
— צי האָסט געלאַכט? . . . נעמט אויך שרה איצט וויינען
פאַרשעמט און דערשראָקן, און זאָגט צו אברהמען:
אַז גאָט ווילט אונדז אויס — זאָל געבענטשט־זיין זיין נאָמען . . .
און אַלע דריי שפּאַנען — אַ געטלעכע כיתה —
דורך חרובע גאַסן פון ווילנע דליטע.״

(ז״ז 94-95)

אַז די האַק פון רשעות איז דורך די דורות געפאַלן תמיד אויף אונדזער האַלדז, איז עס אַ סימן, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין בעסערער האַלדז ווי אונדזערער... און אויך קיין שטאַרקערער האַלדז ווי אונדזערער... און די האַק וועט צעשפרונגען ווערן אויף טויזנטער שפּליטערלעך און אונדזער האַלדז, דער האַלדז פון יצחקן וואָס איז געבונדן אויפן מזבח, וועט בלייבן גאַנץ.

„איך האָב קיין אַנדער היילונג
פאַר דעם, וואָס ווערט מער נאָך ייד־קראַנק: —
פאַרברענונג, פאַרשטיינונג, דערקיילונג.
און נאָכדעם — זינג ווידער געזאַנג,

און נאָכדעם — נעם ווידער די ביינער
און לייג זיי אויס הייליק אין ריי.
און נאָכדעם — נעם ווידער די שטיינער
און בוי אַ מזבח פון זיי . . .״

די יידישע האַנט וועט ניט מיד ווערן צו בויען מזבחות. נאָך דער צע־שטערונג וועט קומען דער אויפבוי. נאָך דעם חורבן וועט קומען דער געגאַרטער אויפריכט.

נאָך דעם חורבן בית שלישי וועט קומען די דריטע, די ליכטיקסטע אַנטפּלעקונג פון יידישן זשעני, די הערלעכסטע אויסשטראַלונג פון יידיש־עטישן גייסט.

„נעם ווידער די שטיינער
און בוי אַ מזבח פון זיי . . .״

ב.

דער יידישער אָפּטימיזם

„פון די צען געבאָטן אַן עלפטער געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש!״
(ז. 107)

אויפן קבר פון ערשטן חורבן, חורבן בית ראשון, שטייט אַ מצבה אויס־

געהאַקט פון אייביקן וואָרט, אויסגעהאַמערט פון אייביקן גלויבן — און דאָס איז די מגילה „איכה״. די טראַדיציע שרייבט־צו דאָס ווערק צו דעם נביא ירמיה, וואָס האָט דורכגעלעבט די ערשטע, און צוליב איר ערשטקייט, ממילא, די שטאַרקסטע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע. „איכה״ איז די מגילה פון גרויסן יידישן בראָך און אומגליק, אָבער בשום אופן ניט פון צאָרן און פאַרצווייפלונג. אַ זילבערן רעמעלע פון האָפענונג פאַסט אַרום דאָס כמאַרנע בילד פון חורבן. עס שילדערט אַפּקום, אָבער ניט אומקום. עס איז אַ ירידה, אַן אַרונטערגאַנג, ניט קיין אונטערגאַנג. אַ סך, זייער פיל איז פאַרלאָרן, אָבער ניט אַלץ, ניט די זיכערקייט, אַז דער יידישער אמת איז דער אייביקער אמת. די יידישע אידעאָלאָגיע איז אויסגעהאַלטן, איז ריכטיק, איז וואָרהאַפטיק, און וועט בלייבן וואָליד אויף לעולם־ועד. מען דאַרף אין איר ניט מאַכן קיינע רעוויזיעס, קיינע רעפאָרמען. דער יידישער וועלט־באַנעם איז אמת־ויציב. אַי וואָס, דער בראָך ?! דאָס איז אַ מכשול, עפּעס צייטווייליקס. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון אַן אָפּווייך, אַן אָפּבויג פון ריכטיקן ריכטשנור אין אויפפיר פון פאָלק.

„דאָס וויל איך ענטפערן מיין האַרצן, דעריבער טו איך האָפן: די חסדים פון יהוה, פאַרוואָר, זיי האָבן זיך ניט אויסגעלאָזן. פאַרוואָר, עס האָבן זיך ניט געענדיקט זיינע דערבאַרימקייטן. זיי זיינען ניי אין די פרימאָרגנס ; גרויס איז דיין געטריישאַפט.״ *)

דאָס פאָלק איז געשלאָגן, אָבער ניט דערשלאָגן. זיין גלויבן און בטחון אויף אַ האָר ניט געמינערט. עס איז צו באַמערקן, אַז די דריי קלאָג־לידער פון דער מגילה, בסך־הכל פינף, הויבן זיך אָן מיטן וואָרט „איכה״. דער חורבן שטייט ביי דעם נביא־דיכטער אונטער אַ פראַגעצייכן. ער נעמט אים ניט אויף. ער קען אים ניט באַגרייפן. עס איז אַן אָפענע פראַגע, געשטעלט צו דעם סדר העולם, צו דער געשיכטע פון פאָלק ישראל אַלס אַ טייל פון דער וועלט־געשיכטע. „איכה ?״ ווי אַזוי ? ווי איז עס גאָר מעגלעך ? אַן ענטפער וועט קומען, מוז קומען. די געשיכטע וועט פאַר־ענטפערן אָט־די האַרבע קשיא מיט אַ תירוץ פון פולער פאַרגיטיקונג. כל־זמן דער ענטפער איז נאָך ניט געגעבן געוואָרן, געפינען מיר זיך אין אַ צושטאַנד פון שפּאַנונג, פון דערוואַרטונג. די עפּאָכע, די פאַטאַלע געשעעניש איז ניט געשלאָסן, זי האַלט נאָך אין פאַרקומען.

„יהוה איז מיין טייל, זאָגט מיין זעל, דערום האָף איך צו אים. גוט

---

*) איכה, ג׳, כ״א—כ״ב.

איז יהוה צו די, וואָס האָפן צו אים, צו דער זעל, וואָס זוכט אים. גוט איז צו וואַרטן שווייגנדיק אויף דער הילף פון יהוה. גוט איז פאַר אַ מענטשן אַז ער זאָל טראָגן דעם יאָך אין דער יוגנט. וואָרים ניט אויף אייביק פאַרלאָזט יהוה. וואָרים אויב ער האָט פאַרטרויעריקט, דערבאַרעמט ער לויט דער פולקייט פון זיינע גנאָדן.״ *)

אויף היינטיקן לשון וואָלט עס מיינען: די יידישע לערע איז אַ ריכטיקע, געפינט זיך אין פולן איינקלאַנג מיט דער ווירקלעכקייט. זי מוז, לכן, געבן פאָזיטיווע רעזולטאַטן, סוף־כל־סוף. „איכה״ איז מער אַ דער־מונטערונג, ווי אַ יאָמער־ליד.

דאָס אייגענע איז גילטיק פאַרן ספר „איוב״.

איוב ליידט. אַ בראָך האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אים. ער איז, אָבער, ניט צעבראָכן. ער פירט אונטערהאַנדלונגען מיט יהוה. ער רייסט ניט איבער זיינע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען. ער בייט ניט זיין קלאָרן בליק אויף דעם פיר פון דער וועלט און דעם אויפפיר פון דעם רעכטפערטיקן מענטשן, זיין פּאָזיציע אין דער וועלט. ער באַקלאָגט זיך. ער טענהט זיך אויס, ער גיט, אָבער, ניט אויף זיין האָפענונג.

„וויפיל האָב איך זינד און חטאים? מיין פאַרברעך און מיין זינד לאָז מיך וויסן. פאַרוואָס פאַרבאַרגסטו דיין געזיכט און האַלטסט מיך פאַר דיינעם אַ שונא?״ **)

אַז ער אַרגומענטירט, פרעגט פראַגעס, איז דאָך עס אַ באַווייז, אַז ער גלויבט אַז ער קען אויפקלערן די סיטואַציע, באַזייטיקן די מיספאַרשטענדע־ניש, וואָס דאָ קומט פאָר צווישן אים און יהוה. זיין פסק־דין איז נאָך ניט פאַרזיגלט. ער קען נאָך אַפּעלירן, אָפּשרייען דעם ווערדיקט. ער וועט נאָך געפינען גערעכטיקייט ביי דעם בית־דין־של־מעלה. די השגחה האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטאָן פון אים אינגאַנצן.

דעם זעלביקן מונטערן געמיט־צושטאַנד געפינען מיר ביי די „עשרה הרוגי־מלכות״, די צען קלאַסישע קדושים, לויט ווי דער מדרש „אלה אזכרה״ שילדערט זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען אין די שווערע מאָמענטן פון זייער הינגעריכטעט ווערן. אין דעם סאַמע קלעם פון טאָרטור פאַרלירן זיי ניט זייער בטחון און גלויבן אין נצחון פון יידישקייט, אין דעם טריאומף פון יושר און גערעכטיקייט.

---

*) דאָרט, כ״ב—ל״א.

**) איוב, י״ג, כ״ב—כ״ד.

„. . . אין גורל־שעהען
בין איך מקנא דעם קדוש מער, ווי דעם גיבור.״
(ז. 58)

ווייל דער „קדוש״ ציינט ארויס מער אינערלעכע גבורה, עכטן העראיזם, ווי דער גרעסטער גיבור, דער שטארקסטער העלד.

„נאך אינגלווייז, אין יארן פון חדר,
דערנאך אין בית־המדרש און ישיבה,
האט מער ווי בר־כוכבאס מלחמה־נדר
מיין הארץ פארכאפט דער טויט פון ר׳ עקיבא.

און אז איך האב געזען, ווי ס׳פארהייליקן פיוטים
די עשרה הרוגי־מלכות און ניט די חשמונאים —
האב איך אנגעהויבן ווארטן אויף יענע מינוטן,
ווען כ׳וועל ווערן ראוי פאר עקיבאס נסיון.״
(דארטן)

„האט געזאגט צו אים (צו ר׳ ישמעאל כהן גדול) דער קיסר: ׳דו גלויבסט נאך אלץ אין דיין אלהים?׳ האט ער (ר׳ ישמעאל כהן גדול) אים געענטפערט: ׳יא, אפילו ווען ער טויט מיך, האף איך נאך אלץ צו אים.׳ *) און גלייך איז ארויס זיין נשמה.״

ביז דער לעצטער רגע געהאפט, געווען זיכער, אז אלץ וועט רעכט ווערן, אז דער וועלט־חשבון וועט שטימען אין לעצטן סך־הכל, אין דער אונטערשטער שורה.

ר׳ עקיבאן האט מען געקאמט דאס לייב מיט אייזערנע קאמען און אויף יעדן ריס האט ער געזאגט: „דער פעלזנשטיין! פולשטענדיק איז דיין טואונג. פארוואר, אלע דיינע וועגן זיינען געריכט. מאכט פון גלויבן און אומרעכט. גערעכט און רעכטפארטיק איז ער.״ **)

„דערנאך האט מען געבראכט ר׳ יהודהן, דעם זון פון בבאן . . . האט דער הענקער געזאגט צו אים: דו גלויבסט נאך אלץ אין דיין אלהים? האט ער געענטפערט: יא. האט דער הענקער געזאגט צו אים: דיין אלהים האט דען כוח, וואס דו פארלאזט זיך אויף אים?! האט ער געענטפערט: ׳גרויס איז יהוה און זייער בארימט און צו זיין גרויסקייט איז ניטא קיין

*) איוב, י״ג, ט״ו.
**) דברים, ל״ב, ד׳.

פאַרשונג.׳ *) האָט מען אָט־דעם קורצן דיאַלאָג איבערגעגעבן דעם קיסר. האָט דער קיסר אים געהייסן ברענגען און האָט אים געפרעגט: איז דאָס אמת וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דיר? האָט ר׳ יהודה דער זון פון בבא געענטפערט: אמת. האָט דער קיסר געזאָגט צו אים: וואָס פאַר אַ עזות־פּנימער איר זייט! אַפילו אויפן שוועל פון טויט זייט איר נאָך אַלץ ביי זיך פאַרריסן. האָט אים ר׳ יהודה געענטפערט: ווי צו דיר, קיניג, רשע זון פון אַ רשע...

„מען האָט אים היגעריכטעט; און דער קיסר האָט באַפוילן, אַז מען זאָל אים צעשניידן גלידערווייז און וואַרפן די שטיקער פאַר הינט. און ר׳ יהודה איז ניט באַוויינט געוואָרן און ניט געקומען צו קבר־ישראל.״

אָט־דעם מדרש האָט פאַרפאַסט אַ גרויסער יידישער דיכטער און דענקער. ער איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון מחבר פון „איכה״. ער שילדערט מעכטיק די יידישע טראַגיקייט, איבערמענטשלעכן בטחון, די זיכערקייט פון זיג פון גערעכטיקייט. אָט־די יידישע גייסטיקע גבורה איז שטאַרקער פון טויט, זי וועט בייקומען אַלע אומצאָליקע נסיונות און מפּלות. יידישקייט וועט אַרויס פון דעם געפעכט אַ זוניק־שיינענדיקע זיגערין.

אין אָט־דעם טאָן פון אמונה און בטחון זיינען אויסגעזונגען די קרעפטיקע לידער פון ה. לייוויק, דער מחבר פון נייעם „איכה״.

„צי זיך איך ניט מיט אַש באַשאָטן אין אַ גרוב
און יאָמער ניט דעם יאָמער פונעם איכה־נביא?״

(ז. 32)

און סיי אין „איכה״ און סיי אין לייוויקס לידער ווערט דער יאָמער באַצוואונגען פון אַ טיפן גלויבן אין יידישן פאָלק און אין מענטשלעכן מענטשן.

צום אָנפאַנג פון בוך לאָזט זיך פילן דאָ און דאָרט אַ וואַקלונג. אַ ספק גנבעט זיך אַריין. אָבער ער ווערט אָן פאַרשפּעטיקונג אַרויסגעטריבן. דאָס צווייפלען דערגייט ניט צום פאַרצווייפלען. עס דינט בלויז ווי אַ הינטער־גרונט אום אָפּצושאָטענען וואָס מערקעוודיקער דעם פאַרפעסטיקטן גלויבן. ווען ניט אָט־די פילע אַנטקעגן־ריידנדיקע שורות, וואָס דערציילן פון פאַר־צערטן אָפּפרעג, וואָלט זיך ניט אַזוי עכט פילן דער חיזוק פון אמונה. דער דיכטער זוכט זיין וועג צווישן די ברוכשטיק, די קריעה־ריסן פון זיין צע־

*) תהילים, קמ״ה, ג׳.

ווייטיקטער און פאַראַבלטער זעל, און לסוף געפינט ער אים. און ער טרעט אויף אים מיט פולער זיכערקייט, כאַטש מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אונטער דער שווערער לאַסט פון דער היסטאָרישער עקידה.

„אין גאַנצן וועג בין איך סיי ווי
פון זיך אַליין קיינמאָל ניט פּטור.
איך בין דער זון און אויך דער פאָטער —
ניט צופיל לאַסט פאַר איין פּאָר קני?

ניין, ניין, ס׳איז אַלץ ווי איך באַדאַרף,
בין יצחק און אברהם צוזאַמען.
איך בין אַליין די חלף־שאַרף,
אַליין דאָס האַרץ, אַליין — דאָס פלאַמען.

די יאָרן גייען צו עליה.
און ווען מיין קאָפּ איז דורך שוין גראָ,
דערגרייך איך יענע העלע שעה,
וואָס לייכט אַראָפּ פון באַרג מוריה.״

(ז. 8)

צו אַט־דעם באַוואוסטזיין דאַרף מען זיך דורכשלאָגן, זיך דורכראַנגלען. צו אַט־דער העלער שעה קומט מען ניט מיט דעם גלייכן שליטוועג, אויף דעם פאַרשנייטן, מיט גרויע יאָרן, ציפּערבלאַט פון לעבן. פאַר אַט־דעם עקזאַלטירטן עקידה־געמיט מוז מען באַצאָלן אַ הויכן פּרייז פון פעסימיזם און פּיקפּוקים.

„און איך, וואָס בין איך? — אַ שטיקל ייד.
און דאָס וואָס איך שרייב — אַ שטיקל ליד.״

(ז. 9)

אַ שטיקל ייד איז שוין אַ גאַנצער ייד. אַפילו בלויז אַ פּינטעלע, אַ פּינטעלע ייד איז שוין אַ פולשטענדיקער ייד.

דער דיכטער גייט דעם דאָרנדיקן וועג פון צאָרנדיקן צער, ער ווערט דורכגעלייטערט אין פייער פון אינערלעכן גיהנום, און איז זוכה, צום סוף, אַריינצוקומען אין גן־עדן פון אמונה שלמה.

„משפּט מיך פאַר צולאָזן, אַז מענטשנהינט
זאָלן אויפעסן אויף טויט ישראלס הויזגעזינט.

וואַרף מיך אין אַ גאָט־אויוון אַריין און מיך פאַרשלעפער,
מיך — דעם שטומען בעטלער, דעם געוועזענעם באַשעפער."
(ז. 14)

דער באַשאַפער איז אַ געוועזענער. היינט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים זיין כוח. אַ טייל פון זיין באַשאַף האָט זיך געשטעלט קעגן אים און אים ביזעקומען. ער באַגרייפט עס. ער פילט זיך שולדיק. ער באַנעמט, אַז אים קומט אַ שטראָף פאַר באַשאַפן אַזאַ אומגעהויער ווי דעם טייוול־מענטש, דעם חיה־מענטש, וואָס האָט אַלע חסרונות, שלעכטע אייגנשאַפטן פון דער ווילדער חיה און ווילדן מענטשן, און קיינע פון זייערע מעלות.

„פאַרשפּילט האָב איך, מיין גאָט, סיי ווי,
פאַרשפּיל מיט מיר צוזאַמען."
(ז. 28)

„דער שם המפורש פּאַקט מיט זיינע מידע פליגלען,
דער שם המפורש שלאָגט פון כוחות זיך אַרויס.
ער וואָגלט אום צווישן די מאַידאַנעק ריגלען
אַן איינגעשטויבטער, אויוון־איין און אויוון־אויס."
(ז. 90)

אָבער די פאַרצרהטע און פאַרביטערטע שטימונג פון „הטחת דברים כלפי מעלה", פון רעדן אַנטקעגן דעם טאַטן אין הימל, דויערט בלויז אַ קורצע ווילע. דער דיכטער קומט גלייך צו זיך, צו דעם דערקענען פון זיין הייליקער פליכט.

„און וואָס מער דיין געזיכט
וויל מיט נאַכט זיך פאַרדעקן —
אַלץ גרעסער מיין פליכט
דיין ליכט צו אַנטפּלעקן."
(ז. 29)

דער דיכטער נעמט לויטערן, תכלתן אינערלעך. ער צעיאָגט די בלייענע וואָלקנס, וואָס באַכמאַרענען זיין געמיט. נעמט אַנקוועלן מיט ליכט, שפּרודלען מיט שיין פון די נשמה־הימלען אַראָפּ.

„און אָט — מיין אויג פאַרנעמט
דיין אויפלויכט אומענדלעך.
דערפילט איז מיין פליכט, —

און איצט דורך דער וועלטס פיר עקן
שפּאַרן ימען מיט ליכט.״

(דאָרטן)

און דאָס אינערלעכע ליכט אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן אַ ניי לאַנד, אַ פאַרשפּראָכן לאַנד, און ער, דער דיכטער, איז אין אים אַ תושב.

„נאָך צאַפּלט זיך דער טרוים פון אמתע פּאָעטן:
דער מענטש וועט ליכטיק זיין, ווי גאָטס געדאַנק.״

(ז. 347)

וואָס פינצטערער די נאַכט אויף דער ערד, אַלץ ליכטיקער פינקלען די שטערן אין די הימלען פון האָפענונג. דער גרויסער טרוים פון די ליכטיקע זעערס־זינגערס וועט מקויים־ווערן. טרוימען זייען פרילינגס־זוימען. דער האַרבסט מיט שפע בענטשט דעם יאָר פון וואָר. גאָטס דיכטונג וועט ווערן דעם מענטשנס וואָרהייט. די צוקונפט באַדייט אַלמעכטיקייט, אַלמעגלעכקייט.

„און איך פאַרבלייב
אויף ווייטער היטן
אין טיף פון לייב
דיין בונד פאַרשניטן.״

(ז. 27)

ווער האָט נביאות געזאָגט וועגן דעם נייעם בונד, וועגן דער תורה פון גערעכטיקייט, וואָס וועט אַריינגעשריבן ווערן אין האַרצן? דער נביא ירמיה, דער פּראָפעט וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם גרויסן חורבן, דעם גלות־בבל.

„דער מענטש וועט ליכטיק זיין ווי גאָטס געדאַנק.
דער גאַנג איז לאַנג און שווער — צו גאָט פון חיה,
פון טיִיול־פּרצוף — שפּרונג צו שם הוויה.״

(ז. 340)

„דער סטאַדע־מענטש, דער בהמה־חיה מענטש גייט אונטער. און דער איש־אלהים, דער כביכול־מענטש, דער יהוה־מענטש גייט אויף. דער אונטערשטער מענטש אין אונדז שטאַרבט אָפּ, און דער אויבערשטער אין

אונדז בליט און שמעקט, שפּילט זיך מיט אַלע פאַרבן פון כל־יכול... דאָס איז דער טויט און דער תחית־המתים אויפשטיין אין אונדזער אינער־לעכקייט." *)

דער וועג איז לאַנג, אָבער ניט לענגער פון דער אייביקייט. דער וועג איז שווער, אָבער דער מענטש איז אַ גרויסער עקשן, ער וועט ניט בלייבן שטיין אין מיטן וועג. ער וועט שפּאַנען ווייטער און קומען צו זיין גרויסן ציל. וויפיל דער מענטש זאָל ניט בלאָנדזשען, וויפיל ער זאָל ניט זיג־זאַגעווען, וויפיל קרייזן ער זאָל ניט צייכענען, וויפיל צוריקצוגן ער זאָל ניט מאַכן, וועט ער פאָרט גיין פאָראויס און אָנקומען, סוף כל סוף, צו זיין באַשטימונגס־פונקט, צו דעם „אחרית־הימים". דאָס איז דער שטאַרקסטער מוז פון מענטשלעכן ווילן און וועלן. די קאָסמישע יצירה האָט איין תכלית און דאָס איז אויסקריסטאַליזירן דעם יחידס פרייען ווילן, דעם ווילן צו גוטסקייט.

„און איבער יעדן מענטשן שוועבט אַ שר פון שלום
און זיינע פליגלען זיינען ווייס און שטראַליק גרין."
(ז. 343)

„אָט איז ער דאָ. ער רוקט זיך מיט די לאַפּעס פיר.
ער קריכט אַריין דורך טויער און דורך טיר —
אַ וואָלף? אַ הונט? אַ לעמפּערט? צי אַ בער?
אָט איז ער דאָ, דער חיה־מענטש אָט־דער."
(ז. 301)

ער איז דאָ. אָבער ער וועט ניט זיין, ווייל ער דאַרף ניט זיין, ער טאָר ניט זיין. און דער דאַרף־זיין איז דער „איזיקער"־ריזיקער „איז" פון זיין, פון ראַפינירטן אַפּגעזייטן זיין.

ניטאָ קיין אויסנאָם צו דעם כלל פון מענטשלעכן שטרעבן צו מענטש־לעכקייט־מענטשישקייט, צום אייביקן פרידן.

די קריגערייען און רייסערייען, דער שפּיכת־דמים אין דער געשיכטע — זיינען אַ מעשה־שטן, שטרויכלונגען אויפן וועג צו דער אייביקער גלאָריע פון מענטשן אויף דער גרינער ערד אונטער דעם בלויען הימל. ישעיה איז אמת און זיין נבואה איז אמת. זיין טרוים־וויזיע וועט וואָר ווערן.

*) אבא גאָרדין, „יידישער וועלט־באַנעם", ז. 237.

„און איבער יעדן מענטשן שוועבט אַ שר פון שלום
און זיינע פליגלען זיינען ווייס און שטראַליק גרין . . .״

אַזוי זאָגט לייוויק. אַזוי זאָגט לייוויק ניט דערפאַר, וואָס ער איז אין טרעבלינקע ניט געווען. די עשרה הרוגי־מלכות, וואָס די רוימישע רוצחים האָבן פאַרפייניקט, זיינען אין טרעבלינקע יאָ געווען און זיי האָבן געזאָגט דאָס אייגענע. לייוויק זאָגט אַזוי און זינגט אַזוי, ווייל ער איז אַ ייִדישער דיכטער.

„און קולות גייען אויף אין מיר: ניט ליג געבראָכן,
שטיי אויף, באַוויז, פאַרטאָפּל דיין בטחון,
און האַלט בכיוון אַן סאָנעטיש דיין געזאַנג.״

(ז. 334)

אַזוי האָט דער פּאַרצייטיקער ייִדישער דיכטער אָסף געטאָן. „אַ געזאַנג צו אָספן״.*)

„און מיר דיין פאָלק, דאָס שאָף פון דיין פּיטערונג, וועלן דיך דאַנקען אויף אייביק, פון דור צו דור וועלן איבערגעבן דיין לויב.״ **)

דאָס איז דער געזאַנג, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אלהים, גוים זיינען אַריין אין דיין נחלה, האָבן פאַראומרייניקט דיין הייליקן טעמפּל . . .״ און ענדיקט זיך מיט אַזויפיל בטחון און גלויבן.

„דער מענטש איז פינצטער היינט, זיין גייסט איז קראַנק.״

(ז. 334)

ער איז פינצטער היינט, ער וועט אָבער אויפשיינען מאָרגן. ער וועט בייקומען דעם חושך אין זיך, אין זיין פאַרפינצטערטער זעל און וועט זיך צעזוניקן, צעלבנהנען און צעשטערענען און וועט פאַרשאָטענען מיט זיין שיין די ליכטער פון הימל־אויסשפּרייט. זיין גייסט איז קראַנק. ער איז אַ חולה מסוכן. ער וועט אָבער ניט שטאַרבן פון דער קראַנקהייט. ער וועט אַרויסקומען פון זיין קריטישן צושטאַנד. ער וועט געזונט ווערן.

דער ייִדישער אָפּטימיזם איז אַריינגעלייבט אין סאַמע גוף פון לוח. ער איז אַריינגעפונדעוועט אין סאַמע איינשטעל פון טאָג און נאַכט. אין דער ערשטער פּרשה פון חומש „בראשית״ איז שוין אויסגערונדיקט דער

---

*) תהילים, מ״ט.
**) דאָרטן, י״ג.

יידישער גלויבן אין אָנקום פון ליכטיקן טאָג. „עס איז געווען אָוונט און עס איז געוואָרן פרימאָרגן״ . . . זעקס מאָל נאָכאַנאַנד ווערט אָט־די הייליקע פאָרמולע איבערגעחזרט אין ערשטן קאַפּיטל פון מעשה בראשית. וואָס קומט זי אונדז לערנען? צוליב וואָס אָט־די ווידערהאָלונג? זי קומט אונדז זאָגן, אַז עס גייט פון פינצטערניש צו ליכטיקייט, פון נאַכט צו טאָג, און ניט, חלילה, פאַרקערט, עס קען ניט גיין פאַרקערט.

„ניט אויפהערן זאָל אונדזער מויל צו זאָגן:
געווען איז אָוונט — טיפע נאַכט — ס׳איז ווידער טאָג!״
(ז. 346)

אַלע יידישע יום־טובים און שבתים פאַנגען זיך אָן פון אָוונט. די צייט אין דער וועלט און אין דער געשיכטע פליסט אין אָט־דעם סדר, זי קען ניט שטראָמען אויף צוריק.

„אָ גאָט, מיין גאָט, די מענטשן ווי די ביימער בליען ווידער.״
(ז. 306)

דער בראָך, די קאַטאַסטראָפע, די פאַרוועלקונג פון מענטשן, פון מין־מענטש איז בלויז אַ סעזאָן־זאַך, אַ פּועל־יוצא פון אַ ראָטאַציע. נאָך דעם האַרבסט און ווינטער פון דעם מענטשנס האַרצן וועט קומען דער פרילינג מיט זיין פרישקייט, פרייקייט, פריילעכקייט פון פאַרבן. און אום צו דער־נענטערן דעם דאָזיקן פרילינג, דעם אויפבלי פון מענטשנס געוויסן, דאַרפן מיר אויפזינגען אַ הימנע.

„אַזוי געשעט עס אין אַ וועלט אַ צעשטערטער,
זי קאָן ניט אויפקומען אָן רחמימדיקע ווערטער.״
(ז. 283)

און אויב די צעשטערטע וועלט נייטיקט זיך אין גנעדיקע ווערטער, אַפשיטאָ שוין דער געשטערטער מענטש, דער צעדולטער מענטש, ער דאַרף אוודאי און אוודאי האָבן רחמימדיקע ווערטער פון דיכטערס, דענקערס, זעערס און פאַראויסזעערס.

„איך בין נאָך אַלץ דער, וואָס זעט
לעבן אין חרובע ביינער,
דאָרט וואו עס זעט מער ניט קיינער.

דאָרט, וואו דער מערב זיך עקט,
הויבט אָן אַ זון ווידער צו שײַנען.״

(ז. 275)

נאָך דער שקיעה פון מענטשלעכן געוויסן וועט קומען זײַן זריחה. נאָך דעם אונטערגאַנג וועט קומען דער אויפגאַנג.

מיטלמעסיקייט איז פאַרדאַמט און פאַרגליווערט אויף שטענדיק. ווײַ־באַלד דער מענטש קען זינקען אַזוי טיף, ביז אין שאול תחתיה אַרײַן, קען ער זיכער זיך אויפהייבן ביז צום זיבעטן הימל. ער קען און וועט אַזוי אויס־קויפן זײַן זינד פון געזונקענקייט. פון מענטש־חיה — צום מענטש שם־הוויה.

„האַלט אונטער מײַן גײַסט און קרעפטיק מײַן מוט,
און גיב מיר כוח ביזן סוף צו האַפּן.
האָסט געזאָגט ביים אָנהויב דאָס וואָרט: ס׳איז גוט —
זאָג איך: ס׳איז גוט ביים סוף פון סופן.״

(ז. 181)

דער באַשטאַנד שטייט אונטערן צייכן „כי טוב״. דער „כי רע״ האָט ניט קיין ממשות, ער מוז בטל ווערן אין דעם „כי טוב״. די רשעות איז בלויז אַ פאַרטונקעלונג פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַ ליקוי חמה וואָס קען לאַנג ניט דויערן.

אַט די מגילה האָט לייוויק געשריבן אויף שוואַרצן אַש פון חורבן מיט דעם ווייס־גליענדיקן פלאַם פון האָפענונג און גלויבן אין יידן און אין מענטשן, אַ גלויבן אַן באַדינגונגען, אַן צייכנס און אָן סימנים, אַ גלויבן וואָס גלויבט באמונה שלמה, אַז די יידישע נביאים זײַנען באַגלויבט.

„איך זוך באַהעלטעניש אין פאַלדן פון בטחון.
איך טוליע זיך צו נצח.״

(ז. 12)

די יידישע אייביקייט וועט קיינמאָל קיינעם ניט אָפּנאַרן.

דאָס וואָרט וואָס טוליעט זיך צו נצח, ווערט בנצחדיק, ווײַל דער נצח טוליעט זיך צו אים.

„ליטעראַרישע העפטן״, 3-4, 1946.

יעקב גלאַטשטיין

ווען „יאַש״ איז געקומען צו יעקבן

„ווען יאַש איז געקומען״ פון יעקב גלאַטשטיין, ניו־יאָרק, 1940. 340 ז״ז.

א

ווען יידיש לשון עקזיסטירט אַ קאָנווענציאָנעלער ליגן, אָדער אַן איינ־רעדעניש, וואָס איז, כידוע, ערגער פון אַ שפּראַכן־קרענק, אַז עס איז אַ לשון פון ווייבער, אַ „מאַמע־לשון״, אַ מוטער־שפּראַך און ניט קיין פּאָטער־שפּראַך. און וויבאַלד אַזוי, איז „יידיש גאָר אַ וואוילער לשון, מ׳פאַרשטייט יעדעס וואָרט״.

דאָס הייבט זיך גאָר ניט אָן. די „שפּחה״, די דינסטמויד, ווי די משכילים־העברייער פלעגן באַטיטלען אונדזער רייד־שפּראַך, איז גאָר ניט געווען אַזוי דורכאויס שפּחהדיק און שפּלדיק.

אויף יידיש האָבן גערעדט ניט בלויז די מאַמעס און די באָבעס, נאָר אויך די טאַטעס און די זיידעס. דער מגיד האָט אויף יידיש געהאַלטן זיין דרשה, געמוסרט דעם עולם, געשטראָפט און געסטראַשעט מיט די פייערן פון גיהנום און באַלוינט מיט צוזאָגענישן פון די תענוגים פון גן־עדן. דער רב האָט אויף יידיש געזאָגט זיין הדרן אויף גאַנץ ש״ס, געריסן בערג און זיי צעמאָלן מיט אַ סברה, מיט אַ האָר־שפּאַלטנדיקן פּילפּול, געפּסקנט שאלות און אויסגעגליכן סכסוכים אין בית־דין־שטיבל. דער חסידישער רבי האָט אויף יידיש געזאָגט זיין תורה, אַנטדעקט די פאַרהוילענישן, סתרי־תורה. דער ראש־הישיבה האָט אויף יידיש געזאָגט זיין שיעור. און, להבדיל, דער גנב האָט געגנבעט אויף יידיש. דאָס הייסט, עס איז געווען אַ יידישע וועלט מיט וועלטעלעך, די אונטערוועלט האָט געהאַט איר לשון, אירע אונטערשטע טענער, בשעת די אויבערוועלט פון לומדות און קבלה האָט פאַרמאָגט אירע אויבערשטע נאָטן. און צווישן די צוויי האָט זיך ברייט צעלייגט די מיטלוועלט, מיט אירע סתם־ריידערס און ריידערינס, שמועסער

און שמועסערינס, שפּרעכעריגס און אָפּשפּרעכעריגס, פּורים־שפּילער און בדחנים, ווי אויך קינדער־פּלאַפּלעריי אַלס גרויסער צוגאָב צום גאָר רייכן אוצר פון דברי־חול רײדעריי. דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אויף יידיש.

און אַז דער שרייבער מיט זיין פּערזענלעכער ווייניקייט, אני־הקטנקייט, קליין־איכישקייט באַווייזט זיך, איז ער אויך, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, באַ־רעכטיקט צו האָבן זיין אייגענעם „חלק און אַרב" אין יידישן לשון, און דאָס איז זיין סטיל און נוסח. ער איז גאָרניט מחוייב צו זיין אויסשליסלעך „מאַמיש". אַ שרייבער־דיכטער מוז ניט זיין קיין אָפּהילך, קיין אָפּקלאַנג פון אַ קול, וואָס לאָזט זיך הערן אויף דער גאַס, אין דער שטוב. ער מעג זיך פאַרגינען האָבן זיין אייגענעם קול, און אַרויסקומען מיט אייגענע דיבורים. ער איז אַ יש פאַר זיך און ניט עמעצענס אַ נאָכגייענדיקער שאָטן. און אַלס אַזעלכער קען ער זיך דערלויבן צו האָבן אייגענע אויסדרוק־מיטלען, פּערזענלעכע עקספּרעסיוו־מכשירים. עס איז גאָר ניט אָבליגאַ־טאָריש פאַר אים צו האַלטן כסדר אין נאָכמאַכן, איבערקרימען יענעם, ווען דער „יענער" איז אַ באַשטימטער קלאַס אָדער שיכט פון ריידערס.

אמתע קינסטלער זיינען אייגנאַרטיק, יחידיש. זיי קענען זיך ניט העלפן. זיי ווילן און דאַרפן קומען צום וואָרט, צום אייגענעם וואָרט.

און עס איז גאָרניט אמת, אַז שפּראַכן זיינען גרויסע עושרטעס, אַזוי אַז זיי האָבן געוונג, און מ'דאַרף זיי גאָרניט צוגעבן, זיי נייטיקן זיך אין קיין זאַך ניט, זיי האָבן ניט נאָר אויף דער הוצאה, אויסצוקומען, נאָר אויך אַפילו אויף מותרות, אויף לוקסוס־זאַכן. אַלע לשונות, אַפילו די רייכסטע, די כלומרשטע „גבירים אדירים", זיינען קבצנים אין זיבן און זיבעציק פּאָלעס. דערפאַר בעטלען זיי כסדר, אָדער גנבענען פרעמדע אויסדרוקן און ווערטער. דאָס אייגענע סטאַיעט ניט דורכצולעבן. מ'דאַרף כסדר אָנ־קומען צו יענעם, צו פרעמדע. מהאי טעמא לייען זיי אויף ניט אָוועקצוגעבן. עס פעלן ווערטער ניט אַזוי פאַר דאָס אויסערלעכע, צו באַצייכענען מיט זייער הילף דרויסנדיקע קעגנשטאַנדן, ווי פאַר אינערלעכע איבערלעבענישן.

אין חומש בראשית ווערט דערציילט גאַנץ בקיצור, אַז דער אויבער־שטער האָט געבראַכט די חיות פון פעלד און די פייגלען פון הימל צו אָדמען, צום ערשטן מענטשן. ער האָט געוואָלט זען, ד. ה. הערן, ווי אַזוי דער מענטש וועט זיי אָנרופן . . . און אָדם האָט געגעבן נעמען צו די בהמות, צו די פייגלען פון הימל און צו די חיות פון פעלד (בראשית ב', כ'). אָבער פאַר זיך אַליין, פאַר זיינע איבערלעבונגען, פּסיכישע דערפאַרונגען, זעלישע געשעענישן האָט ער קיין ווערטער ניט געשאַפן און קיין נעמען ניט געפונען. און עד־

היום איז אָדם, אַפּילו דער געשיקטסטער „מדבר”, דער מאָדערנסטער אויס־שפּרעכער, אומבאַהאָלפן, ווען עס קומט צו באַשרייבן אָדער „באַריידן” אַט־יענעם עפּעס, וואָס עס קומט פאָר אין אים, צי אין זיין פאַרשטאַנד, אין זיין קלוגן שכל, צי אין זיין נאַרישן געפיל.

יעדער וואָרט־קינסטלער ראַנגלט זיך מיט זיין שטומקייט. יעדער משה פירט אַ קאַמף קעגן זיין כבד־פּה׳קייט. דער מענטש איז געווען און איז פאַרבליבן אַן לשון.

גייט אַריין צו אַ באַלמעלאָכע, קוקט זיך צו צו זיין וואַרשטאַט, וועט איר זען דאָרט פאַרשיידענע כלים, געוועהקצייג. און פאַר יעדן פאַרמאָגט דער „פּועל” זיין נאָמען, זיין אַגרופּעניש, זיין „טערמין”. אָבער אַז איר קומט אַריין צו זיך, גייט צו צום אייגענעם וואַרשטאַט און גיט אַ קוק אויף אייער אינערלעכן פּסיכישן באַלמעלאָכע, דערזעט איר גלייך, אַז דאָרטן געפינען זיך שרייפעלעך אָן אַ שיעור, רעדעלעך און מכשירים אָן אַ צאָל, ניט איבער־צוציילן מיט קיינע אַסטראָנאָמישע ציפערן, אָבער נעמען פאַר זיי פאַרמאָגט איר זייער ווייניק.

צום ביישפּיל: מיר דריקן זיך אויס אַזוי: אַ טאַטע האָט ליב זיין קינד. אַ מאַמע האָט ליב איר קינד. אַ פרומער ייד האָט ליב דעם רבונו־של־עולם, ער האָט אהבת־הבורא. ער איז מקיים דעם אָנזאָג „ואהבת”. אַ מאַן האָט ליב זיין ווייב, אַ בחור האָט ליב אַ מיידל. אַ ברודער האָט ליב אַ ברודער, אַ שוועסטער. אַן עסער האָט ליב פיש, ציבעלע, קנאָבל.

ווער קען עס באַהויפּטן, אַז אַט די אַלע פאַרשיידענע „ליבעס” זיינען די זעלביקע, אַזוי אַז זיי קענען באַצייכנט ווערן מיט איין וואָרט, אַלע „ואהבת”ס? זיי זיינען דאָך ווייט, אין זייער מהות, איינע פון די אַנדערע, ווי מזרח איז פון מערב און נאָך אַ היפּש שטיקל וועגס אַלס צולייג. אלא וואָס? בלית ברירה, אַזוי ווי מיר האָבן ניט קיין אַנדער וואָרט, נוצן מיר דעם אייגענעם וואָרט „ליבע—שמיבע”, און זיינען, כלומרשט, יוצא. מיר האָבן זיך אויסגעדריקט און פאַרטיק אַן עסק. מיר פאַרלאָזן זיך אויף דעם, אַז מ׳וועט אונדז שוין פאַרשטיין. אָבער פאַרשטייען מיר זיך טאַקע? דער חומש זאָגט: „ויאהב יעקב את רחל”, יעקב האָט ליב געהאַט רחלען, און ער זאָגט אונדז אָן: „ואהבת את השם”, דו זאָלסט ליבן דעם וואָס מ׳טאָר ניט דערמאָנען. און עס שאַפט זיך עפּעס ווי דער איינדרוק, אַדאַנק דעם אומפּינקטלעכן אויסדרוק, אַז אין ביידע פאַלן ווערט באַשריבן איין און דער זעלביקער זעלנצושטאַנד.

און אַט די „ליבע”־איבערלעבונג איז דאָך איינע פון די איינפאַכסטע

און פּאָפּולערסטע דערפּאַרונגען. אין אונדזער באַוואוסטזיין זייַנען דאָ אַן אַ שיעור דערשיינונגען, וואָס זייַנען טויזנטער מאָל טונקעלער און מטושטש־דיקער און טאַקע קאָמפּליצירטער, פּילפּאַכיקער פון אַט־דעם ליבע־פּרימיטיוו. און וואו זייַנען די ווערטער? זיי זייַנען ניט בנמצא.

איז וואָס־זשע טוט דער וואָרט־קינסטלער? ער ראַנגלט זיך, ווי יעקב מיטן מלאך, ביים אַריבערגיין זיין מעבר־יבק, פון אימפּרעסיע צו עקס־פּרעסיע. און אויב ער איז אַ גבר, „אַ יונג מיט ביינער", ווי יעקב אבינו, זיגט ער טאַקע סוף־כל־סוף, אָבער ער קומט אַרויס פון געפעכט אַ הינקע־דיקער . . .

און מיר דאַרפן נאָך תופס זיין, אַז כל זמן עס פעלט דאָס פּאַסיקע וואָרט, איז די עצם־זאַך, וועלכע איז אין דעם געגעבענעם פאַל אַ זיך־זאַך, אַ פּסיכאָלאָגישער אָביעקט, כמעט ווי ניט פאַראַן. ווייל אַזוי לאַנג ווי מ׳קען אים ניט אָננעמען, אָנטאַפּן און פאַרפיקסירן, איז ער אַזוי גוט ווי ניט בנמצא. ער צעגייט אונטער די הענט, ער ווערט ניט.

און אַז עס קומט שוין צום וואָרט־באַשאַף, שטעלט זיך די פראַגע: פון וואָס? פון וועלכן שטאָף? קיין „יש מאין" קען קיין קינסטלער ניט שאַפן, סיידן דאָס איז דער גרויסער מייסטער, דער כל־יכול אין דער קאָסמאָ־לאָגישער לעגענדע. צי דער קינסטלער וויל צי ער וויל ניט, מוז ער, נעבעך, אָנקומען צו דער שפּראַך פון דער אַרומיקער סביבה מיט איר ווערטער־באַגאַזש און זייערע קאָמבינאַציעס, זייערע צירופים. דאָס מיינט, ער מוז בעל־כרחו גיסן נייעם ווייַן אין אַלטע לאָגלען. אָדער זיך אויסצודריקן מער שניידעריש, לייגן נייע לאַטעס אויף אַלטע טראַדיציאָנעלע הויזן.

על־פּי דין און על־פּי יושר פון אינדיווידועלער קונסט האָט יעדער עכטער וואָרט־מייסטער געדאַרפט האָבן זיין אייגן לשון, און ניט געברויכן קיין פאָלקס־שפּראַך, קיין מוטער־שפּראַך, נאָר טאַקע דברן און כתבאנען אין זיין אייגן לשון. און זייער מעגלעך, אַז אַזוי וועט טאַקע זיין אין דער וויטער צוקונפט. דער אמתער קינסטלער אינדיווידואַליסט וועט זיך קודם־כל איינשאַפן אַן אייגענע שפּראַך און ערשט נאָכדעם וועט ער אויף זיין אייגענער שפּראַך שאַפן זייַנע אייגענע ווערק. אָבער דאָס איז מוזיק פאַר אַ וויטן לעתיד־לבוא. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די מאַקסימום־פּראָגראַם פון עכטער שעפערישקייט. „בורא ניב שפתים" (ישעיה נ"ז, י"ט). איך שאַף די ליפּנפּרוכט. שפּראַך־באַשאַף איז גלייך צו וועלטן־באַשאַף, ווייל די גאַנצע וועלט ווערט באַשאַפן דורך דער „מימרא", דורך דעם „וואָרט". „בעשרה מאמרות נברא העולם" (אבות ה׳). מיט צען שפּרוכן איז באַשאַפן

געוואָרן דער גאַנצער באַשטאַנד, ווייל בלויז דאָס וואָרט באַשטייט בעת אַ טאָט פאַרגייט . . .

אָבער וואָס טוט דער קינסטלער לעת־עתה אין אַט־דער אומגינציקער קעגנוואָרט? ער איז אַ נאָוואַטאָר. ער איז אַ „מסתפק במועט", ער באַ־גענוגנט זיך מיט דאָס ווייניקע און ווערט רייך, אַן „עשיר" לויט דעם רעצעפּט פון פּרקי־אָבות. ער באַגייט זיך מיט נעאָלאָגיזמען. ער באַ־פרידיקט זיך מיט איינפירן נייע ווערטער, וואָס זיינען נייע צוזאַמענ־שטעלונגען פון אַלטע געשטעלן. ער שאַפט ווערטלעך, גלייכווערטלעך און קרום־ווערטלעך, שפּרוכווערטער און ברוך־ווערטער. זיך אויסגעדריקט פּראָסט, ער קלאַפּט זיך קאָפּ אָן וואַנט, מיט זיין קאָפּ אָן אַ טויב־שטומער וואַנט. ער וויל זי דורכברעכן. נאַטירלעך קריגט ער אַ היפּש ביסלביילן און גולעס אויף דעם שטערן און פּאַטילניצע.

און אַז דער לייענער־עולם דערזעט די ביילן און גולעס, נעמט ער שרייען: זע נאָר די פּאַרזוענִיש!

מיט דעם דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס עכטע קינסטלער רופן אַרויס קעגן זיך, לכתחילה, אַ קעגנערשאַפט, אַ ווידערווילן. דאָס אַלטע ווערט דערעסן, אָבער פאַר דאָס נייע האָט מען מורא — השם ישמרנו! מען געגנערט, מתנגדעוועט אַזוי לאַנג קעגן נייעם קינסטלער מיט זיין נייעם וואָרט, ביז מען געוואוינט זיך צו, און מ׳בעט זיך מיט אים איבער, און מ׳נעמט אים אַריין „בקהל".

און ער אַליין, דער נאָוואַטאָר, וואָס טוט? ער פאַרהיילט זיינע וואונדן, פאַרבינדט זיינע ברוכן . . . גייט איין אויף קאָמפּראָמיסן. און עס ווערט שלום.

נאָך אַלעמען, אַרויסשפּרינגען פון דער שפּראַכן־הויט — קען מען ניט, וויפיל מען זאָל עס ניט וועלן. און בלייבן אינגאַנצן אָן אַ הויט איז ווייטער אוממעגלעך. אַ הויט מוז אָנוואַקסן. מיט אַנדערע ווערטער, מען מוז די משקה האַלטן אין אַ כלי, אין אַ בית־הקיבול. אָניט צעגיסט זיך עס אַזוי, אַז אַ טראָפּן לויפט זוכן אַ צווייטן טראָפּן, זיין אייגענעם ברודער, און קען אים אינערגעץ ניט געפינען.

לכן דער וואָרט־קינסטלער, אָדער וואָרט־געפאַנגענער און געשמידטער אַרעסטאַנט בונטעוועט זיך און בושעוועט ביז ער געוואוינט זיך צו צו זיין צרה־דיקער מערכה, צו די שפּראַכן־קייטן און נעמט זיי טראָגן מיט אַ גע־וויסער גראַציע. ער פליסט זיך אַפילו צו פאַרוואַנדלען זייער בריאַזג און קלינג־קלאַנג אין עפּעס אַ מין מעלאָדיע, ער שפּילט עס אויס ווי אַ זמר.

דאָס איז די געשיכטע פון יעדן עכטן וואָרט־קינסטלער, און דאָס איז די געשיכטע פון אונדזער יאַשן וואָס איז געקומען צו יעקבן אויף אַ באַזוך און איז שוין דאָרטן פאַרבליבן.

וואָס האָט מענדעלע דער קאַצקער געזאָגט וועגן זיך? איך האָב געמיינט אַז פון מיר וועט אויסוואַקסן מי־יודע וואָס, צום סוף איז גאָרניט אַרויס־געקומען — איך בין געוואָרן אַ רבי.

אַזוי קען זאָגן וועגן זיך יעדער עכטער וואָרט־מייסטער. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל ווערן מי־יודע וואָס, צום ענד בין איך געוואָרן — אַ שרייבער, וואָס האָט אַפילו זיינע לייענער.

אָבער יעקב גלאַטשטיין האַלט נאָך ווייט פון זיך אונטערצוגעבן, פון רעזיגנירן. ער איז נאָך ווייט ניט „גלאַט", „סטאַטעק", ער איז נאָך אַלץ מער דימענטשטיין ווי גלאַטשטיין. ער שניידט און פינקלט. ער איז אַן אבן־טוב אין דער קרוין פון יידיש וואָרט.

ער זאָגט וועגן זיך:

„עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער וואָגן מיינער איז אַן אַלעגאָרישער: ער לויפט באַרג־אַראָפּ... עס האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב איצט, אין דעם טונקל, דערגרייכט די האַרבסטיקייט אין מיין לעבן... אַ באַרג־אַראָפּ אין מיין אייגן לעבן." (ז. 284.)

אין לעבן, אפשר, יאָ, אָבער ניט אין שאַפן.

ב.

דער אויפשטענדלער גלאַטשטיין בונטעוועט זיך נאָך אַלץ! און נאָך ווי!

אָבער דעם אויפשטאַנד פירט ער איצט, אין דעם בוך, וואָס ליגט פאַר אונדז, ניט קעגן דעם איינצעלנעם פאַרשאַבלאָנעוועטן, אויסגעדראָשענעם, אָפּגעריבענעם, פּייעם־וואָרט, נייערט קעגן דער גאַנצער אַרכיטעקטור פון ווערק־געבוי. ער האָט איינגעוואָרפן דאָס הויז פון דערציילונג־באַשרייבונג. דער פּולאָפּ ליגט אויף דעם דיל, און דער דיל הענגט ערגעץ אַרויפגעהיטלט אויף די סטרעכעס במקום דאַך. די ווענט ליגן אין קעלער, באַגראָבן אונטערן פונדאַמענט. און דער קעלער איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם און ער אויבנשטיבלט זיך.

עס איז מערקווירדיק. מענטשן קימערט ניט דאָס גרויסע. זיי אינטרי־גירט דאָס קליינע, דאָס מיקראָסקאָפּישע. אַז די פילאָסאָפן־פעסימיסטן האָבן

געטענהט, אַז די וועלט, מיט איר גאַנצן האַק און פּאַק, דער באַשאַף און באַשטאַנד, טויג אויף „צען טיסיאַטשע כפרות”, האָט עס קיינעם ניט איבעריקס געערגערט. ביזן קנעפּל, אַ האָר ניט נעענטער צום האַרצן. אָבער אַז מאַרקס האָט געזאָגט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם טויג אויפן פייער, האָט ער צעפּודזשעט אַלע באַלעבאַטישע גענדז.

מה רעש ?! וואָס איז דער „ויצעקו” ? דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער איינשטעל האָט אַ גאַר קנאַפּן באַטרעף אין דער קאָסמישער ווירטשאַפט. און וויבאַלד דער גאַנצער קיום טויג אַ זעץ אין דר׳ערד, איז דאָך ניט צו דערוואָרטן אַז דער עקאָנאָמישער סדר זאָל זיין אַן אויסנאַם פון סדר־העולם, וועלכער שטייט אַ פּאַרדאַמטער פון דעם ווערדיקט וואָס די פילאָסאָפן האָבן אים אַרויסגעטראָגן. אָבער אַזוי זיינען מענטשן. אַז איר וועט זאָגן „כל אָדם כוזב”, אַלע מענטשן זיינען ליגנער, וועט אויף אייך קיינער קיין פאַר־איבל ניט האָבן. אָבער אַז איר וועט פּורש־בשם־זיין און זיך אַ ווענד טאָן צו חיימען און אַ זאָג טאָן : הער, חיימקע, ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ שקרן! וועט ער אויף אייך ווערן מלא חימה און אויב זיינע הענט ליגן ניט אין קימפּעט, און זיין אייגענער כבוד איז ביי אים שטאַרק אַנגעלייגט, איז רעכט ער זאָל אייך אַראָפּלאָזן אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש.

ווען גלאַטשטיין האָט געבראַכן אַ פּאָר מאַמע־לשונדיקע ווערטער — איז געוועזן חיות ניט זיכער!

אַז ער האָט צעבראַכן דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן נוסח פון סיפּור־המעשה — האָט ער נאָך אַ דאַנק געקראָגן... אַזוי זיינען מענטשן, און לייענער און קריטיקער זיינען אויך, ווי עס ווייזט אויס, שטיקלעך מענטשן. יעדנפאַלס ניט קיין מלאכים, וואָס זיינען ממונה אָפּצוהיטן די הייליקע מסורה פון הייליקן אַרכאַאיזם אויפן געביט פון חיבורים־פּאַרפּאַסעריי.

און באמת איז דער „עקספּערימענט”, וואָס יעקב גלאַטשטיין האָט גע־מאַכט, אַרויס זייער און זייער געלונגען. ער האָט צעמזיקט אַ בנין און ער אַליין איז אַרויס בשלום, ניט קיין „מזיק” און ניט קיין „ניזוק”. און דער בנין איז נאָך, אפשר, גאַנצער געוואָרן אַדאַנק דעם וואָס ער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין גאַנצקייט און אַריינגעפאַלן אין זיינע וואונדערבאַרע ברוכשטיקער.

איבערפראַזירנדיק דעם מחבר, וואָלט איך זאָגן : פון יעדן שטיקל און ברעקל וועל איך זינגען צו דיר, מיין גאָט, דער גרויסער גאָט פון שיינקייט און וואָרט־קונסט.

יעקב גלאַטשטיין האָט זיך געלאָזן שווימען, ריכטיקער, געטראָגן ווערן פון זיין געדעכעניש־שטראָם. אייניקע קינסטלער, פאַר אים, האָבן זיך

געלאָזן טראָגן פון די כוואַליעס פון זייער באַוואוסטזיין־שטראָם. זיי זיינען אָבער אויפן וואַסער־וועג דערטרונקען געוואָרן, אַראָפּ צום אָפּגרונט פון לאַנגווייליקייט, און די וואַלפישן האָבן זיי, ווי יונהן, אַראָפּגעשלונגען און קיינמאָל ניט אויסגעשפּיגן אויף דער יבשה. און עס איז געוואָרן אויס מיט זיי און מיט זייער עסטעטישער נביאות. אונדזער יעקב איז אַריין אין וואַסער פון זכרונות בשלום און איז אַרויס בשלום, איז צוגעשוואומען צום ברעג. און דרך־אגב, ביני־לביני, האָט ער נאָך אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר וואַלפישן, און זיי אויסגעשפּיגן צוריק אין וואַסער אַריין.

„ווען יאוש איז געקומען" איז ניט קיין סטאַטעטשנע דערציילונג. עס איז אַ מעלאַנזש פון עפּיזאָדן, פון דערמאָנענישן, אייגענע און פרעמדע. זיי זיינען ניט געקניפּט, ניט געפלאָכטן. זיי באַוועגן זיך פראַנק און פריי.

ניטאָ אין דער פּאַבולע ניט קיין נעט און ניט קיין סטריגעס, און ס'איז ניטאָ קיין מלבוש — און דאָך גייט דער קיניג פון סוזשעט ניט באַקעט. ווייל דער אמת איז, אַז דער וואָס טוט אָן זיין אייגן פּנים, זיין בויך, זיין קאָפּ, זיינע פּאָר פיס, הענט, אויגן, אויערן, מויל און ליפּן, רוקן און פּלייצעס, איז אָנגעטאָן פיל שענער ווי שלמה המלך אין זיין פּראַכטפולער מלכותדיקער הלבשה. אָבער זייער ווייניקע קאָנען אַרומגיין אָנגעטאָן אין זייער אייגן לייב, ווי אָדם און חוה אין גן־עדן, און ניט וויסן פון קיין בושה און קיין מלבושים. דערפאַר איז ר' יעקב ביי אונדז אַ יחיד במינו.

זיין ווערק איז אַ כאַאָס, וואָס כאַאָסט זיך און ווערט פאַרכאַאָסעוועט, אָנשטאָט צו זיין אַ שטיק נאַטור, וואָס נאַטורט זיך און גאַרניטורט זיך. אָבער פון אָט־דעם כאַאָטישן תוהו־ובהו טאַנצן אַרויס ליכטיקע שטערן. און אָט־דער טאַנץ פון שטערן, אָט־דער פּלאַי־פּלאַימדיקער באַלעט מאַכט אייך פאַרגעסן אייער איינגעזעסנקייט, אייער צוגעשמידטקייט צו דעם באָדן, אייער גאַנצע ליטעראַרישע שווערלייביקייט. איר ווערט אַזוי היגנעריסן, אַז איר האָט ניט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן וואָס עס קומט פאַר פאַר אייערע אויגן, אין אייערע אויגן, הינטער אייערע אויגן — און ניט ווילנדיק נעמט איר מיטשפּינדלען און מיטשווינדלען, מיטווירבלען. איר ווערט, בפועל ממש, אַוועקגעטראָגן פון אַ שטראָם פון אימאַזשן, פאַר־לויפענישן, פאַרגלייכענישן, פאַרקרימענישן, געדאַנקען און מחשבות.

דער מחבר באַהערשט אייך, באַצווינגט אייך, און גיט אייך ניט קיין איין פרייע מינוט פאַר רעפלעקסיע, אַזוי אַז איר זאָלט זיין אימשטאַנד צו מאָביליזירן אייערע חיילות און כוחות פון ליטעראַרישע געוואוינהייטן און זיך שטעלן קעגן אים.

ר׳ יעקב משלם. דער גרעסטער טייל שרייבער לייען, באָרגן. נאָכדעם צאָלן זיי אָפּ, אַנדערע מיט פּראָצענט, אַנדערע אָן פּראָצענט, קערן אום דעם קרן, און איר זייט זיי דאַנקבאַר דערפאַר וואָס אייערס איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען. איך מיין ניט אין פּראָסטן פשט פון בעטן אַ גמילת־חסד. איך מיין צייט און אויפמערקזאַמקייט, טרחה. דער לייענער גיט דעם מחבר אַ הלוואה ביז ער דערגייט בערך צום מיטן פון בוך, דעמאָלט ערשט נעמט דער פּראָפעסאָר צאָלן, אויסצאָלן צוביסלכעווייז דעם חוב פון אָנשטרענגונג און צוטרוי.

ניט אַזוי יעקב גלאַטשטיין אין זיין „ווען יאָש איז געקומען״. ער פירט זיין געשעפט אויף מזומן געלט. ער צאָלט אויף יעדן זייטל. ער צאָלט כמעט אין יעדער שורה. ער איז ווי יענע צדיקים, וואָס זאָגן צו ווייניק, און גיבן פיל מער פון זייער צוזאָג. דערפאַר, ווען איר לייענט אים, זייט איר ניט אומרואיק. איר שרעקט זיך ניט טאָמער בלייבט ער אָן אַנזעצער. איר לויפט ניט צום סוף פון בוך אויפמאַנען וואָס איך קומט. זיין ווערק איז ניט קיין עולם־הבא זאַך. עולב־הבא קען אין אַ בוך באַדייטן אַמאָל דריי פיר שעה שפּעטער. דאָ איז דורכאויס עולם־הזה. „איר עסט די פרוכט אויף דער וועלט״. דאָס אויבס אין זיין גאָרטן איז רייף, און ווי נאָר איר גייט אַדורך דעם טויער פון שער־בלאַט קענט איר זיך שוין פאַזשיווען. און די ציין ווערן ניט אייליק.

„ווען יאָש איז געקומען״ איז אַ ווערק, וואָס קיין איבערבליקער איז ניט בכוח איבערצוגעבן בקיצור זיין אינהאַלט. דער לייענער מוז עס אַליין לייענען פון אָנהויב ביזן סוף, ערשט דעמאָלט וועט ער באַגרייפן וואָס דאָס איז אַזוינס. דורך אַ שליח, אפילו אַ שליח־ציבור קריטיקער, קען עס ניט געטאָן ווערן. עס האָט אָן אינהאַלט אָן אַן אָנהאַלט, עס פלוקטואירט, וויברירט.

איך וועל געבן אייניקע ציטאַטן, גאָר קורצע אויסצוגן, אום צו באַווייזן גלאַטשטיינס אומגעווייניטלעכע ווירטואָזיטעט אין פאַרגלייכעניש, וואָס הייסט „סימילי״ בלע״ז, און בכלל אין וואָרט־קאַפּריציעזקייט.

„זיין קול איז געווען ווי אַ גרויס ליכט, וואָס ברענט וואָרעם און שמעלצט זיך״ (ז. 290). „זיינס אָן אַוודאי איז געבליבן הענגען אַ פאַר־שעמטער און אַ נישט־צוגעקלעפּטער צום טעקסט פון מיינע קינדער־זכרונות״ (ז. 274). „אויפן באַרג האָבן געגלאַצט אַ ביסל משופּעדיק די חורבות״ (ז. 269). „דער זיפץ און די ווערטער האָבן פאַרמאָגט די וויר־טואָזיטעט פון אַ וואונדער־קינד, וואָס שפּילט אויף אַן אַלטן יידישן סטראַדי־

וואַריוס" (ז. 264). „ער האָט אַלע ווילע געגעבן אַ פּיר דעם סמיטשעק אַזוי דין, ווי ער וואָלט געשאָכטן אַ קליין הינדעלע" (ז. 229). „די נישט־אָנער־קענונג האָט אים, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, אָנגעדאָסט אויפן קאָפּ אַ גאַנצן דערנער־קראַנץ" (ז. 231). „דורכגעקיצלט די ערשטע טענער" (ז. 228). „ווי די ווערטער וואָלטן געווען לאַרעלייען, וואָס נאַרן אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין אַ געדיכטעניש פון קענטעניש און וויסן" (ז. 195). „איר פּנים האָט אויסגעזען טאַטואירט און צוזאַמענגעשטעלט פון קליינע קלעצלעך" (דאַרט). „אָן דעם פּראַק האָט ער אויסגעזען... ווי אַ ביליקער „אלף" פון אַ צעריסענעם סידור" (ז. 187). „אַלע מיינע לידער שטייען און וואַרטן, ווי קאַראַפּינקעס מיט לאַנגע פאַרשעמטע העלדזער, אַז מען זאָל זיי אָנפילן" (ז. 170). „די איברים ווילן שרייען, אָבער זיי פּישטשען, ווי קליינע פייגע־לעך" (ז. 161). „פון אונטערן היטל האָבן אים איצט אַרויסגעשטאַרטשעט אַלע ווילדע אינדזלען פון האָר" (ז. 87). „זיי האָבן אויסגעזען, ווי אַ גרויסע געביידע, וואָס איז צוזאַמענגעשלאָגן געוואָרן אויפדערוויל" (ז. 64). „ער (דער לערער) האָט אַריינגערוקט אַ שניידער אויף אַ לאָפּעטע, אים אַ ביסל אָנגעברוינט און אַרויסגעשלעפּט אָן אַפּטייקער" (ז. 47). „ווי די נעכט זיינען אַריין אונטער דער הויט און ווי זיי האָבן זיך געלייגט אַרום האַרץ און אַפילו אונטער די נעגל און אוודאי געזונגען אין יעדן פינגער" (ז. 40). „איר קאָפּ איז געווען ווי אַ טריפנדיק לעכט. יעדעס יאָר האָט עס אָפּגעטריפט אַ ביסל, ביז דאָס קעפל . . . איז געוואָרן שמעלער און שמעלער און צערונענער."

ווי געזאָגט, קען מען ניט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון סיפור־המעשה, ריכטיקער, פון ספר־הזכרונות פון יאשן. עס איז געשריבן מעמואַריסטיש־אימפּרעסיאָניסטיש פראַגמענטאַריש, אָן קיין מוקדם ומאוחר, אָן אַ פאַר־דעם און אָן אַ נאָכדעם. דער מחבר לויפט נאָך זיין זכרון, וועלכער מאַכט קפיצת־הדרך פון פוילן קיין אַמעריקע און צוריק. ער שפּרינגט בעסער פון ריש־לקישן. און ער שפּרינגט איבער קאָנטינענטן און אָקעאַנען, ווי עס פּאַסירט אין אַ חלום, בליציק־שנעל. אָגב האָט דאָס בוך זיין פּאַרציע חלומות. דאָס בוך עפנט זיך דאָך און ענדיקט זיך אַזוי ווי אַ גלייכער ריכט־שנור וואָלט אים אַדורכגענומען. דאָס איז דאָס לעמפּל פון אַרדענונג וואָס ברענט, כדי מען זאָל זען דעם „ימוש חושך", די געדיכטע פינצטערניש פון כאַאָס, וואָס איז דער אמתער „אור הגנוז" פון עכטן שאַפן אין אָט דעם ווערק.

דאָס ווערק הויבט אָן מיט געבן אַ מיניאַטוריש בילד אין אַ יידישן פּענסיאָנאַט אין פוילן: אַ יידישער שרייבער פון חסידישע מעשיות פּראָוועט טיש און כאַפּט אַ שנעפּסל, כאַפּט איבער די קאַרגע מאָס וועדליק דער

דערלויבעניש, וואָס זיין שוואָך געזונט גיט אים. דאָס טרינקען איז אָבער לאַוו־דווקא. דער עיקר איז די דברי־תורה און דברי־חכמה־ווערטלעך, וואָס פירן אַריין און באַגלייטן די כוסה. דאָס ווערק ענדיקט זיך מיט דער פטירה פון אָט־דעם יידישן וויכטיקן שרייבער מיטן נאָמען שטיינמאַן. און אַז דער „העלד" שטאַרבט, פאַרט יאַש צוריק. די גאַנצע צייט פאַרברענגט ער, ריכטיקער — פאַרחלומט, פאַרזכרונותט ער אַרום פענסיאָנאַט אין וועלדל, אויפן באַרג. אַן אויסנאַם פון אַ טאָג צוויי ווערט געמאַכט פאַר אַ נסיעה קיין קוזמיר, דער געבוירן־פּלאַץ פון דער אסתר־לעגענדע.

עס איז פאַראַן אַ חנעוודיקער עסקיז פון אַ טראַנסאַקציע מיט לובלינער חברה־קדישא, געצייכנט אין ביבלישן סטיל פון קויפן די מערת־המכפלה פון עפרון דעם חתי (ז. 34).

פאַרביי וויקלט זיך אַ פּאַנאָראַמע פון יידישן דלות אין פוילן, וואָס ציי̈גט זיך אין די בקשות צום אַריבערגעקומענעם און גרייטן צוריקצופאָרן, עס האַנדלט זיך כסדר וועגן אויפזוכן קרובים און בעטן שטיצע (ז"ז 1938־154), אַ קאָלעקציע פון יאַשס לערער (ז"ז 46־47, ז. 183) און לערערינס (ז"ז 191־194).

ער פירט דורך מייסטערהאַפט אַ פּאַראַלעל פון צוויי גסיסות און פּטירות פון צוויי פּערזאָנען, וואָס זיינען סיטואירט אויף צוויי עקסטרעמע שטאַפּלען פון סאָציאַלן לייטער, ר' לוי דער גרויסן למדן, יחסן און זון פון רייכע עלטערן, און „ר' זעליק, אַ קאַליקע, אַ פּאַרזעעניש, וואָס וואַלגערט זיך אין שמוץ סיי פיזיש, סיי גייסטיק און סיי סאָציאַל (ז"ז 196־204).

עס פיגורירן אויך אַ פּאָר טשיקאַווע טיפּן פון משומדים. עס פעלן ניט קיין גראָטעסקע פיגורן. עס איז דאָ הומאָר, מילדער, ליבלעכער, ניט קיין בייסנדיקער; גוטמוטיקער און האַציקער, און דערהויפּט אַלצפאַרגעבנ־דיקער.

אָבער אָט־די רשימה זאָגט גאָרניט, אפשר נאָך ווייניקער פון אַן אַלטן צאַרישן פּאַס, וואָס האָט כלומרשט באַשריבן דעם אייגנטימער מיט אַלע פּיטשעווקעס, און וועלכער איז פאַרט געבליבן לעבן ערגעץ אויסערן שטיקל פּאַפּיר.

„ווען יאַש איז געקומען" איז אומאיבערגעבבאַר. מען מוז קומען אין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיטן עצם גוף הסיפור.

אַ סך קערנדיקע, זאַפּטיקע, וויטאַמינישע יידישקייט־געדאַנקען זיינען צעשפּרייט איבער די זייטלעך. אייניקע וועלן מיר ברענגען, ווייל זיי זיינען אונדז אַזוי אייגן.

וועגן תפילה. ווען שטיינמאַן האָט געהאַלטן ביי עושה־שלום, האָבן יידן געזאָגט תהילים. דאָס גיט דעם מחבר אַ געלעגנהייט אַריינצולייגן אין מויל פון אַ יונגן זון פון אַן אַלטן חסידישן רבין דרייסט איפּבּרעכערישע ווערטער.

„עפּעס ווי מען וואָלט אָפּגעשלאָסן און פאַרחתמעט דעם קוואַל פון תפילות... וואָס בין איך מחויב צו טראָגן איבערגעניצעוועטע סחורה? יענעם, וואָס האָט געשריבן סקאַרבאָווע תפילות, איז געווען ביטער אויפן האַרצן אַנדערש, און מיר איז אַנדערש ביטער. דאַרף איך געפינען מיין אייגענעם דרך צום רבונו־של־עולם. צו וואָס איז עס געגליכן? ווי איך וואָלט געווען קראַנק און זיך באַנוצט מיט די מעדיצינען, וואָס מען האָט פאַרשריבן מיין ברודער, ווען ער איז שלאַף געווען. איך דאַרף געפינען מיין אייגן לשון, ווען איך קלאַפּ אין טויער פון רחמים.“ (ז. 298.)

אונדזער תפילה־ריטואַל אין די שולן און טעמפּלען איז געוואָרן אויס „עבודה שבלב“ און געוואָרן אַ פּאַדריאַד פאַר די ליפּן. מען שיקט בריוו־לעך און לאַנגע אומענדלעכע בריוו צום רבונו־של־עולם אַרויסגעשריבענע פון די בריוונשטעלערס וואָס הייסן סידורים, מחזורים. אָבער אינגאַנצן ניט מתפלל־זיין איז נאָך ערגער. ווי וויניק בערונג אַ שפּייז אַנטהאַלט, איז אַלץ בעסער ווי גאָרניט עסן, גאָרניט נעמען אין מויל אַריין.

וועגן יידישן „זכות הקיום“ — אָט וואָס דער מחבר לאָזט אונדז הערן מכוח אָט־דעם גאָר וויכטיקן ענין:

„לאָזט זיך ניט איינרעדן, אַז יידן דאַרפן ניט זיין שענער און בעסער ווי אַנדערע שכנים... מיר מוזן זיין אימשטאַנד צו זאָגן קלאָר — אָט פאַר־וואָס מיר לעבן אויף דער וועלט.“ (ז״ז 298־299.)

יידן וואַקסן ניט וויביימער אין וואַלד, ווי גראָז אויפן געמויזעכץ. יידן זיינען געגליכן צו אַ וויינגאָרטן. מען דאַרף עס פלאַנצן און פלעגן מיט אַ תכלית, מיט אַ מיין.

„מיר מוזן צוריקגיין צום פּראָפעטיזם... מיר מוזן פּראָטעסטירן קעגן יעדער עוולה. נישט נאָר קעגן אונדז אַליין, נאָר קעגן יעדן לעבעדיקן נפש. נישקשה, דאָס איז אַ גאַנץ שיינער באַרוף — געוויסן. מיר קאָנען און דאַרפן ווערן די רעאַליטעט פון דער העכסטער ריינקייט.“ (ז״ז 223־224.)

„שיין וואָלט געווען, ווען מיר זאָלן לעבן מיט אַזוי וויניק, אַז עס זאָל ביי אונדז נישט זיין וואָס צוצונעמען.“ (דאָרט.)

„אונדזער מיסיע דאַרף אַריין ווי אַ דיבוק אין אונדזער ליטעראַטור. זי מוז זיין ריינער און דערהויבענער פון אַנדערע ליטעראַטורן.“ (דאָרט.)

בקיצור, יאָש איז געקומען צו ר׳ יעקבן, צו זיך אַהיים און מיט זיין גרויס ווערק גיט ער זיך אָפּ אַ שיינעם „ברוך הבא״ און שטעקט זיך אַריין אַ וואַרעמען „שלום עליכם״ און ענטפערט זיך „עליכם שלום״. ער איז געקומען צו פאַרבלייבן ביי זיך אינדערהיים.

מה טובו אהליך, יעקב!

ניו-יאָרק, פעברואַר 14, 1946
„ליטעראַרישע העפטן".

ז. ווײַנפּער

געטונס פֿון נאָסטאַלגיאַ

גערקליבענע לידער, 1932. 298 ז״ז.
אונטערוועגנס, 1934. 136 ז״ז.
פּיניע, 1939. 128 ז״ז.
מיטן ייִדישן לעגיאָן, 1942. 315 ז״ז.
געזאַנג פֿונעם גלוּיביקן, 1943. 313 ז״ז.

„אַ מאָדנע זאַך אָט־די בענקעניש אין דעם מענטשנס געמיט. זי איז, זעט אויס, אַ זעלבסטשטענדיקע זאַך און איר פֿונקציע איז, זעט אויס, צו בענקען שטענדיק נאָך דעם, וואָס עס איז נישטאָ.״ *)

„געוואוינט אין ניו־יאָרק, אָבער געלעבט מיט וואָלין.
מאָרוסיאַס רויטלעכע קימאָנקע
אויף דער צעגרינטער לאָנקע
געווען פֿאַר מיר די צויבערלעכסטע מעשׂה,
און אירע געגנדזעלעך די ווײַסע . . .״
(„געזאַנג פֿונעם גלוּיביקן״, ז. 19.)

אַ שטיקעלע מעשׂה שהיה.

געווען איז עס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

אויף בויערי, דער זאַמלפּונקט פֿון ניו־יאָרקער, און די מעקאַ פֿון אַמעריקאַנער, איבעריקע מענטשן, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ טרעמפּ.

ער האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פֿרייִנטלעכן שמייכל, וואָס האָט זיך, מעשׂה בוימל, צעגאָסן איבער זײַן היפּש־צעקבייטשטן און דאָך נאָך אַלץ יונגן פּנים.

אַ צונד פֿון התלהבות אין זײַנע האַלב־פֿאַרשמורעטע אויגן האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז קיין אומאַנגענעמלעכס גרייט זיך ניט מיך צו באַפֿאַלן.

— ברודער! — האָט ער אַ פֿליסטער געטאָן מיט בושת־פּנים.

— וואָס, מײַן ברודער?! — האָב איך געפֿרעגט פֿול מיט שפּאַנונג.

*) „מיטן ייִדישן לעגיאָן״, ז. 141.

— נאָ, זע! — זאָגט ער אין אַ סאַמעטענעם אונטערטאָן און רוקט מיר עפּעס אין האַנט.

צו מיין דערשטוינונג איז עס געווען אַ ריין, שפּאָגל־ניי באַנק־ביכל.

ניט־ווילנדיק, כמעט אינסטינקטיוו, האָב איך אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

וואָס,וואָס, קיין באַנק־ביכלעך צו אַ ווילד־פרעמדן אין מיטן גאַס ציַיגט מען בכלל ניט, און אויף בויערי — אַוודאי און אַוודאי ניט.

דער אומבאַקאַנטער ווערט ניט נתפּעל פון מיין אַקסלען־צוק, ווי ניט אים מיינט מען עס. ער עפנט געלאַסן, מיט טיפן ישוב־הדעת, פאַנאַנדער דאָס מאָגערע ביכל. זיינע הענט גיבן אַ ציטער פון צוריר צו דעם „דבר־שבקדושה״. ער ציַיגט מיר אָן מיט אַ פינגער אויף אַ ציפער.

— זעסט, — רופט ער אויס מיט עכטער שמחה, — איך פאַרמאָג דריי דאָלער.

איך האָב זיך גוט אַריינגעקוקט אין געשלענגלטן ציפער דריי און גערן מסכים געווען.

דער אומבאַקאַנטער, האָבנדיק אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, האָט זיך האַלב־פאַרבויגט, צוגענומען פון מיר דאָס ביכל, אים צערטלעך צוגעמאַכט און מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַריינגערוקט אין בוזעם־קעשענע אויף גניזה.

ער האָט זיך דערווייטערט מיט אַ באַגייסטערטן טראָט, דער רוקן אויסגעגלייכט, דער קאָפּ אויפגעהויבן, כמעט פאַרריסן.

איך האָב אים זייער גוט פאַרשטאַנען. ער איז געווען באַרעכטיקט אין זיין פלאַטערדיקן עקסטאַז.

אַ נס איז געשען; עס איז פאַרגעקומען עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קען עס גאָר ניט משיג־זיין מיטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, מיטן סאָפיסטיצירטן נאָך פיל ווייניקער ווי מיטן פּשוטן. ס׳איז פּלאי־פּלאים, למעלה־מן־השכל!

דער ערשטער דאָלער, וואָס אַ מענטש, אַן עקאָנאָמישער סוביעקט, פאַרדינט איז באמת זיין גרעסטער פאַרדינסט און זיין גרעסטער פאַרמעגן.

אַט־דאָ, אין ערשטן דאָלער, מאַניפעסטירט זיך אַ וואונדער־טאַט: עס איז דער אומבאַגרייפלעכער, איבערנאַטירלעכער איבערגאַנג פון גאָרנישט צו עפּעס אַ יש.

ער האָט פאַרדעם גאָרניט פאַרמאָגט — און איצט פאַרמאָגט ער, באַזיצט ער אַ פאַרמעגן.

אַט־דער דאָלער שטעלט פאַר מיט זיך אַזאַ טראַנזיציע, וואָס דער מענטשלעכער, העכסט צעפּאַטיזירטער ,דמיון קען קוים אויסצויבערן.

דער שכל קען עס זיכער ניט באַנעמען, כאָטש אַזעלכע געשעענישן זיינען מעשים בכל יום, דערשיינונגען וואָס מען באַגעגנט אויף יעדן טריט און שריט.

אין דעם דאָזיקן איבערגאַנג ליגט פאַרוויקלט די גרויסע מיסטעריע פון באַשאַף, אַ „יש מאין", אַן עפּעס פון נישט אַרויס.

די אָנאייגענונג פון צווייטן דאָלער איז בלויז אַ ווידערהאָלונג, אַ נאָכמאַך. דער צווייטער דאָלער איז אַ קאָפּיע פון ערשטן, דעם „אָריגינאַל". אמת, ער פאַרגרעסערט דעם פאַרמעגן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. אָבער קיין טוימאַטורגיע, קיין מופת באַווייזט ער ניט. מען זעט אין אָט־דער צוגאָב אַקוויזיציע אַ פּאַל פון אַ חיבור, פון אַ פּלוס, אַן אַקציע פון פאַרטאָפּלונג. אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, דער דאָלער האָט זיך אָפּגעדאָלערט...

דער דריטער דאָלער איז נאָך נאַטירלעכער און פּשוטער און ביליקער. ער פאַרגרעסערט דעם פאַרדעמדיקן רכוש בלויז אויף 33 פּראָצענט מיט עפּעס. דער פערטער דאָלער ברענגט צו אַן הוספה בלויז פון 25 פּראָצענט, דער פינפטער איז מוסיף ניט מער ווי 20 און אַזוי ווייטער און ווייטער קייקלט זיך דער דאָלער אויף אַ משופּעדיקער פלאַך אַראָפּ ביז ער פאַרלירט כמעט אינגאַנצן זיין פּראָפּאָרציאָנעלע חשיבות. ער ווערט אַלץ מער „יורד", ווערט אַלץ וואָכעדיקער און מינדערוואַרטיקער.

צוליב וואָס דערציילן מיר עס?

מיר ווילן עס אויסנוצן אַלס משל און נמשל פאַר אונדזערע פּסיכישע איבערלעבונגען און גייסטיקע איינדרוקן.

דער ערשטער אַקט, אונדזער געבורט, איז די וויכטיקסטע און וואונדערלעכסטע געשעעניש. אָט־דער אַקט שטעמפּלט אָפּ אונדזער גאַנץ לעבן. ווען ניט ער, וואָלטן מיר דאָ ניט געווען. לכן דעטערמינירט ער אַלע אונדזערע טואונגען, דעם סך־הכל פון אַקציעס, פון וועלכע עס שטעלט זיך צונויף די טאָטאַלע סומע פון לעבונגען, איבערלעבונגען, פאַרלעבונגען און זיך־אויסלעבונגען. פון וויגל ביזן קבר ציט זיך איין היפּש־לאַנגלעכער שנור און אויף אָט־דעם שנור ווערן אַרויפגעצויגן אונדזערע מעשים טובים און מעשים תעתועים. און אָט־דער פילפאַכיק־געפלאָכטענער און פיל־פאַרביק־קאָלירטער שנור איז דער מאָמענט פון אונדזער געבוירעניש, אונדזערע „אלה תולדות". בלויז דער טויט גיט אים אַ ריס אָפּ.

אונדזער געבוירן־ווערן איז די גרעסטע, מערסטנס־אויפטועריש,

קאָנסעקווענצן־רייכסטע פּאַרלויפעניש אין אונדזער גאַנצער ערדישער עקזיסטענץ.

צום באַדויערן קענען מיר זי ניט באַשרייבן ווי געהעריק. מיר געדענקען ניט וואָס עס קומט פאַר מיט אונדז אין מאַמעס בויך, און דערנאָך גלייך נאָכן אַרויסקומען פון מאַמעס בויך, פון דער פינצטערניש פון דעם פאַררינגלטן קאַרצער אין דער ליכטיקייט און רחבות פון דער ווייסער וועלט. ביי די בעסטע געדענקערס איז דער כוח־הזכרון ניט אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל קענען איבערלייענען פאַר אונדז, ווי אַ געניטער בעל־קורא, די ערשטע פרשה פון אונדזער בראשית, וואָס איז אַנגעשריבן מיט יעראָגליפן, מיט פסיכישע צייכנס אויף דעם הייליקן פּאַרמעט פון אונדזער מנעמיק.

אַנדערע, שטאַרקע בעלי־זכרון, אין אויסנאַם־פאַלן געדענקען זיך אַלס שטיקלעך סוביעקטן פון אינסטינקטן, שטיקלעך בעלי־דעות איבער זייערע חושים, פאַרלאַנגען א. ד. ג., פון אָנפאַנג דריטן יאָר אָן.

אַזוי אַז אייגנטלעך די גרעסטע צאָל פון די וויכטיקסטע אויבנאָניקע איינדרוקן ווערן פאַר אונדז, אַלס געוואוער־זייענדיקע וועזנס, לחלוטין פאַרפאַלן. דאָס איז אַ פאַרלוסט, וואָס מיר קענען עס מיט קיינע מיטלען, נאָך אַלע אָנשטרענגונגען פון זוכעניש אין אונדזער זיכעניש, ניט געפינען. קיין קאָמפּענסאַציע וועט דאָ ניט העלפן. דער עיקר פעלט פון אונדזער אויטאָביאָגראַפישן ספר־הזכרונות. דאָס סאַמע וועזנטלעכסטע איז ווי אָפּגעמעקט פון אונדזער געדענק־בוך. די געשיקטסטע מעמואַרן־שרייבערס און קינדהייט־שילדערער הויבן אָן מוטוויליק ערגעץ אין מיטן. ניטאָ קיין אָנהויב און, ממילא, פעלט אונדז שוין אויך דאָס תמציתדיקע פון מיטן, וועלכער איז דאָך בלויז אַ המשך, אָן אַרויפבוי אויף דעם יסוד, וואָס וואַרצלט טיף, פאַרהוילן פון געוויינטלעכן אויג, אין אונדזער נשמה־באָדן.

וואו זיינען די איבערלעבונגען, אונדזערע עקספּיריענצן פון פאַרן געבוירן־ווערן?

די לעגענדע דערציילט אונדז, אין כלומרשט־רעאַליסטישער פשטות, אַז דער מלאך, וואָס איז ממונה אויף שכחה, קומט און גיט אונדז אַ שנעל אין נאָז. פון אָט־דעם שנעל פאַרגעסן מיר אַלץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט פאַר דעם אי אַלס ריינע נשמות, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דעם כסא־הכבוד אויף דעם זיבעטן הימל, אי אַלס עוברים אין מוטער־טראַכט, אין אָט־דער פרייער ביין־חדשימדיקער דירה.

דער דאָזיקער מלאך איז דער גרעסטער און גרויזאַמסטער רויבער. ער באַרויבט אונדז פון אונדזער טייערסטן אוצר פון דערפאַרונגען. נאָך דעם,

נאָך אַט־דער אַקציע פון עקספּראָפּריאַציע, בלייבן מיר קבצנים אין זיבן פּאָלעס אויף אונדזער גאַנצן ווייטערדיקן פּסיכישן לעבן.

אמת, אַט־די דערפאַרונגען, דורכשפּירונגען, טונקעלע אַנונגען גע־פינען זיך ערגעץ אין אונדז, זיי זיינען ערגעץ פאַררעגיסטרירט געוואָרן. אָבער מיר זיינען ניט באַוואוסטזיניק וועגן זייער מהות און זייער פאַראַנענ־זיין. בנוגע אַזעלכע דעליקאַטע ענינים באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין דעם סאַמע עצם פון זיין.

וואָס אַ ידישער פּאַרצייטיקער תלמיד־חכם מאַקסימאַליסט קען זיך דערלויבן אַ זאָג צו טאָן!

עקביא דער זון פון מהללאל פאַרלאַנגט פון אונדז אין קליינינקייט: „וויס פון וואַנענט דו קומסט. פון וואַנענט קומסטו? פון אַ טראָפּן...“ (אבות ג׳, אַנהויב פּרק).

וואָס פאַר אַ וויסן קען עס זיין אַן געדעכעניש? ווען מיר וואָלטן האָבן אַט־דעם טיפן וויסן און לויטערע געדענקעניש פון אונדזערע דערפאַרונגען אַנהויבנדיק פון אונדזער „לעבן“ אין זוימען, אין ספּערמאַטאַזאָאיד, ביז אונדזער אויסקערפּערונג און אַרויסקום אויף דער ליכטיקער שיין, וואָלטן מיר געווען גרויסע פּסיכאָלאָגישע קענערס. מיר וואָלטן דעמאָלט אויס־געטרייסלט פון אַרבל די גרעסטע פּסיכאָ־אַנאַליטיקער מיט פרוידן צוזאַמען...

צום גרויסן פאַרדרוס, קען אונדזער כוח־הזכרון אַהין ניט צוקומען, קען אַהין ניט אַריינקוקן. און חבל על דאבדין ולא משתכחין, אַ גרויסער שאָד דאָס פאַרלוירענע וואָס מען קען צוריק ניט געפינען, וויפיל מען זאָל ניט זוכן, וויפיל מען זאָל זיך ניט גריבלען און פאַרען. איבערהויפּט נאָך וואָס די אבדה איז פון אַזעלכע קאָסטבאַרקייטן, וואָס קיינע טייערקייטן אין דער וועלט פון גייסט קענען זיי ניט פאַרבייטן.

איז וואָס זאָלן מיר, נעבעך, טאָן?

אונדזער איינציקע טרייסט געפינען מיר אין דעם, וואָס מיר שאַצן זייער הייך די ביסל אָרעמקייט אונדזערע, וואָס איז אונדז געבליבן נאָך אַלע פאַרלוירענישן און באַרויבענישן.

דער צויבער פון קינדהייט, פון פריער יוגנט איז אומוווידערשטענדלעך. צו וואָס זי, די קינדהייט, רירט זיך צו, צעפאַנטאַזירט זי אין לופט־הענגענדיקע שלעסער און צעהעלט און צעלויטערט מיט ליכטיקע זונען. די קינדהייט אין אַפּשפּיגל פון זכרון וויס גאָר ניט פון קיין שלעכטע דער־

פאַרונגעז. אַלץ איז שיין, פיין און מלא־חן. וואָס עס איז געווען פיינלעך איז אין היגטערוויילעכטס־פערספעקטיוו אַזוי תּענוגדיק, אַזוי אַטראַקטיוו.

„עס ציטערט אויף אין דיר דיין גאַנץ געהער
אויף טראָט, וואָס שפּאַנט און בענקט צו דעם צוריק."
(„אונטערוועגנס", ז. 89.)

„קינדיש געשריי
און פינגער געדריי
וועגן אַ הון, וואָס געלייגט האָט אַן איי,
און וועגן אַן אָקס, וואָס האָט געשטויסן אַ קו.
איך זאָג און דער רבי וואַרפט צו
דאָ און דאָרט אַ וואָרט,
און גלעט דערביי די באָרד,
די גרויע געדיכטע.

ווי געסט אומגעריכטע
פון ווייטן וועג,
קומען טעג
ביי פרעמדע טישן,
און זיך מישן
ווי בלעטלעך פון ביכער, —
אַט פאַמעלעך, און אַט גיכער."
(„געזאַנג פונעם גלוביקן", ז. 12.)

„—העי, קום אַהער, דו יאַט
פון אַ יאָר אַכט!
וואָס ביזטו עס אַזוי פאַרטראַכט?
איז דאָס דער 'שור שנגח את הפרה',
וואָס דער רבי לערנט איצט מיט דיר אין גמרא?"
(דאָרט, ז. 17.)

„. . . ווי דאָס ווייב פון לוטן
דרייט דאָס פּנים אוים ביי אים זיך אויף צוריק."
(„פיגיע", ז. 16.)

מיר ציען זיך מיט אַלע אונדזערע שפּירערס און נאָכשפּירערס אַהין,

אויף־צוריק צו אונדזער אינמיטנדיקן בראשית, ווייסנדיק און פילנדיק בחוש, אַז צום אָנפאַנגלעכן מעשה־בראשית אונדזערן קענען מיר ניט צוקומען. עס איז אונדז ניחא כאַטשבי זיך צו געפינען אין נאָענטער שכנות פון אים. מיר וואָלטן שטאַרק וועלן רעקלאַמירן, אָפּראַטעווען די שטיקער באָדן, וואָס דער ים של שכחה, דאָס פאַרגעסעניש־געוויסער האָט פאַרפּלייצט. מיר קענען עס אָבער ניט באַווייזן, און מיט אומבאַגרייפלעכער בענקעניש קלאַמערן מיר זיך אָן יענע איבערבלייבענישן פון אַ פאַרטרונקענער און פאַרטויכטער פאַרגאַנגענהייט. אונדז איז טייער יעדער זכר, יעדער שטיקל סימן, וואָס ברענגט צו אונדז שיריים פון אונדזער פאַרפלאָסענעם עבר.

וואו מיר זאָלן זיך ניט קערן און ווענדן, ווי אויפברעכעריש און איקאָנאָ־קלאַסטיש מיר זאָלן ניט זיין, פאַרערן און פאַרהערלעכן, פאַרקדשי־קדשימען מיר אונדזער קינדהייט. עס איז ניט אמת, אַז מיר וואַקסן פון איר אַרויס, ווי אונדזער שטיקל גוף וואַקסט אַרויס פון די ווינדעלעך און די צו קורצע און צו ענגע בגדים.

„. . . אונדזערע באָבעס און זיידעס
. . . אונדזער ליבשאַפט צו זיי ניט פאַרלאָשן.
הערט, הערט, מיר רעדן נאָך אַלץ זייער לשון!״
(דאָרט, ז. 147.)

ווער קען זיין מער אַנטי־טראַדיציאָנעל, צעשטערעריש און פאַר־ניינעריש, ווי דער גרעסטער בונטאַר פון אַלע צייטן, מיכאַאיל באַקונין? און דאָך אָט וואָס ער זאָגט צו אַ יונגער פריינדין:

„— סאַשאַ, דו ווייסט וואָס מיר געפעלט אין דיר אַמבעסטן? — דער פאַקט, וואָס דו רעדסט די אמתע גרויס־רוסישע שפּראַך, און וואָס דו קענסט מיר דערציילן ווי אַזוי דער טייך אָקאָ צעגיסט זיך איבער די נידעריקע לאָנקעס אין פרילינג... ווי אַזוי דער רוסישער סאָלאָוויי צעזינגט זיך אין די בעז־קוסטעס...״ *)

די יוגנט איז תמיד מיט אונדז. זי באַפאַרבט אַלע אונדזערע נאָכ־פאָלגנדיקע אימפּרעסיעס און עקספּרעסיעס. זי קאָלירט אונדזערע אַסאָצי־אַציעס. אויף איר באָדן וואַקסן אויס די „אַפּערצעפּטיווע מאַסן״, וועלכע ווי טאַמאָזשנע באַאַמטע נישטערן דורך אונדזער גאַנצן באַגאַזש פון שפּעטערע פאַרלויפּעניש.

---

*) „מיט מיכאַאיל באַקונינען אין זיינע לעצטע חדשים״ פון דר. וועבער־באולער, „פרייע ארבעטער־שטימע״, 5טער יולי, 1946.

„איך זינג דעם געזאַנג פונעם היימישן גאָרטן, —
די ביימן, — אַמאָל צעטראָטענע, אַמאָל צעבליטע,
געוויקסן פשוטע און ניט קיין צופיל סאָרטן...
דערפאַר אַזעלכע פּראָסטע מיינע זינגענדיקע ווערטער,
ווייל פּראָסט גייט אויף דורך זיי דאָס לעבן.
וואָס איינער זאַפּט אַריין, אַזוינער ווערט ער,
און דער וואָס זאַפּט אַריין דאָס לעבן,
ווערט פונעם לעבן אַ דערהערטער.

דער גאַנגוס איז אַ שיינער טייך, מסתמא,
נאָר מיינער איז דער טוריע אין אוקראַינע.
פון אים האָט דאָך געזונגען שטיל מיין מאַמע,
און אין זיין קילן וואַסער האָט פריע יוגנט מיינע
זיך אָפּגערוט פון דער בבא מציעא און דער בבא קמא."
(„געזאַנג פונעם גלויביקן", ז. 279.)

דער דיכטער ז. ווײנפּער איז דער מאַן פון דער בענטשנדיקער, באַרער און באַרגיקער בענקעניש.

„אויך איצט טרעפט זיך אַמאָל, אַז עס צעפלעמלט
זיך פאַר אים דעם טאַטנס בליק, —
נעכטן איז ער שעהענווייז געשטאַנען אויף אַ בריק,
וואָס בינדט ברוקלין מיט ניו־יאָרק צונויף.
אַרום אים אין ראַשיקן געלויף
די אויטאָס און די באַנען,
און ער איז זיך אַזוי געשטאַנען
און שטום געקוקט אויף שטיין און שטאָל.
פּלוצלונג הערט ער טאַטנס קול:
— פּוסטאונפּאַסניק, וואָס דו ביסט!
פּטרסט שעהן אויף אַ בריק אומזיסט
אין מיטן טאָג, — צו וואָס, צו ווען?
משטיינס געזאָגט, וואָס ער האָט דאָ דערזען!
הויז פון הויז איז העכער,
פלאַכע דעכער . . ."

(„פּיניע", ז. 11.)

יעדער דיכטער, צי ביודעים צי בלא־יודעים, נעמט אויף זיך, — ווי יענע דריי ברידער, אין דעם טשיקאַוון סיפּור־נפלאות, וואָס בעמען אויף זיך אָפּצוהיטן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט אַ באַשטימטע מצווה, — אַ באַשטימטן מאָטיוו. אייגנטלעך נעמט ניט דער דיכטער דעם מאָטיוו, נאָר דער מאָטיוו נעמט אים, ד. ה. מאַכט אים פֿאַר זיין אויסדערוויילטן דיכטער. קיין דיכטער זינגט ניט פֿרייוויליק־אַרביטראַריש, וואָס עס פֿאַלט אים איין, וואָס אים ווילט זיך. ער זינגט וואָס ער איז מחויב, געצוואונגען צו זינגען, וואָס זיין אונטערגעשפּירעניש און אונטערגעוואוירוועריעניש באַפֿעלט אים צו שירהנען. אַ דיכטער, באמת, זינגט ניט, עס זינגט פֿון אים אַרויס, צי ער וויל צי ער וויל עס ניט ,צי ער ווייסט וועגן דעם, צי ער ווייסט גאָרניט וועגן דעם.

ווען ער טוט עס באַוואוסטזיניק, טויג עס ניט, ווערט עס אַ טעזיס, אַ שטיק קאָפּ־אַרבעט. עס הערט אויף צו זיין אַ מאָטיוו, וואָס שפּרודלט אַרויף פֿון די טיפֿענישן פֿון דער זעל, פֿון דעם אונטערבאַדן פֿון דער נשמה.

ברכהפּולע בענקעניש איז דאָס קול־נגינה, — דער הויפּט־טאָן פֿון ז. ווײַנפּערס פּאָעזיע.

„פּלוצלונג, ווי אונטער אַ פּאַרכישופּטער האַנט,
וואַקסט אויס פֿאַר אים אַ לאַנקע אין וואַלד, —
איוואַנציע מאַזעפּוך אַהער און אַהין
מיט דער גלאַנציקער קאָסע,
אַזש עס צעשניידט זיך די ראָסע
אונטער זיין פֿאַך . . .
פּיניען ווערט אַן אומגעהוירער יאַך
דער שאָבער אין האַנט.
נו, טאַקע, איז דאָס אַ ענין
פֿאַר אַ פּיניען
צו שאָבן דעם ראָסט אין ניו־יאָרק פֿון אַ וואַנט,
ווען אויף די לאַנקעס אין זיין וואַלד
איז איצט אַזוי גרין?
אַי דאָ איז ניו־יאָרק?
נו, וועט ער כאַפּן אויף באַרג
אַביסל גרינס פֿון אַ פּאַרק,
און וועט דאָס זיין קאַרג,

וועט ער דערמיט
פאַרטראַכטן אַ ליד,
וואָס וועט אים ברענגען וואָלין פון דער וויט.״
(דאָרט, ז״ז 44-45.)

„— אַט אַ יונג! לעבט אין אַ שטאָט פון שטיין און שטאָל,
און אים קריכט גאָר אין קאָפּ דאָס גרין
פון וואָלין!״
(דאָרט, ז. 46.)

ניו־יאָרק, ווי גרויס און הויך עס איז ניט, הויבט זיך גאָר ניט אָן לגבי טריסק. ווייל ניו־יאָרק געהערט צום איצט, און טריסק קומט פון נעכטן אַרויס, פון דעם יוגנט־לאַנד. און דאָס געוועזענע יוגנטלעכע איז פרישער ווי דאָס הייַנטיקע און דערוואַקסענע.

דורך דער ברכהפולער בענקעניש, ווי דורך אַ פּריזמע, ברעכן זיך דורך די שטראַלן פון ז. ווייַנפּערס אַסאָציאַציעס און פאַרגלייכעניש אין זיינע לידער, ווי אויך אין זיין פּראָזע.

„. . . און פּלוצלונג איז אויפגעגאַנגען אין מיר אַ גרויסע בענקשאַפט אַהיים. . . . די בענקשאַפט אַהיים . . . נאָך טריסק מיט די גרינע לאָנקעס אַרום, נאָך די טייכן, נאָך די ווייסע געגנדז און נאָך מיין מאַמען.

„און די סביבה, אין וועלכער איך האָב פאַרבראַכט מיין פריע יוגנט, האָט דאָך געלעבט מיט אַט־דער בענקשאַפט.״ *)

„בענקשאַפט צום אייגענעם וואָרצל. בענקשאַפט נאָך דער מאַמען, נאָך דער משפחה, נאָך דער ערד, וואָס האָט מיך אויפגעהאָדעוועט. אמת, אַ שווערע האָרעוואַניע געווען. אָרעמקייט און דחקות און פון צייט צו צייט אַ שווערע פאַלנדיקע רוט איבערן יונגן לייב, אָבער דאָך אייגענע ערד, אייגענע היים.״ **)

בענקשאַפט און יוגנט־דערינערונג ווייסט דעם סוד פון אַלכעמיע. עס שמעלצט איבער דאָס גרעבסטע אין דאָס איידלסטע, דאָס ביליקסטע אין דאָס קאָסטבאַרסטע, דאָס ווייטיקדיקסטע אין דאָס פאַרגעניגנדיקסטע.

אייגענע ערד, מיר גלעטן זי תמיד מיט אונדזער פוספלאַך... און אַלע אַנדערע ערדן בריקען מיר מיט אונדזער פוס, קנייפן מיט אונדזער טראָט.

---

*) מיטן יידישן לעגיאָן", ז. 113.
**) דאָרט, ז. 74.

די בעסטע פֿרעמדע ערד איז אַ שטיפֿמאַמע. און זאָל זי אונדז באַהאַנדלען גוט, פֿרײַנטלעך, זי בלײַבט אונדז פֿרעמד. אַ מענטשנקינד האָט איין מאַמען און איין היים.

„ערגעץ האָט דער װינט אַ בוים אַ טראָג געטאָן אין אַ װעלט, אַ לערער, טראָגט דער בוים זיך אין דער לופֿט און בענקט צום גאָרטן, צו דעם ליבן.
(„געקליבענע לידער", ז. 225.)

„נישט שטענדיק נעמט אַ בוים, אַן איבערזעצטער, װידער אָן.
די ערד, אַז מען פֿאַרלאָזט זי, װערט פֿון איר די ברכה אָפּגעטאָן."
(„אונטערװעגנס", ז. 95.)

אַ מענטש איז װי אַ בוים, כּאָדם עץ השׂדה, ער לאָזט זיך פֿלאַנצן און איבערפֿלאַנצן. נאָך מער מיר, ייִדן, פֿלאַנצן זיך שוין אַ ביסל צו אָפֿט איבער דורך עמיגראַציע, ס'רוב אַרויפֿגעצוואונגענער, דורך דעם תּמידיקן „לך־לך", װאָס הערט ניט אויף צו הילכן אין אונדזערע אויערן, לאו־דווקא פֿון פּסוק אַרויס. אָבער מיר נעמען מיט זיך מיט און טראָגן אַרום אַרום זיך די גאַנצע סבֿיבֿה אונדזערע, אין װעלכער מיר האָבן זיך אויפֿגעכאָװעט. װי די נשמה װאָס אַ מלאך טראָגט, אין לערמאָנטאָװס ליד, נאָך האַלבער נאַכט, קענען מיר ניט פֿאַרגעסן די געזאַנגען, די שירה װאָס מיר האָבן געהערט אין גן־עדן װעגן גן־עדן, װאָס הייסט קינדהייט. און אויב מיר האָבן געליטן אין אונדזער קינדהייט דחקות און בױט, איז זי נאָך אונדז טײַערער, נאָך טיפֿער אײַנגעבאַקן אין האַרצן. מחמת צרות בינדן בעסער צו װי פֿאַרגעניגנס. אַ קניפּ שנײַדט זיך טיפֿער אַרײַן אין לײַב פֿון זכּרון אײדער אַ גלעט, אַ לאַשטשע, װאָס גליטשט זיך איבער דער אויבערפֿלאַך.

„איך האָב דערפֿילט אַ קרענקלעכע בענקשאַפֿט נאָך ערד... די ערד, נאָך װעלכער איך האָב געבענקט, איז געװען די ערד פֿון מײַן שטעטל אין דער װאָליך, װאָס האַלט אין איר אײַנגעװייד אַ באַרואיקטן מײַן יונג־פּאַר־שטאָרבענעם טאַטן יצחק־לײבן און מײַן עלטערן ברודער, משהן. איך האָב דעמאָלט געזען זײערע קבֿרים אַזעלכע שטילע צװישן גראָז און בײמלעך און לעבעדיקער משפּחה, װאָס קומט צו גאַסט צו זיי." *)

װען האָט ער עס דערזען? װען ער איז געװען אויפֿן שיף, װאָס האָט אים געפֿירט פֿון אַמעריקע קײן ענגלאַנד. אין מיטן אַטלאַנטיק האָט זיך אים

*) „מיטן ייִדישן לעגיאָן", ז. 86.

באַוויזן די זעאונג פון דעם היימישן בית־עולם. וואָס האָט אים אַרויפּגעבראַכט פון תהום פון דער פאַרגאַנגענהייט? אַן אַסאָציאַציע, דאָס אַרייַנוואַרפן אַ געשטאָרבענעם אין ים אַריין פון דעק פון שיף.

וויליאַם דזשיימס זאָגט אונדז, אין זיין „פּסיכאָלאָגיע“, אַז ווען אַן אַפריקאַנער זעט צום ערשטן מאָל די שנייעלעך, ווי זיי דרייען זיך, מיינט ער אַז דאָס קאַדרילעווען אַרום שמעטערלינגס. ער קען זיי אַנדערש ניט זען ווי אין אָט־דעם געשטאַלט.

מיר נעמען אַלץ אויף ניט סתם אין צייט און רוים, וועלכע קאַנט רופט אָן סוביעקטיווע אָנשויאונגס־פאָרמען, נאָר דווקא אין אונדזער קינדערשער צייט און פרי־יוגנטלעכן רוים.

יאָ, אַזוי איז עס. מען זעט ניט בלויז וואָס מען זעט מיטן באַקעטן אויג, וואָס עס שפּיגלט זיך אָפּ אויף דער רעטינע. מען זעט אין דעם געזעענעם בילד דאָס, וואָס מען האָט געזען אין פאַרדעמיקע בילדער פון דער יוגנט, אין דער קינדהייט. און אָט־יענע זעעניש באַגלייט אונדז און מאָלט זיך אַריין אין דער נייער זעאונג.

„. . . אַזאַ מין וואָלקן, וואָס איז אַ געוויינטלעכע דערשיינונג איבער דעם הימל פון ענגלאַנד, פלעגט מיך שטענדיק דערמאָנען אָן שמחה דעם קרעמער פון מיין געבורט־שטעטל אין וואָלין.

„אַ שווערער קוטיקער ייד מיט אַ טונקעלער קאָלטנעוואַטער באָרד איז ער געווען, אָט־דער שמחה. און אַ טבע האָט ער געהאַט, לויפנדיק יעדן פרימאָרגן אין בית־המדרש אַריין מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם צום ערשטן מנין, אַריינצוכאַפּן אַ שטיק ‚פון פאָרנט‘ אין מיטן וועג ביחידות. קיינמאָל האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן ביז ער וועט זיך צונויפגיסן מיט מנין אינגאַנצן, ווי אָט־דער וואָלקן איבערן ענגלישן הימל, וואָס האָט ניט קיין צייט ביז ער וועט זיך צוזאַמענגיסן מיט די איבעריקע און ער פליוכעט שוין ביחידות.“ *)

אַ וויטער שפּרונג פון אַ וואָלקן אין ענגלישן הימל צו אַ יידן אין אַ קליינשטעטלדיקן וואָלינישן בית־המדרשל. אָבער דאָס איז דער כוח פון אַ יוגנט־דערמאָנעניש. זי קען אַריבערשפּרינגען לייכט איבערן גאַנצן אַטלאַנטיק, און אַ פּאָר קאָנטינענטן אַלס צוגאָב, און דאָך ניט צעברעכן דעם האַלדז און נאַקן פון אימאַזש, אַפילו ניט אויסלינקען אַ קנעכל פון אַ סימילע.

„איינער האָט אַרונטערגעצויגן דאָס לעדערנע שיידל פון באַיאָנעט און

*) דאָרט, ז. 111.

מיט די הענט געגלעט דעם גלאַנציקן שטאָל. ווען ער האָט מיטן נאָגל דורכ־געפירט איבער דעם שאַרף, האָט דאָס מיר דערמאָנט דעם שוחט פון אונ־דזער שטעטל, וואָס פלעגט אַזוי אויספּרובירן דעם שאַרף פון זיין חלף, אײדער ער האָט אים געדאַרפט דורכפירן איבערן האַלדז פון אַ בהמה.״ *)

„דער סערזשאַנט . . . האָט אָנגעהויבן אָנצוטאָן איינעם פון אונדזער חברה די רימענס, דעם פּאַסעק און אַלע איבעריקע זאַכן, און דעמאָלט האָט ער אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי איציק נחס דער באַלעגאָלע פון אונדזער שטעטל בשעתן אָנטאָן דעם געשפּאַן אויף זיינעם אַ פערד.״ **)

אַפילו אין מלכיות און שופרות, ווען ער איז אין אַ רעגימענט פון זיין מאַיעסטעט און עס בלאָזט דער שופר און רופט צו מיליטערישע איבונגען, איז ז. וויינפער זכרונותדיק און נאָסטאַלגיש.

ער שיידט זיך ניט מיט זיין באָדן און סביבה, ער איז „מחובר לקרקע״. ווען אין דער פרעמד בענקט ער אַהיים און די ברכהפולע בענקעניש ברענגט אים גלייך אַהיים.

„זאָרגפולע מענטשן מיט טעגלעכן קאַפּדריי
וועלן זיך באַלד פונעם סאָבוויי
אַריבער אַלערליי טרעפּן
צו זיך אין די היימען פאַרשלעפּן, —
דער אירלענדער און איטאַליענער,
דער ייד און דער דייטש און דער נעגער,
און ווי די געשרייען פון הענער
און גרעגער,
וועט שרייען דאָס לעבן ביי פענצטערס און טירן,
בלויז איך וועל אין טומל צום זיידן אין הויז
זיך לאָזן פאַרפירן...״

(„געקליבענע לידער״, ז. 223.)

ניט ער אַליין טוט עס, לאָזט זיך פאַרפירן. דאָס אייגענע טוט, מסתמא, דער איטאַליענער און דער אירלענדער, אויב זיי זיינען, ווי ער, ניט־הי־געבוירענע. זיי לאָזן זיך אַלע פאַרפירן צו זייערע זיידעס און באָבעס, טאַטעס און מאַמעס. זיי לעבן מיט זייער האַרצן אין דער היים, הגם זייער גוף

*) דאָרט, ז. 112.
**) דאָרט.

געפינט זיך אויף פרעמדן באָדן. אָט־די צעשפּאָלטנקייט, וואָס ר׳ יהודה הלוי האָט אויסגעדריקט מיט זיין בענק־ און ווײ־געשריי: „מיין הארץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב״, פילן כמעט אַלע פאַרוואָגלטע, אַלע וואָס זיינען, צוליב וועלכע עס איז סיבות אָדער אומשטענדן, פאַרטריבן געוואָרן פון זייער טאַטנס טיש און מאַמעס שטוב.

דער חילוק צווישן אים און דעם איטאַליענער און אירלענדער באַשטייט בלויז אין דעם טיף פון זיידן. די זיידעס זיינען פאַרשיידן, אָבער דאָס גיין צו זיי איז דאָס זעלביקע...

„ער אין אַ ספר פאַרטיפט און פאַרגעסן;
פאַרגעסט, אַז מען דאַרף נאָך היינט וועטשערע עסן,
און איך ביי די ביכלעך פון פרצן, פאָען און אַשן
רייס שטיקלעך פון ברויט און עס אומגעוואַשן.״
(דאָרט, ז. 224.)

דער זיידע איז דאָ מיט ז. ווײנפּערן. ער זונדערט זיך ניט אָפּ פון זיין אייניקל. דער זיידע קומט אַריין מיט זיין גאַנצן האַק און פּאַק, מיט זיין קולטור־ספּער און טראַדיציע־מילוי.

און ניט דער זיידע אַליין, נאָר אויך די באָבע, דער טאַטע און די מאַמע, די גאַנצע הייליקע און וואָכעדיקע משפּחה.

„אויך איצט אַז ער ליגט אַמאָל אין קאָני־אײלאַנד ביים ברעג,
וואַקסט נישט איינמאָל אויס פאַר זיינע אויגן דער וועג,
וואָס האָט אים צום טייך אין זיין שטעטל געפירט,
יענע ערד איז געווען, ווי דאָס ברויט מיט פוטער באַשמירט,
וואָס די מאַמע פלעגט אים מיטגעבן אין חדר אַריין,
און די זון איז געווען, ווי דער ראָזשינקע־ווײַן
אין זיין טאַטנס שבתדיקער קאַרעפינקע,
די ווינטלעך, — שטיפערישע און פלינקע
האָבן זיך געקוליעט איבערן גראָז פון דער לאָנקע
און פון ווייטנס האָט זיך קאָלירט אַ ציצענע קימאָנקע, —
דאָס האָט מאַרוסיע דאָרט געטריבן אירע גענדז מיט אַ ריטל
און אים איז דעמאָלט שווער געווען אויפן קעפּל דאָס היטל,
ווייל מאַרוסיעס פיס זיינען געווען ברוינע און די גענדז ווייסע.
מאַרוסיע האָט געהאַט פלאַקסענע האָר,

אַ רויט פּאַטשיילקע אויפן קעפּל,
און בריסטלעך ,ווי עפּל,
און דאָ אויפן קאָני־אײַלאַנדער ברעג
ליגן ניו־יאָרקישע ווייבער, ווי זעק
אויסגעגעצטע פון רעגן..."

(„פּיניע", ז. 9.)

דאָ זײַנען אויך פאַראַן מאַרוסיעס, הגם זיי רופן זיך מיט אַנדערע נעמען, און זיי האָבן אויך פלאַקסענע האָר און אַלע איבעריקע רייצנדיקע אַטריבוטן און אַקסעסואַרן פון אַ מאַרוסיע... אָבער זיי געהערן ניט צו זיין יוגנט, און דעריבער עקזיסטירן זיי ניט, זיי זײַנען ניט בנמצא אויפן פעלד פון זײַנע דערמאָנענישן.

מען הערט אָפט אַ באַקלאָגן זיך אויף דער יידישער ליטעראַטור, אַז זי איז אין אירע הויפּט־שטריכן קליינשטעטלדיק.

די קטיגורס מיינען, אָפּנים, אין זייער נאַאיווקייט, אַז אַ ליטעראַטור ווערט גרויס ווען זי גיט זיך אָפּ מיט געבן בילדער פון דעם גרויסן כרך. אַ ליטעראַטור קען זײַן ריזיק־גרויס און מאָלן דווקא קליינע מענטשעלעך.

קונסט פאַרמאָגט איר אייגענע אימאַגענטע מאָס פון גרויסקייט און קליינקייט. גרויס־פאַרנעמעריש דאַרף זײַן די קינסטלערישקייט פון דעם געמעל, ניט דער שטח, וואָס די קונסט־ווערק „דעקט". די אינפיניטעט קען געמאָלן ווערן אַזוי קליינקעפּלשפּילקעדיק און צרהדיק, אַז זי זאָל אַרויסקומען קלענער פון דעם אינפיטעסימאַל. פאַרקערט, איין פינטל קען געשילדערט ווערן אַזוי גרויסאַרטיק און ברייט־היקפדיק, אַז ער זאָל זיך פאַרמעסטן אין שיינקייט, אין אַכפערונג־אַנהויכונג, אין יראת־הכבוד־אָנ־וואַרפונג מיט דער אומענדלעכקייט אַליין. פיזישע און געאָדעזישע השגות וועגן גדלות און קטנות האָבן ניט קיין פלאַץ אין דער עסטעטיק, וועלכע פאַרמאָגט איר אייגענעם אַרשין און איר אייגענעם קריטעריום צו מעסטן און אָפּצושאַצן די גרויס און דעם ווערט פון אַ קונסט־ווערק.

„דאָס גרויס ניו־יאָרק, וואָס שטופּט זיך מיטן קאָפּ אַזש צו די כמאַרעס,
איז אָפט פאַר אונדז אַ תפיסה בלויז מיט האַרטע נאַרעס."

(„געקליבענע לידער", ז. 210.)

פאַר דעם דיכטערס מוזע, וואָס איז ניט קיין ניו־יאָרקישע, איז אָט־די מאַכינע פון אַ שטאָט, וואָס איז אַזוי אומגעלומפּערט אויסגעצויגן אין דער הייך, זיכער אַ קאַרצער, ווייל —

„אין שכנות מיט די וואָלקנקראַצערס ווערן בּיסלעכווייז צעפּאַלן
די היימען אונדזערע...״

(דאָרש, ז. 209.)

זיי צעפּאַלן; זיי בּלייבּן אָבּער ניט ליגן לאַנג אין די רואינען. מיר שטעלן זיי אויף, מיר ריכטן זיי אויף מיט זייער גאַנצער ליבּלעכער און לייבּלעכער היימישקייט אין אונדזערע פאַרבּענקטע דערמאָנענישן.

אונדזערע טראַגעדיעס אין די היימישע קליינע ישובים זיינען געווען צענרובלדיקע, — טענהן די מקטרגים.

זייער טענה איז אַ פאַלשע. זייער ביטול־בּאַציאונג איז אומבּאַרעכטיקט. טראַגעדיעס זיינען ניט קיין פינאַנציעלע פּראָפּאָזיציעס. אַ קינד, וואָס וויינט איבּער דעם אָוועקנעם פון זיין שפּילצייג, פאַרגיסט עכטע טרערן. זיין צער איז ניט קלענער פון דעם עגמת־נפש פון אַ דערוואַקסענעם איבּער אַן ענין, וואָס אים, דעם כלומרשט־דערוואַקסענעם אין פאַרשטאַנד, זעט אויס צו זיין זייער וויכטיק. ווייל אויב מען וויל זיין אָפּגעשפּאַנט, אַרויס־געטאָן פון אונדזער וועלטל, קען מען זאָגן, אַז פון שטאַנדפּונקט פון אייבּיקייט און אומענדלעכקייט פון קאָסמישן רוים און דער גראַנדיעזקייט פון דער קאָסמישער דראַמע איז אַלץ וואָס קומט פאָר אויף אונדזער קליינ־טשינקער בּינעלע אין אונדזער פּיטשוטשינקן טעאַטערל לאַוו־דווקא און אַן קיין שום האַפט, קראַפט און בּאַדייט.

ווען מען האָט געפרעגט לאַפּלאַסן, דעם גרויסן אַסטראָנאָם וואָס האָט געשוועבּט מיט זיינע פאָרשונגען צווישן די שטערן אין די וויטסטע הימ־לישע מרחקים, פאַר וואָס ער איז אַזוי גלייכגילטיק צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט ער געענטפערט בּערך אַזוי צו זאָגן:

עס איז פאַראַן אַן אומגעהויער גרויסע צאָל זונענסיסטעמען. אין איינער פון יענע אומצאָליקע סיסטעמען געפינט זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס זעט אויס ווי אַ פּינטעלע. עס ווערט אָנגערופן אויפן פּראָסטן לשון „ערד״. אויף אָט־דער ערד איז דאָ אַ שפּרינקעלע, וואָס הייסט פּאַריז. און אין דעם שפּרינקעלע קומט פאָר עפּעס אַ צערודערונג. איז וואָס גייט עס מיר אָן?

אַ צענביליאָנענדיקע טראַגעדיע איז ניט גרעסער, אין אירע טראַגישע ליידן־פאַרשאַפנדיקע עלעמענטן, פון אַ צענגראָשנדיקער. אַ גראָשן בּיי אַן אָרעמער אלמנה איז אַ וויכטיקע מטבע.

די גרויסע שטעט זיינען, בּעצם, קליינע שטעטלעך פאַרכּפּלטע און צע־חיבּורטע. און קליינע שטעטלעך זיינען, אין תוך גענומען, גרויסע כּרכים, וואָס אַנטהאַלטן גרויסע בּאַפעלקערונגען, נאָר צעחיסורטע און צעחילוקטע.

אין דער גרויסער שטאָט קאָנטאַקטירן מיר מער מענטשן. אָבער דערפאַר איז דער איינצלנער קאָנטאַקט פון אַ קלענערן ווערט און קלענערער אָפּטקײַט.

אונדזער אינדיווידועלע מענטשן־קענטעניש ווערט ניט פאַרגרעסערט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט־מאַכן מיט פיל איינצלנע פּערזאָנען. מחמת וועגן יעדער פּערזאָן באַזונדער ווייסן מיר זייער ווייניק, פאַרהעלטנישמעסיק.

האָבן דעפּאָזיטן אין עטלעכע בענק איז ניט קיין אָגוויז פון גרויס רייכטום, ווייל מען קען אין יעדן באַנק האַלטן אַ מינימאַלע סומע. איינער קען האָבן געלט בלויז אין איין באַנק, אָבער דערפאַר אָנזאַמלען דאָרט אַ גאַנצן מטמון.

אין די קליינע שטעטלעך האָבן מיר געקענט פּסיכאָלאָגיש גרינטלעך די טיפן מיט וועלכע מיר זײַנען געקומען אין לאַנגיאָריקער און אָפטער באַרירונג. מיר האָבן זיי געזען אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. מיר האָבן מיט אייניקע פון זיי „אויפגעגעסן אַ פּוד זאַלץ"...

„אין גאַס, ווי אין דײַן הויז, איז ענג —
אַט שפּאַן איך אויף אַ גאַס, — איר לענג
איז פול מיט מענטשן אַלערליי, —
די מענטשן, — ווער־זשע זײַנען זיי ?
מען שפּאַנט, מען איילט, פּאַמעלעך און געשווינט,
ווי כוואַליעס אינעם ים פון ווינט, —
צו וואָס ? צו ווען ?
צי ווייסט מען דען ?"

(דאָרט, ז. 233.)

„די מענטשן, וועד־זשע זײַנען זיי ?" מיר קענען זיי ניט. אונדזער באַריר איז צופעליק. זיי זײַנען פרעמדע צו אונדז, ווי מיר זײַנען פרעמדע צו זיי. אומבאַקאַנטערהייט באַגעגענען מיר זיך און אומבאַקאַנטערהייט צע־שיידן מיר זיך. אין אונדזערע קליינינקע ישובים האָבן מיר געהאַט יעדן אויפן אויג. מיר האָבן געוואוסט וואוהין ער איילט, און פון וואַנענט ער קומט.

ז. ווײַנפּער נעמט זײַן טריסק, ווי ארץ־ישראל אין דער ווײַטער צוקונפט, צעשפּרייט ער אים איבער ימ'ען און יבשות. דאָס אייגענע טוט ער מיט די טריסקער טיפּן. ער זעט זיי אומעטום, אין פאַרשיידענע ערטער. וואו עס זײַנען דאַ מענטשן, דאָרטן זײַנען פאַראַן טריסקער פּערסאָנאַזשן.

„נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן איצט מיט זיך אַליין דאָ אויף מיין שוועל, —
שטיקלעך פון פאַרגאַנגענהייטן טראָגן זיך פאַרביי, ווי קינדער אויף אַ
קאַרחעל.
זיי פאַכען אינעם לויפיקן געדריי מיט די יונגע קליינע הענט צו מיר, —
אַ זומערדיקער אָוונט אין מיין שטעטל, — איך שטיי מיט ביילקע יונהס
ביי דער טיר
פון אַן אָפגעווייסטער שטוב, וואָס קוקט מיט שטילקייט צום מאַרק און וועג,
אַ גרויסע זילבערנע לבנה זילבערט פון דער הויך און זאָגט: מען מעג!
נאָר מירביידע באַהאַלטן זיך אין שאָטן און שרעקן זיך פאַר דער לבנה,
מיר ווינטשן, אַז אַ וואָלקן זאָל זי איבערדעקן, — עס איז דאָך אַ סכנה
צו שטיין דאָ אָט־אַזוי־אָ, ווי מיר שטייען, — דעם גבאים מיידל און דעם
חזנס זון, —
מאָרגן וועט דאָס גאַנצע שטעטל נישט אויפהערן צו רעדן שוין דערפון.״
(דאָרט, ז. 187.)

„. . . עך, טריסק! עס קלינגט מיר, ווי אַ בייקע שוין דיין נאָמען,
נאָר טיף אין מיר לעבט נאָך אַלץ דיין פרומער זאָג: ׳ברוך הוא... ושמו אמן׳...
די אויגן מיינע צו דעם היינט, די פיס נאָך אַלץ אין נעכטיקע געוועבן.״
(דאָרט, ז. 288.)

ער דאַרף זיך ניט אַרויספלאָנטערן פון יענע געוועבן, ער טאָר זיך ניט אַרויספלאָנטערן. ווייל פון אָט־יענע געוועבן קומט דער זייד און סאַמעט פאַר די קליידער פון זיין מוזע.

6טן יולי, 1946.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

דער הייליקער הונגער

„ביים ברייטן וועג", 1920. 191 ז"ז.
„לידער", 1932. 236 ז"ז.
„פון די שטאַמען", 1939. 190 ז"ז.

די ירידה פון פּאָעזיע

אײנלײטנדיקס:

„וואָס איז אַזוינס פּאָעזיע? וואָס איז די אויפגאַבע, וואָס פּאָעזיע האָט זיך געשטעלט?

„פּאָעזיע איז עגאָטיק. פּאָעזיע איז אַ מאַנאָגאָגיסטישע דיסציפּלין און פאָרם פון אויסדרוק.

„די עובדא פון פּאָעזיע איז אויפצוריכטן דעם קאָסמאָס, שאַפן די אַבסאָלוטע אָרדענונג־אומאָרדענונג, בילדן דעם גרויסן איינס, דעם זעלבסט פון אַלדאָס מעגלעכע... עס זיינען פאַראַן דיסאַנאַסן אין מענטשן — פּאָעזיע האַרמאָניזירט זיי. עס איז פאַראַן אַ כאַאָס אין זאַכן — פּאָעזיע אָסאָציאירט זיי. עס איז דאָ אַ צעבויטעניש אין אונדזערע געפילן — פּאָעזיע קריס־טאַליזירט עס... פּאָעזיע איז די בריק, וועלכע הענגט איבערן אָפּגרונט, וואָס גענעצט צווישן מענטשן און דעם איינצלנעם איך. פּאָעזיע איז דער פאַראַם, וואָס פירט אונדז דורך דעם שטראָם פון דאָס אַלגעמיינע און מאָמענטאַנע, און ברענגט אונדז בשלום צו דעם ברעג פון דער אייביקייט און איינציקייט" *), וועלכע האָבן ניט קיין ברעג, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף און אַפילו ניט קיין אין־סוף.

„עס עקזיסטירט איין געזעץ, וואָס איז גילטיק פאַר פּאָעזיע, און דאָס איז: פאַראייניק און געוועלטיק, הערש אויטאָקראַטיש אין דעם קעניגרייך פון בילדער, — דאָס קעניגרייך אָן אונטערטאַנען און אָן הערשער, אַ מלכות

*) אבא גאָרדין, „גרונט-פּרינציפּן פון יידישקייט", ז"ז 223-226.

פון אויסטראַכט, איינטראַכט און אַדורכטראַכט, אַ מדינה פון איינדוכט, אויסדוכט און אַפּדוכט, — אין מלכות־שדי.״ *)

און וואָסאיז יידישע פּאָעזיע? דאָס אייגענע, וואָס אַלגעמיינע פּאָעזיע, נאָר אַ היפּש ביסל פּאָעטישער, ווייל מער קאָנצענטרירט און ברענפּונקטירט אויף איין הויפּט־געדאַנק און עיקר־געפיל, און דאָס איז „אנוכי ה׳״, דער מקור פון ריינער ליריק.

מיט אַנדערע ווערטער: יידישע פּאָעזיע אין איר גרויסן אָנפאַנג, אין איר אומשטערבלעכער שאַפונג, אין תנ״ך. — איז געווען אידענטיש מיט נבואה.

דער דיכטער־נביא האָט ניט גערעדט אין זיין אייגענעם נאָמען, אין נאָמען פון זיין פאַרביילויפנדיקן זעלנצוּשטאַנדלעכן צעשפּאָלטן־רגעדיקן קליין־איך, נייערט אין נאָמען פון דעם אייביקן איך פון פאָלק ישראל, וואָס איז געווען גלייכצייטיק, און אַפילו פריער־צייטיק, דער איך פון גאַנצן אוניווערז און פון אַלע שטאַמען, אַלע מענטשנקינדער.

פון אַט־דעם געוואוירזיין קומט דער דרייסט פון יידישן פאַרצייטיקן אינספּירירטן דיכטער. ער באַזיצט די געוואַגטקייט זיך צו ווענדן צו די הימלען און צו דער גאַנצער ערד, ניט בלויז צו איין שטיקל לאַנד.

„האזינו, השמים, ואדברה
ותשמע הארץ אמרי פי.״ **)

הימלען, פאַרשאַפט זיך אויערן, ווייל איך גיי רעדן, און די ערד וועט הערן די רייד פון מיין מויל. דער דיכטער איז זיכער אין דעם, ער דאַרף איר אַפילו ניט באַפעלן, זי וועט עס טאָן אָן אַ באַפעל פון זיין זייט.

פון וואַנעט נעמט זיך צו אים אַט־די זיכערקייט?
ווייל —

„יערוף כמטר לקחי,
יזל כטל אמרתי.״

ער רעדט ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, לשם שיין־ריידעריי, לשם יופיאַנישן געקלאַנג. עס רעדט פון אים ניט אַרויס קיין פערזענלעכער קינדערשער קאַפּריז, קיין געלוסט צו פלאַפּלעריי און גלאַמפּישער גדלות, נאָר —

---

*) דאָרט.
**) דברים, ל״ב, ב׳.

„עס וועט טריפן מיין לערע ווי רעגן,
און ווי טוי וועט פליסן מיין וואָרט,
ווי שפּרענגרעגנס אויף גראָז,
ווי שפּריירעגנס אויף קרייטעכץ.‟ *)

און צו אָט־די ווערטער פון רעגן און טוי הערט זיך צו זייער אויפ־מערקזאַם די געאָגראַפישע ערד, און צו די ווערטער פון דער דערהויבענער לערע, פון דער תורה, הערט זיך צו די פּסיכאָלאָגישע ערד.

דער דיכטער־נביא רעדט צו אַלע פעלקער, ניט בלויז צו איין פאָלק. און ווען ער רעדט צו דעם איינעם פאָלק, טוט ער עס נאָר דערפאַר, ווייל אָט־דאָס פאָלק איז אַ „גוי־קדוש‟, אַן „עם־סגולה‟, אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ רעפּרעזענטאַנט, אַן אויסגעקליבענער שליח־ציבור פון דער מענטשהייט.

„אַ נביא, — צו די פעלקער האָב איך דיך אָוועקגעגעבן.‟ **)

„איידער איך האָב דיך געפורעמט אין מוטערס בויך, האָב איך דיך דערקענט און איידער דו ביסט אַרויס פון מוטערלייב, האָב איך דיך גע־הייליקט.‟ ***)

כאָטש דער בויך געהערט צו אַ יידישער מאַמען, איז דער נביא־דיכטער אָוועקגעשאָנקען צו אַלע פעלקער. ער וואַקסט אַרויס און וואַקסט אַריבער דעם ענגן נאַציאָנאַלן „בויך‟. דער אויסדרוק־מעדיום מעג זיך זיין ענג־נאַציאָנאַל, יידיש, אָבער וויבאַלד דער אינהאַלט איז יידיש, איז ער שוין אַלפעלקערלעך.

דאָס איז געווען אַמאָל.

וואָס האָט לעצטנס פּאַסירט מיטן דיכטער און מיט דער דיכטונגס שליחות?

„די ירידה פון פּאָעזיע: דער דיכטער האָט אָנגעפאַנגען ווי אַ פּראָפעט, און וויל, אַפנים, ענדיקן פאַר אונדזערע אויגן, ווי אַ פּאַיאַץ, אַ מאַר־שאַלעק.‟ ****)

„די פּנימער געשרומפּענע און מאַסקעס ווי ראָלעטן,
קומט אָן אַ מחנה האַריקע פּאָעטן,

*) דאָרט.
**) ירמיה, א׳, ה׳.
***) דאָרט.
****) אבא גאָרדין, „עגאָטיק‟, ז. 4, מאָסקווע, 1922, רוסיש.

קומט אָן אַ מחנה בעטלערישע שטימען —
זאָגט איינער קדיש און דער צווייטער זינגט אַ הימען.

אַ ווי צו אייך, פאַרשאָלטענע, נאַרישע פּאַיאַצן,
וואָס טופּן טרערנדיק מיט טאַנצנדיקע טאַצן.״
(„לידער״, ז״ז 142-141)

„דיינע שורות, דינע פעדים, דינע פינגער, —
שפּיניק אין דיין שפּינוועבס — הוידנדיקער זינגער.

טוי־געזאָלבטער, זילבן־שפּליטער, זילבערדיקער דרימל,
אָפּגעריסן הענגסטו צווישן ערד און הימל.

אויסגעשפּרייט זיך אין אַן עיגול, — צירקלדיקער טויער, —
אפשר וועלן זיי, נאַראָנים, קומען צו דיין לויער.

קליינע ברואים, גרויסער הונגער, פלי־געווימל,
איינגעשטילט דער לעצטער זשום שוין — ווידער דרימל.

ליגסטו, ויגסטו זיך אַליין (פרומע מינע!),
פרומקייט טונקלט זיך מיט צוקנדיקער שנאה.

אַז אַ שטורעם וועט אַ יאָג טאָן (ס׳העלפן ניט קיין לידער),
און אַ פאַל טאָן וועסטו צו דער שוואַרצער נידער.

וועסטו לויפן, — זאַמד און שטיינער — מזל אומגעריכטער! —
שפּינוועבסדיקער, הוידנדיקער דיכטער.״
(דאָרט, ז. 65)

דאָס איז דער אומגליק: דער „מאָדערנער״ דיכטער האָט זיך אויסגעטאָן פון אינהאַלט, ניט זיך אויסגעלושטשעט און געבליבן ביים קערן; נאָר פאַרקערט, זיך אויסגעקערנט און אויסגעיאָדערט, אַזוי אַז ער איז געבליבן ביי דער שאָלעכץ פון וואָרט. און די גאַנצע געדיכט־קונסט איז געוואָרן אַ שפּיל פון ווערטער, ווי ב. י. ביאַלאָסטאָצקי רופט עס — שפּינוועבס. און ער זאָגט פאַראויס דעם קאַטאַסטראָפאַלן פאַל פון פאַלשן פּאָעט, דעם „משורר־השקר״, דעם שפּינוועבסדיקן, וואָס וואָרט, אַז „אפשר וועלן זיי, נאַראָנים, קומען צו זיין לויער״.

דאָס איז ניט קיין אפשר. די שוטים וועלן זיכער קומען. די צרה איז, וואָס די חכמים ווייזן זיך מער ניט. ווי אַנדערש איז עס געווען אַמאָל, ווען

די קליגסטע פון די קלוגע זיינען געגאַנגען צום דיכטער־אָראַקול, ווען די גרעסטע גייסטער זיינען געקומען צום נביא שואל־בעצה־זיין וועגן די וויכטיקסטע אַנגעלעגנהייטן פון פאָלקס־לעבן.

אַט־דער „שפּינוועבסדיקער" דיכטער איז איין מין פּאָעט, דער דעגענעראַט, וואָס קנאַקט שאָלעכץ פון ניסלעך־ווערטער און שלינגט זיי אַראָפּ, און מיינט, אַז ער וועט זיך און אַנדערע אַזוי נערן, און זיי וועלן זאַט ווערן.

עס איז אָבער פאַראַן אַ צווייטער מין דיכטער, וואָס ראַנגלט זיך קעגן אַט־דעם ירידה־צושטאַנד פון פּאָעזיע, הגם ער איז ניט אימשטאַנד זיך אַנטקעגנשטעלן דער דאָזיקער אַראָפּזינק־טענדענץ אין די רואיק־פריד־לעכע, געוויינטלעכע צייטן.

„פּאָעט —
אין זיינע אויגן שימערט אונטערטעניקייט,
הכנעה, צאַם.
ווי אונטערטעניק ס'איז דער טייך צום ברעג..."

(דאָרט, ז. 45)

ער איז ווי די פּליסיקייט, וואָס איז משועבד צו דער כלי, אין וועלכער זי געפינט זיך. ער וואַרפט זיך אונטער דער איינווירקונג פון דעם איינצוימענדיקן אַרום. אָדער ער איז, ווי פּושקין שילדערט אים, אַן אָפּקלאַנג פון אַ קול.

דער פאַרצייטיקער דיכטער איז געווען דער פאַרקלאַנג, דער דיבור. ער האָט גערעדט מיט דעם מויל פון שטאַרקייט, „מפּי הגבורה", וואָס דונערט אַראָפּ און בליצט אַרויס געבאָטן און פאַרבאָטן — און דער היינטצייטיקער דיכטער איז בלויז אַ בלאָסער עכאָ...

„אַריבער דיר דער ווייטער רוים,
דער שטילער, שטערנדיקער
הכנעה־שיין,
געדולדיקייט, פאַרגעבונג —
צו בייזע רייד,
צו סמ'יקייט, צו לייד."

(דאָרט)

אַמאָל איז דער נביא־דיכטער גאָרניט געווען געדולדיק:

„אָ ווי צו מיר, מיין מאַמע,
וואָס האָסטו מיך געבוירן
אַ מאַן פון קריג
און אַ מאַן פון צאַנקעריי קעגן דעם גאַנצן לאַנד.
איך האָב ביי זיי ניט געמאָנט
און זיי האָבן ביי מיר ניט געמאָנט,
און דאָך שילטן מיך אַלע.״ *)

אַמאָל איז דעם נביא־דיכטערס וואָרט געווען ווי פייער און ווי אַ האַמער, וואָס צעדרוזגעט דעם פעלזנשטיין.**)

„נאָר אַז פאַרצוקונג קריכט אַרויס מיט גלימצערנדיקע ציין,
און אַז עס הייבט די רשעות אָן פאַרשפרייט צו גיין,
ווי פיסלעך פון אַ ראַק —
דאַן ווערט דיין וואָרט — אַ האַק,
דיין בליק — אַ שפיז.
פאַר טירן וואַקסט פאַנאַנדער זיך אַ ריז. —
דיין טראָט — אַ שטראָף —
ביז ס׳קומט דער סוף!״
(„לידער״, ז. 46)

אין אָט־דעם מין פּאָעט שלאָגט נאָך אָן אָדער פון פאַרצייטיקן נביא־דיכטער, דיכטער־שטראָפער, דיכטער־קעמפער, וואָס שרעקט זיך ניט פאַר דער רשעות פון דער וועלט, וואָס פילט אין זיך די גבורה פון זיין ווערט־פולן ווערט, די אַלמאַכט פון זיין שליחות.

„און דו זאָלסט אָנגורטן דיינע לענדן און זאָלסט אויפשטיין און רעדן צו זיי אַלץ, וואָס איך וועל דיך באַפעלן; זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר זיי... ווארים, זע, איך האָב דיך היינט געמאַכט פאַר אַ באַפעסטיקטער שטאָט און פאַר אַן אייזערנעם זייל, און פאַר קופערנע מויערן אַקעגן דעם גאַנצן לאַנד, קעגן די קעניגן פון יהודה, קעגן אירע פירשטן, קעגן אירע פריסטער, און קעגן דעם לאַנד־פאָלק. און זיי וועלן פירן אַ קריג קעגן דיר און וועלן דיך ניט בייקומען.״ ***)

---

*) ירמיהו, ט״ו, י׳.
**) דאָרט, כ״ג, כ״ט.
***) דאָרט, י״ז—י״ט.

א.

דער הונגער נאָך יושר

דער דיכטער ביי יידן דאַרף ווערן אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַרן יידישן וואָרט פון גערעכטיקייט; פאַרן יידישן קיום, וואָס האַלט זיך אויף גערעכטיקייט; פאַרן יידישן גלויבן אין זיכערן זיג פון יושר און צדק.

די עסטעטיק פון יידישן דיכטער איז די עטיק פון אויפפיר, די שיינקייט פון האַנדלונג, ניט דער סטאַטישער חן פון פאָרם, נאָר דער דינאַמישער חן פון טאַט.

דער שפרוך, די „מימרא״ איז אַ שעפערישע אַקציע, אַן עטישער אימפעראַטיוו, געבאָט און פאַרבאָט.

און דער וועלטן־איך האָט געזאָגט: עס זאָל זיין ליכט, און עס איז געוואָרן ליכט, און ער האָט געזען, אַז עס איז גוט, „כי טוב״.*)

דער „כי טוב״ איז אַריינגעבויט אין דעם סאַמע בנין פון דער וועלט, איז אַריינגעלייבט אין די עצם קערפערס פון אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט.

און אויב דאָס איז ניט אַזוי אין דער רשעותדיקערווירקלעכקייט, דאַרף עס זיין אַזוי. און אויב עס דאַרף זיין אַזוי, וועט עס זיין אַזוי און ניט אַנדערש, וועט עס ווערן אַזוי. און לעת־עתה איז עס אין לעגענדע אַזוי.

לאָמיר אויסדיכטן דעם „כי טוב״. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די וועלט, מיט אַלע אירע באַשעפענישן, שטעלט זיך באמת אַנטקעגן דעם שלעכטס און דעם שלעכטן און לאָזט אים ניט דורכפירן זיינע גרוילטאַטן אַן אַ שטראָף פון אונטערגאַנג, פון פאַרטיליקונג.

אַ ייד איז געגאַנגען איבער די דערפער.

„דער ייד איז געווען אַ קצב, אַ סוחר,
אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן.
אַ ייד מיט אַ פעלצל, אַ סוחר ומוכר,
דאָס בערדל אַביסל געשאָרן.״

(„לידער״, ז. 199)

איינמאָל איז ער אַוועק און צוריק ניט געקומען.

---

*) בראשית, א׳, ג׳.

„אָוועק איז צופוס דורכן קאָרן . . .
און איז ניט געוואָרן.״

(דאָרט)

דער בעל־גוף, ביי וועמען ער האָט געוואָלט קויפן אַן אַקס, האָט אים דערהרגעט און צוגענומען ביי אים דאָס געלט. באַגראָבן דעם הרוג אין שטאָל, אין דער זיכערקייט, אַז מען וועט דעם דערמאָרדעטן קיינמאָל ניט געפינען און דער מאָרד־אַקט וועט ניט אויפגעדעקט ווערן.

דער ייד, דער קצב, האָט אָבער געוואָלט ווירקן אויפן רוצח און אים אָפּהאַלטן פון זיין רציחה־טאָט מיט דעם אָנצייג, אַז עס איז פאַראַן אַן אויג, וואָס זעט אַלץ און פאַררעגיסטרירט אַלץ. בכדי זיינע רייד צו מאַכן קאָנקרעט און צוגענגלעך צום טעמפּן מוח פון דעם „קולאַק״, האָט ער אים אָנגעוויזן אויפן אַקס, וואָס איז געשטאַנען אין שטאָל, און געזאָגט: אָט ער וועט זיין אַן עדות, און ער וועט געבן צייגעניש קעגן דיר. דער גוי האָט זיך אויסגעלאַכט פון יידנס רייד. אַן אַקס האָט אַ לאַנגע צונג, ער קען אָבער ניט רעדן.

„ס׳איז געווען ביי שקיעה,
זבולן איז געקומען:
— האָסטו עפּעס אַ מציאה?
איך האָב מזומן.

— קום אַריין אין שטאָל, איך וויל דיר וויזן
אויגן אויף אויג אין צווייען.
האָט דער גוי פאַרמאַכט דעם טויער, גענומען אַן אייזן
און געזאָגט צום יידן:
— ווי וואָלט געווען, אַז איך דערהרגע דיך,
אַ האָן אַפילו וועט ניט קרייען.
דערויף האָט דער ייד אַזוי געזאָגט:
— ס׳איז אַ גאָט פאַראַנען,
און אָט־דער שטומער אַקס וועט זיין אַן עדות.״

(דאָרט, ז. 212)

אַ גאָט סתם איז ניט גענוג אום אָפּצושטעלן אַ מאָרד־טאָט. עס זיינען געווען גענוג געטער, און ניט דווקא באַרבאַרישע, וואָס האָבן ניט נאָר ניט געשטערט צו באַגיין אַ רציחה, נאָר האָבן אַליין זיך פאַרנומען מיט מאָרדע־

ווען און הרגענען, מיט איבערענטפערן די שוואַכע אין די הענט פון די שטאַרקע, אַז די לעצטע זאָלן זיי אומברענגען. אַזוי, אַז בלויז שטאַרקע און מעכטיקע זאָלן בלייבן אין לאַנד. ניט ווייסנדיק, האָבן זיי אונטערגעהאָלפן דעם „באַטירלעכן אָפּקלייב". זיי האָבן זיך געפירט ווי די גרויזאַמע געטיכע, די „הייליקע נאַטור" אין דער אויפפאַסונג פון אירע כוהנים גדולים, די אידעאָלאָגן פון „אויבערמענטשטום".

דער ייד האָט גערעדט אין נאָמען פון „אויבערשטן", פון העכסטן פרינציפּ פון מאָראַל, פון אל רחום וחנון.

„דער גוי האָט דעם יידן ניט געהערט,
דערהרגעט און באַהאַלטן אין דר'ערד."

(דאָרט)

ווער איז אָבער גערעכט געבליבן? ניט אין דער כלומרשט־ציוויליזירטער, ניכטערער ווירקלעכקייט, נאָר אין דער לעגענדע, אין פאָלקסטימלעכן פאַרצייל? דער ייד.

דאָס פאַרגאָסענע בלוט, פונקט ווי אין ספר „בראשית" *), האָט געשריען פון דער ערד.

„דער שטומער אָקס האָט זיך פון חלף געריסן
דעם סוד צו אַנטפּלעקן.
די ערד האָט זיך אויפגעמאַכט."

(דאָרט, ז. 213)

דער אָקס איז אַנטלאָפן פון שלאַכטהויז מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז. געקומען צוריק אין שטאַל, געראַיעט מיט די קלאַיען, ביז ער האָט אויסגעגראָבן דעם הרוג —

„האָט דורכן פעלד זיך געריסן אַ ברומען,
אָקס איז געלאָפן, צוריק אין זיין שטאַל געקומען.

האָט ער אויפסניי זיך צערעוועט, גענומען זיך שטיקן,
און מיט די קלאָען גענומען רייסן און פליקן.

רייסן די שטרוי און די מיסטן, צעגראָבן, צעוואַרפן.
בלוט איז גערונען, געטראָפנט, פון שניט פונעם שאַרפן.

*) דאָרט, ד', י'.

ייִדן און גויים, אויך יאָ בעל־הגוף, באַלעבאָס פון דער בהמה,
האָבן געקוקט, קאָפּ אויף קאָפּ און געשטאַנען אין אימה.

אַקסישע ווילדקייט, צעפּייניקט, מיט שוים פאַרלאָפן, — — —
גרוב אונטער אים, גרוב, ווי אַ קבר איז אָפן."

(דאָרט, ז. 218)

„די זקנה האָט גערעדט,
און אין איר קול געקלונגען האָט נצחון:
אַ האָפענונג, אַ טרייסט, אַ לערנונג פאַרן מענטשן.
אַ מענטש דאַרף לעבן מיט בטחון,
דעם שלעכטן וועט ער שטראָפן, דעם גוטן — בענטשן."

(דאָרט, ז. 213)

די זקנה, די באָביצע רעדט, דערציילט אַ לעגענדע און גלויבט אין אָט־דער לעגענדע, ווי אין תורת־משה, וואָס איז די לעגענדע פון לעגענדעס וועגן ענדגילטיקן נצחון פון גערעכטיקייט איבער אומרעכט.

די באָבע, די זקנה האָט גערעדט . . .

און וואָס טוט דאָס אייניקל, דער יונגער ייִד? הערט ער זיך בלויז צו צו די אַלטע רייד פון אַלטע גלויבערס און גלויבערינס? ניין, מער ווי דאָס. ער רעדט מיט און גלויבט מיט, גלויבט ניט ווייניקער פון דער באָבען.

„הינטער טויער פון מיין טרויער
שימערט, זינגט דאָס ליכט אין מיר.
אוצר־ליכט וועט זיך אַנטפּלעקן,
שיין וועט ווערן אויפגעוואַכט."

(דאָרט, ז. 118)

שיין איז אַ סינאָנים פאַר קלוגשאַפט, און קלוגשאַפט — פאַר גוטסקייט.

„איצט איז פינצטער ,איצט איז נאַכט,
בוים און פויגל שלאָפן,
מיינע אויגן זיינען אָפן.
פלי, מיין בענקשאַפט, פלי . . .
און ברענג אין מיטן־נאַכט מיר זונענגלי."

(דאָרט)

אין מיטן נאַכט פון מענטשלעכן געוויסן זאָל אויפגיין די זון. דאָס איז

דער פאַרלאַנג פון יידן, פון צדיק־הדור, נח הצדיק אין דור־המבול. ער בענקט און לעכצט נאָך יושר, נאָך זונאויפגאַנג פון גערעכטיקייט. ער שיקט זיין בענקשאַפט, זי זאָל גיין פאַרטרייבן די נאַכט און אויפוועקן די זון און ברענגען זי אַהער...

ב.

הונגער נאָך באַהעפט

„איך האָב געזען מענטשן אָרעמע, היימלאָזע, מיט קעפּ אויף צעמענט,
מיט איינגעצויגענע אויגן און צעוואָרפענע הענט, —
צעלאָזטע, פאַרבונדענע, —
אָפּגעשונדענע.
האָב איך צו זיי געזאָגט:
ס'איז אייער ערד,
און ניט קיין מאַמע איז זי, נאָר קאַלט און האַרט,
און ווי אייערע ביינער פאַרדאַרט,
שטייט אויף און צעשטערט!"

(„פון די שטאַמען", ז. 14)

די ערד איז פאַרשאָלטן צוליב דער זינד און שלעכטס פון מענטשן.*)

מחמת דער רשעות פון מענטש צו זיין מיט־מענטשן, צו זיין ברודער, איז די ערד פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט. זי איז פאַרדאַרבן און פאַרשטומט געוואָרן. אַפילו דאָס פאַרגאָסענע בלוט, צי טייכנווייז, אין מלחמות, צי טראָפּנווייז אָבער אָן אויפהער אין שוויס פון פּראַצע, לאָזט זי מער ניט אַרויסשרייען פון איר טיפעניש אַרויס. די ערד האָט פאַרלאָרן דאָס מענטש־לעכע געפיל און לשון. קיין זאַך אַרט זי מער ניט. זי איז ווי פאַרשטאַרט. קיין זאַך גייט איר ניט אָן. זי איז גלייכגילטיק צו אַלץ, און צום מענטשלעכן גורל אַוודאי און אַוודאי.

„עופּהלעך אומשולדיקע־צאַרטע — די בלומען פון אייביקער ערד,
עס איז אייך אין קינדהייט — קיין קינדהייט שוין מער ניט באַשערט.

---

*) דאָרט, ג', ו"ז.

רוען די טאַטעס — געקרייציקטע דורות — אין רויטן, אין בלוטיקן זאַמד
אינעם חורבן לאַנד.
ליגן פאַרבאָרגן די מאַמעס — די שאָטנס פון חרובער ערד, —
אין אַשיק פאַרשרפּהטע לעכער פון היימען צעשטערטע.
וועט איר צוזאַמען מיט אייערע זיידעס פאַרלוירענע גיין אויף דער וועלט,
אויף דער חרובער וועלט . . .״
(„ביים ברייטן וועג״, ז. 61)

מיטן מענטשן ווערט חרוב די וועלט, ווערט חרוב דאָס לאַנד. זיי טיילן ביידע איין שיקזאַל. דער מענטש איז אָבער דער אַקטיוו. די וועלט און לאַנד — דער פּאַסיוו. ווי עס מענטשלט זיך, אַזוי לענדלט זיך עס, אַזוי וועלטלט זיך עס.

„ביי מיינע פיס פאַרגייט אַ ניט־דערקווילעטע די וועלט,
באַשפּריצט מיט גסיסה־בלוט מיין פּנים, מיינע הענט...
אונטער מיינע פיס פאַרגייט, פון בראַנד פאַרצערט, די וואַקלענדיקע ערד,
און ווי אַ חיה — ווילד, דערשטאָכן האַלב, זיך ראַנגלט מיטן טויט...״
(דאָרט, ז. 57)

מיטן מענטשנס טויט שטאַרבט די וועלט, שטאַרבט דאָס לאַנד. די וועלט קען ניט בלייבן לעבן, וויבאַלד דער מענטש איז טויט. דעם מענטשנס גזר איז חל אויף דער אומגליקלעכער וועלט, ווייל די וועלט איז דעם מענטשנס ווילן, פאַרשטעלונג און סומע פון אויטאָ־סוגעסטיעס.*) און דער מענטש שאַפט די וועלט אין זיין געשטאַלט און אין זיין גלייכעניש.**) און ווי דער מענטש, אַזוי איז די וועלט, אַ האָר ניט בעסער, ניט פריוווילע־גירטער. זי טרינקט פון זעלביקן כוס פון צרות און טרויער.

„שטייט אויף און צעשטערט!״

צעשטערט דעם צעשטערטן און געשטערטן מענטשן, וואָס וואוינט אין אייך. און מיטן צעשטערן דעם געשטערטן מענטשן, דעם אַלטן אָדמען,

*) אבא גאָרדין, „יידישקייט״, ז. 264.
**) דאָרט, ז. 298.

דעם אַלטן קיב׳ען, ווען איר צעשטערן די שלעכטע וועלט. „דער גייסט פון צעשטערונג איז דער שעפערישער גייסט.״ *)

„זע, איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג איבער די פעלקער און איבער די מדינות אויסצורייסן און איינצואוואַרפן און אונטערצוברעכן און צו צעשטערן.״ **)

אָבער די צעשטערונג אַליין, פאַר זיך גענומען, איז ניט קיין תכלית. זי איז בלויז די ערשטע העלפט פון דער אַרבעט; דער צוועק איז בפירוש אויסגעשפּראָכן —

„צו בויען און צו פלאַנצן.״ ***)

„אין הונגעריקן מויל, ווי אין אַ מולטער,
גייט אויף געזייערטער געזאַנג פון ברויט...
דער הונגעריקער דאַרף געוויס זיין הונגער שטילן, —
נאָר ס׳איז די נויט, וואָס שלעפּט צו דר׳ערד זיין שולטער,
צעלעכערט, און מען קען זי ניט אָנפילן...
גייט היימלאָזער און טראָגט אַ קאָפּ — בית־עולם־גראָז,
דער בעטלער טראָגט פאַראויס זיין מאָנענדיקע נאָז,
און אַז עס קומט אַ פּאָן . . . פון רויט,
ווערט אַלץ פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ פאָן פון ברויט.״

(„פון די שטאַמען״, ז. 17)

ווער קען פאַרדאַמען דעם הונגעריקן, ווען ער צעגנבעט שטיקלעכווייז דעם אידעאַל פון באַפרייאונג און אויסלייזונג, כדי אָנצוזעטיקן זיך!

„מען קען ניט פאַראַכטן דעם גנב, אַז ער גנבעט אָנצופילן זיין לייב, ווען ער איז הונגעריק.״ ****)

אַ הונגעריקער הון קומט צו חלום הירזש, זאָגט אַ גלייך־וואָרט, און אַ הונגעריקן מענטשן חלומט זיך ברויט. יעדע באַשטרעבונג, יעדער טרוים נעמט אָן ביי אים די פאָרם פון ברויט־געבעריי, ברויט־ברענגעריי.

---

*) מגילה, ל״א. — באַקונינס שפּרוך. — אבא גאָרדין, „יסודות פון דער געזעלשאַפט״, ז. 8.

**) ירמיה, א׳, י׳.

***) דאָרט.

****) משלי, ו׳, ל׳.

„איבער זומפּן קויט און טויט, —
בויט אויף פעלדער נייע ברויט.״

(דאָרט, ז. 42)

„דער באַרג איז נאַקעט און אין טאָל קריכן מיז,
אין מיין זעקל — דאָס לעצטע ביסל רייז.״

(דאָרט, ז. 40)

„און ס׳פּלאַצט אין שפּאַנונג איין געשריי:
— אין הונגער, הונגער, איך פאַרגיי.״

(דאָרט, ז. 44)

„ווי קען איך זינגען ליד פון רויט,
אַז מענטשן גייען אום אָן ברויט,
אַז מענטשן זיינען שוואַרץ ווי קויל
און ווי אַ גרוב איז פּוסט דאָס מויל.״

(דאָרט, ז. 49)

אידעאַלן, טרוימען וועגן אַ ווייטער צוקונפט זיינען אַ זאַך פון לוקסוס. עס פאָדערט זיך אַ געוויסע מאָס זאַטקייט, זיכערקייט, רואיקייט זיי אויפצונעמען. דעם הונגעריקנס אויער איז טויב צו אַלע ווערטער. אין אַלע קלאַנגען הערט ער אין זילב — ברויט!

„אַ אַרעמאַן, פאַר וועמען זאָל איצט אויפגיין מיין געזאַנג?
אויב ניט פאַר דיר — דורך פּיין צו ביסן־ברויט דיין גאַנג...״

(דאָרט, ז. 18)

דער שוואַרצסטער פלעק אויפן מלבוש פון ציוויליזאַציע איז הונגער. דאָס איז די שווערסטע זינד פון די זאַטע. דער גרעסטער אכזר און פּייניקער איז הונגער. די זינד פון די זאַטע איז נאָך האַרבער, ווייל, אין תוך גענומען, איז דאָך פאַראַן ברויט לרוב, עס קען קלעקן פאַר אַלעמען. די ברוסט פון מוטער־ערד וואָלט געקאָנט אָנזויגן מיט קאָרן־מילך, ווייץ־מילך אַלע אירע הונגעריקע מענטשנקינדער.

עס איז פאַראַן אַ הונגער אויך נאָך אַ מלבוש, אַ קלייד, אַ שוך, נאָך רו, נאָך פרידן, נאָך גליק.

„רעדט איינע פון קינד, און פון קלייד, און פון שוך,
די צווייטע פון מאַן — און זי פּליסטערט אַ פלוך.

די דריטע, זי רעדט, און זי שווייגט, און זי וויינט —
איר זון אין אַ שאַכט איז געוואָרן פאַרשטיינט.״

(דאָרט, ז. 31)

„שווייגט איינע, די צווייטע, — די דריטע, זי וויינט.
צעוויקלט זיך פיין, ווי אַ פאָן, וואָס פאַראייניט!״

(דאָרט)

פיין אַליין קאָן אָט־דעם נס, די פאַראייניקונג פון די עלנטע, ניט צייגן. עס דאַרף זיין אויך אַ גרויסע האָפענונג, אַ גרויסער צוזאָג, אָן אויסזיכט, אַ בלענד־ליכטיקע פערספעקטיווע. סיי די האָפענונג און סיי דער צוזאָג קריגן זייער אויסדרוק, — אָן אויסדרוק, וואָס איז בכוח צונויפצושמידן די עלנטע, די פאַרוואָרלאָזטע, — דורך די, וואָס געפינען זיך אויף אַ שטיקל מרחק פון הונגער און ברויט, אין פשוטו כמשמעו, אין בוכשטעבלעכן מיין פון וואָרט. הונגער־פיין אַליין, מיט די אייגענע כוחות, קען אפילו קיין פאַרשטענדעניש און סאָלידאַריטעט־באַוואוסטזיין צווישן די הונגעריקע ניט שאַפן.

„גייט וואָרט און וויל אַן אָרט,
דער הונגער וויל זיין זאַט,
דער דאָ וויל ווערן דאָרט,
דאָס וואָרט וויל ווערן טאַט.״

(דאָרט, ז. 34)

„. . . איך שיק אָן אַ הונגער אויף דער וועלט . . . ניט קיין הונגער נאָך ברויט, און ניט קיין דאָרשט נאָך וואַסער, נייערט צו הערן די רייד פון יהוה...״ *)

דער הונגער איז אוניווערסאַל: דער סוביעקט הונגערט נאָכן אָביעקט, דער „ויאמר״ דאָרשט נאָך דעם „ויעש״, דער שפרוך הונגערט נאָך דער טואונג...

„נאָר אָנהויב וויל זיין סוף
און קלאַנג וויל זיין געזאַנג.״

(דאָרט)

---

*) עמוס, ח׳, י״א.

אַלץ שטרעבט צו זיך. אַלץ הונגערט נאָך זעלבסט־רעאַליזאַציע.

„אַ אייביקער הונגער, אַ אייביק געזאַנג."

(דאָרט)

עס הונגערט דאָס געשלעכט נאָך זיין קעגנגעזעצטן מין, און דאָס איז דער געזאַנג פון די דורות...

דער געשלעכט־הונגער איז אַ פועל־יוצא פון „דאָס שיידן זיך פון די געשלעכטער, אַ סעפּאַראַציע, וועלכע האָט געלאָזן נאָך זיך אַן אייביקע בענקעניש, די מעכטיקע ליידנשאַפט. די שטאַרקסטע געלוסטעניש זיך צונויפצוקומען איבעראַנייס, זיך צוריק באַהעפטן און ווערן איינס, איין לייב, ווי גאָר פאַרצייטנס. אַט־די תאווה האָט זייער טיפע וואָרצלען, וואָס גרונטע־ווען אין דעם סאַמע אָפּרייס, אין דער ווייטיקדיקער צעצוויאונג, אויף וועלכער די מענטשלעכע מין־גאַנצקייט איז צעשפּאָלטן געוואָרן." *)

אָבער „די הויפּט־ליידנשאַפט און די הויפּט־געלוסטונג איז די עגאָ־ליבידאָ, די תאווה זיך צו פאַראייניקן מיט זיך אַליין, מיטן וועלט־איך. דאָס איז דער מקור פון אַלע ליידנשאַפטן, פון אַלע מיני עקסטאַזן, טראַנסן, אַנטציקונגען" **), און פון כל המיני הונגערס, ווייל וואָס איז פּשוטער הונגער נאָך שפּייז? דאָס איז אַ פאַרלאַנג צוריק זיך צו באַהעפטן מיט די עלעמענטן פון וועלטאַל, פון וועלכע, אַדאַנק דעם אויפטויך צום לעבן, די בעלי־חיים האָבן זיך געשיידט. הונגער איז דאָס בענקעניש נאָך צוריק־באַפעטונג, צוריק־פאַראייניקונג מיט דער וועלט.***)

„אלקים . . . נאָך דיר דאָרשט מיין זעל, צו דיר געלוסט מיין לייב." ****

„איך האָב זיך פאַר דיין פרייד פאַרשעמט,
דו, לאַכעדיקע, דו, —
און ווי אַ קינד דערזעט צום ערשטן מאָל
גאָטס ליכט,
האָב איך פאַרבאָרגן מיין געזיכט."

(„ביים ברייטן וועג", ז. 78)

---

*) אבא גאָרדין, „די פּרוי און די ביבל", ז. 54.
**) אבא גאָרדין, „יידישער וועלט-באַנעם", ז. 164.
***) אבא גאָרדין, „יידישקייט", ז. 284.
****) תהילים, ס"ג, ב'.

„גליט אין דער נאַכט דיין מידל־ליב,
אַ גליד פון גליד, און פון מיין ביין — אַ ביין.״
(דאָרט, ז. 82)

„פנימדיקע מיינע
זעענדיקע, לאַכנדיקע, אַטעמדיקעס וועזן,
איך האָב דאָך דיך אין אַלע עולמות געבענטשט.״
(„לידער, ז. 122)

„פלאַמיקע אויגן און פלאַמיקע האָר,
שוואַרצע קוילן, —
פאַלע אינעם גלוט אַריין.״
(דאָרט, ז. 123)

„... לויט דער יידישער געזינונג, איז ראשיתדיקע ליבידאָ אַן עגאָ־ליבידאָ, און די דאָזיקע אחדות־ליידנשאַפט, די אהבה רבה און אהבת־עולם, איז פאַראַנקערט אין דעם סאַמע שורש פון דער נשמה־מהות. זי איז פיל האַפטיקער און טיפער איידער די געשלעכט־ליבע, די סעקסועלע תאווה און הזדווגות־הונגער.״ *)

אַט איז אַ שטראַל פון דעם „אור־הגנוז״ פון „אהבת־עולם״:

„געווען איז מיר אויפן האַרצן גרינג און גוט.
און רואיק ווי די נאַכט האָט געאָטעמט מיין בלוט.
אוי, שמעטערלינג אין נאַכט!
פאַראיינזאַמטער, זיך צאַפלדיקער, פאַרבלאָנדזשעטער אַהער,
פאַרוואָס איז מיר געוואָרן אומעטיק און שווער,
ווען ס׳איז דער קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אַריין,
דערזעענדיק אין נאַכט מיין זומערדיקן שיין?
אַוודאי האָט ער זיך זייט זונפאַרגאַנג
אויף וועג און שטעג געצאַפלט לאַנג,
אַלץ זוכנדיק אַ שיין —
נו, איז ער איצט צו מיר אַריין...״
(„ביים ברייטן וועג״, ז. 53)

---

*) אבא גאָרדין, „די פרוי און די ביבל״, ז. 56.

דער נעבעך, אונדזער אָרעמער קרוב; דער עפּעמערער, כּרת־ימימ־דיקער ברוינער שמעטערלינג!

הונגער־בענקעניש, אהבה רבה צום באַשאַף לידט אַרויס פון אַט־די לידער, זינגט אַרויס פון אַט־די געזאַנגען...

„אַ, אייביקער הונגער, אַ, אייביקער געזאַנג . . .״

ניו־יאָרק, 22טן סעפּטעמבער, 1946.